STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00601

# YIDN UN YIDISHKAYT

Chaim Zhitlowsky

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Louise Dibble, Tom Lohmann & Sam Dibble*
*in memory of*
*Jennifer Lateiner*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דר. חיים וושיטלאָווסקי
# געזאַמלטע שריפטן

דר. חיים זשיטלאָווסקי

# יידן און יידישקייט

אַרויסגעגעבן פון דעם
דר. חיים זשיטלאָווסקי פאַרלאַג־קאָמיטעט
ניו־יאָרק

Copyright by
DR. CHAIM ZHITLOWSKY
NEW YORK, 1939

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS, 19 West 21st St., New York
255

# אינהאַלט

**פאָרוואָרט** ........ 7

**„יידן" און „יידישקייט"** ........ 9

**יעקב און עשו**

1. קריגערישע אָדער פרידלעכע פעלקער ........ 18
2. די בני־ישראל — אַ קריגעריש אָדער פרידלעך פאָלק ........ 23
3. „עישו" און „יעקב" ........ 28
4. „יששכר" ........ 33
5. די פרידלעכע פסיכאָלאָגיע און איר נידער און איר הייך ........ 38
6. דער נביאימשער פרידנס־אידעאַל ........ 42
7. „העלעניזם" און „יידנטום" ........ 47
8. די טראַגיק פון דעם יידנס לעבן ........ 52
9. דער „יודאַאיזם" אין זיין געפאַלנקייט ........ 57
10. די צוויי לעבנס ........ 62
11. „די בלוטיקע שיינקייט פון אונדזער גלות־לעבן" ........ 66
12. פאָלקס־פסיכאָלאָגישער אַנטיסעמיטיזם ........ 71
13. צו דער „איוב־פאוסט" טראַגעדיע פון דעם יידישן פאָלק ........ 76
14. דער סוף צו דער „איוב"־טראַגעדיע ........ 80
15. די ספינקס־רעטעניש ........ 85

**די אַנטשטייאונג פון דעם „אתה־בחרתנו" געדאַנק** ........ 91

**די תלמודישע געזעצגעבונג און די יידן־פאַרפאָלגונגען**

דער ערשטער פעריאָד ........ 156
די אמוראים און די רבנן סבוראי ........ 165
דער צווייטער פעריאָד — די גאונים ........ 171
דער דריטער פעריאָד — פון רבינו גרשם ביז נאָך דעם רמב"ם ........ 174
דער פערטער פעריאָד — ביז צום „בית יוסף" ........ 179
דער פינפטער פעריאָד — יוסף קאַראָ (דער „בית־יוסף") ........ 183
דער זעקסטער פעריאָד ........ 185
שלוס־באַמערקונגען ........ 188

דער אויפקום פון דעם אַריסטאָטעלישן פעריאָד אין דער
יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע ........................ 190
דער לעבנס־בליק פון דער יידישער רעליגיע ........................ 241
פראָפעסאָר איינשטיין און די יידישע אמונה ........................ 267
אָנמערקונגען ........................ 273

# פאָרוואָרט

אין דעם פאָרליגנדיקן באַנד גייט אַריין נאָר אַ טייל פון יענע פּובליציסטישע און טעאָרעטישע אַרבעטן, וואָס איך האָב געשריבן אויף דער טעמע „יידן און יידישקייט". אַ גרויסער טייל זייערער איז שוין פריער געווען אָפּגעדרוקט אין מיינע „געזאַמלטע שריפטן"; און נאָך אַ היפּשער טייל זייערער וואַרט נאָך אויף דער גינסטיקער צייט, ווען ער וועט קאָנען אַרויס אין בוך־פאָרם.

דער אַרטיקל „יידן און יידישקייט", מיט וועלכן עס הייבט זיך אָן אָט דער באַנד, ווי דער אַרטיקל: „פּראָפעסאָר איינשטיין און די יידישע אמונה", — האָבן זיך פריער געדרוקט אין דעם ניו־יאָרקער „טאָג".

די סעריע „יעקב און עשו" איז געווען פאַרעפנטלעכט אין דער פּועלי־ציוניסטישער „די צייט", אין 1921 און 1922, אונטער דוד פּינסקיס רעדאַקציע. דער נאָמען פאַר דער גאַנצער סעריע שטאַמט, געדענקט זיך מיר, פון דעם רעדאַקטאָר. אייניקע זאַכן אין דער סעריע וואָלט איך איצט אַביסל אַנדערש פאָרמולירט — דעם גרונט־געדאַנק אירן האַלט איך נאָך עד היום פאַר אַ ריכטיקן. נאָך שאַרפערע אילוסטראַציעס פאַר אים וואָלט איך געקענט נעמען פון דעם „יעקב־עשו"־קאָנפליקט, וואָס שפּילט זיך איצטער אַזוי טראַגיש אָפּ אין מזרח־ און צענטראַל־איראָפּע (אַ חוץ ראַטנ־לאַנד), דער עיקר אין דייטשלאַנד. דער לייענער וועט אָבער אַליין קענען אַריינשטעלן זיי אין די פּאַסיקע שטעלן פון דעם טעקסט.

נאָר איין קליינע באַמערקונג: רעדנדיק וועגן דעם טעריטאָריאַליזם, אין דעם קאַפּיטל: „די איוב־פּויסט־טראַגעדיע", האָב איך געשריבן: „פאַר דער איצטיקערווירקלעכקייט און פאַר דער נאָענטער צוקונפט איז דאָס אַ ריינע אוטאָפּיע". איצטער איז אַזאַ קאַטעגאָרישע דערקלערונג אַבסאָלוט פאַלש. דער טעריטאָריאַליזם איז שוין אַריינגעטראָטן אין אַ פאַזע פון זיין פאַרווירקלעכונג אין ראַטנלאַנד; ער איז געוואָרן אַ שרייענדיקע יידישע לעבנס־נויט, און איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דעם סדר היום פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּאָליטישן געדאַנק. „די אַנטשטייאונג פון דעם

יידישן אתה־בחרתנו געדאַנק״, ווי אויך „די תלמודישע געזעצגעבונג און די יידן־פאַרפאָלגונגען״ זיינען וויטערע אויספירונגען פון אַ פּאָר גרונט־געדאַנקען, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין מיין ערשטער רוסישער אַרבעט פון 1887.

„דער אויפקום פון דעם אַריסטאָטעלישן פּעריאָד״ איז אויך פריער געדרוקט געווען אין רוסיש אין דעם „וואָסכאָד״ פאַר דעם יאָר 1903, צי 1904, אונטער דעם פסעוודאָנים: „נ. גאַידאַראָוו״. די יידישע איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן אין ווילנע, אונטער דער רעדאַקציע פון ז. קאַלמאַנאָוויטש און פון מיר.

אין יידיש זיינען אָט די דריי אַרבעטן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „צוקונפט״, אונטער דער רעדאַקציע פון אברהם ליעסין, ז״ל. אין זיי קאָן דער לייענער געפינען אַ פּרואוו, וויסנשאַפטלעך צו באַגרינדן יענעם בליק אויף אונדזער געשיכטע, וואָס איך האָב פאַרטיידיקט אין דער אויבנדערמאָנטער ערשטער רוסישער אַרבעט. אָט דער בליק בילדעט אויך דעם טעאָרעטישן הינטערגרונט פאַר דער סעריע: „יעקב און עישו״.

קראָטאָן־אָן־האָדסאָן, נ. י., דעם 24טן דעצעמבער, 1938.

# יידן און יידישקייט

# „יידן“ און „יידישקייט“

ווער און וואָס איז אַ ייד? וואָס איז יידישקייט?

ניט פון אייערנעכטן זיינען ייד און יידישקייט דאָ אויף דער וועלט און פונדעסטוועגן ווייזט אויס, אַז אויך בנוגע אַזוינע פראַגן קאָן מען ניט אויס־קומען אָן חילוקי־דעות... געשטאָרבן געאָרג בראַנדעס, און שוין איז אַרויסגעשוואומען די שאלה, צי קאָן מען אים מצרף זיין צו „יידישקייט“ און צי מעג מען זאָגן, אַז ער, דער גרויסער שרייבער, איז אויך געווען אַ גרוי־סער „ייד“?

מיר דאַכט, די אומקלאָרקייט אין אָט דעם ענין נעמט זיך דערפון, וואָס מיט די ווערטער „ייד“ און „יידישקייט“ ווערן אין דער רעאַלערווירקלעכקייט באַצייכנט זייער פאַרשיידענע זאַכן, וואָס זיינען ערגעץ־וואו און אויף וואָסער עס איז אופן צונויפגעבונדן אינאיינעם, אָבער פאָרט ניט אַזוי ענג צונויפגעע־בונדן אינאיינעם, אַז איינס זאָל ניט קאָנען באַשטיין אָן דעם אַנדערן. איז נעמט אָפּט איינער אַרויס נאָר איין אַרט יידישקייט, באַטראַכט נאָר זי פאַר דעם „עצם תוך פון דעם ענין“, איז מבטל אַלע אַנדערע און פאַרפּלאָנטערט זיך דעריבער אין ווידערשפּרוכן מיט דעם רעאַלן לעבן און יענער נאַטיר־לעכער קלאַסיפיקאַציע, וועלכע ער, — דער לעבן, מיין איך, — ברענגט אַרויס.

עס איז דעריבער אַבסאָלוט נייטיק צו האָבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן אָט די רעאַלע פאַרשיידענע יידישקייטן, כדי צו באַקומען די ריכטיקע מאָסן, וואָס מיט זיי זאָל מען קאָנען אָפּשאַצן דעמס אָדער יענעמס יידישן מהות.

די איינפאַכסטע און קלאָרסטע אַרט יידישקייט איז די רעליגיעזע. ס'איז אַ געוויסער סכום פון גלייבונגען און מיינונגען, וואָס גייען אום איבער דער וועלט אונטער דעם נאָמען „יידנטום“ אָדער „יודאַאיזם“. אַ ייד איז דער, וואָס גלייבט אויף אַ וועלכן עס איז אופן אין אָט דעם יידנטום. ער מעג דאָס טאָן ווי דער ווילנער גאון אָדער ווי דער ניו יאָרקער ראַבאַי סטיפען ווייז. קוים האַלט ער פאַרן „רענדל“, איז ער אַ ייד. מען דאַרף אויך דערצו ניט זיין קיין ייד מלידה ומבטן. די רוסישע סעקטע, וואָס רופט זיך אַליין „גרים“, זיינען כשרע יידן כדין וכדת. לויט זיין אינעווייניקסטן שטרעבן וויל דער

יידישער גלויבן זיין אַ רעליגיע ניט נאָר פאַר דעם יידישן פאָלק, נאָר פאַר אַלע פעלקער און ראַסן, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. דאָס איז זיין אידעאַל, זיין בעסטע האָפענונג, ווייל אויך דאָס יידנטום איז, ווי זיינע קינדער, דאָס קריסטנטום און דער מאַכמעדאַניזם, אַן אוניווערסאַלע רעליגיע, אַן אַלגעמיין־מענטשלעכע. „ויעשו כולם אגודה אחת" הערן מיר ניט אויף צו בעטן ביי גאָט.

אויס־ייִד, פון אַ ריין רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, ווערט יעדער איינער, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון דעם יידנטום. סיי דער, וואָס נעמט פאָרמעל אָן אַן אַנדער גלויבן, סיי דער, וואָס באַפרייט זיך פון יעדער רעליגיעזער קאָנפעסיע.

אין די פריערדיקע צייטן, ווען יעדער ייד איז געווען אַ רעליגיעזער ייד, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז נאָר די רעליגיעזע יידישקייט איז יידישקייט און אַז קיין אַנדער אַרט יידישקייט קאָן גאָר ניט געמאָלט זיין. אין דער לעצטער צייט האָט מען שוין אָנגעהויבן דענקען אַנדערש וועגן דעם ענין. עס זיינען אויפגעקומען „יידן", וואָס האָבן לחלוטין גאָרנישט ניט צו טאָן מיט דער יידישער רעליגיע. אין דער ערשטער ליניע זיינען דאָס די נאַציאָנאַלע יידן אָדער, נאָך ריכטיקער, די נאַציאָנאַליסטישע. אויך אָט די אַרט יידישקייט איז געבונדן אָן געוויסע געדאַנקען, געוויסע ציל־זיניקע שטרעבונגען, און אָפּט אויך אָן געפילן, וואָס פליסן אַרויס פון יענע געדאַנקען און שטרעבונגען. אָבער אונדזער יידיש באַוואוסטזיין באַשטייט נאָר אין דער סאָלידאַריטעט מיט דעם נאַציאָנאַלן גורל פון דעם יידישן פאָלק און אין דעם באַשטרעבן אויסצוגעשטאַלטן אָט דעם נאַציאָנאַלן גורל וואָס שענער און וואָס חשובער. ד"ר הערצל און ד"ר נאָרדוי קאָנען דינען, ווי גלענצנדיקעביישפּילן פון אַזאַ מין נאַציאָנאַליסטישער יידישקייט. ס'איז קלאָר, אַז דער רעליגיעזער מאָמענט שפּילט דערביי קיין ברעקל ראָליע ניט. הערצל ווי הערצל, אָבער וועגן נאָרדוי איז פאַר קיינעם קיין ספק ניט, אַז ער האָט ניט געהאַט און ניט געוואָלט האָבן קיין ברעקל מגע ומשא מיט דער „יידישער טעאָלאָגיע".

דאָס רוב האָט מען זיך שוין איצטער צוגעוואוינט צו קוקן אויף אַזוינע „אפיקורסים", ווי אויף גאָר געהויבענע נאַציאָנאַלע (אָדער נאַציאָנאַליסטישע) יידן. מען איז אָבער נאָך ניט אַלעמאָל קאָנסעקווענט אין דעם פּרט. ס'איז נאָך פאַר פילע זייער שווער צו מאַכן דעם ריכטיקן לעצטן שריט און איינ־צוזען, אַז פּונקט אַזוי גוט, ווי איינער קאָן זיין אַ גאָר געהויבענער „נאַציאָנאַ־לער" ייד און לייקענען די רעליגיעזע יידישקייט, אַזוי גוט קאָן ער בלייבן אויף דער זעלביקער הויכער נאַציאָנאַל־יידישער מדרגה, אפילו ווען ער נעמט אָפיציעל אָן אַן אַנדער גלויבן; אפילו ווען אָט דער גלויבן זאָל זיין „פּראָ־וואָסלאַוויע" אָדער „קאַטאָליציזם". ד"ר הערצלס זון, וואָס איז געוואָרן קאַ־

טוליש, פאַרזיכערט, אַז דורך דעם „שמד" איז זיין „נאַציאָנאַלע" יידישקייט ניט פאַרמינערט געוואָרן. און מיר מעגן אים גלייבן. און קיין מענטש אין דער וועלט האָט קיין שום רעכט ניט אויסצושליסן אים פון איר. אין ארץ־ישראל, וואו דאָס יידישע לעבן, דאָס נאַציאָנאַלע, ווערט ביסלעכווייז נאָר־מאַליזירט, קומען שוין פאָר פאַלן, ווען עכטע קריסטן סאָלידאַריזירן זיך מיט דעם יידישן נאַציאָנאַלן גורל. איינער אַזאַ, וואָס איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן, האָט אָנגעזאָגט פאַרן טויט, אַז ער וויל ליגן אויף דעם יידישן בית־עולם. די רבנים האָבן דאָס ניט דערלאָזן. איז דאָס אַן אמתע באַרבאַריי. אָבער אָט די באַרבאַריי האָט דערוויילע איר שליטה נאָר אויף די מתים. אויף די לעבעדיקע איז איר האַנט, גאָט צו דאַנקען, צו קורץ. אין דעם לעבן ווערט די יידישע נאַציאָנאַליטעט אַלץ מער און מער באַפרייט פון דעם רעלי־גיעזן צענז און וועט ווערן אָפּן פאַר אַלע גלייבונגען און מיינונגען.

די צוויי אַרטן יידישקייט, וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס אָנגעמערקט, — די רעליגיעזע און די נאַציאָנאַליסטישע, — זיינען ביידע אָפּהענגיק פון אַ וועלכן עס איז סוביעקטיוון מאָמענט. עס איז אַ געוויסע אַרט באַוואוסטזיין, וואָס מאַכט דעם רעליגיעזן יידן פאַר אַ רעליגיעזן און דעם נאַציאָנאַליסטישן פאַר אַ נאַציאָנאַלן. דאָס לעבן רעכנט זיך אָבער מיט נאָך אַנדערע צוויי אַרטן יידישקייט, וואָס הענגען אָפּ ניט פון איינעמס סובעיקטיוון באַוואוסטזיין, נאָר פון איינעמס פאַקטישן, אָביעקטיוון זיין.

איינע אַזאַ יידישקייט (די דריטע אין אונדזער חשבון), איז די, וואָס מען קאָן אָנרופן די ראַסן־יידישקייט, אויב מען זאָל אונטער דעם וואָרט „ראַסע" פאַרשטיין ניט דאָס, וואָס די אַנטראָפּאָלאָגן שטודירן, ווען זיי רעדן וועגן דער קאַווקאַזישער, דער מאַלאַאישער, דער מאָנגאָלישער ראַסע, אין וועלכע מען וויל איינטיילן די מענטשהייט, נאָר דאָס, וואָס די סאָציאָלאָגן, פּסיכאָלאָגן און קולטור־פאָרשער האָבן אין זין, ווען זיי רעדן וועגן דער ראָליע פון דער „ראַסע" אין דער געשיכטע פון דער קולטור און אין דער באַשאַפונג פון מענטשלעכע קולטורעלע אוצרות. משה העס, גאָבינאָ, דיורינג און האַרטמאַן, טשעמבערלעין, גומפּלאָוויטש (מיט זיין סאָציאָלאָגישער טעאָריע פון דעם „ראַסן־קאַמף"), איפּאָליט טען, געאָרג בראַנדעס, — כדי אויסצורעכענען נאָר די באַקאַנטסטע נעמען, — האָבן אָנגעזאַמלט אַ געוואַלטיקן מאַטעריאַל און אַרויסגעבראַכט אַ היפּש ביסל זיך ווידערשפּרעכנדיקע און פאַרגרוזמאַטע טעאָריעס וועגן דעם ענין פון „ראַסע" אין אָט דעם ספּעציפישן זין.

פאַרשטאַנען ווערט דערמיט, אַז יעדער פאָלק איז באַשאָנקען מיט געוויסע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן, סיי פון דעם גוף, סיי פון דער נשמה, — אייגנשאַפטן, וואָס גייען איבער בירושה פון דור צו דור און וואָס באַ־

שטימען, ווי אַזוי דאָס פאָלק נעמט אויף די דערשיינונגען פון דער אַרומיקער וועלט און ווי אַזוי ער רעאַגירט אויף די דאָזיקע דערשיינונגען. פון יענע אייגנשאַפטן הענגט אויך אָפּ יענער באַשטימטער נאַציאָנאַלער אופן, ווי אַזוי די געבענטשטע קינדער פונעם פאָלק, די בעסט־באַשאַנקענע פון דער נאַטור. ברענגען אַרויס די מענטשלעכע קולטורעלע אוצרות.

זיינען דאָ ביי די פעלקער אַזעלכע אָביעקטיווע כאַראַקטעריסטישע אייגנ־שאַפטן? איך וויל דאָ די אַנדערע פעלקער לאָזן אָן אַ זייט. איך וויל נאָר דאָ וועגן זיי דערמאָנען, אַז דעם פאַקט גופא, אַז אַזעלכע אייגנשאַפטן זיינען דאָ, לייקנט קיין ערנסטער געלערנטער ניט: דער פאַקט ווערט אָנגענומען סיי פון די וואָס האַלטן, אַז געוויסע זערוואָרבענע אייגנשאַפטן קאָנען אַריבער אין „פליישׁ־און־בלוט" און ממילא זיך ווייטער פאַרפלאַנצן בירושה פון דור אויף דור, סיי פון יענע געלערנטע, וואָס שטייען אויף דעם וויסמאַנשן שטאַנדפּונקט און וואָס לייקענען לגמרי, אַז דערוואָרבענע אייגנשאַפטן זאָלן קאָנען אַריבערגעטראָגן ווערן דורך נאַטירלעכער פאַרערבלעכקייט אויף דעם נאָכקום. אדרבא, גראָד די וויסמאַניאַנער פילדערן וועגן דער נייטיקייט אָפּצו־היטן די ריינקייט פון אַ פאָלקס־„ראַסע", אויב זי איז פון אַ „העכערן מין".

איך וויל דאָ נאָך אויך באַמערקן, אַז ס'איז ממילא מובן פאַר יעדן בר־דעת, אַז אַזעלכע ראַסן־אייגנשאַפטן קאָן מען ניט אַלעמאָל אויפדעקן מיט דער הילף פון די ריינע נאַטור־וויסנשאַפטן, מיט דעם מיקראָסקאָפּ אָדער דעם כעמישן רעאַגענץ־רערל. אַנדערע קאָמפּליצירטע מעטאָדן און אַנאַליזן זיינען נייטיק דערצו.

האָט אויך דאָס יידישע פאָלק אַזעלכע ראַסן־אייגנשאַפטן, ד"ה, גאַנץ באַשטימטע שטריכן פון דעם גוף און דער נשמה, וואָס קומען פאָר אָדער נאָר ביי יידן, אָדער ביי יידן עפּטער און אינטענסיווער, איידער ביי אַנדערע, אָדער אין אַן אייגנאַרטיקער, ריין „יידישער" קאָמבינאַציע?

די טאָג־טעגלעכע דערפאַרונג און די טעאָרעטיש־וויסנשאַפטלעכע באַ־טראַכטונג פון דעם יידישן מהות, דער יידישער טבע, דעם יידישן כאַראַקטער גיט איינשטימיק אַ פּאָזיטיוון ענטפער אויף דער שאלה. לאָזט מיך דאָ ברענ־גען נאָר אייניקע פאַקטן און ביישפּילן, כדי צו אילוסטרירן דעם געדאַנק.

שוין גאָר אין דעם גרויען יידישן אַלטערטום איז באַקאַנט געווען דער פאַקט, אַז „מלכי בית־ישראל... מלכי חסד המה" (מלכים א', כ', 31. „די קעניגן פון דעם „הויז ישראל" האָבן די מידה פון חסד"). דאָס האָט דעמאָלט ניט געקאָנט שטאַמען ניט פון דעם רעליגיעזן באַוואוסטזיין, ווייל די רעליגיע אין יענער צייט, אפילו די יידישע, איז נאָך געווען אָנגעזאַפּט מיט אַ גרויזאַמען האַס צו פרעמדע, בפרט אין צייטן פון קריג. דאָס האָט ניט

געקאָנט שטאַמען פון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, ווייל גראָד די נאַציאָנאַלע אינטערעסן האָבן, לויט די באַגריפן פון דער צייט, פאַרלאַנגט דעם זעלביקן גרויזאַמען האַס צו דעם פרעמדן, בפרט אין צייטן פון קריג, און אייניקע עלטערע נביאים זיינען געווען העכסט אומצופרידן מיט אַט דער מידה פון חסד ביי די יידישע מלכים (שמואל מיט שאולן, אלישע מיט יואש מלך ישראל). די מידה האָט געשטאַמט ניט פון אַ וועלכן ס׳איז יידישן באַוואוסטזיין, נאָר פון אַ טיפער ליגנדיקן, פאַרבאָרגענעם יידישן זיין. דאָס איז די זעלביקע מידה, וועלכע די חכמי התלמוד האָבן שפּעטער אויסגעדריקט אין די ווערטער: „ישראל רחמנים בני רחמנים הם״, יידן האָבן די מידה פון רחמנות אין „דעם בלוט״, בירושה פון זייערע עלטערן. דאָס איז די זעלביקע מידה, וועלכע אויך מיר שפּירן טאָג־טעגלעך, פון וועלכער מיר, אַ דורכאויס פרידלעך פאָלק, ליידן אַזוי אומענדלעך פיל, צווישן פעלקער פון אַ גאַנץ אַנדער מהות, — פון אַ קריגערישן, — אַ מידה פון כאַראַקטער, וואָס מיר באַצייכענען קורץ מיט דעם וואָרט: „אַ יידיש האַרץ״.

די זעלביקע טאָג־טעגלעכע דערפאַרונג רעדט וועגן כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן פון דעם יידישן גייסטיקן שאַפן, ווען מיר באַנוצן דעם אויסדרוק: „אַ יידישער קאָפּ״. מיר זיינען נאָך ניט ביכולת צו באַשרייבן, אין וואָס אַט די נאַטירלעכע גייסטיקע אייגנשאַפטן באַשטייען, און עס וועט נאָך נעמען אַ מאַסע פאָרשונגען ביז מען וועט דאָס אַרויסברענגען אויף קלאָר. נאָר אָט איז, צום ביישפּיל, עפּעס וואָס פּראָפעסאָר מעביוס האָט אויסגעפונען, שטודירנדיק די באַדינגונגען וואָס שפּילן אַ ראָליע אין דער פייאיקייט צו מאַטעמאַטיק. צווישן יענע באַדינגונגען רעכנט ער אויך די „ראַסע״. ער ווייזט אויף, אַז די דייטשע גאונים און די פראַנצויזישע גאונים אין דער מאַטעמאַטיק ברענגען אַרויס זייערע שאַפונגען אויף צוויי גאַנץ פאַרשיידענע אופנים: די דייטשן — אויף אַ „געאָמעטרישן״ אָדער „סינטעטישן״ אופן און די פראַנצויזן — אויף אַן „אַלגעבראַאישן״ אָדער „אַנאַליטישן״ אופן. די יידישע גאונים וואָס זיינען אין זייער אויסבילדונג געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון דער דייטשער מאַטעמאַטיק, האָבן אָבער אין זייער שאַפן אַרויסגעבראַכט ניט דעם דייטשן טיפּ, נאָר דעם פראַנצויזישן (די רעזולטאַטן פון מיין אייגענעם פאָרשן אויף דעם פעלד פון דעם יידישן טעאָרעטישן שאַפן מוז איך דאָ איינגאַנצן לאָזן אָן אַ זייט).

ווייטער. ווען מען רעדט וועגן אַ „יידישן״ פרצוף פּנים (די „יידישע נאָז״, די „יידישע אויגן״) מיינט מען אויך דערביי עפּעס אַזוינס, וואָס האָט צו טאָן מיט דעם יידישן (קערפּערלעכן) „זיין״, און ניט מיט אַ יידישן „באַוואוסטזיין״. אויך דאָ איז שווער אין ווערטער צו דעפינירן, אין וועלכע אַנאַטאָמישע

אייגנטימלעכקייטן יענע שטריכן באַשטייען. אָבער יעדערער, וואָס האָט זיי איינמאָל געזען, געדענקט זיי און דערקענט זיי אַלעמאָל ווי יידישע. און דאָס וויכטיקע דערביי איז, וואָס די זעלביקע שטריכן געפינען מיר אויף מאָנומענטן פון דער אַלטער וועלט, וואו עס ווערן אָפּגעצייכנט די סעמיטישע פעלקער בכלל און די יידן בפרט. (אשור־בבל, מצרים, רוים).

די מאָדערנע מעדיצין האָט אויך אויסגעפונען, אַז געוויסע חולאתן ווי, צ״ב, די דער (קאָנסאָמפּשאָן), זיינען שולט אויף דעם יידישן גוף אויף אַן אַנדער אופן, איידער דעם ניט־יידישן, וכו׳, וכו׳.

„ראַסן־יידישקייט״, — אָדער בעסער: אָפּשטאַם־יידישקייט, פּסיכאָ־פיזישע יידישקייט, — האָט אויך בראַנדעס אין זין, ווען ער מיט זיך אַרויס־צוברענגען געוויסע יידישע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן אין זיינע אַרבעטן וועגן לאַסאַלן און דיזראַעלי־ביקאָנספיעלד. אגב, בעט זיך דאָ דערמאָנט צו ווערן לאַסאַלס אַ ווערטל. „פאַראַנען״, האָט ער געזאָגט, „צוויי אַרטן מענטשן, וואָס איך האָס מער פאַר אַלץ: זשורנאַליסטן און יידן. אוןביידע זאַכן בין איך״. גע־וויס איז דאָס געווען אַ וויץ. אָבער נאָך געוויסער איז, אַז לאַסאַל האָט זיך אַלע־מאָל באַטראַכט, ווי אַזאַ ייד, וואָס זיין „יידישקייט״ איז געלעגן ניט אין געוויסע סוביעקטיווע מיינונגען און שטרעבונגען, פון וועלכע ער האָט זיך אינגאַנצן באַפרייט, נאָר אין געוויסע אָביעקטיווע גוף־און־נשמה־אייגנשאַפטן, וואָס האָבן געשטעקט אין זיין „יידישן בלוט״. און אַזוי האָט אויף אים געקוקט די דרויסנ־דיקע וועלט. און אַזוי נעמט די דרויסנדיקע וועלט — זייער ריכטיק — אויף אַלע יידישע גדולים.

די אָפּשטאַם־יידישקייט אָדער „ראַסן־יידישקייט״ מוז פאַר אונדז זיין אומגעהייער אינטערעסאַנט דער עיקר מחמת צוויי טעמים. איינמאָל — כדי „צו דערקענען זיך אַליין״ און פאַרשטיין די אייגענע יידישע טבע. צווייטנס אָבער — און דאָס איז וויכטיק ניט נאָר פאַר אונדז, נאָר אויך פאַר דער גאַנ־צער געבילדעטער וועלט, — איז זייער וויכטיק פאַר דער קולטור־געשיכטע אויסצוגעפינען, וואָס יעדע נאַציאָנאַלע ראַסע האָט אויפגעטאָן פאַר דער אויסאַרבעטונג פון די מענטשלעכע קולטור־אוצרות, כדי קלאָר צו ווערן אויך אין דעם ביאָלאָגישן פונדאַמענט פון דעם מענטשלעכן פראָגרעס. אָט די קולטור־געשיכטע מוז זיך רעכענען מיט דעם ראַסן־אָפּשטאַם פון דעם קולטור־שאַפער, און עס איז פאַר אים גאָר ניט קיין איבעריקע זאַך צו האָבן אין זינען, אַז קאַרל מאַרקס, צ״ב, שטאַמט אָפּ פון עטלעכע דורות יידישע רבנים און לומדים. מוז טאַקע די קולטור־געשיכטע — און מיר אינאיינעם מיט איר — באַטראַכטן די בראַנדעסעס, די קאַרל מאַרקסעס, די לאַסאַלס און ביקאָנספיעלדס ניט נאָר ווי גרויסע מענטשן, נאָר אויך ווי גרויסע יידן.

נאָר — געגוג דערווײַלע וועגן דער אָפּשטאַם־ייִדישקייט, צו וועלכער עס געהערט יעדער ייִד מלידה ומבטן. מיר מוזן נאָך דאָ בקיצור אָנווײַזן אויף נאָך אַן אַרט אָביעקטיווער ייִדישקייט, וואָס שטייט, אַזוי צו זאָגן, אינמיטן צווישן די ריין אָביעקטיווע ייִדישע פּסיכאָ־פיזישע באַשאַפונגס־כוחות, — פון וועלכע מען קאָן בשום אופן ניט אַרויסשפּרינגען, סײַדן אַרויסשטאַרבן — און די ריין סוביעקטיווע רעליגיעזע און נאַציאָנאַליסטישע מיינונגען, וואָס יעדער איינער קאָן באַקעמפן. דאָס איז די שפּראַכלעך־קולטורעלע ייִדישקייט. אויך זי איז, ווי די ראַסן־ייִדישקייט, לחלוטין אומאָפּהענגיק פון רעליגיע און נאַציאָנאַליזם, און קאָן באַוואוסטזיניק אפילו גיין להיפוך צו דעם „ייִדנטום" און צו ייִדיש־נאַציאָנאַלע שטרעבונגען.

נעמט די גאַנצע ייִדיש־סאָציאַליסטישע און ייִדיש־אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין דעם ריין אַסימילאַטאָרישן פּעריאָד, מיט דער באַדײַטנדיקער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט, מיט דער פאַרבן־ און טאַלאַנטן־רײַכער גאַלערייע טוערס, וואָס זי האָט אויפגעצויגן, מיט די טויזנטער באַוואוסטזיניקע אַרבעטער און אינטעליגענטן, וואָס זי האָט געזאַמלט אַרום זיך. קיין בר־דעת וועט ניט לייקענען, אַז דאָס אַלץ זײַנען געווען ייִדישע דערשיינונגען, און אַז ממילא האָט אין זיי געשטעקט אַ געוויסע „ייִדישקייט", הגם זי האָט העפטיק געקעמפט אַנטקעגן דער ייִדישער רעליגיע און דעם ייִדישן נאַציאָנאַליזם. אָט די נײַע ייִדישקייט, די שפּראַכלעך־קולטורעלע — הייבט ערשט איצטער אָן זיך פונאַנדערצוּוואַקסן און צו געווינען אַלץ מער און מער באַטײַט אין אונדזער לעבן און אונדזער היסטאָרישן גורל.

האָבן מיר, הייסט עס, ניט איין אַרט ייִדישקייט, נאָר לפּחות, גאַנצע פיר. יעדע אַרט קאָן האָבן אירע גרויסע ייִדן. יעדע אַרט האָט אירע באַדינגונגען, ווען מען הערט אויף צו זײַן אַ ייִד. ס'איז קיין קונץ ניט אַרויסצוכאַפּן איינע אָדער צוויי אַרטן פון די פיר, זאָגן, אַז נאָר אין זיי ליגט „דער תמצית און דער תוך פון דעם עצם ענין" און מבטל זײַן די אַנדערע כקליפּת השום, און אָפּפרעגן דאָס רעכט זייערס אויף די נעמען: „ייִדן" און „ייִדישקייט". דער אָביעקטיווער היסטאָריקער מוז די אַלע פיר אַרטן האָבן אין אויג און פירן זייערע באַזונדערע חשבונות — כדי ניט צו פאַרפעלשן דעם דין וחשבון פון אונדזער ייִדישן זײַן אויף דער וועלט און אונדזער ייִדישן אויפטו אין איר.

„דער טאָג", 31טער מאַי 1927.

# יעקב און עישו

## 1.

## קריגערישע און פרידלעכע פעלקער

פילע עטנאָלאָגן און סאָציאָלאָגן, — צווישן די לעצטערע ניט קיין קלע־נערער ווי הערבערט ספּענסער, — טיילן איין די מענטשהייט אין קריגערישע און פרידלעכע פעלקער. דער עיקר אָבער טוט דאָס דער רוסישער סאָציאָלאָג יוזשאַקאָוו.

אַזאַ איינטיילונג, אויב זי זאָל זיין ריכטיק, וואָלט אויך די מענטשהייט אונטערגעוואָרפן אונטער דער שליטה פון יענעם זעלטזאַמען געזעץ וואָס באַ־הערשט, ווי עס ווייזט אויס, די גאַנצע אַנטוויקלונג פון לעבעדיקע באַשע־פענישן אויף דער וועלט: אַ געזעץ, וואָס טרייבט די אַנטוויקלונג אין צוויי פאַרשיידענע ליניעס, — אַן „אַקטיווע" און אַ „פּאַסיווע".

אין דער אמתן. שוין גאָר אין רעכטן אָנהייב פון דער ביאָלאָגישער עוואָלוציע זעען מיר, ווי זי שפּאַלט זיך פונאַנדער אין צוויי ריכטונגען: אין אַ וועלט פון פלאַנצן און אין אַ וועלט פון חיות.

די פלאַנצן זיינען פּאַסיוו. זיי זיינען אַ פאַרקערפּערונג פון שטילן וואַקסן. דער גאַנצער פיזיאָלאָגישער פּראָצעס, וואָס ברענגט אַרויס זייער גידול און זייער פאַרמערונג, שטייט ניט אונטער דער שליטה פון דעם פלאַנצלעכן אָרגאַניזם גופא. עס קומט עפּעס פאַר אין זיי און מיט זיי. פּייכטקייט, זונען־שיין, שאָטן מוזן געבראַכט ווערן צו זיי. זייערע קערנדלעך מוזן דורך אַ פרעמדער קראַפט פונאַנדערגעטראָגן ווערן, כדי די פלאַנצן־וועלט זאָל זיך קאָנען פאַרמערן. דאָס באַזאָרגט דער ווינט אָדער די פעל פון די חיות, אַן וועלכע די קערנדלעך קלעפּן זיך אָן, אָדער יענע פייגל, וואָס שלינגען זיי איין און לאָזן זיי אַרויס מיט דעם אָפּפאַל פון זייערע געדערעם, אָדער וואָס פאַרשלעפּן זיי מיט דעם קויט אויף זייערע פיסלעך. און דאָרטן, וואו די

פלאַנצלעכע וועלט האָט זיך פונאַנדערגעשיידט געשלעכטלעך אין אַן „ער" און אַ „זי", ווערט אויך דער באַפרוכפּערונגס־שטויב אַריבערגעטראָגן פון דעם „ער" צו דער „זי" דורך דעם ווינט, דורך די מחנות פליגעלעך און בינען, דורך מענטשלעכע הענט.

אמת, אַ סך מאָדערנע געלערנטע ווילן האָבן, אַז אויך די פלאַנצן־וועלט איז ניט גאָר פריי פון אַקטיווע באַוועגונגען, וואָס מיט זייער הילף „זוכט" די פלאַנץ (אָדער אַ געוויסער טייל אירער) בעסערע באַדינגונגען פאַר דער עקזיסטענץ. אַזוי דרייען זיך אייניקע פלאַנצן צו דער זון־באַשטראַלטער זייט, אַזוי קריכן אום אייניקע קלעטער־פלאַנצן, ביז זיי „געפינען" אויף וואָס אַרויפצוקלעטערן, אַזוי „זוכן" די וואָרצלען אונטער דער ערד דעם פאַר זיי פּאַסיקסטן באָדן.

אָבער אפילו ווען מען זאָל אָננעמען, אַז אָט די אַלע באַוועגונגען קומען ניט פאַר מעכאַניש־פּאַסיוו, נאָר דריקן אויס אַ געוויסע אויסקלייבערישע טעטיקייט פון דער פלאַנץ, — פילע געלערנטע רעדן וועגן אַ „נשמה" און אַ „ווילן" פון דער פלאַנץ, — מוז מען אויך צוגעבן, אַז די טעטיקייט אירע, דאָס וואָס די פלאַנץ „טוט", ווי וויכטיק עס זאָל ניט זיין פאַר איר לעבן, פאַרנעמט אַ פאַרשווינדנדיק קליינעם שטח לגבי די פּאַסיווע פּראָצעסן, לגבי דעם, וואָס עס קומט פאַר אין איר און מיט איר. די פלאַנצן קאָנען לעבן און זיך פאַרמערן, נאָר ווען זיי ווערן גוט און אינגאַנצן צוגעפּאַסט צו די דרויסנדיקע באַדינגונגען פון זייער עקזיסטענץ. זיי קאָנען ניט צופּאַסן די באַדינגונגען צו די באַדערפעענישן פון זייער אָרגאַניזם, אָדער אַוועקגיין פון אַ ניט פּאַסיקן אָרט.

די חיות פאַרטרעטן דעם אַקטיוון פּרינציפּ אין דער ביאָלאָגישער עוואָ־לוציע.

אויך אויף די חיות און די מענטשן ווירקן די דרויסנדיקע באַדינגונגען פון זייער לעבן. אויך ביי זיי קומען פאָר ריין פּאַסיווע פּראָצעסן, אַ דאַנק וועלכע זיי פּאַסן זיך צו צו זייער אַרום. אָבער אין דער וועלט פון די חיות זעען מיר, ווי עס וואַקסט אָן אין דעם משך פון זייער אַנטוויקלונג אַ געוויסער גראַד פון זעלבסט־טעטיקייט, פון אַקטיוויטעט. די שפּייז דאַרף אויסגעזוכט ווערן און אַריינגענומען ווערן דורך דער טעטיקייט פון מוסקלען. פאַר די אייעלעך דאַרף געזאָרגט ווערן. דער באַפרוכפּערונגס־זאָפט פון דעם פאָטער דאַרף טעטיק אַריינגעשפּריצט ווערן אין אַ מוטער־לייב אָדער אַרויסגעשפּריצט ווערן (ווי ביי די פיש) אויף די אייעלעך פון דער מוטער. די חיה האָט באַוועגונגס־אָרגאַנען. זי קאָן איבערבייטן איר פּלאַץ אין דער וועלט און אויף אַזאַ אופן קאָן זי שוין אויסזוכן בעסערע באַדינגונגען פאַר איר עקזיס־

טענץ. ביי די גייסטיקע העכער־אַנטוויקלטע חיות, ביי די וואָס לערנען זיך אויס צו קאָמבינירן די אינדיווידועלע ווילנס פון די יחידים אין אַ סאָציאַלער קאָאָפּעראַציע פון אַ גאַנצן כלל (ווי די מוראַשקעס, בינען, ביבערס און — דער עיקר — דער מענטש) דערגרייכט די ווירקונג פון זעלבסט־אַקטיוויטעט צו אַזאַ מדרגה, אַז עס קאָן שוין גערעדט ווערן ניט נאָר פון זיך צופּאַסן צו דער סביבה, ניט נאָר פון אויסזוכן אַ בעסערע סביבה (די עמיגראַציע פון דער פייגל־וועלט אין די וואַרעמע דרום־לענדער, כדי דאָרטן איבערצואווינ־טערן!), נאָר אויך פון אַן אַקטיוון אַריינגריף אין דער סביבה און איר צו־פּאַסונג צו די נויטן און באַדערפענישן פון דעם לעבעדיקן אָרגאַניזם.

אָבער אויך אָט די וועלט פון אַקטיוויטעט ווערט אין איר עוואָלוציע ווידער פונאַנדערגעשפּאָלטן אין צוויי פאַרשיידענע ליניעס. אַ חוץ די „אַלץ פרעסערס", האָבן מיר חיות „פליישׁ־פרעסערס", און חיות „גראָז־פרעסערס", וואָס לעבן נאָר פון דער פלאַנצלעכער וועלט.

ביי די „פליישׁ־פרעסערס" איז די אַקטיוויטעט אַנטוויקלט אין אַ העכערער מדרגה, איידער ביי די „גראָז־פרעסערס". זיי דאַרפן שוין קעמפן פאַר זייער עקזיסטענץ מיט אַנדערע לעבעדיקע ברואים. דער אָנפאַל אויף דעם אַנדערן איז דער גרונט־באַדינג פאַרן לעבן. די שפּייז זייערע איז אַליין אַן אַקטיווע בריאה, און דער פליישׁ־פרעסער מוז אַנטוויקלען אין זיך אַ קאָמפּליצירטן סיסטעם פון אַקטיוויטעטן, כדי גובר צו זיין דעם אַקטיוון ווידערשטאַנד פון דער „שפּייז".

גאַנץ אַנדערש איז עס מיט דעם גראָז־פרעסער. ער דאַרף ניט קעמפן מיט דער שפּייז; ער דאַרף אָפּטמאָל קעמפן פאַר איר מיט אַן אַנדער גראָז־פרעסער, אָדער פאַר דער „זי", אָדער פאַר זיין אייגענער עקזיסטענץ אַנטקעגן אַ רויבערישן פליישׁ־פרעסער. אָט די קאַמף־נויטן רופן אויך אין אים אַרויס אַ מאָסע באַוועגלעכע אַקטיוויטעט. אָבער דער פאַקט, וואָס זיין שפּייז איז פּאַסיוו, וואָס ער דאַרף ניט קעמפן אַנטקעגן איר, כדי בייצוקומען זי, וואָס ער קאָן זיין זיכער מיט איר, כל־זמן זי איז דאָ אין זיין געגנט, לייגט אַרויף אויף דעם גראָז־פרעסער אַ שטעמפּל פון רואיקייט און געלאַסנקייט.

דער אומרואיקער רויבערישער טיגער און די גראָז־פרעסנדיקע שעפּס, וואָס פיטערט זיך רואיק אויף דער לאָנקע, שטעלן מיט זיך פאָר די צוויי אַנטקעגנגעזעצטע פּסיכישע כאַראַקטערן, וואָס סימבאָליזירן מיט זיך די צוויי פאַרשיידענע ריכטונגען, אין וועלכער עס האָט זיך פונאַנדערגעשפּאָלטן די זאָאָלאָגישע עוואָלוציע.

די העכסטע מדרגה פון דער זאָאָלאָגישער אַנטוויקלונג האָט אָבער דער־גרייכט דער מענטש. ער האָט אַריבערגעשפּרייזט די גרענעצן פון דער חיה־

שער וועלט און האָט באַשאַפן אַ ממשלה פון וועלט־פּאַסירונגען, וואָס הייבט זיך אויף איבער דער ממשלה פון דער זאָאָלאָגישער וועלט, ווי די ממשלה פון דער זאָאָלאָגישער וועלט הייבט זיך אויף איבער דעם גאַנצן ניט־לעבע־דיקן באַשאַף. דער מענטש האָט באַשאַפן אַ וועלט פון מאַטעריעלער און גייסטיקער קולטור, וואָס קאָן מיט רעכט אַוועקגעשטעלט ווערן אַנטקעגן דער ריינער נאַטור־וועלט.

און אַט די מדרגה האָט דער מענטש דערגרייכט, אַ דאַנק אַ פּאַרגרע־סערטער זעלבסט־אַקטיוויטעט, וואָס איז אַרויסגעפלאָסן פון אַ פאַרגרעסערטער דענק־קראַפט, ווי די דענק־קראַפט גופא איז פון איר זייט געווען אַ פּראָדוקט פון אַ רייכערער זעלבסט־באַטעטיקונג. נאָר אין דער וועלט פון דער מענטש־לעכער קולטור הייבט זיך אָן אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם איבערצואַנדערשן די סביבה, אין וועלכער ער לעבט, אין אַזאַ גראַד, אַז עס איז שוין איצטער שווער פונאַנדערצוקלייבן זיך, וועלכער פּראָצעס געווינט די אויבערהאַנט איבער וועלכן: דער פּראָצעס פון צופּאַסן דעם מענטשן צו דער סביבה, אָדער דער פּראָצעס פון צופּאַסן די סביבה צו דעם מענטשן.

עס וואָלט אונדז אַוועקגעפירט צו ווייט, ווען מיר וואָלטן וועלן אַנוואַרפן אפילו אין די אַלגעמיינסטע און גראָבסטע שטריכן אַ בילד פון מענטשלעכע אַקטיוויטעטן: פיזישע און גייסטיקע. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען זיך אָן דער מענטשלעכער קולטור. דאָס איז אַ וואונדערבאַרע צווייטע וועלט, וועלכע דער מענטש שטעלט אַוועק אַנטקעגן דער ערשטער; מיט דער הילף פון קולטור נעמט ער זי אַרום, און שטרעבט צו באַהערשן זי, ד״ה, איבער־אַנדערשן זי, אַרויפדריקן אויף איר דעם קלאָרן שטעמפּל פון זיין אייגענעם שאַפן און טאָן. אַט די גאַנצע צווייטע וועלט איז אפשר אַזוי רייך אין אינע־ווייניקסטע כוחות, ווי די ערשטע וועלט, און זי איז אַ פּראָדוקט פון מענטש־לעכער זעלבסט־אַקטיוויטעט.

געוויס איז ניט אַלץ אין דעם לעבן פון דער מענטשהייט אויף דער וועלט ריינע זעלבסט־טעטיקייט. אויך דאָ איז אמת, אַז אַ סך זאַכן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין דער מענטשהייט, קומען פאָר פּאַסיוו מיט איר. אָבער די גאַנצע קולטור איז פאַרט אַ פּראָדוקט פון מענטשלעכער זעלבסט־אַקטיוויטעט. פאַר דער קולטור־וועלט בלייבט ריכטיק דער כלל, אַז — אַ חוץ דער טויטער און לעבעדיקער מאַטעריע, אויף וועלכער דער מענטש אַרבעט, — איז ניטאָ קיין איין טראָפּן אין דער קולטור, וואָס איז ניט פריער געווען אין דעם מענטש־לעכן אַקטיוון שאַפן.

ס׳קאָן זיין, אַז נאָר אין דעם מענטשן דערהייבט זיך די נאַטור צו דער מדרגה פון אַ „זעלבסט״, און די נאַטירלעכע ווירקונג פאַרוואַנדלט זיך דאָ

אין אַ באַוואוסטזיניקער טאַט, ד״ה, אין אַ „זעלבסט״־אַקטיוויטעט, אין אַ טואונג פון אַ זעלבסט־באַוואוסטזיניקן „איך״.

אָבער אויך די מענטשלעכע וועלט, אין וועלכער עס הערשט די נייע וואונדערבאַרע אוניווערסאַלע קראַפט פון זעלבסט־אַקטיוויטעט, וואָס איז אפשר אַ ניצוץ פון אַן איבערנאַטירלעכער באַשאַפערישער מאַכט, — אויך אַט די וועלט פאַלט־אונטער אונטער דער שליטה פון יענער צו היפוכים שטרעבנ־דיקער טענדענץ, וועלכע מיר האָבן געזען אין דער גאַנצער ביאָלאָגישער עוואָלוציע: דער טענדענץ, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט דעם קעגנזאַץ פון פלאַנץ און חיה, פון גראַז־פרעסער און פלייש־פרעסער.

דאָס איז אמת אויך פאַר דער מענטשלעכער וועלט, אויב מען זאָל אָנ־נעמען מיט די אויבן־דערמאָנטע סאָציאָלאָגן און עטנאָלאָגן, אַז די מענטשהייט פאַלט פונאַנדער אין צוויי פאַרשיידענע פעלקער־גרופן, אין קריגערישע און פרידלעכע, אָדער — ווי אַנדערע טוען דאָס אָנרופן — אין „אַקטיווע״ און „פאַסיווע״.

מען איז ניט מחויב צו גיין אין אַלע פרטים מיט יענע עטנאָלאָגן און סאָציאָלאָגן און מגזם זיין די באַדייטונג פון דער געמאַכטער איינטיילונג.

אָבער דעם פאַקט גופא, אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע אונטערשיידן צווישן די פעלקער, קאָן מען בשום אופן ניט אָפלייקענען. פילע רייזנדיקע אין אָפ־ריקע האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף שטאַמען מיט אַ בולט אויסגעשפּראָכענער נייגונג צו ריין פרידלעכע באַשעפטיקונגען, מיט אַ ווידערווילן צו יעדער אַרט בלוט־פאַרגיסונג.

זיי זיינען ליידער צו ווייניק אין צאָל, פאַרגליכן מיט דער צאָל קריגע־רישע פעלקער אין אַפריקע, צווישן וועלכע עס געפינען זיך ניט ווייניק בלוט־דאָרשטיקע מענטשן־פרעסער. די צאָל פון די פרידלעכע שטאַמען וואָלט אָבער געוויס געווען אַ סך אַ גרעסערע, ווען די קריגערישע וואָלטן זיי ניט האָבן אויסגעראָטן אין אַ בלוטיקן צוזאַמענשטויס.

אויך ביי די העכערע מענטשלעכע ראַסן לאָזט זיך אויסגעפינען דער זעלביקער אונטערשייד. אַזוי רעכנט מען די כינעזער צו דעם פרידלעכן פעלקער־טיפּ, בעת די יאַפּאַנעזער זאָלן האָבן אין זיך אַלע שטריכן פון אַ קריגערישער נשמה.

צו דער קאַוקאַזישער ראַסע געהערן צענדליקער מיליאָנען בענגאַליעזער, וועלכע מען כאַראַקטעריזירט אַלס פרידליבנדיק און פאַסיוו.

די צאָל פון די פריד־ליבנדיקע פעלקער ביי די העכערע ציוויליזירטע ראַסן וואָלט אויך געוויס געווען אַ סך אַ גרעסערע, ווען ניט דער פאַקט, וואָס

אונטער גלייכע באַדינגונגען מוז אַ פרידלעך פאָלק אונטערגיין, ווען אויף אים פאַלט אָן אַ שטאַרקערער, קריגערישער און רויבעריש־געשטימטער פאָלק.

דער זעלביקער חילוק צווישן קריגערישע און פרידלעכע פעלקער איז אויך געווען באַקאַנט דער עלטערער וועלט.

אין אונדזערע יידישע לעגענדעס וועגן ישמעאל און יצחק, וועגן עישו און יעקב, — נעמען, וואָס סימבאָליזירן מיט זיך גאַנצע פעלקער און פעלקער־גרופּן, — שפּיגלט זיך אָפּ די זעלביקע איינטיילונג, און עס זיינען דאָ אַ סך טעמים אָנצונעמען, אַז דאָס יידישע פאָלק, אין וועמעס אָדערן עס האָבן זיך שוין אין זיינע גרויע אור־צייטן צונויפגעמישט בלוטן פון אַ פאַרשיידענעם אָפּשטאַם, האָט, לויט דער גרונט־טענדענץ פון זיין פּסיכישן לעבן, לויט דער „איבערוואָג אין בלוט", — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויס־דריקן, — באַלאַנגט צו אַ פעלקער־גרופּע פון אַ פרידלעכן כאַראַקטער.

2.

## די בני־ישראל — אַ קריגעריש אָדער פרידלעך פאָלק ?

דער פאַקט, אַז די מענטשהייט איז איינגעטיילט אין קריגערישע און פרידלעכע פעלקער, וואָס זיינען אַזוי פאַרשיידן איינס פון דעם אַנדערן, לויט זייער גאַנצן מהות, האָט אַרויסגערופן אַ סך אינטערעסאַנטע פראַגן און חקירות.

שפּילט די קריגערישקייט אָדער פרידלעכקייט פון אַ פאָלק אַ וועלכע עס איז ראָליע אין דער באַשאַפונג פון דער מענטשלעכער קולטור, אין דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס און דער ציוויליזאַציע ? וועמען האָבן מיר מער צו פאַרדאַנקען אָט די אַנטוויקלונג : די פעלקער פון דעם קריגערישן טיפּ אָדער פון דעם פרידלעכן ? פון וואַנען שטאַמט אָט די קרי־געריקשייט אָדער פרידלעכקייט אין אַ פאָלקס־כאַראַקטער ? זיינען זיי אַ פּראָדוקט פון געוויסע ראַסן־אייגנשאַפטן, וואָס גייען האַרטנעקיק אַריבער בירושה פון דור צו דור און קאָנען דורך קיין זאַך ניט פאַרענדערט ווערן ? אָדער זיי זיינען ניט מער ווי אַ פּראָדוקט פון לעבנס־באַדינגונגען און דעריבער קאָנען זיי זיך אומבייטן אונטער געענדערטע לעבנס־באַדינגונגען ?

וועגן אָט די אַלע זייער אינטערעסאַנטע פראַגן און חקירות מוזן מיר זיך דאָ באַנוגענען מיט אַ פּאָר מאָגערע באַמערקונגען.

ווען מיר זאָלן פאַרשטיין אונטער די ווערטער: „קולטור", „ציוויליזאַ־ציע", „פראָגרעס" ניט דאָס, וואָס דער אָדער יענער פון אונדז וואָלט וועלן זיי זאָלן זיין, נאָר וואָס איז אויסגעוואָקסן געשיכטלעך ביי יענע פעלקער, וואָס רופן זיך אַליין „קולטורעלע", „ציוויליזירטע" און „פּראָגרעסיווע", — ד"ה, ביי די פעלקער פון דעם אייראָפּייאיש־אַמעריקאַנישן קולטור־קרייז, — דעמאָלט מוזן מיר צוגעבן, אַז ניט די פרידלעכע פעלקער, ניט די בענ־גאַלעזן מיט די כינעזער האָבן באַשאַפן די דאָזיקע קולטור, נאָר די אויסגע־שפּראָכן קריגערישע פעלקער: די גערמאַנישע און ראָמאַנישע.

מען מוז ווייטער צוגעבן, אַז די יסודות פון דער אייראָפּייאישער קולטור, וועלכע יענע פעלקער האָבן געפונען פאַר זיך און האָבן ווייטער אַנטוויקלט, זיינען אויך אויסגעבויט געוואָרן פון אַזעלכע צוויי אויסגעשפּראָכן קריגע־רישע פעלקער, ווי די אַלטע גריכן און די אַלטע רוימער, און אַז די אַלטע גריכיש־רוימישע קולטור איז פון איר זייט אויפגעפלאַנצט געוואָרן אויף אַ קולטור־באָדן, וואָס איז באַאַרבעט געוואָרן ווידעראַמאָל פון פעלקער מיט אַן עמינענט קריגערישן כאַראַקטער: מצרים, אשור, בבל.

די מאָדערנע ציוויליזאַציע און קולטור, דער מאָדערנער פּראָגרעס איז אַ געשיכטלעכע אַנטוויקלונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דעם קריגערישן מצרים און בבל, וואָס האָט זיך אַ דאַנק די קריגערישע גריכנלאַנד און רוים פאַרשפּרייט איבער דעם גרעסטן טייל פון דער „ציוויליזירטער" וועלט און האָט דורך דער טעטיקייט פון די קריגערישע גערמאַנען דערגרייכט איר איצטיקע הייך.

אַט דער רעזולטאַט, אַז די באַשאַפונג פון דעם מאָדערנעם פּראָגרעס האָבן מיר צו פאַרדאַנקען פעלקער פון אַ ריין קריגערישן טיפּ, דאַרף אָבער אין זיין טעאָרעטישן אויספיר באַגרענעצט ווערן פון צוויי זייטן.

ראשית מוז מען געדענקען, אַז ניט יעדער קריגערישער פאָלק האָט באַוויזן אַזעלכע העלדישקייטן אין הלכות מענטשלעכן פּראָגרעס, ווי די נאָר וואָס דערמאָנטע פעלקער. צו די קריגערישסטע פעלקער מוזן מיר צורע־כענען אויך די טאָטערן און די טערקן: זיי האָבן אָבער קיין „אייראָפּייאישע" קולטור ניט געשאַפן. אפילו די אַראַבער האָבן זיך נאָר צייטווייליק געקאָנט אַרויפכאַפּן אויף אַן „אייראָפּייאישער" הייך און האָבן זיך אויף איר ניט געקאָנט אָנהאַלטן לאַנג.

פון דער אַנדערער זייט אָבער איז אַ פאַקט, אַז די מאָדערנע אייראָ־פּייאיש־אַמעריקאַנישע קולטור איז אַ פּראָדוקט ניט נאָר פון די קריגערישע גריכן, רוימער, גערמאַנען און ראָמאַנען. זי שטייט אונטער אַ שטאַרקער שליטה פון אַ קולטור־שטראָם, וואָס איז אריינגעפלאָסן אין איר דירעקט פון

יודעא, פון דעם יידישן פאָלק, וואָס דאַרף, נאָך אונדזער מיינונג נאָך, צוגע־רעכנט ווערן צו די פעלקער מיט אַן איבערוועגנדיקן פרידלעכן כאַראַקטער.

ס'איז אמת, אַז אייניקע געלערנטע און דענקער שטעלן אַרויף אויך דאָס יידישע פאָלק, — איך מיין דאָס אַלטע יידישע פאָלק, די בני־ישראל, — אויף דעם לייסטער פון די ריין קריגערישע פעלקער; אַזוי וויל, צ"ב, עדואַרד פאָן האַרטמאַן דערקלערן דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם פון די אַלטע „בני־ישראל" דורך זייער ריין קריגערישן מהות.

„וואָלטן", שרייבט ער, „די בני־ישראל לפחות געווען אַ פריד־ליבנדיק פאָלק, וואָס וואָלט זיך געמיט צו שטיין מיט זיינע שכנים אין גוטע אינטערנאַציאָ־נאַלע באַציאונגען, וואָלטן אויך זיי געפּראַקטיצירט רעליגיעזע טאָלעראַנץ און וואָלטן אַן שנאה געקאָנט איבערטראָגן די געטער פון זייערע שכנים.

„אָבער זיי האָבן זיך פון אָנהייב אָן, ווי בלוט־דאָרשטיקע, אכזרישע איינ־נעמער אַריינגעדרענגט, ווי אַ פאַרשפּיצטער פּלאָקן, צווישן אָנגעזעסענע שבטים, און זיינען געווען און געבליבן אַ נקמה־זוכטיק, קריגעריי־זוכטיק פאָלק, — וואָס האָט ווי די היינטיקע בעדואינען געלעבט אין שטענדיקע גרע־נעץ־שטרייטיקייטן, און וואָס האָט דעריבער געהאַסט זיינע גרענעץ־שכנים מיט אַ באַזונדערס פיינטלעכער פאַרביטערונג; דאָס האָט זיי געמוזט מאַכן געניגט איבערצוטראָגן זייער שנאה אויך אויף די געטער פון די שכנים־פעלקער" (זע זיין: „דאָס רעליגיעזע באַוואוסטזיין דער מענטשהייט אים שטופנגאַנג זיינער אַנטוויקלונג", 1882, ז. 385).

דער קריגערישער כאַראַקטער פון די אַלטע בני־ישראל קאָן גאַנץ זיכער אילוסטרירט ווערן דורך אַ סך און אַ סך שטריכן פון יענע אַלטע רעליגיעזע אָנשויאונגען, וואו דער יידישער גאָט ווערט געשילדערט, ווי אַן „איש מלחמה", אַ קריג־פירנדיקער גאָט, וואָס וויל „אָנשיכורן זיינע פיילן מיט בלוט און אָנזעטיקן זיין שווערד מיט פלייש".

ניט קוקנדיק דערויף, קאָן מען דאָס יידישע פאָלק בשום אופן ניט צורע־כענען צו אַ ריין קריגערישן טיפּ.

דער וואָס לייענט אויפמערקזאַם די אַלטע יידישע דאָקומענטן, — סיי ווען זיי שילדערן די געשיכטלעכע פּאַסירונגען, סיי ווען זיי כאַראַקטעריזירן די הערשנדיקע אָנשויאונגען ביי דעם פאָלק, — אָדער ביי יענע פעלקער־גרופּן, פון וועלכע ער האָט זיך צונויפגעשטעלט, — מוז מען קומען צו דעם רעזולטאַט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ שאַרף אַרויסטרעטנדיקן דואַליזם, מיט אַן אינעווייניקסטן קאַמף פון פרידלעכקייט און קריגערישקייט. און אַז בעת די קריגערישע סימנים זיינען ביי אים בשום אופן ניט אָריגינעל, — פּונקט ווי ביי אַלע אַנדערע קריגערישע פעלקער, — איז ער אין די סימנים פון

פרידלעכקייט, פון איבערטריבענער ליבע צו שלום אָריגינעל, אייגנאַרטיק און האָט צו זיך קיין גלייכן ניט ביי קיין איין־איינציקן פון יענע פעלקער, וואָס האָבן באַשאַפן די מאָדערנע קולטור.

ס׳איז מערקווירדיק, אַז אין אַ פּאַראַלעל דערצו ווערט די אור־אַלטע געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק תמיד געשילדערט אַזוי, אַז אין איר נעמען אַן אַנטייל בלוט־פאַרוואַנדטע פעלקער, וואָס קאָנען אָבער ניט הויזן איינע מיט די אַנדערע, ווייל די איינע זיינען קריגעריש געשטימט, די אַנדערע פרידלעך.

די אברהם־גרופּע און לוט־גרופּע שטאַמען ביידע פון איין וואָרצל, האָבן די זעלביקע ראַסן־בלוט אין זייערע אָדערן. אָבער די אברהם־גרופּע איז פרידלעך און ווען עס ברעכט אויס אַן אינעווייניקסטער שטרייט מיט דער לוט־גרופּע, מיידט אברהם אויס דעם קריג, לאָזט איבער דעם פּלאַץ פאַר די לוט־מענטשן און טיילט זיך פון זיי אינגאַנצן אָפּ.

דער זעלביקער היפּוך פון קריגעריש און פרידלעך באַגעגנט אונדז אין דעם נעקסטן פּעריאָד. אין דעם שויס פון דער אברהם־גרופּע ווערן געבאָרן נייע קריגערישע שבטים, און די גרופּע פאַלט פונאַנדער אין אַ פרידלעכן „יצחק״ און אַ קריגערישן „ישמעאל״. דאָס מאָל פאַרלאָזט „ישמעאל״ די גרענעצן פון דעם פאָלק. ער ווערט, לויט דער לעגענדע, פאַרטריבן.

אָבער אויך דער „יצחק״ קאָן ניט בלייבן ביי זיין איינהייטלעך פרידלעכן כאַראַקטער. ער פאַלט ווידער פונאַנדער אין אַ קריגערישן „עשו״, וואָס דאַרף לעבן פון שווערד („על חרבך תחיה״), און אַ פרידלעכן „יעקב״, אַן „אָרנטלעכן מאַן, וואָס זיצט אין געצעלטן״ („איש תם יושב אוהלים״).

פון אָט דעם פרידלעכן „יעקב״ לאָזט די לעגענדע אָפּשטאַמען די אייגנט־לעכע „בני־ישראל״. אָבער אויך צווישן יעקבס זין, די צוועלף שבטים, זיינען דאָ קריגעריש און פרידלעך געשטימטע גרופּן: שמעון, לוי, יהודה, בנימין, דן, גד און יוסף זיינען קריגעריש — די איבעריקע פרידלעך. שמעון און לוי פאַרלירן אָבער זייער זעלבסטשטענדיקייט און צעשפּרייטן זיך צווישן אַלע אַנדערע שבטים.

וויניקסטנס קומט דאָס אַרויס פון יענער שילדערונג, וועלכע די שבטים באַקומען אין אַן אַלטן היסטאָרישן פאָלקס־ליד, דער אַזוי־אָנגערופענער „יעקבס ברכה״.

„שמעון און לוי — ברידער״, ווערט געזונגען אין יענעם ליד. „רויב־געצייג זיינען זייערע וואָפן. אין זייערע פאַרטראַכטונגען וויל איך ניט נעמען קיין אַנטייל, אין זייערע באַשלוסן מיך ניט באַטייליקן. ווייל אין זייער צאָרן האָבן זיי מענטשן דערהרגעט, און אין זייער איבערמוט אָקסן פאַרקריפּלט.

זאָל פאַרשאָלטן זיין זייער כעס דער העפטיקער, און זייער גרימצאָרן דער גרויזאַמער. פאַרטיילן וועל איך זיי איבער יעקב און צעשטרייען צווישן ישראל״.

יהודה און בנימין ווערן געשילדערט ווי קריגערישע שבטים, אָבער ניט אַזעלכע בלוט־דאָרשטיקע און אכזרישע ווי שמעון און לוי. יהודה איז אַ „יונגער לייב, אויפגעקומען פון רויב־אָנפאַלן״, בנימין — „אַ וואָלף: איינ־דערפרי פאַרצוקט ער, פאַרנאַכט צעטיילט ער זיין רויב״. דן איז „אַ שלאַנג אויפן וועג, אַ וויפּער־נאָטער אויפן שטעג, וואָס טוט אַ ביס דעם פערד אין פוס און דער רייטער פאַלט אַהינטער״. אויף גדן פאַלן אַן חילות, אָבער ער פאַרפאָלגט זיי צוריק. אַנטקעגן יוספן פירן קריג די „פייל־שיסער״, אָבער „זיין בויגן האַלט זיך שטאַרק, און פלינק אַרבעטן זיינע אָרעמס״.

אין דער כאַראַקטעריסטיק פון די אַנדערע פינף שבטים ווערט מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט זייער קריגערישקייט. יששכרן ווערט אפילו אויפגע־וואָרפן זיין צו גרויסע ליבע צו פרידן: „יששכר אַ קנאָכיקער אייזל: הויערט צווישן די געמאַרקן. ער האָט דערזען, אַז די רו איז אַזוי גוט (וירא מנוחה כי טוב), האָט ער אונטערגעבויגן זיין רוקן צו טראָגן לאַסט און איז געוואָרן אַ צינז־צאָלנדיקער דינער״.

שעצט מען אָפּ „יעקבס ברכה״ אין דעם ליכט פון דער פראַגע, וואָס אינטערעסירט אונדז איצטער, זעען מיר, אַז קריגערישקייט און פרידלעכקייט האַלטן אין איר די וואָג. עס ווערן געצייכנט זיבן קריגערישע שבטים אַנט־קעגן פינף פרידלעכע, און די טענדענץ — הגם אַן אומבאַוואוסטע, — איז באַשיינפּערלעך אַן אויסגלייכנדיקע. די איבערמאָסיקע אומגערעכטע קריגע־רישקייט פון אַ שמעון און לוי ווערט אַקוראַט אַזוי פאַרוואָרפן ווי די איבער־מאָסיקע פרידעלכקייט, וואָס פירט צו שקלאַפעריי.

געוויס דאַרף מען די אַלטמאָדישע היסטאָרישע דאָקומענטן באַנוצן מיט דער גרעסטער פאָרזיכט. עס האָבן זיך אין זיי אָפּגעזעצט מאָטיוון פון אַ פאַרשיידנסטער אַרט: אַלטע געטער־געשיכטן און אַסטראָנאָמישע מיפן, העלדן־מעשהלעך און טאָטעמיסטישע דערינערונגען. אָבער ווייל דאָס פאָלק האָט זיי אָפּגעהיט, ווי היסטאָרישע דערציילונגען, מוז מען אָננעמען, אַז זיי האָבן אָפּגעשפּיגלט אין זיך געוויסע זייטן פון דער יידישער היסטאָרישער ווירקלעכקייט.

די אַלע דאָקומענטן רעדן אָבער אַ קלאָרע שפּראַך בנוגע דעם אונדז אינטערעסירנדיקן ענין. די בני־ישראל זיינען אויסגעוואַקסן פון אַ פעלקער־בוים, וואָס האָט געהאַט אין זיך קריגערישע און פרידלעכע צווייגן, און זיי

אַליין זיינען אַ געפּלעכט, אין וועלכן דיביידע עלעמענטן זיינען געווען פאַרטראָטן גאַנץ שטאַרק.

די ווירקונג אָבער, וועלכע דאָס יידישע פאָלק האָט דורך זיין קריסטנטום געהאַט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער אַלוועלטלעכער קולטור, איז פאַר־בונדן ניט מיט זיין קריגערישקייט, נאָר מיט זיין פרידלעכקייט.

3.

## „עישו" און „יעקב"

זינט דאָס יידישע פאָלק איז געוואָרן אַ פאָלק, שטייט עס אין אַ שאַרפן קאָנפליקט מיט יענע פעלקער פון דער מענטשהייט, וואָס האָבן באַשאַפן דעם מאָדערנעם מענטשלעכן פּראָגרעס.

מצרים, אשור, בבל, גריכנלאַנד, רוים, ראָמאַנען, גערמאַנען, סלאַוון, — פון זייער אַלעמענס טעטיקייט שטאַמט די מאָדערנע אייראָפּייאיש־אַמעריקאַ־נישע קולטור, און מיט זיי מיט אַלעמען האָט זיך — דור נאָך דור — פיינטלעך צונויפגעשטויסן דאָס יידישע פאָלק.

יענע אַלע פעלקער געהערן צו דעם אויסגעשפּראָכן קריגערישן טיפּ. דאָס יידישע פאָלק איז אויפגעבויט געוואָרן פון פאַרשיידענע עלעמענטן: סיי קריגערישע, סיי פרידלעכע. אין זיין אינעווייניקסטן לעבן האָט זיך תמיד אָפּגעשפּילט אַ קאַמף צווישן אָט די צוויי אַנטקעגנגעזעצטע טענדענצן מיט דעם רעזולטאַט, אַז אין זיין עפנטלעכן באַוואוסטזיין האָבן די פרידלעכע אידעאַלן סוף־כל־סוף געוואונען די אויבערהאַנט איבער די קריגערישע.

ליגט ניט אפשר אין אָט דעם פאַקט אַ דערקלערונג אָדער לפּחות אַ טייל דערקלערונג פון דעם אייביקן קאָנפליקט, פון דעם אייביקן טראַגישן צונויפ־שטויס צווישן אונדז און דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענטשהייט?

וואָס עס זאָלן ניט זיין די אורזאַכן, וואָס האָבן אַרויסגערופן די פונאַנ־דערטיילונג פון די פעלקער אין פרידלעכע און קריגערישע; וואָס עס זאָל ניט זיין די ראָליע, וואָס דער איינער אָדער דער אַנדערער טיפּ האָט געשפּילט אין דער באַשאַפונג פון דער מענטשלעכער קולטור; וואָס עס זאָל ניט זיין די צוקונפט פון אַזאַ פונאַנדערטיילונג, — איין זאַך איז קלאָר: די גאַנצע פּסיכאָלאָגיע פון די צוויי פעלקער־טיפּן מוז זיין אַזוי פאַרשידן, אַז „עישו" און „יעקב" קאָנען נאָר מיט גרויס מי איינער דעם אַנדערן פאַרשטיין.

צווישן זיי ליגט אַ תהום פון פאַרשיידענע לעבנס־אידעאַלן. זייערע ווילנס גייען זיך פונאַנדער אין צוויי גאַנץ פאַרשיידענע ריכטונגען.

דער גרונט־פּרינציפּ פון „עישוס" לעבן איז געווען „על חרבך תחיה": לעבן מיטן שווערד. פאַרגיסן מענטשלעך בלוט איז די ערשטע באַדינגונג פאַר אַ חשובן מענטשלעכן לעבן. נאָך איצטער זאָגן די אַראַבער, אַז אַ מענטש, וואָס האָט ניט פאַרגאָסן קיין מענטשלעך בלוט איז נאָך קיין מענטש ניט.

דער קריג, ווי אַ הויפּט־באַשעפטיקונג, די שטענדיקע אָנגעגרייטקייט צו שטעלן דעם אייגענעם לעבן אין קאָן, כדי אָוועקצונעמען דעם אַנדערנס לעבן פאַרשיכורט די נשמה מיט איין־איינציקן דאָרשט: דעם דאָרשט צו נצחון.

די ברענענדיקע לוסט צו טריאומף, דער גלויבן אין די אייגענע כוחות, פילט אָן די נשמה מיט אַ באַזונדער פרייד: די פרייד פון גבורה און מאַכט. און קודם־כל איז דאָס די פרייד פון אַ געזונטן ביאָלאָגישן אָרגאַניזם איבער דער לעבעדיקייט, אָנגעשפּאַנטקייט און געשיקטקייט פון דעם אייגענעם פלייש, פון די אייגענע מוסקלען. ביי אַלע קריגערישע פעלקער געפינען מיר דער־ריבער דעם קולט פון פיזישער קראַפט, דעם גרויסן דרך־ארץ צו אויסגעביל־דעטע און עלאַסטישע מענטשלעכע מוסקלען, וואָס קאָנען זיך צופּאַסן צו יעדער לאַגע. ביי די אַלטע גריכן איז דער הויפּט־ציל פון דער יוגנט־דערציאונג געווען די אויסבילדונג פון דעם מענטשלעכן קערפּער, מאַכן אים אַזוי שטאַרק און בויגיק, ווי דער גרעסטער שטאָל פון דאַמאַסק. דער העכסטער נאַציאָנאַלער יום־טוב זיינען געווען די אָלימפּישע שפּילן, וואו די יוגנט האָט געזוכט אַריבער־צושיינען איינער דעם אַנדערן מיט דעם גראַד פון גבורה און מאַכט, וואָס דער מענטש קאָן דערגרייכן איבער די מוסקלען פון זיין אייגענעם קערפּער.

אָט דער קולט פון פיזישער גבורה און מוסקל־פלינקייט, וואָס איז געווען אַזוי נייטיק פאַר דעם קריגסמאַן פון די אַלטע צייטן, איז פאַרבליבן ביי אַלע קריגערישע פעלקער ביז אויף דעם היינטיקן טאָג.

דער „בעיס־באָל"־שפּיל פון דעם אַמעריקאַנער איז אַ צווייג פון דעם זעלביקן בוים, פון וועלכן עס זיינען אויסגעוואַקסן די אָלימפּישע שפּילן אין אַלט־גריכנלאַנד. דאָס איז אַ ניצחון־שפּיל פון פיזישער מאַכט און פון מוסקל־פלינקייט; איך וואָלט געזאָגט: פון פליישענעם מוסקל־שכל. און די העל־דישקייט פון אָט דעם מוסקל־שכל שטייט אין דעם עפנטלעכן באַוואוסטזיין ניט נידעריקער, אויב ניט העכער, איידער די גבורות פון דעם מענטשלעכן גייסט אויף אַלע פעלדער פון זיין קולטורעלן שאַפן.

נאָך באַרוישנדיקער און פאַרכאַפּנדיקער האָבן געמוזט זיין פאַר אַ קרי־גערישן גייסט די אַלט־רוימישע גלאַדיאַטאָרן־שפּילן, וואו די קריגס־גע־

פאַנגענע האָבן אין אַ צירק באַדאַרפט אַרויסווייזן זייער קראַפט און מוסקל־שכל אין אַן אמתן בלוטיקן קאַמף אַנטקעגן ווילדע, פונאַנדערגערייצטע חיות. אַן איבערבלייבעכץ פון יענע גלאַדיאַטאָרן־שפּילן בליט נאָך עד־היום אין איינעם פון די ציוויליזירטע ראָמאַנישע לענדער, אין שפּאַניע, אין דעם קאַמף פון די טאָרעאַדאָרן אַנטקעגן אַ צערייצטן, ווילד־געמאַכטן אָקס: אַ פאָלקס־שפּיל, וואָס שטייט אַקוראַט אַזוי הויך אין דעם באַוואוסטזיין פון דעם פאָלק, אפילו פון זיינע געבילדעטע, ווי דער „בעיס־באָל״ אין אַמעריקע.

די פרייד פון גבורה און מאַכט אין די קריגערישע פאָלקס־שפּילן איז אָבער נאָר די פרייד פון זיך צוגרייטן צו אַ קריג. ערשט אין דעם קריג גופא הייבט זיך אָן די אמתע שמחה פאַר דעם קריגסמאַן.

דאָרטן אויף דעם שלאַכטפעלד, וואו ער דאַרף זיך באַגעגענען ברוסט אַנטקעגן ברוסט מיט דעם שונא, — דאָרטן ערשט בליען זיך פונאַנדער אַלע כוחות פון אַ נשמה, וואָס דאַרשט נאָך נצחון.

דאָרטן פילט זיך די נשמה באַפרייט פון אַלע געזעצלעכע און מאָראַלישע קייטן, וועלכע אַ לעבן אין אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט האָט אַרויפגעלייגט אויף איר. ס׳איז „הפקר אַ וועלט״. מיט דעם שונא, מיט זיין ווייב און קינד, מיט זיין פי און רינד, מיט זיין האָב און גוטס מעג מען טאָן אַלץ. וואַרפן קליינע קינדער אין דער לופטן און אונטערכאַפּן זיי אויף אַ שפּיז; באָדן זיך אין דעם לוקסוס און דעם רייכטום פון דער איינגענומענער שטאָט; פאַר־געוואַלטיקן די שענסטע און אײדלסטע פרויען, דערנאָך באַשמוצן זיי און הנאה האָבן פון זייער לעצטן כאָרכל.

דער קריג איז דער יום־טוב פון דער רויב־חיה, וואָס האָט אין דער היים געמוזט אַזוי לאַנג געהאַלטן ווערן אין צוים. ערשט אויפן שלאַכטפעלד קאָנען זיך פונאַנדערגליען אַלע אונטערגעדריקטע געפילן פון חיהשער אכזריות און ערשט נאָך דעם געוואונענעם נצחון קאָן די נשמה שטילן איר דאָרשט נאָך גרויזאַמקייט ביז איבערן ראַנד.

ביי קריגערישע פעלקער איז אוממעגלעך, אַז רחמנות, „מענטשלעכקייט״ און רעספּעקט פאַר אַ מענטשלעכן לעבן זאָלן שפּילן אַ וועלכע עס איז ראָליע אין זייערע לעבנס־אידעאַלן. רחמנות איז ווייבעריש און געהערט נאָר אין דער קינדער־שטוב פון דער אייגענער היים. פאַר אַ רעכטפאַרטיקן מאַן, וואָס דאַרף לעבן צוליב נצחון, איז רחמנות אַ שוואַכקייט און אַ בזיון. דאָס מענטשלעכע לעבן איז טייער, אָבער נאָר דאָס לעבן פון אַ מענטשן, וואָס געהערט צו דעם אייגענעם שבט. דעם פרעמדנס לעבן איז הפקר. ניין, אויך טייער, אָבער אין אַן אַנדער זין. ס׳איז אַ טייערע הנאה, ווען מען קאָן עס אַוועקנעמען אומבאַשטראָפט. אין פרידלעכע צייטן איז דאָס מערסטנס פאַר־

ווערט. אין קריג, — ניט נאָר מען מעג עס, עס איז אַ מצווה: עס איז דער פאַרבאַדינג פאַר דעם ציל פון דעם קריג, פון דעם נצחון, און עס איז דער „מזומן", וועלכן דער קריג צאָלט נאָך איידער דעם לעצטן טריאומף: די בלוטיקע פרייד פון נעמען דעם אַנדערנס לעבן.

אַז אָט די בלוטיקע פרייד פון אַ קריגערישער נשמה האָט זיך נאָך ניט אויסגעוועפּט אפילו ביי די ציוויליזירטסטע פעלקער, האָט דער לעצטער וועלט־קריג באַוויזן דורך אומצאָליקע עפּיזאָדן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין אים.

פון זיי וועל איך דערמאָנען אָן איין־איינציקן קליינעם עפּיזאָד, וואָס איז מיטגעטיילט געוואָרן אין די אַמעריקאַנער צייטונגען.

ווען מיטגלידער פון דעם אַמעריקאַנער קאָנגרעס האָבן באַזוכט די אַמע־ריקאַנער טראַנשייען אין פראַנקרייך, האָבן זיך אויף דער דייטשער זייט באַוויזן אַ פאַר דייטשע קעפּ. דער אָפיצער, וואָס האָט אַרומגעפירט די קאָנ־גרעסלייט, האָט זיי גלייך געגעבן רעוואָלווערן אין די הענט מיט דער איינ־לאַדונג, אַרונטערצושיסן יענע פאַר דייטשע קעפּלעך...

איך געדענק ניט, צי די קאָנגרעסלייט האָבן אָנגענומען יענע ליבנס־ווירדיקע איינלאַדונג, אָבער דאָס איז ניט וויכטיק. וויכטיק איז די פּסיכאָלאָגיע פון דעם ציוויליזירטן אָפיצער, וואָס איז מכבד אויף אַ טעלערל זיינע געסט מיט דעם בעסטן „כיבוד", וועלכן ער קאָן זיי געבן: דעם שוימענדיקסטן „קריגס־ווין" אָקאָרשט אָנגעצאַפּט פון פאַס, די דופּטיקע פּירות, ערשט אַראָפּגעפּליקט פון בוים...

אָט דער עפּיזאָד, וועלכן די צייטונגען האָבן מיטגעטיילט אָן אַ ברעקל קאָמענטאַר, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, איז ווי אַ קליין־שפּעלטעלע אין אַ געדיכטן פאַרהאַנג, וואָס לאָזט אונדז אַריינקוקן אין דער נשמה פון אַ מאָדערנעם געבילדעטן פאָלק און זען, וואָס עס טוט זיך ביי איר „הינטערן פרוכת" פון דער קולטור.

וועגן דער בלוטיקער פרייד, וואָס די רוסישע קריגערישע נשמה האָט דורכגעשפּירט אין דער צייט פון דעם קריג און דער רעוואָלוציע, האָב איך אָן עדות די „באַבושקאַ", וואָס האָט מיר איבערגעגעבן מיינונגען פון אַ סך און אַ סך פאָלקס־מענטשן, מיט וועלכע זי האָט זיך באַגעגנט אין אירע וואַנ־דערונגען איבערן לאַנד.

— „ראַזגוליאַלאַס רוסקאַיאַ דושאַ", האָבן זיי געזאָגט, „קראָוואושקי פּאָטשויאַלאַ אָנאַ, אי ניע סקאָראָ אָנאַ אוספּאָקאָאיטסיאַ"! („עס האָט זיך פונאַנדערגעפרייט די רוסישע נשמה, בלוט האָט זי דערשפּירט און ניט גיך וועט זי זיך איינשטילן").

דאָס אַליין זיינען גויטוועגדיקע שטריכן פון אַ קריגערישער נשמה, אָבער דאָס אַלץ זיינען נאָר די שאָטן־זייטן אירע. זי האָט אויך ליכט־זייטן, און זיי לייכטן אין אַ בלענדנדיקן באַצויבערנדיקן מענטשלעכן שיין.

דער דאָרשט נאָך נצחון, וואָס איז די נשמה פון קריג, באַנוגנט זיך ניט מיט דעם טריאומף איבער דעם שונא. ער שפרייזט אַריבער די גרענעצן פון דעם אייגענעם „איך" און רופט אַרויס דעם דאָרשט פון נצחון איבער זיך אליין. ער בייגט אונטער אונטער זיין מאַכט דעם שטאַרקסטן פון אַלע אינ־סטינקטן, דעם אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג. ניט נאָר דעם פרעמדנס לעבן איז הפקר, אויך דאָס אייגענע לעבן שטעלט מען שפּילעריש אין קאָן. עס וואַקסט פון דעם אַרויס יענע נאַטירלעכע העלדישקייט, וואָס שטעקט אין דעם געזונטן פלייש־און־בלוט, אַ העלדישקייט, וואָס דאַרף ניט אָנגעטריבן ווערן מיט בייטשן פון אַ טיפער איבערצייגונג און אַ שטאַרקן ווילן.

די ליבע צו געפאַר, דאָס שטרעבן גובר צו זיין דווקא יענע שוועריקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט סכנות־נפשות, — אַ ליבע, וואָס טרייבט נאָך איצ־טער די רוזוועלטס צו גיין קעמפן אַנטקעגן ווילדע לייבן אין אַפריקע און די נאַנסענס דורכצושלאָגן זיך צום נאָרד־פּאָל „אין נאַכט און אייז", — די ליבע צו געפאַר, מאַכט אַזוי לייכט דאָס העכסטע, צו וואָס אַ מענטשלעכע נשמה קען דערגרייכן, די מדרגה פון מסירת־נפש. זי, אָט די מדרגה, איז די ליכטיקסטע זייט פון דער קריגערישער נשמה, אין אירע שטראַלן זאַמלט זיך צונויף אַלץ וואָס איז מענטשלעך אין איר.

און דער ציל פון דער מסירת־נפש איז דער העראָאיזם און דער רום. בעסער שטאַרבן ווי אַ העלד, איידער לעבן דעם טאָג־טעגלעכן וואָכעדיקן מענטשלעכן לעבן, — אָט דאָס איז דער שלוס־אַקאָרד און דער אינעווייניק־סטער תוך פון אַ קריגערישער נשמה, וואָס דאָרשט נאָך נצחון איבער זיך אַליין!

און ווי אַ ברענענדיקע איבערשריפט איבער דער לעבנס־פילאָסאָפיע פון אַזאַ נשמה לייכט אונדז אַנטקעגן יענער כלל, וועלכן אַ נאָרמאַנישער קריגס־העלד האָט אַמאָל פאָרמולירט: „ניט יעדער מענטשלעכער לעבן איז ווערט געלעבט צו ווערן".

4.

## „יששכר"

דער פיזישער נצחון איבער דעם שונא איז דער ציל פון יעדן קריג. ער איז זיין נשמה, וואָס באַלעבט אים און טרייבט אים אָן, און די דאָרשט נאָך דעם פיזישן נצחון איז דעריבער דער גרונט־וואָרצל פון אַ קריגערישער פּסיכאָלאָגיע, פון וועלכן עס וואַקסן אַרויס אַלע אירע כאַראַקטעריסטישע שטריכן: די פאַרהפקרונג פון דעם פרעמדנס לעבן און דעם פרעמדנס רעכט, די פונאַנדעררייסונג פון אַלע מענטשלעך־מאָראַלישע געבאָטן אויף דעם פרעמדנס חשבון, די פרייד פון גבורה און מאַכט, די שיכרות פון אכזריות און בלוט־דאָרשט, דער קולט פון פיזישער קראַפט. אין דער זעלביקער צייט שפּראָצט פון דעם אַרויס די דאָרשט פון נצחון איבער זיך אַליין, די ליבע צו סכנות־נפשות און צו שפּילן זיך מיט דעם אייגענעם לעבן און אַ שטרעבן צו די אידעאַלן פון העלדישקייט און מסירת־נפש.

בעסער צו שטאַרבן ווי אַ העלד, איידער צו לעבן אַ געוויינלעכן לעבן. „ליאַזשעם קאָסט׳מי! מיאָרטוויע סראַמו ניע אימוט," — „לאָמיר זיין פאַר־פאַלן מיט די ביינער! טויטע האָבן ניט קיין שאַנד", אָדער: „עס איז ניט קיין שאַנד צו זיין טויט", — אַזוי האָבן די רוסן זיך אָנגעפייערט אין קריג און פאַרטיליקט דעם נסיון זיך אונטערצוגעבן דעם שטאַרקערן שונא, פּנים לפנים מיט דעם אומפאַרמיידלעכן טויט. דער טויט אויפן פעלד איז אַ שיינדל, און ביי פילע פעלקער גייען אַריין אין גן־עדן נאָר די, וואָס זיינען געפאַלן אויף דעם שלאַכטפעלד. און אין גן־עדן וואַרט אויף זיי אַלץ, וואָס זיי וואָלטן געקאָנט האָבן אויף דער וועלט נאָך אַ זיגרייכן קריג: רייכטום און שיינע יונג־פרוילעכע פרויען.

שטאַרבן אויפן פעלד איז אַ שיינדל; אַנטלויפן פון דער שלאַכט אָדער זיך אַרויסדרייען פון איר, איז אַ שאַנד, וואָס קאָן קיינמאָל ניט אָפּגעווישט ווערן.

אין דעם אַלט־גריכישן ספּאַרטאַ פלעגט אַ מוטער דערלאַנגען דעם פאַנ־צער דעם זון, וואָס ציט אין קריג, און פלעגט דערביי זאָגן: „מיט אים אָדער אויף אים!" דאָס האָט באַטייט: „אָדער קום צוריק ווי אַ לעבעדיקער העלד, וואָס האָט ניט געוואָרפן זיין פאַנצער אין פליען פונעם פיינט, אָדער זאָל מען דיך ברענגען אַהיים ווי אַ געפאַלענעם העלד, אויף דיין פאַנצער".

„בעסער טויט, איידער אַ שקלאַף", איז געווען אַ ווערטל ביי די נאָרד־גערמאַנען.

אַט די קריגערישע פסיכאָלאָגיע ווערט געקרוינט מיט אַן אַלגעמיין־פּי־לאָסאָפישן בליק אויף אַ מענטשלעכן לעבן, וואָס איז פאָרמולירט געוואָרן פון אַ נאָרמאַנישן קריג־פירער אין די ווערטער: „ניט יעדער לעבן איז ווערט געלעבט צו ווערן".

אויף די נידעריקע אַנטוויקלונגס־שטופן פון די קריגערישע פעלקער איז דער אידעאַל פון אַ מענטשלעכער חשיבות, וואָס מאַכט דאָס לעבן ווערט געלעבט צו ווערן, נאָך רוי און פרימיטיוו: דאָס איז דער אידעאַל פון אַ שוימענדיקן, ברויזנדיקן לעבן, איינגעטיילט אין קאַמף און מסירת־נפש בעתן קריג, אין בלוטיקע פרייד, שיכרות און ניט איינגעצאַמטע אכזריות אין די מאָמענטן פון טריאומף איבערן פיינט, און אין שפּיל, געזאַנג און זיסע מחזקות מיט פרויען — אין די צייטן פון פרידן: אין דעם „איש הישר בעיניו יעשה": דעם פרייען לעבן נאָך דעם אייגענעם פאַרשטאַנד און געלוסט. אַהער־צו געהערן אויך די אויפפאַסונג אויף די אייגענע געשעפטן, די איבערוואַ־כונג פון דער שקלאַפן־ווירטשאַפט און אַרויספרעסונג פון דעם שקלאַף און דער שקלאַפין אַלץ וואָס מען קאָן האָבן פון זיי אין דעם פרט פון עקאָנאָמישן פאַרטייל אָדער אין דעם פרט פון תאוות און געניוס.

אויף די העכערע אַנטוויקלונגס־שטופן, ווען דאָס נשמה־לעבן געווינט די אויבערהאַנט איבער די געוויינלעכע פיזיאָלאָגישע און פסיכישע פּראָצעסן פון דעם קערפער, בייט זיך דער אידעאַל פון מענטשלעכער חשיבות, ניט פאַרלירנדיק זיין גרונט־כאַראַקטער.

„ניט יעדער לעבן איז ווערט געלעבט צו ווערן". מיט וואָס זאָל דען זיין אַנגעפילט די מענטשלעכע נשמה פון יעדן פרייען מענטשן, אַז דאָס לעבן זאָל פאַר דעם יחיד זיין ווערט געלעבט צו ווערן?

די שאלה שווימט אַרויף ביי דעם געבילדעטסטן פון אַלע קריגערישע פעלקער, ביי די גריכן, און — דער עיקר — ביי דעם געניאַלסטן שבט פון די גריכן (און פון דער גאַנצער וועלט!) ביי די אַלטע אַטענער.

און דער ענטפער אויף דער שאלה איז די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער גריכיש־אַטענישער קולטור, וואָס ווערט דער מוסטער פאַר דעם גאַנצן ווייַ־טערדיקן פּראָגרעס פון דער מענטשהייט.

די נשמה, — זאָגט יענער ענטפער, — דאַרף לעבן אין יענע העכערע עולמות, וואו זי קאָן פונאַנדערוויקלען אַלע אירע פרייע באַשאַפערישע כוחות: ערשטנס, אין אַלע אַרטן קונסט, וואו דער מענטש שאַפט איבער די נאַטור, וואו זי ווערט אין זיינע הענט „ווי אַ ליים אין די הענט פון אַ באַשאַפער", וואו ער צווינגט זי אויסצודריקן זיינע מענטשלעכע געדאַנקען און אידעאַלן, און צווייטנס, אין דער פילאָסאָפישער באַטראַכטונג פון דער וועלט, וואו דער

מענטש וויל אַראָפּרייסן אַלע פּאָרהאַנגען, וואָס פאַרשטעלן דעם באַשאַף.

פריי־דענקענדיקע פילאָסאָפיע און פריי־שאַפנדיקע קונסט, וואָס ווייסן אויף זיך ניט קיין אײן רעליגיעזן איבער־האַר, וואָס געהאָרכן דעם געבאָט נאָר פון דעם מענטשנס פרייד איבער זיין גבורה און מאַכט, —

אָט דאָס איז דער „עישו".

און ווען איך געברויך דאָ דעם אויסדרוק „יעקב", מיין איך ניט דעם גאַנצן יידישן פאָלק, נאָר יענע טיילן פון די „בני־ישראל", וואָס האָבן פון די אוראַלטע צייטן אָן געטראָגן אויף זיך די חתימה פון דער ריין־פרידלעכער פּסיכאָלאָגיע און וואָס די זעלביקע חתימה האָט זיך זיי איינגעגעבן אַרויפ־צודריקן אויף דעם באַוואוסטזיין און די לעבנס־אַנשויאונגען פון דעם גאַנצן פאָלק.

די פּסיכאָלאָגיע פון אַ ריין פרידלעכן פאָלק האָט ניט אין זיך יענע אָפּ־גרונטן און הייכן, וואָס בילדן די ראָמאַנטישע באַרגיקע געגנט פון אַ קריי־גערישער נשמה. די געגנט פון „יעקבס" נשמה איז גראָז־לאַנד, און קיינמאָל קאָן זי ניט אַריינפאַלן אין „עישוס" בלוטיקע אָפּגרונטן.

אויב „עישו" איז אַ מענטש פון „על חרבך תחיה" — פון לעבן דורך שווערד, איז „יעקב" אָן „איש תם, יושב אוהלים". אויב „עשיוס" נשמה דאַרשט נאָך אַ ברויזנדיקן, שוימענדיקן, קריגעריש־אַקטיוון לעבן, איז „יעקבס" העכסטער לעבנס־אידעאַל די רו, די העברייאישע „מנוחה". די „מנוחה" איז פאַר אים דער העכסטער „נחת", און דאָס וואָרט „נחת" שטאַמט פון דעם זעלביקן וואָרצל, וואָס דאָס וואָרט „מנוחה".

„און יששכר האָט געזען, אַז די „מנוחה" איז גוט... און ער האָט אונ־טערגעבויגן זיין אַקסל צו דולדן און איז געוואָרן אַ צינז־צאָלנדיקער קנעכט", שטעכלט זיך אָן אַלטער קריגערישער דיכטער. אָבער יששכרס פּסיכאָלאָגיע האָט באַקומען די איבערהערשאַפט ביי דעם גאַנצן פאָלק.

ערגעץ טרעט דאָס ניט אַרויס אַזוי קלאָר, ווי אין דער לעגענדע וועגן דעם אויפבוי פון דעם ערשטן בית־המקדש. געדאַרפט האָט אים בויען דוד, יענער וואונדערזאַמער קריגס־העלד, אין וועמעס נשמה עס האָבן תמיד געשטריטן צווישן זיך די קריגערישע און פרידלעכע עלעמענטן, און וועמען יואב, זיין ביסמאַרק, זיין „אייזערנער קאַנצלער", דער בראַנזענער אָפגוס פון אַ ריין קריגערישן טיפ, פלעגט דאַרפן אין די שפּעטערע צייטן אויפרייצן צו אַ קריגערישער טאָט. געבויט דעם בית־המקדש האָט ניט דוד, נאָר זיין זון שלמה, און אָט ווי די לעגענדע דערקלערט דאָס:

„און דוד האָט געזאָגט צו זיין זון שלמה: איך האָב אַליין געוואָלט

בויען אַ הויז צוליב דעם נאָמען פון יאַהוועה מיין גאָט, האָט אָבער גאָט מיר געשיקט זיין וואָרט: בלוט פול און פיל האָסטו פאַרגאָסן און גרויסע מלחמות האָסטו געפירט. דו זאָלסט ניט בויען קיין הויז אין מיין נאָמען, ווייל פיל בלוט האָסטו פאַרגאָסן אויף דער ערד. אָבער זע, אַ זון וועט ביי דיר געבאָרן ווערן — ער וועט זיין אַ מאַן פון רו („איש מנוחה״)... ער זאָל פאַר מיין נאָמען בויען אַ הויז״ (דברי הימים א׳, כ״ב).

דער קריגס־גאָט יאַהוועה, דער גאָט פון די חיילות (ד׳ צבאות), דער „קריגסמאַן״ (ד׳ איש מלחמה) קאָן ניט אַריבערטראַגן, וואָס זיינער אַ קריגס־העלד, וואָס האָט געפירט זיינע מלחמות, האָט פאַרגאָסן בלוט אויף דער ערד!

אַזאַ אויפפאַסונג קאָן אויפקומען נאָר ביי „יששכרן״. און מיט דעם נאָמען ווען מיר פון איצטער אָן אָנרופן דעם ריין פרידלעכן פסיכישן טיפּ.

אַ קריגערישע פסיכאָלאָגיע וואָלט דאָס בשום אופן ניט פאַרשטאַנען. אדרבה! ווער האָט נאָך מער פאַרדינט דעם כבוד צו בויען אַ הויז דעם קרי־גערישן גאָט, אויב ניט דער, וואָס האָט פאַרגאָסן בלוט פול און פיל און גרויסע מלחמות געפירט!

און אָן אַנדער לעגענדע לאָזט שלמהן בענטשן גאָט אין דעם ניי־אויפגע־בויטן הויז, פאַרוואָס ער האָט געשענקט רו צו זיין פאָלק ישראל („ברוך ד׳ אשר נתן מנוחה לעמו ישראל״).

„מנוחה״ און „שלווה״, — רו און זיכערקייט, — איז אויף דורות און דורות געווען די בענקשאַפט פון יששכרס נשמה, און דאָס זיסטע ליד פאַר אים זיינען די ווערטער: „בנאות דשא ירבצני, על מי־מנוחות ינהלני״; „אויף דעם שענסטן גראָז מאַכט ער מיך הויערן, צו די שטילסטע וואַסערן טוט ער מיך פירן״.

אויב „עישו״ האָט זיך אין זיין לעבנס־פילאָסאָפיע דערטראַכט, אַז ניט יעדער לעבן איז ווערט געלעבט צו ווערן, האָלט „יששכר״, וועמען די שפּע־טערע יידישע לעגענדע לאָזט זיצן „על התורה ועל העבודה״, אַז יעדער מענטשלעכער לעבן איז ווערט געלעבט צו ווערן, און עס קאָן קיין ערגערע זאַך אויף דער וועלט ניט זיין, ווי דער טויט. די לערע פון זיין גאָט רופט ער אָן „תורת חיים״, אַ לערע פון לעבן. „וחי בהם!״ — „און ער זאָל לעבן דורך זיי!״ זאָגט זיין הייליק בוך וועגן די מצוות, וועלכע ער דאַרף פאָלגן, און די עבירות, וועכע ער דאַרף אויסמיידן, „ובחרת בחיים״ — „קלייב אויס דעם וועג פון לעבן!״ — וואָרנט אים זיין געזעצגעבער.

ווייסט יששכר עפּעס וועגן די פליכטן פון העראָאיזם, וואָס פאָדערן, מען זאָל בעסער שטאַרבן ווי אַ העלד, איידער לעבן אַ געוויינלעכן לעבן? ניין! אַ טויטער העלד איז פאַר אים ערגער, איידער אַ לעבעדיקער הונט („כי לכלב

חי הוא טוב מן האריה המת״ — דעם לעבעדיקן הונט איז בעסער איידער דעם טויטן לייב. קהלת, ט׳).

העלדישקייט איז ניט קיין פליכט, פלאַטערן פאַרן טויט — ניט קיין שאַנד. לויט דעם געזעץ־בוך „דברים״, — אַן אוטאָפּיע, וואָס איז אגב קיינמאָל ניט אַריינגעפירט געוואָרן אין לעבן, — דאַרף מען, ווען דער יידישער חייל קלייבט זיך צונויף, אויסרופן: „יעדער איינער, וואָס האָט געבויט אַ נייע הויז, אָדער געפלאַנצט אַ נייעם גאָרטן, אָדער פאַרקנסט אַ פרוי, זאָל זיך אומקערן אַהיים״, און אויף דאָס נאָך: „יעדער איינער, וואָס איז ציטעריק און ווייך־האַרציק, זאָל גיין צוריק אַהיים, און זאָל ער ניט צעפלאָסן מאַכן דאָס האַרץ פון זיינע ברידער, ווי זיין אייגן האַרץ״ („מי האיש הירא ורך הלבב ילך וישב לביתו ולא ימס לבב אחיו כלבבו״. דברים כ׳).

שטעלט זיך פאַר, מען וואָלט אַזאַ זאַך געלאָזט אויסרופן פאַר דעם ספּאַר־טאַנישן חייל! זיי זאָלן טראַכטן, גייענדיק אין קריג וועגן הויז, ווייב און ווייגאָרטן! זיי זאָלן גאָר צולאָזן דעם געדאַנק, אַז צווישן זיי קאָן זיך געפינען אַ האָזענע נשמה, וואָס וועט מיט איר פּחדנות צעפלאָסן מאַכן דעם העלנדמוט פון די ברידער! דאָס וואָלט געווען די ערגסטע באַליידיקונג, וואָס קאָן אָפּ־געוואַשן ווערן נאָר מיט דעם בלוט פון דעם באַליידיקער. און נאָך עד־היום וואָלט אַ מאָדערנער פאָלק ניט געקאָנט אַריבערטראָגן אַזאַ שאַנד. מען קאָן זיין זיכער, אַז ווען אַ וועלכער עס איז געזעצגעבער וואָלט אַרויסגעלאָזן אַ געזעץ, אַז אויף דעם גרונט פון פלאַטערניש און ווייכהאַרציקייט קאָן איינער פּאַטערן זיין באַפרייאונג פון קריגס־דינסט, וואָלט זיך קיין איינער ניט געפונען, וואָס זאָל זיך וועלן באַנוצן מיט אָט דעם רעכט. און ווער עס וואָלט זיך יע באַנוצט, וואָלט זיך פון שאַנד ניט געהאַט וואו אַהין צו טאָן.

„יששכר״ זעט אָבער ניט אין דעם קיין ברעקל באַליידיקונג. „בעסער אַ שאַנד אין פּנים, איידער אַ קרענק אין בויך!״ — זאָגן זיינע אור־אור־אייניק־לעך נאָך דעם היינטיקן טאָג. ס׳איז ניטאָ וואָס צו שעמען זיך מיט דער פלאַטערניש. סכנות־נפשות איז ניט קיין קאַטאָוועס. עס איז „סאַ־קאָ־נעס־נע־פאָ־שעס!!״ מען שפּילט זיך ניט מיט אַ מענטשלעכן לעבן. יעדער לעבן איז ווערט געלעבט צו ווערן. אַ לעבעדיקער הונט איז בעסער פון אַ טויטן לייב. און מיין פלאַטערניש פאַר מיין אייגענעם לעבן גייט ביי מיר האַנט־אין־האַנט מיט „ווייכהאַרציקייט״, מיט רחמנות אויף דעם אַנדערנס לעבן. און וואָס קאָן זיין חשובער פאַר אַ מענטשלעך האַרץ, איידער געפיל פון רחמנות? אָבער גראָד פאַר דעם געפיל פון רחמנות, פאַר אָט דער „ווייבערישקייט״ אין דעם מאַן, שעמט זיך עֵשׂו...

5.

# די פרידלעכע פסיכאָלאָגיע אין איר נידער און איר הייך

די נשמה פון אַ קריגערישן פאָלק, — דערהויפּט ווען ער דערגרייכט די העכערע שטופן פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, — איז ווי אַ ראָמאַנטיש באַרג־לאַנד, מיט פאַרפירערישע אָפּגרונטן און שווינדלדיקע הייכן. דער גרונט פון אַ פרידלעכער פאָלקס־נשמה איז פלאַכלאַנד, גראָז־לאַנד.

אַ פרידלעך פאָלק גלייבט, אַז לעבן איז דאָס העכסטע גוטס אויף דער וועלט. יעדער לעבן איז ווערט געלעבט צו ווערן, און אַ לעבעדיקן הונט איז בעסער, איידער אַ טויטן לייב. ער האַלט ניט פון ליבע צו געפאַר, צוליב דעם פּסי־כישן אויפרודער, צוליב דעם שפּיל אין נצחון, צוליב דער פרייד פון גבורה און מאַכט, וואָס זי ברענגט מיט זיך. ער פאַרוואַרפט דעם העראָאיזם צוליב העראָאיזם.

עס ציען אַרום איבערן לאַנד „אברהם" און „לוט".ביידע פעלקער זיינען רייך אין שאָף און אין רינדער און אין געצעלטן. „האָט דאָס לאַנד ניט געקאָנט פאַרטראָגן זייער זיין אינאיינעם... איז אויסגעבראָכן אַ שטרייט צווישן אברהמס פּיטערער און לוטס פּיטערער. זאָגט אברהם צו לוטן: זאָל ניט זיין קיין קריגעריי צווישן מיר און דיר, צווישן מיינע פּיטערער און דיינע. מיר זיינען דאָך ברידער (הלא אנשים אחים אנחנו). איז ניט דאָס גאַנצע לאַנד אָפן פאַר דיר? לאָמיר זיך צעשיידן: גייסטו לינקס, גיי איך רעכטס: גייסטו רעכטס, גיי איך לינקס" (בראשית, י"ג).

ביי אַ קריגערישן פאָלק, ביי וועמען דער נצחון איז טייערער פאַר אַלץ און דער קריג איז אַ יום־טוב, וואָלט אַזאַ עפּיזאָד געווען אוממעגלעך. מיר קאָנען ניט לעבן אינאיינעם? איז לאָז דער, וועמען עס איז ענג, אַוועקגיין. און ענג מאַכן דעם אַנדערן קאָן דער, ווער עס איז דער שטאַרקערער. איז לאָמיר זען ווער־וועמען. און אויב דו ווילסט גיין לינקס, וויל איך דווקא לינקס.

אַזוי האָבן די קריגערישע פעלקער פון כנען אַרומגעטריבן פון אָרט צו אָרט דעם פרידלעכן „יצחק", פאַרשיטנדיק אַלע ברונעמס, וועלכע ער האָט געגראָבן.

דאָס הייסט ניט, אַז די פרידלעכע פעלקער מוזן אַלע מאָל אָפּטרעטן זייער פּלאַץ, אין שטענדיקער בענקשאַפט נאָך מנוחה און שלום. אויך אַ סך

גראָז־פּרעסער אין דער נאַטור האָבן הערנער און האָרן־פּיס צו פּאַרטיידיקן זייער לעבן אין אַ צייט פון אַן אָנפּאַל. אַזוי האָט אויך „אברהם״ באַוויזן וואונדער פון קוראַזש און גבורה, ווען ער האָט געדאַרפט צוריק אָוועקנעמען, וואָס מען האָט ביי אים גערויבט.

זיין לעבנס־אידעאַל אָבער איז ניט דער קריג, נאָר די מנוחה, שלווה ושלום (רו, זיכערקייט און פרידן). יעדער פרידלעכער פאָלק וואָלט מסכים געווען מיט דעם יידישן ווערטל: „אַז מען קאָן ניט אַריבער, מוז מען אַרונ־טער״, אָבער דאָס זאָל נאָר פירן „לחיים ולשלום״, צו לעבן און צו פרידן.

איז דאָ ביי די פרידלעכע פעלקער אַ קולט פון פיזישער קראַפט, ווי מיר האָבן דאָס געזען ביי די קריגערישע? ניין, וויניקסטנס, ניט ביי אַלע. זיכער איז אַזאַ זאַך ניט געווען ביי די פרידלעכע שבטים פון דעם יידישן פאָלק. די קריגערישע שבטים האָבן אַמאָל גראָד פאַרשטאַנען דעם ווערט פון פיזישער גבורה און מוסקל־פלינקייט, און בנימין „דער וואָלף״ האָט געהאַט גבורים, וואָס פלעגן קאָנען „צילן מיט אַ שטיין אין אַ האָר און ניט פאַרפעלן״ (קלע באבן אל השערה ולא יחטא).

אָבער ווען די פרידלעכע פּסיכאָלאָגיע האָט גענומען די אויבערהאַנט איבער דער קריגערישער, איז די הויכשאַצונג פון פיזישער קראַפט פאַר־שוואונדן. אַנשטאָט דעם קולט פון פיזישער גבורה איז אויסגעוואַקסן דער קולט פון גייסטיקער גבורה, מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז דיביידע גבורות קאָנען ניט פאַראייניקט ווערן האַרמאָניש אינאיינעם, „תורה מתששת כוחה של אדם״, די תורה שוואַכט אָפּ דעם מענטשלעכן כוח. מען מוז אויסקלייבן, תורה אָדער גבורה; און עס פאַרשטייט זיך, אַז „תורה״ שטייט אויף אַ העכע־רער מדרגה, איידער די פיזישע קראַפט.

ביי אַ פרידלעכן פאָלק, וואָס קאָן זיך ניט פאַרלאָזן אויף דער גבורה פון יעדן איינצלנעם, מוז אויסוואַקסן אַ שטרעבן צו אַ שטאַרקערער געזעל־שאַפטלעכקייט, אַוועקצושטעלן דעם „כלל״ אין אַלע פּרטים העכער פאַר דעם „פּרט״. געוויס, זיינען אויך ביי די קריגערישע פעלקער, אויף די נידעריקע שטופן פון דער אַנטוויקלונג, די אינטערעסן פון דעם „כלל״ אַלע מאָל גע־שטאַנען העכער פאַר די אינטערעסן פון דעם פּרט: דער „יחיד״ האָט אומעטום נאָר זייער שפּעט זיך געקאָנט אַרויסוויקלען פון די בענדער, מיט וועלכע דער גאַנצער שבט איז געווען צונויפגעבונדן אינאיינעם.

אָבער ביי די פרידלעכע פעלקער זיינען יענע בענדער געווען אַ סך שטאַר־קער, איידער ביי די קריגערישע: ווי מיר זעען דאָס אויך אין דער נאַטור, וואו די סאָציאַלע אינסטינקטן זיינען מער אַנטוויקלט ביי די גראָז־פּרעסער איידער ביי די פלייש־פּרעסער.

דאָס שטילע, רואיקע, מאָנאָטאָנע, „גראָז־פיטערישע" לעבן פון אַ פריד־לעבן פאָלק איז אויך ניט אַזוי מסוגל אַרויסצוברענגען פאַרשיידנאַרטיקע אינ־דיווידועך, איידער דאָס ברויזנדיקע, פּאַסירונג־רייכע לעבן פון אַ קריגערישן שבט.

דאָס באַוואוסטזיין פון דער פיזישער שוואַכקייט און אומבאַהאָלפנקייט פון דעם יחיד פאַרשטאַרקט ניט נאָר דעם סאָציאַלן אינסטינקט, דאָס שטרעבן צו האַלטן זיך אָן דעם כלל און צו פאַרשווינדן אין אים. דאָס ווירקט אויך אויף די רעליגיעזע פאָרשטעלונגען פון אַ פרידלעכן פאָלק. מער פאַר אַלעמען נייטיקט ער זיך אין אַן איבערנאַטירלעכן שוץ, און זיין אייגענע שוואַכקייט וועט אים איינרוימען אַ סוד אין אויער, ער זאָל צווישן אַלע געטער אויס־קלייבן גראָד דעם שטאַרקסטן און דעם קריגערישסטן, ווייל גראָד יענער גאָט קאָן אים פאַרזיכערן די אַזוי הייס־געוווינטשטע „מנוחה", די רו און זיכערקייט פון דעם אָרום.

עס איז דאָ אַ סך טעמים אָנצונעמען, אַז דער „יאַהוועה־קולט", דער קולט פון דעם „קריגס־גאָט יאַהוועה" (ד' איש מלחמה) איז ניט געבאָרן געוואָרן ביי דעם יידישן פאָלק. די בני־ישראל האָבן אים אַריבערגענומען פון ערגעץ־וואו. דאָס זעט זיך אויך קלאָר פון יענער לעגענדע, וואָס דער־ציילט, אַז דער גאָט יאַהוועה איז אַריינגעטראָטן אין אַ בונד פריער מיט אברהמען און דערנאָך מיט די בני־ישראל אין דעם מדבר. מיט אַ גאָט, וואָס ווערט געבאָרן אין זיין אייגענער סביבה, דאַרף אַ פאָלק ניט אַריינטרעטן אין דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען און פאַרבינדונגען. ערשט די פרידלעכע פּסיכאָלאָגיע, וואָס האָט גענומען הערשן ביי זיי, האָט מיט דער צייט פאַר־וואַנדלט דעם קריגס־העלד אין אַ גאָט פון „גערעכטיקייט", פון „פרידן" און פון סאָציאַלע טוגנטן.

די אינטערעסן פון דעם כלל גיסן זיך דאָ אויף אַזאַ אופן אינגאַנצן צונויף מיט די אינטערעסן פון דעם רעליגיעזן לעבן. גאָט, דער האַר, פאַרלאַנגט פון זיינע דינער די פולסטע אונטערטעניקייט. דערפאַר פאַרזיכערט ער אים לעבן, „לאַנגע טעג" (אריכת ימים) און שלום פון דעם אָרום

דאָס אונטערדריקט נאָך אין אַ גרעסערן מאָסשטאַב די אינדיווידואַליטעט און דעם פרייהייטס־דראַנג פון יעדן איינצלנעם, — אויב אַזאַ פרייהייטס־דראַנג איז נאָך בכלל פאַראַן ביי אַזאַ ריין פרידלעכן פיטערער־פאָלק, — און ער קאָן זיך בשום אופן ניט פאַרשטעלן דאָס לעבן פון אַ „פרייען קאָזאַק", דעם „איש הישר בעיניו יעשה", יענעם אידעאַל פון פערזענלעכער פריי־הייט, וואָס איז געבאָרן געוואָרן ביי אַ סך קריגערישע פעלקער (דער עיקר: די גערמאַנען).

צוגעוואָקסן מיט דעם נאָפּל צו די איינפּאַכע, רואיקע און פרידלעכע באַדינגונגען פון דעם לעבן און צו דעם לעבן גופא, קאָן אַזאַ פאָלק זיך דערהייבן צו יענער מסירת־נפש, וואָס ווערט דיקטירט דורך דער העכסטער געפאַר פאַרן כלל אָדער דורך דעם געבאָט פון דער גאָטהייט. אין אַזאַ פאַל ווערט דער העראָאיזם אַ קרבן, געבראַכט אין פרומער הייליקייט, און די וואָס ברענגען אים זיינען קדושים, ווייל זיי גיבן אַוועק, — אָדער ווייל ביי זיי ווערט אַוועקגענומען, — די העכסטע גוטס: דאָס לעבן.

דאָס רוב פרידלעכע פעלקער האָבן אין זייער פסיכאָלאָגיע זיך ניט דערהויבן איבער אָט דער גרין־גראָזענער וועלט־אַנשויאונג. עס וואָלט אַ פרידלעכן פאָלק ווייניק געהאָלפן דער פאַקט, וואָס ער פירט אַ „גערעכטן״ קאָמוניסטישן לעבן אין געצעלטן, וואָס ער איז אַן „איש תם, יושב אוהלים״. אַזעלכע קאָמוניסטיש לעבנדיקע געצעלטן־פעלקער זיינען געוועזן אַ סך אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט: זיי זיינען נאָך עד־היום פאַראַן אין אַ גרויסער צאָל: סיי פון דעם קריגערישן טיפּ, סיי פון דעם פרידלעכן. און זיי האָבן געהאַט גאַנץ אָפטע געלעגנהייטן צונויפצושטויסן זיך אין לעבן מיט די העכער אַנטוויקלטע קולטורן, וועלכע די ציוויליזירטע קריגערישע פעלקער האָבן אַנטוויקלט. עס האָט זיך אָבער זיי ניט איינגעגעבן צו פאַר־וואַנדלען זייער נאַציאָנאַלן גאָט אין אַ וועלט־גאָט און די נאַטירלעכע סאָציאַ־לע אינסטינקטן — אין אַ טיף דורכגעטראַכטן סיסטעם פון אַ נייער וועלט־און־לעבנס־אַנשויאונג.

דאָס איז אָבער געשען מיט דעם יידישן פאָלק. טריי צו די יסודות פון זיין פרידלעכער לעבנס־אַנשויאונג, וואָס האָט אים קיינמאָל ניט געלאָזט אַראָפּזינקען אין די בלוטיקע אָפּגרונטן פון אַ קריגערישער פסיכאָלאָגיע, האָט ער יענע יסודות פאַרוואַנדלט אין אַ נייער ברייטער און הויכער וועלט־אַנשויאונג, וואָס האָט זיך רעוואָלוציאָנער אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן דער הערשנדיקער קריגערישער, האָט אויפגעהויבן דעם קאַמף אַנטקעגן איר, און אַרויפגעצוואונגען אויף איר אירע אייגענע פרידלעכע גרונט־פּרינציפּן, — אויף אַזויפיל, אַז זיי זיינען געוואָרן די הערשנדיקע, ווען ניט אין לעבן, איז לפּחות, אין דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין.

איז דאָס געשען אפשר דערפאַר, וואָס צווישן די בני־ישראל זיינען געווען ניט נאָר יששכר, דער גראָז־עסנדיקער „קנאָכיקער אייזל״, נאָר אויך די „פלייש־עסער״ יהודה, „דער לייב״, בנימין, „דער וואָלף״ און דן, דער „וויפּער־נאָטער״? האָט די ברויזנדיקע אַקטיוויטעט פון יענע קריגערישע שבטים אַריינגעפלייצט נייע ענערגיע־קוואַלן פון אַנטוויקלונג אין דער פסיכאָלאָגיע פון דעם „איש תם״, האָט זי פאַרסמט מיט דעם דאָרשט נאָך נצחון, העראָאיזם

און אַ קלינגענדיקן וועלט־נאָמען און האָט זי אויפגעבייטשט מיט דער פרייד פון גבורה און מאַכט און מיט דער ליידנשאַפט צו וועלט־הערשאַפט, וואָס זיינען ביי איר, ביי דער פרידלעכער פסיכע, גלייך מגולגל געוואָרן אין אַ פרייד פון גייסטיקער גבורה און מאַכט און אין אַ ליידנשאַפט צו אַ גייסטיקער און מאָראַלישער וועלט־הערשאַפט, צו אַ גייסטיקער און אַ מאָראַלישער „אויסדערוויילטקייט״?

אָדער טראָגט די גראָזיקע נידער פון דער ריין פרידלעכער, צום לעבן אַזוי צוגעבונדענער נשמה, די עלעמענטן פון דעם אויפקום אין זיך גופא, מער ניט, וואָס פון אַלע פרידלעכע פעלקער, האָבן נאָר די פרידלעכע שבטים פון די בני־ישראל געהאַט דעם שאַנס באַפליגלט צו ווערן און צו אויפהייבן זיך אויף אַזאַ הייך?

ווער קאָן איצטער פאַרענטפערן אַזאַ פאַרפלאָנטערטע שאלה! בלייבן מיר ביי דעם פאַקט. דער פאַקט איז אָבער, וואָס די אומגעהייערע צוגעבונדנ־קייט צו דעם אייגענעם לעבן, האָט ביי דעם יידישן פאָלק אַרויסגעבראַכט אַ וועלטלעכע לעבנס־אַנשויאונג, וואָס האָט אין דעם צענטער אַוועקגעשטעלט די הויכשעצונג פון אַ מענטשלעכן לעבן בכלל און די זאָרג פאַר אַ מענטשלעכן לעבן. אָבער דער פאַקט איז אויך, אַז אָט די וועלט־און־לעבנס־אַנשויאונג האָלט אין איין רעוואָלוציאָנירן די גאַנצע פסיכיק פון דער גאַנצער מענטשהייט.

6.

## דער נביאימשער פרידנס־אידעאַל

אין דעם גאַנג פון דער נאַטירלעכער עוואָלוציע האָט זיך פון דער טויטער, פאַסיווער מאַטעריע אַרויסגעוויקלט די מער אַקטיווע ממשלה פון לעבעדיקע ברואים. די ביאָלאָגישע וועלט ווידער איז זיך פונאַנדערגע־גאַנגען אין אַ פאַסיווערער פלאַנצן־וועלט, און אַן אַקטיווערער וועלט פון חיות. די זאָאָלאָגישע וועלט האָט זיך פון איר זייט צעשיידט אין פרידלעכערע גראָז־עסער און רויבערישע פלייש־פרעסער. פון די גראָז־עסער שטאַמט אָפּ דער מענטש, וואָס האָט אויסגעבויט זיין אייגענע ממשלה אין דער נאַ־טור: די אַנטראָפּאָלאָגישע. אָבער אויך זי האָט זיך פונאַנדערגעשפּאָלטן אין צוויי פעלקער־פסיכאָלאָגישע טיפּן: דעם טיפּ פון קריגעריש פעלקער

(„עישו״) און דעם טיפּ פון פרידלעכע („יעקב״). יעדער טיפּ האָט זיין בליק אויפן לעבן און זיין וועג אין אים.

דער גרונט־שטריך פון עשיוס נשמה איז „על חרבך תחיה״: „לעב אויפן שווערד״. אין דער שטענדיקער אָנגעגרייטקייט צום טויט, וואָקסט ביי אים אַרויס די איבערצייגונג, אַז „ניט יעדער לעבן איז ווערט געלעבט צו ווערן״. טייערער פאַרן לעבן איז פאַר אים דער ניצחון איבערן שונא. זיין נשמה האָט טיפע בלוטיקע אָפּגרונטן, און ווען זי לעבט אין יענע אָפּגרונטן, דוכט זיך איר, אַז נאָר אַזאַ לעבן איז ווערט געלעבט צו ווערן, וואָס איז פול מיט פרייד פון גבורה און מאַכט; וואָס ברענגט מיט זיך אַ ברוטאַלע טעטיקייט, אַ פונאַנדערצאַמונג פון אַלע ליידנשאַפטן בכלל און דער תאווה־לוסט פון אכזריות בפרט; וואָס ווייסט, אַז דעם פּרעמדנס לעבן איז לגמרי הפקר, ווייל אויך דער אייגענער ווערט ניט אַבסאָלוט געשעצט.

די קריגערישע נשמה האָט אויך אירע הייכן און באַרג־שפּיצן, וועלכע שפּילן אַן אַלץ גרעסערע ראָליע, וואָס העכער דאָס פאָלק שטייגט אין זיין ציוויליזאַציע. דער דאָרשט נאָך ניצחון איבער דעם שונא פאַרוואַנדלט זיך אין אַ דאָרשט נאָך ניצחון איבער זיך אַליין. עס ווערט באַשאַפן אַ קולט פון פיזישער קראַפט, מיט אַ ליבע צו געפאַר, מיט אַ ברענענדיקער תשוקה נאָך העלדישקייט און רום, און מיט דער שטאַלנדיקער טוגנט פון מסירת־נפש. אויף נאָך אַ העכערער מדרגה זוכט אַזאַ נשמה צו געפינען אַ נייעם ענטפער אויף דער שאלה, וועלכער לעבן איז ווערט געלעבט צו ווערן, און געפינט אויס, אַז נאָר אַזאַ לעבן פאַרדינט דעם נאָמען מענטשלעך לעבן, וואָס קאָן אָנגעפילט ווערן מיט די העכסטע גייסטיקע תענוגים פון אמת און שיינקייט, מיט די פּראָדוקטן פון וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע און קונסט. — אירע הייכן האָט די קריגערישע נשמה שוין דערגרייכט אין די צייטן פון אַלט־גריכנלאַנד און רוים.

„יעקבס״ נשמה האָט ניט קיין בלוטיקע אָפּגרונטן: איר גרונט איז גראָז־לאַנד. עס איז ביי איר קיין שאלה ניט, צי איז יעדער לעבן ווערט געלעבט צו ווערן: „ובחרת בחיים״, „קלייב אויס דאָס לעבן״. זי ווייסט ניט פון ליבע צו געפאַר. די הויפּט־זאַך פאַר איר איז „מנוחה ושלווה״ (רו און זיכערקייט), „חיים ושלום״ (לעבן און פרידן). איר אידעאַל איז, „על נאות דשא ירביצני, על מי מנוחות ינהלני״, — געהויערט ווערן אויף דעם שענסטן גראָז, געפירט ווערן צו די רואיקסטע וואַסערן.

אין אירע נידערונגען ווערט זי ניט נתפעל פון העלדישקייט און פון אַ העראָאישן טויט. אַ לעבעדיקן הונט איז בעסער, איידער אַ טויטן לייב. זי

האַלט ניט פון פיזישער גבורה און פון אינדיווידועלער גרייס. ווי דאָס רוב גראַז־עסער אין דער נאַטור אַנטוויקלען אויך די פרידלעכע פעלקער דעם העכסטן גראַד פון סאָציאַלע אינסטינקטן.

האָט די פרידלעכע נשמה אויך אירע הייכן, פון וועלכע עס ווערן אַריינ־געשאַלט אין דער מענטשהייט נייע לעבנס־פּרינציפּן, וואָס באַשטימען דעם גאַנג פון איר פּראָגרעס?

עס איז נאָך ניט געווען קיין פאַל אין דער געשיכטע, וואו אַ ריין־פרידלעך פאָלק זאָל אַרויפליגן זיין שטעמפּל אויף דעם גאַנג פון די מענטשלעכע אידעאַלן. דאָס איינציקע פאָלק, וועגן וועלכן מען קאָן טראַכטן דערביי, איז דאָס יידישע פאָלק, — די בני־ישראל. זיינען אָבער די בני־ישראל ניט געווען קיין ריין־פרידלעך פאָלק, נאָר אַ געמיש פון פרידלעכע שבטים, ווי דער גראַז־עסער, דער „קנאַכיקער אייזל״ יששכר, — וואָס האָט ליב געהאַט די „מנוחה״ און איז צוליב איר מרוצה געווען אויף שקלאַפעריי, — און פון קריגערישע שבטים, ווי יהודה דער לייב, בנימין דער וואָלף און דן די האָרן־שלאַנג, אָדער די „וויפּערנאַטער״.

דאָס יידישע פאָלק האָט יע אַריינגעשאַלט נייע לעבנס־לאָזונגען אין דער מענטשהייט, און עס איז געוויס כאַראַקטעריסטיש, וואָס אָט די נייע לעבנס־לאָזונגען שטימען צונויף מיט די גרונט־טענדענצן פון אַ פרידלעכער נשמה און ניט פון אַ קריגערישער. עס בלייבט אָבער פאָרט די שאלה, צי וואָלטן זיך די פרידלעכע שבטים, ווען איבערגעלאָזן צו זיך אַליין, געקאָנט אויפהייבן אויף דער הייך פון יענע לאָזונגען: ווי קיינער קאָן פון דער אַנדער זייט ניט זיין זיכער, אַז די קריגערישע שבטים, איבערגעלאָזן צו זיך אַליין וואָלטן געקאָנט אַרויסברענגען לאָז זיין אַ דוגמא פון דעם, וואָס רוים און גריכנלאַנד האָבן אַרויסגעבראַכט אין דעם פרט פון פילאָסאָפיע און פון קונסט און פון רייכער מענטשלעכער אינדיווידואַליטעט.

ווי די מעשה זאָל ניט זיין, דער פאַקט איז, אַז נאָר אָט דאָס צונויפ־געגאָסענע פאָלק מיט זיינע שטענדיקע אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן האָט באַשאַפן פאַר דער פרידלעכער נשמה אַזעלכע הייכן, וואָס קאָנען אַוועקגע־שטעלט ווערן זייט ביי זייט מיט די הייכן פון גריכנלאַנד און רוים.

דער „ובחרת בחיים״, די „מנוחה ושלווה״ זיינען אויפגעהויבן געוואָרן צו אַ וועלט־פּרינציפּ. יעדעס מענטשלעכע לעבן באַקומט אַ ווערט אין זיך גופא. אַנשטאָט דער אכזריות, וואָס באַטראַכט דעם פרעמדנס לעבן פאַר הפקר, ווערט אין הימל אַריין געהויבן דער געפיל פון „רחמנות״, אויף וועלכן דער קריגס־מאַן קוקט, ווי אויף אַ וויבערשער שוואַכקייט. עס ווערט אַרויסגע־

שאַלט דער רוף צו מענטשנליבע. אַנשטאָט דער אינדיווידועלער שיינקייט און רייכקייט פון דער אייגענער נשמה און דעם אייגענעם לעבן ווערט אַרויס־געררוקט אין פאָדערגרונט דער פּרינציפּ פון „שבת אחים" פאַר דעם גאַנצן כלל (שוועס אַכים: אַ ברידערלעך לעבן).

און בעת גריכנלאַנד און רוים האָבן אין זייערע גייסטיקע הייכן געטראַכט אויף דער שאלה: מיט וואָס פילט מען אָן די נשמה פון יעדן יחיד, כדי אַ מענטשלעך לעבן זאָל זיין ווערט געלעבט צו ווערן, האָט יודעא אין אירע גייסטיקע הייכן געווייטיקט אויף דעם פּראָבלעם: ווי מאַכט מען, אַז אַלע מענטשן זאָלן לעבן ווי ברידער צווישן זיך אין די גרענעצן פון איין פאָלק, און אַלע פעלקער זאָלן לעבן ווי ברידער צווישן זיך אין די גרענעצן פון איין פאַראייניקטער מענטשהייט?

אין אָט די העכסטע הייכן פון דער פרידלעכער פּסיכיק איז ניטאָ קיין ברעקל שפּור פון אַ קריגערישן עלעמענט, אויב מען זאָל ניט צושרייבן אויף דעם חשבון פון דעם קריגערישן גייסט די ברויזנדיקע ענערגיע גופא, מיט וועלכער דער נייער אידעאַל איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן.

דערפאַר אָבער ווערן ניכר די סימנים פון קריגערישקייט אין דער אַרט, ווי דאָס יידישע פאָלק האָט באַשטימט זיין אייגענע ראָליע אין דער דורכ־פירונג פון יענעם אידעאַל. דאָ רעדט צו אונדז קלאָרע רייד דער דאָרשט נאָך ניצחון און רום.

ווי יעדעס קריגעריש פאָלק מיט גרויסע אַמביציעס, — ווי בבל, אשור, גריכנלאַנד און רוים, — שטרעבט אויך דאָס יידישע פאָלק צו וועלט־באַהער־שונג, צו אַ צענטראַלער שטעלונג, וואָס זאָל צוציען צו זיך די באַוואונדערנ־דיקע בליקן פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אָבער אונטער דער שליטה פון דעם פרידלעכן אידעאַל ווערט יענער ניצחון פאַרוואַנדלט פון אַ פיזישן אין אַ גייסטיקן.

אין דעם קלאָרן באַוואוסטזיין פון דעם מאָראַלישן איבערוואָג, וועלכן זיין לעבנס־אידעאַל האָט איבער אַלע אַנדערע אידעאַלן, דערהייבט דאָס פאָלק זיך אַליין צו דער מדרגה פון אַ „נר לגויים" (אַ ליכט פאַר די פעלקער), „נס לגויים" (אַ פאָן פאַר די פעלקער) און שטעלט זיך פאַר דעם טריאומף פון זיינע אידעאַלן ניט אַנדערש, ווי נאָר דורך דעם, וואָס די איבעריקע פעלקער דערקענען זיין גרייס און זיין באַדייט, און פאַרשאַפן פרייוויליק פאַר אים אַ צענטראַלע פּאָזיציע צווישן די ברידערלעך־פאַראייניקטע פעלקער, ווי דעם ערשטן צווישן גלייכע.

עס האַנדלט זיך דעריבער אין יענע יידישע גייסטיקע הייכן ניט נאָר וועגן אַן אידעאַלן טריאומף פון אַ לעבנס־אַנשויאונג, נאָר אויך וועגן אַ רעאַלן טריאומף פון אַ לעבעדיקן פאָלק.

אָט די גייסטיקע פּאָזיציע איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון די אַלטע יידישע נביאים. אגב דאַרף מען דערביי באַמערקן, אַז ניט פון אַלעמען פון זיי, נאָר פון די גרעסטע און די בעסטע: פון אַן עמוס, הושע, מיכה, ישעיה (אָדער די ישעיהס) און ירמיה. ביי זיי ביי אַלעמען איז דער אוניווערסאַ־ליסטישער פּרינציפּ, וואָס איז פּאַראינטערעסירט אין דעם גייסטיקן טריאומף פון אַ באַשטימטן לעבנס־אידעאַל פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, געווען פאַר־בונדן מיט אַן ענגן נאַציאָנאַליסטישן פּרינציפּ, וואָס האָט געבענקט נאָך אַ רעאַלן, מאַטעריעלן טריאומף פאַר דעם זיי טייערן אייגענעם פאָלק.

עס וואָלט מיך אָוועקגעפירט צו ווייט, ווען איך וואָלט מיך דאָ אָפּגע־שטעלט אויף דער שילדערונג פון יענע פּאָליטישע און סאָציאַלע צושטאַנדן אין יודעא, וואָס האָבן געהאָלפן אויפהייבן דעם פּרימיטיוון פרידנס־אידעאַל פון אַן „איש תם, יושב אוהלים" און אַ „חמר גרם" צו זיין וועלט־אַרומ־נעמענדיקער גרייס.

געוויס לייקן איך ניט די ראָליע און דעם באַדייט פון יענע צושטאַנדן. אָבער וואָס מער מיר ווערן באַקאַנט מיט דעם סאָציאַלן בוי פון יודעא, — פון אַ קליין פויערים־לאַנד, מיט אַ האַרן־קלאַס, וואָס איז געזעסן אויף דעם פויערס נאַקן, און אַ קעניגלעכן הויף, וואָס האָט אינאיינעם מיט דעם האַרן־קלאַס געזויגן פון אים דעם לעצטן מאַרך פון די ביינער, — אַלץ וויניקער אָריגינעל דערשיינט אונדז יענער בוי. עס איז ניטאָ קיין ברעקל גרונט אָנצונעמען, אַז, צ״ב, ארם האָט געהאַט אַן אַנדער סאָציאַלן צונויפשטעל. אויך די פּאָליטישע לאַגע פון ארץ־ישראל (און יהודה) צווישן דעם האַמער — אשור און בבל — און דעם שמיד־קלאָץ — מצרים — האָט זיך ניט אין אַ סך אָפּגעשיידט פון דער פּאָליטישער לאַגע פון ארם.

און פונדעסטוועגן האָט נאָר ארץ־ישראל באַשאַפן אַן ענערגישן אידייען־שטראָם, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין דעם גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע און האָט זי אַ קער געטאָן אין אַן אַנדער ריכטונג.

צו די סאָציאַלע און פּאָליטישע באַדינגונגען, — ווי אויך די אייניקע וויכטיקע היסטאָרישע פּאַסירונגען, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער זעלביקער ריכטונג, — מוז מען נאָך צורעכענען יענע פעלקער־פּסיכאָלאָגישע מאָ־מענטן, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן אויס דעם צונויפגוס פון קריגערישע און

פרידלעכע שבטים צו איין נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם, — מאָמענטן וועלכע מיר האָבן געפּרואווט שילדערן אין די פריקע אַרטיקלען.

אויסגעוואַקסן אויס פּאָליטישע, סאָציאַלע, היסטאָרישע און פעלקער־פּסיכאָלאָגישע באַדינגונגען, ד״ה, אויס רעאַלע עלעמענטן פון אונדזער זינ־דיקער ערד, האָט דער פרידלעכער מענטשהייטס־אידעאַל פון די נביאים גע־מוזט זיך אויך אָפּשפּיגלען אין דעם הימל פון זייער רעליגיעזן גלויבן און זייער טעאָלאָגישער וועלט־אָנשויאונג און אַרויסרופן אין אים אַ גוואַלדיקן איבערקער.

ווי אַזוי דער פאָלקס־גאָט האָט זיך מיט דעם אימפּעט פון דער נביאימשער סאָציאַלער עטיק דערהויבן צו דער הייך פון אַ וועלט־גאָט; ווי אַזוי ער איז פון אַן „איש־גיבור־מלחמה״ דערביי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „גאָט פון גערעכ־טיקייט״; ווי אַזוי דער פּרימיטיווער „בונד״ מיט אים איז אויסגעוואַקסן צו אַ „גאָט־אויסדערוויילטקייט״ פון דעם פאָלק ישראל, כדי דורך אים זאָל אַרויסשיינען דאָס געטלעכע ליכט פאַר אַלע פעלקער, — דאָס אַלץ צו באַ־שרייבן קאָן ניט זיין אונדזער אויפגאַבע דאָ.

דאָ דאַרף נאָר באַמערקט ווערן, אַז דער איבערקער אין דער וועלט־אָנשויאונג האָט געהאָלפן דעם נביאימשן פרידנס־אידעאַל אַריבערצושפּרייזן די גרענעצן פון דער מענטשהייט, פאַר וועלכער ער איז באַשטימט אין ער־שטער ליניע, און אַריינצונעמען אין דער ממשלה פון זיין ווירקונג אויך די דרויסן־מענטשלעכע נאַטור. דער אידעאַל פאָדערט אַ „נייע ערד״ און אַ „נייעם הימל״ און אַ ברידערלעכן צונויפלעבן צווישן אַלע חיות.

7.

## „העלעניזם״ און „יידנטום״

די פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג פון די קריגערישע פעלקער האָט זיי גע־פירט צו דער פראַגע: „מיט וואָס זאָל דער פרייער מענטש אָנפילן זיין נשמה, כדי זיין לעבן זאָל זיין ווערט געלעבט צו ווערן?״ און דער ענטפער איז געפונען געוואָרן אין דער ליבע צו די העכערע צווייגן פון דער מענטשלעכער קולטור־אויסבילדונג און דעם געניוס פון וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, טעכ־נישע דערפינדונגען, פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען און קינסטלערישע שאַפונ־גען. מיר וועלן אָט דעם דרך אין לעבן אַ נאָמען געבן: „העלעניזם״, ווייל

ער איז אויף דעם געניאַלסטן אופן אַרויסגעבראַכט געוואָרן און צו אַ גרויסן טייל פאַרווירקלעכט געוואָרן אין דעם אַלטן גריכנלאַנד.

דער „העלעניזם" איז אַן אידעאַל פאַר יעדן איינצלנעם, און יעדער קאָן שטרעבן צו אים און דורכפירן אים פאַר זיך אַליין, — ווייניקסטנס, אויב ער האָט די מאַטעריעלע מיטלען דערצו.

די פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג פון די פרידלעכע פעלקער איז — אין דער פערזאָן פון דעם יידישן פאָלק — זייער איינציקן פאַרטרעטער אין דער פּראָגרעסיווער מענטשלעכער קולטור — געפירט געוואָרן צו דער פראַגע: „ווי מאַכט מען, אַז מענטשן זאָלן לעבן ווי ברידער צווישן זיך אין די גרענעצן פון איין פאָלק, און פעלקער זאָלן לעבן ווי ברידער צווישן זיך אין די גרענעצן פון איין מענטשהייט? ווי מאַכט מען, אַז די גאַנצע נאַטור זאָל אומבייטן איר איצטיקע קריגערישע טבע און איבערגעשאַפן ווערן אויף דעם יסוד פון ברידערלעכקייט און פרידן, און אויף אַזאַ אופן פאַרווירקלעכן דעם „מלכות שמים?"

דער ענטפער דערויף איז אַן אידעאַל פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן אינטערנאַציאָנאַלן און קאָסמישן לעבן, וועלכן מיר וועלן דאָ אָנרופן: „יודאַאיזם" אין דעם קעגנזאַץ צו דעם „העלעניזם".

אַזאַ סאָציאַלער, אינטערנאַציאָנאַלער און קאָסמישער אידעאַל שטייגט אַריבער די כוחות פון יעדן איינצלנעם אינדיווידואום און קאָן לויט זיין טבע ניט פאַרווירקלעכט ווערן פאַר יעדן איינצלנעם באַזונדער.

דער גלויבן אין זיין פאַרווירקלעכונג האָט דעריבער — אין דעם טעאָלאָגישן פאַזיס פון דעם מענטשלעכן דענקען — געמוזט זיך פאַרבינדן מיטן גלויבן אין אַן אַלוועלטלעכער מאַכט, אין אַ געטלעכער, איינהייטלעכער קראַפט, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין דער דורכפירונג פון דעם זעלביקן אידעאַל און וואָס וועט אים דורכפירן מיט דער הילף פון דעם יידישן פאָלק, דורך אַ משיח, וואָס וועט געשיקט ווערן צו אים פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

אין אָט דעם לאָגישן און פּסיכאָלאָגישן צוזאַמענהאַנג איז געלעגן דער גייסטיקער אימפּעט, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט דעם יידישן מאָנאָטעאיזם, — דעם גלויבן אין אַן איין־איינציקן, אַלמאַכטיקן און ליבעפולן גאָט.

ניט קוקנדיק אויף זיין ריין סאָציאַלן און קאָסמישן כאַראַקטער, האָט אָבער דער יודאַאיסטישער אידעאַל געהאַט אויך אַן אינדיווידועלע ריין פערזענלעכע זייט אין וועלכער עס איז געלעגן אַן ענטפער אויף דער זעלביקער „העלעניסטישער" פראַגע, — דער פראַגע מיט וואָס אַנצופילן די אייגענע נשמה, אַז אַ מענטשלעכער לעבן זאָל ווערט זיין געלעבט צו ווערן.

אין דעם געדאַנקען־פּלוס פון דעם יודאַאיזם האָט אָבער אַזאַ פראַגע געמוזט באַקומען אַביסל אַן אַנדער זין און אַן אַנדער דרויסנדיקע פאָרם: אין דעם צענטער פון דעם געדאַנק איז ניט געשטאַנען די פראַגע וועגן דעם אינעווייניקסטן ווערט פון לעבן בכלל און אַ מענטשלעכן לעבן בפרט. פון אַ מענטשלעכן שטאַנדפונקט איז פאַר דעם יידן לעבן בכלל די העכסטע גוטס און יעדער לעבן איז ווערט געלעבט צו ווערן: אפילו דער לעבן פון אַ הונט שטייט אויף אַ העכערער מדרגה, איידער דער טויט פון אַ לייב. און פון אַ קאָסמישן שטאַנדפונקט צוריק איז קיין מענטשלעכער לעבן ניט קיין גרויסער יחוס.

„ווען איך זע דיינע הימלען", — זינגט דער מחבר פון דעם קאַפּיטל ח' אין תהילים, — „ווען איך זע דיינע הימלען, די טואונג פון דיינע פינגער, די לבנה און די שטערן וואָס דו האָסט צונויפגעריכט: וואָס איז דער מענטש, דו זאָלסט אים געדענקען? אַ מענטשן־קינד, דו זאָלסט אים האָבן אין זין?"

אין זיך גופא איז דער מענטש אַ גאָרנישט מיט גאָרנישט, אַן עפר ואפר, און אַלע מענטשלעכע שטרעבונגען און תענוגים, מיט וועלכע ער קאָן אָנפילן זיין מענטשלעכע נשמה, זיינען „הבל הבלים".

די גרויסקייט פון דעם מענטשן אין זיך גופא האָט געקאָנט אַרויסגעבראַכט ווערן נאָר פון דעם „העלעניזם". נאָר דאָרטן האָט געקאָנט געבאָרן ווערן דער געדאַנק, וואָס הייבט אָן ערשט זינט פייערבאַכן צו באַהערשן אונדזער וועלט־אַנשויאונג, אַז „דער מענטש איז די מאָס פון אַלע זאַכן", דער באַשאַפער פון אַלע זיינע געדאַנקען, גלייבונגען און טואונגען.

אין דער טעאָלאָגישער אָריענטאַציע פון דעם יודאַאיזם, — אַן אָריענטאַציע, וואָס איז על־פּי הכרח אויסגעוואַקסן פון זיינע סאָציאַלע און קאָסמישע אידעאַלן, — איז דער מענטש, לויט זיין אייגענעם מהות, אַ „ילוד אשה", אַ „טפה סרוחה", אַ „בשר ודם". ערשט דער געטלעכער, אונדז אומפאַרשטענדלעכער ווילן דערהייבט דעם מענטשן צו דער מדרגה פון אַ וועלט־הערשער.

„וואָס איז דער מענטש, דו זאָלסט אים געדענקען; אַ מענטשן־קינד — זאָלסט אים האָבן אין זין? — האָסטו אים אָבער געמאַכט פאַר נאָר אַביסל ווייניקער, איידער אַ גאָט, און מיט כבוד און פּראַכט האָסטו אים געקרוינט. מאַכסט אים הערשן איבער די ווערק פון דיינע הענט; אַלץ לייגסטו אים אַוועק אונטער זיינע פיס. אַלע שאָף און אַלע רינדער, אויך בהמות פון פעלד. די פייגל אין הימל, און די פיש פון דעם ים"...

אין דער טעאָלאָגישער אָריענטאַציע פרעגט זיך דעריבער ניט, מיט וואָס אַ מענטשלעכע נשמה זאָל זיין אָנגעפילט, כדי אַ מענטשלעכער לעבן זאָל זיין ווערט געלעבט צו ווערן. עס פרעגט זיך: וואָס דאַרף אַ מענטש טאָן,

צו וואָס זאָל ער שטערבן, כדי ער זאָל נושא־חן זיין אין די אויגן פון גאָט און כדי דער געטלעכער ווילן זאָל דורך זיינע מענטשלעכע מעשים פאַרווירקלעכט ווערן אין דער וועלט?

אין דער פאַרענטפערונג פון אָט דער שאלה איז דער יודאַאיזם, — אַ דאַנק ריין געשיכטלעכע פּאַסירונגען: דעם אויפשטאַנד אַנטקעגן רוים פון אַ מענטשן מיט דעם נאָמען ישו פון נצרת, וועלכן די רוימישע רעגירונג האָט דערפאַר באַשטראָפט מיטן טויט, — זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין צוויי ריכטונגען: אַן אוניווערסאַליסטיש אינדיווידועלע און אַ פּאַרטיקולאַריסטיש נאַציאָנאַלע: אין דעם אור־קריסטנטום פון די ערשטע אַפּאָסטאָלן, — דער עיקר, פון שאולן (פּאולוס), — און אין דעם אייגנטלעכן יודאַאיזם אָדער דער „יידישקייט" פון דער איצטער הערשנדיקער יידישער רעליגיע.

דער תוך פון שאולס ענטפער, — אויב מען זאָל אים אַרויסשיילן פון אַלע זיינע הייטלעך, — קאָן איבערגעגעבן ווערן אַזוי: אונדזער סאָציאַלער און קאָסמישער אידעאַל קאָן פאַרווירקלעכט ווערן נאָר דורך ישו, דעם משיח, וואָס איז נאָרוואָס געקומען, אויף אַ ווײַלע פאַרשוואונדן געוואָרן פון אונדז און וועט באַלד ווידער קומען. אונדזער אויפגאַבע איז אָנצופילן אונדזער נשמה מיט די געפילן פון ברידערלעכקייט, מיט רחמנות און מענטשנליבע און מיט דער ליבע צו גאָט, וועמעס מהות עס איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי ליבע. אָט דער געטלעכער מהות, — די ליבעפולקייט, די רחמנות אויף אַלע ליידנדיקע, — איז פאַרקערפּערט געוואָרן אין דעם משיח און אין זיין מסירת־נפש פאַר דער מענטשהייט. די ליבע צו אים איז דעריבער אַ נויטווענדיקער פאַרבאַדינג פאַר דער ליבע צו די מענטשן און פאַר דער ליבע צו גאָט. זיי פול מיט ליבע צו מענטש, ישו און גאָט, און דו וועסט פירן אַ לעבן, וואָס וועט געפינען חן אין די געטלעכע אויגן. דורך דעם וועסטו דערנעענטערן די „מלכות־שמים".

ווי מען זעט, איז אָט דער ענטפער זייער פאַרשיידן פון דעם העלעניסטישן. ווי דער יודאַאיזם בכלל, פאַרלאָזט ער דעם וועלטלעכן, מענטשלעכן גרונט. ער איז מבטל יענע אינדיווידועלע נשמה־רייכקייטן, — וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע און קונסט, — צו וועלכע דער העלען האָט געשטרעבט, און שטעלט אַוועק אַנשטאָט זיי די סאָציאַלע רייכקייטן און טיפקייטן פון דער פרידלעכער נשמה: שבת אחים, רחמנות, מענטשן־ליבע, מסירת־נפש פאַרן כלל.

פון דער אַנדער זייט אָבער איז ער אין איין פּרט זייער נאָענט צו דעם העלעניסטישן אידעאַל: אויך ער ווענדט זיך צו דעם איינצלנעם, צו יעדן איינצלנעם און שטעלט אים פאָדערונגען, וועלכע ער, דער איינצלנער, קאָן

דערגרייכן מיט זיינע אייגענע כוחות, ניט ווארטנדיק אויף דעם הסכם פון דעם כלל.

גאנץ אנדערש זעט אויס דער ענטפער פון דער אנדער שטרעמונג, דער „יידישקייט", וואס איז פארבליבן אין און ביי דעם יידישן פאלק און וואס האט אנדערש אויסגעטייטשט דעם באטייט פון ישוס אויפשטאנד און זיינע קאנסעקווענצן.

משיח איז נאך ניט געקומען. א ראיה: ער האט דאס יידישע פאלק ניט באפרייט. די פארווירקלעכונג פון דעם געטלעכן ווילן, פון דער „מלכות־שמים" אויף דער ערד, קאן געשען נאר דורך דעם יידישן פאלק און דורך דעם משיח, וואס וועט קומען צו אים און קודם־כל באפרייען אים.

די אינדיווידועלע אויפגאבע, — פאר יעדן יידן, ניט פאר יעדן מענטשן, — איז די נאציאנאלע אויפהאלטונג פון דעם יידישן פאלק. אט די נאציאנאלע אויפגאבע הענגט אפ פון יעדן איינצלנעם, אבער ניט יעדער איינצלנער קאן זי פארווירקלעכן. דערצו איז נייטיק דער הסכם פון דעם כלל־ישראל. דערצו זיינען נייטיק געוויסע לעבנס־פארמען, וואס מוזן זיין אבליגאטאריש פארן גאנצן כלל, אונטער וועלכע יעדער איינצלנער מוז זיך אונטערווארפן. דער יחיד קאן דערביי ניט האבן קיין אייגענעם זעלבסטשטענדיקן לעבן, מחוץ פון דער יידישער נאציע. ער מוז אננעמען פאר אמת אלע געדאנקען, אלע גלייבונגען, אלע פארארדענונגען און אלע מנהגים, וואס ווערן אויסגעארבעט פון דור צו דור, וואס זיינען נייטיק כדי צו דערהאלטן די עקזיסטענץ פון דעם פאלק, און וואס קאנען ניט אפגעשאפט ווערן ביז משיח וועט קומען.

וויל דער יחיד זיך ניט בייגן אונטער דער נאציע; קאן ער ניט לאזן פענטען זיין געדאנק מיט גלייבונגען, וואס ליגן אין די אינטערעסן פון דעם כלל; קאן ער ניט לאזן איינצאמען זיינע האנדלונגען אין פארמען, וועלכע דער כלל באשטימט, דעמאלט הערט ער אויף צו זיין א ייד, דעמאלט האט ער ניט מער קיין „חלק ונחלה" אין זיין פאלק, און ער קאן מער ניט נעמען קיין אנטייל אין דער ארבעט פאר דער „מלכות־שמים".

עס איז קלאר, אז איינווירקן אויף דער העלעניסטיש־דענקענדיקער מענטשהייט האט דער יודאאיזם געקאנט נאר אין זיין אינדיווידואליסטישער פארם פון דעם פאולינישן קריסטנטום. נאר אין אט דער פארם איז דער יידישער, סאציאלער, אינטערנאציאנאלער און קאסמישער אידעאל ארויסגעטראטן אין קאמף אנטקעגן דעם העלעניזם, אנטקעגן יענע הויכע בארג־שפיצן, צו וועלכע עס האט זיך דערהויבן די קריגערישע נשמה אין איר שטרעבן צו א חשובן מענטשלעכן לעבן, וואס זאל ווערט זיין געלעבט צו ווערן.

איז אָט דער העפטיקער קאַמף פון יודאַאיזם אַנטקעגן העלענענטום געווען נויטווענדיק?

נעמט איר די זאַך פון דער ריין לאָגישער זייט, איז אָט דער קאַמף אַנטקעגן דער רייכער גריכיש־רוימישער קולטור ניט נאָר ניט נייטיק, נאָר אַן אמתער פאַרברעכן.

די אידעאַלן פון „העלעניזם" און „יידנטום" שליסן לאָגיש ניט נאָר ניט אויס איינער דעם אַנדערן, אדרבה, זיי בעטן זיך ביידע אין אַ סינטעז, ווייל זיי נייטיקן זיך איינער אין דעם אַנדערן.

ווען דער יידישער אידעאַל פון דער אַלוועלטלעכער ברידערלעכקייט זאָל מקוים ווערן, ווען דאָס לעבן פון יעדן איינעם וועט געשעצט און געזיכערט ווערן, וועט ערשט רעכט אויסוואַקסן פאַר אים די שאלה וועגן דעם ווערט פון דעם מענטשלעכן לעבן, וועגן איר זין און צוועק דאָ אויף דער וועלט, אין די גרענעצן פון די וואָסערע „זיבעציק פורימס". און דער העלעניזם וועט אים געבן דעם נייטיקן און מעגלעכן ענטפער.

פון דער אַנדער זייט, קאָן דער העלעניסטישער אידעאַל פון אַ פרייען לעבן אין אַ רייכער מענטשלעכער קולטור ניט פאַרווירקלעכט ווערן פאַר יעדן מענטשן, אויב דאָס מענטשלעכע לעבן זאָל ניט זיין אויפגעבויט אויף די יודאַאיסטישע פרינציפּן פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און אינטערנאַציאָנאַלער ברידערלעכקייט. אָבער ערשט דער מאָדערנער סאָציאַליזם האָט אַרויסגע־בראַכט דעם סינטעז פון „העלעניזם" און „יידנטום", פון אָט די צוויי אידעאַלן, וואָס באַהערשן דעם מענטשלעכן פּראָגרעס.

## 8.

## די טראַגיק פון דעם יידנס לעבן

שטודירט מען די געשיכטע פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, מוז מען קומען צו דעם רעזולטאַט, אַז דער פּראָגרעס איז אַ שטרעבן פון דער מענטש־הייט צו פאַרווירקלעכן פיר גרויסע אידעאַלן:

ערשטנס, דעם אידעאַל פון אַ רייכער, אַלזייטיק אַנטוויקלטער קולטור, וואָס זאָל אַנזאַמלען אומגעהייערע מאַטעריעלע עשירות און גייסטיקע אוצרות;

צווייטנס, דעם אידעאַל פון אַ פרייער אַלזייטיקער אַנטוויקלטער מענטש־לעכער פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל זיך קאָנען באַטייליקן אין דעם שאַפן און דעם געניסן פון אַלע קולטורעלע גשמיותדיקע און רוחניותדיקע רייכטימער;

דריטנס, דעם אידעאַל פון סאָציאַלער גלייכהייט, וואָס זאָל מאַכן גלייך גרינג פאַר יעדן איינעם דעם צוטריט צו דעם ים פון קולטורעלער עשירות, כדי ער זאָל קאָנען באַרייכערן יענעם ים מיט די פּראָדוקטן פון דעם אייגענעם שאַפן, לויט די אייגענע כוחות און דער אייגענער שאַפונגס־לוסט, און שעפּן פון דעם ים, לויט די אייגענע באַדערפעענישן און גוסטן;

פערטנס, דעם אידעאַל פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, פון צווישנפעלקערלעכער ברידערלעכקייט, כדי די פעלקער פון דער מענטשהייט, וואָס באַשאַפן די קולטור פאַר זייערע אייגענע קינדער, זאָלן ניט שטערן איינער דעם אַנדערן אין דעם פּראָצעס פון אָנזאַמלען און געניסן די קולטורעלע רייכטימער, נאָר, אדרבה, אויסהעלפן איינער דעם אַנדערן, אויפמונטערן איינער דעם אַנדערן, אויסבייטן זיך מיט די פּראָדוקטן פון זייער שאַפן און אַריינברענגען אַ האַרמאָנישע איינהייט אין זייערע פילגעשטאַלטיקע שטרעבונגען.

אָט די פיר אידעאַלן פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס זיינען נאָך גאַנץ ווייט פון זייער פאַרווירקלעכונג. דער עיקר, האַלט עס נאָך זייער שמאָל מיט דער סאָציאַלער גלייכהייט און דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט. דאָ שטייט די מענטשהייט נאָך גאָר ביים שוועל.

אינטערעסירט מען זיך מיט דער פראַגע, וועלכע פעלקער האָבן יענע אידעאַלן אַרויסגעבראַכט, געפינט מען, אַז די שטרעבונגען צו קולטורעלער רייכקייט און פערזענלעכער פּולקומענהייט און פרייהייט האָבן זיך פריער באַוויזן ביי די קריגערישע פעלקער, וועמעס לעבנס־פּרינציפּ איז געווען קאַמף און נצחון; פון די בלוטיקע אָפּגרונטן פון דער קריגערישער פּסיכאָלאָגיע האָט זיך די מענטשלעכע נשמה דערהויבן צו זיי.

די שטרעבונגען אָבער צו סאָציאַלער גלייכקייט און אינטערנאַציאָנאַלער ברידערלעכקייט שטאַמען פון די פרידלעכע שבטים אין דעם יידישן פאָלק, וועמעס גרונט־פּרינציפּ אין לעבן איז געווען דער „שבת־אחים". צו זיי האָט זיך די מענטשלעכע נשמה דערהויבן פון דער גראָזיקער נידערונג, וואָס האָט געבענקט נאָך „מנוחה ושלווה", נאָך אַן אומגעשטערטן לעבן אין פרידן און רו.

ערשט אין דעם צונויפגוס פון אָט די צוויי פאַרשיידענע שטרעמונגען, דעם „העלעניסטישן" און דעם „יודאַאיסטישן", איז באַשאַפן געוואָרן דער אידעאַל פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, וואָס האָט געפונען זיין פולסטע פאַרמולירונג אין דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם.

די סאָציאַליסטישע לעבנס־אַנשויאונג איז נאָך אָבער לפי ערך זייער ווייניק פאַרשפּרייט אין דער מענטשהייט. סאָציאַליסטן זיינען אומעטום אַ ווינציקע מינאָריטעט, און צווישן זיי גופא זיינען ווייט ניט אַלע גלייך דורכ־

געדרונגען מיט אַלע פיר יסודות פון זייער אידעאַל, און אַמשטאַרקסטן הינקט נאָך אונטער ביי זיי די אינטערנאַציאָנאַלע ברידערלעכקייט.

נאָך ווייניקער אויסגעאײנט זיינען אָט די צוויי שטרעמונגען אין דער ניט־סאָציאַליסטישער וועלט. צווי טויזנט יאָר קריסטנטום, מיט זיין שטענדיקן פריידיקן דעם יודאַאיסטישן אידעאַל פון מענטשן־ליבע און שבת־אחים האָבן ניט אָפּגעשאַפט די מעגלעכקייט, אַז אין דעם פילאָסאָפישן געדאַנק זאָל אַרויסשפּרינגען אַ ניטצשע, מיט אַ העפטיקן פּראָטעסט אַנטקעגן אַלע פרידלעכע אידעאַלן. ניטצשע, וואָס פרישט ווידער אָפּ אַלע לעבנס־פּרינ־ציפּן פון אַ קריגערישער נשמה, פון אירע פינצטערע בלוטיקע אָפּגרונטן ביז צו אירע ליכטיקע באַרג־שפּיצן, האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דעם מאָדערנעם געדאַנק, און אַ שטראָם ניטצשעאַניזם האָט זיך אַריינגעריסן אויך אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט, שטערנדיק איר גלייכגעוויכט און פאַרטונקלענדיק אירע יודאַאיסטישע באַשטאַנד־טיילן.

און איבער פיר טויזנט יאָר „העלעניזם" האָט ניט געמאַכט אוממעגלעך די דערשיינונג פון אַ טאָלסטאָי, וואָס איז מבטל דעם גאַנצן העלעניזם, מיט זיין קולטורעלער רייכקייט, מיט זיין וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע און קונסט, וואָס דאַרפן אָנפילן די נשמה פון אַ פרייען אינדיווידואום און מאַכן זיין לעבן ווערט געלעבט צו ווערן. אויף אַזוי פיל אינטענסיווער לייכטן דערפאַר אין טאָלסטאָיס לערעס די באַרג־שפּיצן פון דער פרידלעכער נשמה: די אידעאַלן פון מענטשן־ליבע, פון סאָציאַלער גלייכקייט און צווישנפעלקערלעכער ברי־דערלעכקייט.

וואָלטן אין דער מענטשהייט געהערשט נאָר די צוויי פאַרשיידענע באַרג־שפּיצן, וואָלט דעמאָלט די צרה נאָך ניט געווען אַזוי גרויס. דער אומגליק איז, וואָס די „ניטצשעאַנער", — די ווידעראויפלעבער פון דעם אַלטן „העלע־ניזם", — און די „טאָלסטאָיאַנער", — די טרייע אָנהענגער פון דעם ריינעם „יודאַאיזם", — זיינען אויך ניט מער, ווי גאָר אַ קליינינקע מינאָריטעט אין דער מענטשהייט.

ניט די ניטצשעאַנישע הייכן לעבן אין די נשמות ביי דער גרעסטער מאַיאָריטעט פון דער ניט־יידישער וועלט, נאָר די בלוטיקע אָפּגרונטן פון אַ פּרימיטיוון קריגערטום. און די גרעסטע מאַיאָריטעט פון דעם יידישן פאָלק לעבט אויך ניט אין די הויכע עולמות פון די נביאים און די טאָלסטאָיס, נאָר אין די גראָזיקע נידערונגען, וואו אַלע פיבערן זיינען אָנגעשטרענגט אויף איין־איינציקן ציל: אָפּצוהיטן די אייגענע, קליינע אָבער אַזוי טייערע עק־זיסטענץ, וואו מען געדענקט נאָר דעם איינציקן כלל, אַז אַ לעבעדיקן הונט איז בעסער איידער אַ טויטן לייב.

אין דערינען ליגט די גאַנצע צרה פאַר אונדזער פאָלק. באַרג־שפּיצן און באַרג־שפּיצן וואָלטן זיך ווי עס איז נאָך געקאָנט צונויפרעדן. אַ ניטצשע און אַ טאָלסטאָי, אפילו אַ ניטצשע און אַ ר׳ ישראל בעל־שם־טוב וואָלטן — נאָך פילע מיספאַרשטענדענישן — סוף־כל־סוף אויסגעפונען די געמיינ־שאַפטלעכע שפּראַך, אויף וועלכער זיי אַלע רעדן: די שפּראַך פון מענטשלעכע אידעאַלן, וואָס שטרעבן צו גרויס און הויך. גראַז־נידערונגען און בלוטיקע אָפּגרונטן וועלן קיינמאָל איינס דאָס אַנדערע ניט פאַרשטיין.

איך וויל דערמיט ניט זאָגן, אַז יעדער ניט־ייִד איז נאָך עד־היום דער זעלביקער בלוט־דאָרשטיקער „עשו״, וואָס אַמאָל. ניין, ער איז ציוויליזירט. זיין בלוטיקער אָפּגרונט איז אַרומגעוואָקסן מיט אַ מער אָדער ווייניקער דיקער הייטל, וואָס האַלט איינגעצאַמט די פּרימיטיווע רויב־חיה. זיין גאַנצע פּסיכאָלאָגיע איז אָבער דורכדעם ניט ווייניקער „קריגעריש״, ניט ווייניקער אָנגעשטעלט אויף קאַמף, נצחון, פיזישער גבורה, ליבע צו געפאַר, און גרינג־שעצונג פון אַ מענטשלעכן לעבן, ווי מען קאָן דאָס באַמערקן אפילו אין די פרידלעכסטע צייטן.

אָבער, ווי נאָר דער ניט־ייִד ווערט אַרויסגעוואָרפן פון דעם ציוויליזירטן גלייכגעוויכט, אַזוי צעפּלאַצט דאָס רוב דאָס הייטל, וואָס פאַרשטעלט דעם אָפּגרונט, און די בלוט־רויטע פלאַמען הייבן אָן לוסטיק שלאָגן אין דער הייך, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין דעם לעצטן וועלט־קריג און אין די יידישע פּאָגראָמען.

און אין דערינען ליגט די טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק.

די טראַגעדיע ליגט דאָ ניט אין די שטראָמען פאַרגאָסענע יידישע בלוט, ניט אין די הונדערטער און טויזנטער קרבנות. ניט יעדע מענטשלעכע ליידן זיינען טראַגיש. אפילו דעמאָלט ניט, ווען מענטשלעך בלוט פליסט אין שטראָ־מען. ערד־ציטערנישן, אייזנבאַן־צונויפשטויסן און מלחמות זיינען פאַרבונדן נאָך מיט גרעסערע יסורים און רייכערע שטראָמען בלוט. זיי זיינען אָבער ניט קיין טראַגעדיעס, נאָר קאַטאַסטראָפעס אין דער וועלט פון נאַטור און קולטור.

אַ טראַגעדיע הייבט זיך אָן דאָרטן, וואו עס זיינען דאָ נשמה־ליידן, און אַזעלכע נשמה־ליידן, וואָס שטאַמען פון אַ צונויפשטויס פון מענטשלעכע ווילנס און פאַרשיידענע לעבנס־אידעאַלן.

אַ טראַגעדיע איז איוב, ווען עס ווילן עס שטויסט זיך צונויף מיט אַ מעכטיקערן געטלעכן ווילן, וואָס ער פאַרשטייט אים ניט מיטן געפיל און קאָן אים ניט אָנדערקענען. אַזאַ מין איוב־טראַגעדיע איז אויך דער צונויפ־

שטויס פון דער גראַזיקער נידערונג און די בלוטיקע אָפּגרונטן אין דעם משך פון אונדזער גאַנצן גלות־לעבן.

ווער ווייסט, וועלכער פון דיביידע לעבנס־דרכים איז דער ריכטיקער? דער וואָס האַלט זיך איינגעקלאַמערט אָן דעם אייגענעם לעבן, וואָס פּאַר אַ לעבן דאָס זאָל ניט זיין, אָבער דערפאַר האָט ער רחמנות מיט יעדן לעבעדיקן באַשאַף, אָדער דער, וואָס שטעלט זיין אייגן לעבן שפּילנדיק אין קאָן צוליב דער פרייד פון גבורה און נצחון, אָבער דערפאַר איז אים דעם פרעמדנס לעבן אַבסאָלוט הפקר?

איך רעכן, ביידע דרכים זיינען נידעריקער פאַר דער אמת׳ער מענטש־לעכער חשיבות. אָבער צווישן פעלקער מיט אַזעלכע לגמרי פאַרשיידענע אויסקוקן אין לעבן מוזן פאַרקומען טראַגישע מיספאַרשטענדענישן און צונויפ־שטויסן. און די טראַגיק מוז ליגן אויף דער זייט פון דעם שוואַכערן און פרידלעכערן, ד״ה, אויף אונדזער זייט.

מיט וואָס זיינען די פּאָגראָמען אַזוי שרעקלעך? מיט וואָס זיינען זיי בכלל „פּאָגראָמען״? ניט מיט די באַרבאַרישע אוממענטשלעכקייטן, אין וועל־כע „דער בלוטיקער אָפּגרונט״ פייערט זיין פרייד פון גבורה און נצחון איבער אומשולדיקע לעבנס, נאָר אין זייער פאַרשאָלטענער איינזייטיקייט.

אוממענטשלעכע אכזריות אין אַ פעלקער־צונויפשטויס איז עד־היום ניט קיין נאָווינע, ווי, צ״ב, נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק ביי די פאַרשיידענע שבטים אין די קאַווקאַזער בערג, פאַלן אָן טאָטערן אויף אָן אַרמענישן דאָרף, שעכטן אויס די מאַנסבילן, פאַרגוואַלטיקן די פרויען, צעשמעטערן די קעפּלעך פון די קינ־דער אָן אַ פעלז און טרייבן אַוועק צו זיך אַהיים די פרעמדע שאָף און רינדער, — קאָנט איר זיין זיכער, אַז אין אַ וויילע אַרום, וועלן אַרמענער אָנפאַלן אויף אַ טאָטערשן דאָרף און אָפּצאָלן פאַר די גרויזאַמקייטן כפל כפלים.

לייענט איר אָבער אין דער באַשרייבונג פון אַ פּאָגראָם, אַז אין אַ יידישן שטעטל האָט מען אויסגעקוילעט אַלע מאַנסבילן, פאַרגוואַלטיקט אַלע פרויען, אָנגעפילט אַ פעסל מיט אָפּגעהאַקטע קינדערשע קעפּלעך און אַוועקגעשיקט צו דעם רב, קאָנט איר זיין אַקוראַט אַזוי אַבסאָלוט זיכער, אַז איר וועט אין אַ פּאָר טעג אַרום ניט לייענען וועגן יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אַריינ־געריסן אין אַ גויאישן דאָרף, אויסגעקוילעט אַלע מאַנסבילן, פאַרגוואַלטיקט אַלע פרויען, אָנגעפילט אַ פעסל מיט קינדערשע קעפּלעך און אַוועקגעשיקט צום גלח.

אין די קאַווקאַזער בערג זיינען די זעלביקע מעשים מיט די זעלביקע קרבנות ניט קיין „פּאָגראָם״. מען האָט זיך צעקריגט, צעווילדעוועט. די „רציחה״ האָט זיך פונאַנדערגעברענט, אָבער מען וועט זיך צעאיינען, וויל

ביידע צדדים שטייען אויף איין־און דעם זעלביקן פסיכאָלאָגישן באָדן. מען רעדט אויף אַ געמיינשאַפטלעכער שפּראַך. מען פאַרשטייט איינער דעם אַנדערן. די קעגנזייטיקע שחיטות, — דאָס רעדן זיך אָפּגרונטן געמיטלעך דורך אויף זייער געמיינשאַפטלעכן לשון.

מיט אונדז איז דאָס אַ „פּאָגראָם". אונדזערע קרבנות זיינען „קדושים". די פּאַסירונגען ווערן פאַרשריבן אין אַ פּנקס. צוליב זיי ווערט פאַרפאַסט אַ סליחה אָדער אַ קינה (אין די איצטיקע צייטן וועט עס זיין אַ פּאָעמע), און וועלכער עס ווערט אויסגעגאָסן אונדזער גאַנצער אומענדלעכער צער, אונדזער גאַנצע גראָזענע אָנמאַכט.

קיין חידוש ניט, וואָס ביי אַ סך פון אונדזער יונגן דור וואַקסט אָן אַ בענקשאַפט נאָך עיִשוס אָפּגרונטן, אָבער אָט די בענקשאַפט וועט צו קיינע ממשותדיקע רעזולטאַטן ניט פירן. איינצלנע וועלן אָנטאָן אַ הייטל אויף זייערע פרידלעכע נשמות, און וועלן מיט דעם גרעסטן עקל צו זיך אַליין, זיך אַראָפּגליטשן אין דער פינצטערער טיף (געווען אַזעלכע פאַלן אין דער איצטיקער צייט אין רוסלאַנד). פאַר דער גרעסטער מאַיאָריטעט פון אונדזער פאָלק איז אָבער אַזאַ זאַך אוממעגלעך. פּשוט אויסגעשלאָסן!

עס האָט קיין זין ניט, צו חקירהן זיך צי מיר זיינען גערעכט אין דעם. מיר זיינען אַזוי און קאָנען ניט ווערן קיין אַנדערע. אונדזער וועג ליגט פון דער גראָזיקער נידער אַרויפצו אין דער פרידלעכער הייך, ניט אַראָפּצו, אין עיִשוס אָפּגרונט.

## 9.

## דער „יודאַאיזם" אין זיין געפאַלנקייט

ניטאָ קיין ספק, אַז דאָס יידישע פאָלק איז איצטער דאָס פרידלעכסטע פאָלק אין דער וועלט. ס׳איז אָבער אויך אַקוראַט אַזוי געוויס, אַז מיר זיינען ניט אַלע מאָל געווען אַזאַ פרידלעכע באַשעפעניש. צווישן די שבטים, וואָס האָבן צונויפגעשטעלט די בני־ישראל זיינען געווען אַ סך מער „לייבן" און „וועלף" איידער „אייזלען" און „אינדן".

אין דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן עפנטלעכן באַוואוסטזיין, אין דער אויסאַרבעטונג פון די לעבנס־צילן און דער וועלט־אַנשויאונג האָט אָבער דער פרידלעכער עלעמענט געוואונען די אויבערהאַנט איבער דעם קריגערישן,

און די בעסטע קינדער פון אונדזער פאָלק האָבן געבענקט נאָך אַ צייט און געטרוימט וועגן אַ צייט, ווען די גאַנצע איצטיקע נאַטור וועט איבערבייטן איר טבע, ווען עס וועלן באַשאַפן ווערן נייע הימלען און אַ נייע ערד, ווען אַ וואָלף מיט אַ שעפּס וועלן זיך פּיטערן אינאיינעם, ווען אַלע מענטשן וועלן לעבן ווי ברידער אין די גרענעצן פון איין פאָלק און אַלע פעלקער וועלן לעבן ווי ברידער אין די גרענעצן פון איין מענטשהייט.

און אין דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן לעבן, ווי אַ פאָלק אויף דער וועלט, האָט דער קריגערישער כאַראַקטער געמוזט לגמרי פאַרשווינדן, אַ דאַנק אַ סך און אַ סך היסטאָרישע און סאָציאַלע אורזאַכן.

היסטאָריש איז דאָס יידישע פאָלק געווען געצוואונגען צו פירן דורות נאָך דורות אַ באַוואָפנטן קאַמף אַנטקעגן איבערמעכטיקע שונאים, — אַ קאַמף, וואָס האָט איינגעשלונגען יעדן טראָפּן קריגערישע ענערגיע, וואָס האָט זיך נאָך געפונען אינעם פאָלק.

דאָס האָט געפירט דערצו, אַז אַלע נאַציאָנאַלע האָפענונגען אויף אויס־לייזונג און פרייהייט האָבן געמוזט מיט דער צייט פאַרלירן יעדן רעאַלן געהאַלט און פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מיסטישן גלויבן אין אַן איבערנאַטיר־לעכן משיח. אויב דער יידישער גלויבן האָט אין די פריערדיקע צייטן באַוויזן וואונדער פון פיזישער גבורה און פיזישן קוראַזש, האָט איצטער דער גלויבן אין וואונדער פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דער פאַרלאָרענער גבורה און דעם פאַרשוואונדענעם קוראַזש.

דאָס פאָלק האָט אויפגעהערט זיך צו נייטיקן אין קריגערישע מעלות; מען האָט זיי ניט געקולטיווירט, נאָר גיכער אונטערדריקט, איז פאַר זיי אָפּגעשניטן געוואָרן די מעגלעכקייט, ווידער אַנצוואַקסן אין לעבן.

סאָציאַל איז דעם יידישן פאָלק אויסגעקומען צו פירן אַ לעבן, וואָס האָט ניט געדאַרפט אָנקומען צו אָנגעשטרענגטער פיזישער אַרבעט: יידן זיינען מיט דער צייט געוואָרן אַ הענדלער־פאָלק, אַ קרעמער־פאָלק, מיט אַ געוויסן פּראָ־צענט פון אַ ריין יידיש־רעליגיעזער אינטעליגענץ פון כלי־קודש, און פון באַלמעלאָכעס. און אַזוי אַרום האָט אויך דאָס געפירט צו דער אַטראָפירונג פון אַלע מוסקל־מעלות, — אפילו פון יענע, וואָס בלייבן אומבאַרירט ביי אַ פרידלעכן, אַרבעטאָרישן פאָלק און זיינען ביי אים אַ קוואַל, פון וועלכן עס שלאָגט נאָך נאַטירלעכע מוסקל־גבורה און מוסקל־קוראַזש, לפּחות אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דאָס איז נויטווענדיק אין אַ פאַרטיידיקונגס־קאַמף.

אַזוי אַרום האָט דער טריאומף פון דעם פרידלעכן עלעמענט איבער דעם קריגערישן געמוזט אין אַ משך פון דורות ווערן אַ פולער און גאַנצער. יעדער שפור פון אַ בענקשאַפט נאָך אַ פיזישן קאַמף און אַ פיזישן נצחון האָט געמוזט

לגמרי פאַרטיליקט ווערן פון דעם יידישן כאַראַקטער. אַנשטאָט דעם זיינען פּראָפּאָרציאָנעל אָנגעוואָקסן די גייסטיקע כוחות און די גייסטיקע מעלות פון דעם יידישן פאָלק. דער פאָלקס־אידעאַל איז געוואָרן דער גיבור אין גייסט (ווי ש. אַנסקי האָט דאָס קלאָר אַרויסגעבראַכט אין זיין אַנאַליז פון די יידישע לעגענדעס).

מען האָט באמת געקאָנט דערוואַרטן, אַז דער טריאומף פון פרידלעכקייט איבער קריגערישקייט און פון „רוחניות" איבער „גשמיות" אין דעם לעבן פון דעם פאָלק זאָל זיך אָפּרופן צו גוטן אויף דער אַנטוויקלונג, אויסאַרבעטונג און פאַרטיפונג פון יענע פרידלעכע אידעאַלן, וואָס זיינען צום ערשטן מאָל פּראָקלאַמירט געוואָרן פון די נביאים און צום ערשטן מאָל געפּרוואווט דורכגעפירט ווערן אין לעבן דורך די קאָמוניסטישע איסיים.

ליידער איז דאָס ניט געוועזן דער פאַל. די זעלביקע היסטאָרישע און סאָציאַלע אורזאַכן, וואָס האָבן געבראַכט דעם אַבסאָלוטן טריאומף פון פרידלעכקייט איבער קריגערישקייט און פון „רוחניות" איבער „גשמיות" האָבן אויך אַוועקגעשטופּט ווייט אויפן הינטערשטן פּלאַן די אידעאַלן פון סאָציאַלער גלייכקייט און אינטערנאַציאָנאַלער ברידערלעכקייט.

די אויסלייזונג פון דער וועלט, פון די פעלקער און די מענטשן אין דער וועלט האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פּראָבלעם, וואָס קאָן אַוועקגעשטעלט ווערן אין דעם צענטער פון דעם פּראַקטישן לעבן. דאָס פּראַקטישע לעבן האָט געהאַט זיינע נויטן, וואָס זיינען געגאַנגען אינגאַנצן להיפוך צו יענע נביאימשע אידעאַלן.

דער יידישער האַנדל האָט זיך אָפּט געגנויטיקט אין אַ „נייעם הימל" און אַ „נייער ערד", אָבער נאָר אין אַ ריין געאָגראַפישן זין: ווען מען פלעגט, אַ דאַנק דעם יידישן האַנדל, פאַרטריבן ווערן פון איין „ערד" און פון אונטער איין „הימל", פלעגט מען מוזן לויפן ערגעץ־וואו אין אַן אַנדער לאַנד, וועמעס הימל און ערד האָבן נאָך געקאָנט פאַרטראָגן דעם יידישן האַנדל.

דער האַנדל קאָן בכלל ניט זיין „ברודער בברודער" מיט דעם אידעאַל פון „שבת־אחים": זיין לעבנס־לופט איז די קאָנקורענץ, דער עקאָנאָמישער קאַמף. זיין העכסטער „סאָציאַלער אידעאַל" איז דער קרעדיט, און קרעדיט איז דער טייטש פּראָצענט און וואָכער, און דאָס איז דער טייטש „לאחיך תשיך" און „לנכרי אוודאי": און אויב אין פסוק שטייט: „ואהבת לרעיך כמוך", מאַכט דערויף די מקח־וממכרדיקע רש"י: „אין האַנדלשאַפט איז ניטאָ קיין ברודערשאַפט".

די לעבנס־לופט פון דער „האַנדלשאַפט" איז אויך ניט קיין פאַסיקער קלימאַט פאַר אינטערנאַציאָנאַלער ברידערלעכקייט: איז דאָך גראָד די

קאָנקורענץ פון דעם יידישן האַנדל אַנטקעגן דעם ניט־יידישן אַלע מאָל געווען איינע פון די וויכטיקסטע אורזאַכן פון דעם אַלוועלטלעכן אַנטיסעמיטיזם. אין דעם פּראַקטישן טאָג־טעגלעכן לעבן פון דעם יידישן פאָלק אין די גלות־לענדער איז ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר די סאָציאַל־עטישע אידעאַלן פון די נביאים און די איסיים, וואָס נייטיקן זיך אין אַרבעטאַרישע מאַסן, ווי אין יענער פּלאַנץ־ערד, אין וועלכער זיי קאָנען לאָזן וואָרצלען און זיך פונאַנדער־וואַקסן.

דערצו מוז מען האָבן אין אויג נאָך אַ וויכטיקן פאַקטאָר, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין דער געשטאַלטונג פון דעם יידישן לעבן און דענקען, אַ דאַנק געוויסע געזעצן פון דער סאָציאַלער און צווישנפעלקערלעכער פּסי־כאָלאָגיע.

יידן האָבן געלעבט אין דער פרעמד, ווי פרעמדע צווישן פרעמדע. ערשט די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיע און פאָלקלאָריסטישע פאָרשונגען פון דער לעצטער צייט האָבן אַרויסגעבראַכט, וואָס אַזוינס דאָס באַטייט.

אויף די נידעריקערע שטופן פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג איז די פאָרשטעלונג פון אַ „פרעמדן" תמיד ענג פאַרבונדן מיט דער פאָרשטעלונג פון אַ „פיינט". און אַ „פיינט" מיינט דאָ ניט נאָר אַ פּערזענלעכער שונא צו די געגעבענע מענטשן, נאָר אַ שונא צו דעם מענטשלעכן מין בכלל. דער פרעמדער, וואָס גלייבט ניט אין אונדזער גלויבן, האָט צו טאָן און איז אויס־געבונדן מיט דער „שוואַרצער טומאה", מיט יענע פיינטלעכע איבערנאַטיר־לעכע כוחות, וואָס לויערן אויף דעם מענטשן און זעען אים אָנצוטאָן אַלדאָס בייז.

אויב די יידן האָבן לפי ערך וויניק געגלייבט אין דער מאַכט פון דער שוואַרצער טומאה בכלל, לפחות אין דער אויסגעבונדנקייט פון די גוים מיט איר, האָבן דערפאַר די גוים נאָך שאַרפער און טיפער געגלייבט, אַז דער ייד דינט דעם טייוול, און אַז דעריבער איז הרגענען אַ יידן אייגנטלעך קיין גרויסע עבירה, אפשר נאָך גאָר אַ מצווה.

על־כל־פנים, איז אַבסאָלוט ריכטיק, ווען מיר זאָגן, אַז אויף די נידערי־קערע שטופן פון מענטשלעכן פּראָגרעס, הייסט לעבן אין אַן אַטמאָספערע פון קעגנזייטיקער פרעמדשאַפט — לעבן אין אַן אַטמאָספערע פון קעגנזיי־טיקער פיינטשאַפט. וואו האָט דאָ געזאָלט זיין פּלאַץ פאַר די אידייען און אידעאַלן פון צווישנפעלקערלעכער ברידערלעכקייט?!

אַן וואָרצלען אין די נויטן פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן ביי די גרעסערע שיכטן פון דעם יידישן פאָלק; אָן אַ ברעקל האָפט אין דער ממשותדיקער ערד, זיינען יענע אידעאַלן פאַרטריבן געוואָרן אין די הימלען פון דער רע־

ליגיעזער אידעאָלאָגיע, ווי פאַנטאַזיעס וועגן אַ לעבן אין די „ימות המשיח״, און אויך אין יענע פאַנטאַזיעס האָבן די „גויים״ ניט תמיד געקראָגן אַ גליקלעכן אָפּשניט.

וואָס־זשע איז געבליבן פון די גרויסע און הויכע פרידלעכע אידעאַלן, וועלכע דאָס יידישע פאָלק האָט אויסגעאַרבעט און דורך וועלכע ער האָט אַרויפגעדריקט דעם שטעמפּל פון זיין גייסט אויף דער געשטאַלטונג פון דעם אַלמענטשלעכן פּראָגרעס? וואָס איז געבליבן פון זיי ביי די גרויסע יידישע מאַסן אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן?

די פּירות זייערע האָט מען אויפגעגעסן נאָך זייענדיק אין דעם אייגענעם לאַנד; די בלומען זייערע זיינען פאַרוועלקט געוואָרן, זיך צעשאָטן אין שטויב און זיך אויפגעהויבן ווייט הויך הינטער די מיסטישע וואָלקנס. ביי די גרויסע יידישע מאַסן איז אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן געבליבן נאָר דער פרידלעכער וואָרצל זייערער: דער „ובחרת בחיים״, די אַבסאָלוטע אומבאַדינגטע צוגעבונדנקייט צו דעם לעבן.

נאָך אַ נס, וואָס איבער דער יידישער נשמה זיינען געהאַנגען די מיס־טישע וואָלקנס פון דעם יידישן גלויבן. פאַרשטעלנדיק איר דעם האָריזאָנט פון אַ פרייען, אָבער פּראָזאַאישן ניכטערן בליק אויף דעםווירקלעכן לעבן, מיט די ווירקלעכע נאַטור־געזעצן, וואָס הערשן אין איר, האָט זיך יענע וואָלקנס איינגעגעבן, אַריינצוטריפן אין דער יידישער נשמה טראָפּנס פון רעליגיעזער התלהבות פון בענקשאַפט נאָך אַ ליכטיקער צוקונפט פאַר דעם יידישן פאָלק און פאַר דער גאַנצער וועלט, און אַרויסצורופן ביי דעם פאָלק אַן אַקוראַט אַזאַ אַבסאָלוטע אומבאַדינגטע צוגעבונדנקייט צו זיין צוקונפט און צו דער צוקונפט פון זיין גלויבן.

אָט די צוויי „אַבסאָלוטן״ וואָלטן געמוזט באַגרענעצן איינער דעם אַנ־דערן, באַקעמפן איינער דעם אַנדערן, ווען זיי וואָלטן געמוזט אָנגעווענדט ווערן אויף איין־און־דעם־זעלביקן שטח פון לעבן. האָט דאָס פאָלק פונאַנ־דערגעגרענעצט זייערע ממשלות: עס איז אויסגעוואָקסן דער דואַליזם פון דעם „אָם־דער־וואָכן״ און דעם „שבת ויום־טוב״.

10.

## די צוויי לעבנס

דער האַנדל איז גאָרניט קיין פּאַסיקע הויפּט־באַשעפטיקונג פאַר אַ פאָלק, וואָס וויל דורכפירן דעם אידעאַל פון „שבת אחים", פון ברידערלעכקייט אין סאָציאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן לעבן: „אין האַנדלשאַפט איז ניטאָ קיין ברידערשאַפט".

אין דער אָפּזונדערונג אין די אייגענע ד' אמות פון אַ רעליגיעזן לעבן, — אַן אָפּזונדערונג, וואָס איז געווען אַבסאָלוט נייטיק צוליב דער אויפהאַלטונג פון דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, וואָס האָט אָבער אויך געמוזט אויפהאַלטן די פּרעמדקייט פון דעם יידישן פאָלק צו דער ניט־יידישער סביבה, — איז געווען ניט געווען קיין גינסטיקע אַטמאָספערע פאַר דעם אויפבלי פון אינטער־נאַציאָנאַלע געפילן.

האָבן טאַקע די הויכע יידישע אידעאַלן פון „שבת אחים" געמוזט פאַר־לאָזן די זינדיקע ערד און פירן אַ שאָטנהאַפטיקע בלאַסע עקזיסטענץ אין די הימלען פון דעם רעליגיעזן גלויבן וועגן אַ ווייטער ווייטער צייט פון די „ימות המשיח".

אין דעם פּראַקטישן טאָג־טעגלעכן לעבן האָבן זיי אויפגעהערט צו שפּילן אַ וועלכע־עס־איז ממשותדיקע ראָליע. דאָ איז געבליבן דער איינציקער באַלעבאָס אויף דעם יידישן לעבן די גראַזיקע נידערונג, מיט איר באַפעלע־רישן געבאָט: „ובחרת בחיים", די נויט צו קעמפן פאַר דער נאַקעטער פּערזענלעכער און נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

די זאָרג פאַר דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ האָט איבערגענומען אויף זיך די יידישע רעליגיע, מיט אירע שולן, בתי־מדרשים, חדרים, „גוטע יידן" און אירע שבתים און יום־טובים. די זאָרג פאַר דער אייגענער פּערזענלעכער עקזיסטענץ האָט יעדער ייד געמוזט איבערנעמען אויף זיך אַליין, און אין דעם פּרט האָט זיך די שבתדיקע שול אינגאַנצן אויפגעהערט אַריינצומישן: זי האָט אפילו ניט געוואָלט טראַכטן וועגן צופּאַסן דאָס יידישע לעבן צו די הויכע פאָדערונגען פון די יידישע סאָציאַל־עטישע אידעאַלן, און דאָרטן, וואו זי פלעגט אויפהייבן איר פּראָטעסטירנדיקע שטים אַנטקעגן די יסודות פון דעם יידישן לעבן אפילו נאָר אין נאָמען פון דער געוויינלעכער מענטשלעכער מאָראַלישער אָנשטענדיקייט, —אויף וויפל יענע אָנשטענדיקייט איז געווען פאַרקערפּערט אין דעם יידישן דין, — איז דאָס אויך געווען דאָס רוב אַ

„קול קורא במדבר". (איך וויל, צ"ב, דערמאָנען די רבנישע פּראָטעסטן אַנט־קעגן דעם „טעות גוי מותר").

די „מצוות שבין אדם לחבירו" וואָס דאַרפן רעגולירן די מאָראַלישע באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש, און ספּעציעל די דינים, וואָס דאַרפן רעגולירן די באַציאונגען צווישן יידן און ניט־יידן, האָבן פאַרלאָרן זייער גאַנצן באַדייט אין פאַרגלייך צו די „מצוות שבין אדם למקום", צו די ריין־רעליגיעזע געבאָטן פון „פרומקייט" און „יידישקייט", פון פאַסטן, דאַווענען, אָפּהיטן כשרות און טומאה וטהרה.

אין דעם פּראַקטישן לעבן האָט דאָס פאָלק אַליין געדאַרפט אויסאַרבעטן זיינע אייגענע פּרינציפּן און כללים, זיין אייגענעם בליק אויף די פאָדערונגען פון דעם מענטשלעכן יושר און דער מענטשלעכער חשיבות. און דער בליק איז, פאַרשטייט זיך, געווען אָנגעמאָסטן אָן דערווירקלעכער לאַגע און אָן די נויטן פון דעם ווירקלעכן לעבן.

ווען אַ רוסישער פאָרשער האָט אין די אַכציקער יאָרן, אין דער צייט פון די ערשטע פּאָגראָמען, גערעדט מיט פּשוטע יידן וועגן די אַנטיסעמי־טישע באַשולדיקונגען אַנטקעגן דער ראָליע פון די יידן אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון דעם לאַנד, ספּעציעל וועגן דער ווירקונג פון דעם דאָרף־יידן אויף דער פּויערימשער באַלעבאַטישקייט, האָט ער פון זיי געקאָנט קריגן נאָר איין איינציקן ענטפער: „טרעבאַ יאַק ניבוד' זשיץ'". מען דאַרף דאָך ווי עס איז לעבן! און דעם זעלביקן ענטפער האָבן אין דעם סוף ניינציקער יאָרן געגעבן יענע רוסישע און פּוילישע יידן, וואָס זיינען פון דעם גרויסן עמיגראַנטן־שטראָם פאַרשפּריצט געוואָרן קיין שווייצאַריע, ווי „הויזירער" („פּעדלער") און וואָס האָבן אין אַ גאַנץ קורצער צייט אַרויסגערופן אַנטקעגן זיך אַ גאַנץ העפּ־טיקן פּראָטעסט מצד דער שווייצאַרישער דאָרפישער באַפעלקערונג...

„מען דאַרף דאָך ווי עס איז לעבן"... לעבן איז די הויפּט־זאַך, די אַרט פון לעבן איז אַ נעבן־זאַך. מען דאַרף לעבן, ווי עס איז, ווי עס מאַכט זיך. „אַז מען קאָן ניט אַריבער, מוז מען אַרונטער", און עס איז ניטאָ קיין גרע־נעץ, ביז צו וועלכן מען זאָל מעגן „אַרונטער", סיי אין די עקאָנאָמישע פאָ־דערונגען, סיי אין די פאָדערונגען פון דער פּשוט־מענטשלעכער מאָראַל. „אַ מע מו, מו מע!" (אַז מען מוז, מוז מען) און — „וואָס טוט ניט אַ ייד צוליב פּרנסה?"

אין אָט דער פראַגע האָט דאָס פאָלק אַליין געגעבן דעם ענטפער אויף איר. עס איז ניטאָ אַזוינס, וואָס אַ ייד זאָל ניט טאָרן טאָן צוליב פּרנסה! עס פאַרשטייט זיך, אַז איך רייד דאָ ניט וועגן דעם דין, וואָס שטייט אין דער

תורה אָדער אין „שולחן־ערוך", און וועגן דעם יושר, וואָס שטייט אין די יידישע מוסר־ספרים: דער „שולחן־ערוך" און די „מוסר־ספרים" שטייען, מיט אַלץ וואָס אין זיי, אין ספרים־אַלמער, און די תורה הקדושה שטייט אין אָרון־קודש. איך רעד דאָ וועגן יענער „תורת חיים", וועגן יענע „דינים פון לעבן", וואָס שטייען פאַר די אויגן, און וואָס ווערן געלעזן פון מענטשן וועלכע גלייבן ניט אין קיין אַנדערן העכערן געבאָט, ווי נאָר אין דעם געבאָט פון אָפּהיטן דאָס אייגענע לעבן און דאָס לעבן פון די „אייגענע".

ווען דער צוקונפטיקער היסטאָריקער פון אונדזער גלות־פּעריאָד, — יענער אמתער היסטאָריקער, וואָס וועט זיך ניט באַנוגענען מיט דער שיינער דראַמאַטישער אויבערפלאַך, נאָר וועט אַריינדרינגען מיט זיין פאָרשנדיקן בליק אין די רעכטע טיפענישן פון דעם פאָלקס טאָג־טעגלעך לעבן, — וועט אויפדעקן דעם גאַנצן שמוציקן זומפּ, אין וועלכן אונדזער עקזיסטענץ, ווי אַ האַנדלס־פאָלק, האָט אונדז אַריינגעשלעפּט, וועט ער זיך באמת חידושן ווי אַזוי ביי אַזאַ פאָלק און ביי אַזאַ לעבן האָבן זיך נאָך געקאָנט געפינען גייסטיקע און מאָראַלישע שאַפונגס־כוחות, וואָס האָבן אויפגעבויט אַזעלכע סיסטעמען, ווי די קבלה און די חסידות, ווי די יידישע רעליגיעזע לעגענדן־וועלט בכלל, און וואָס האָבן ניט נאָר אָפּגעהיט די יידישע נשמה פון צע־פוילטקייט, נאָר האָבן זי נאָך פאַראיידלט און פאַרטיפט.

עס וועט פאַר יענעם היסטאָריקער זיין שווער צו געפינען אַ בריק, וואָס זאָל אַריבערשפּאַנען דעם טיפן תהום, וועלכער האָט זיך אויסגעבילדעט צווישן דעם שבתדיקן לעבן אַרום דער שול און אַרום דעם רבינס הויף און דעם וואָכעדיקן לעבן אַרום דער קראָם און דעם „יאַריד".

די צוויי אַרטן לעבן זיינען געוואָרן צוויי פאַרשיידענע וועלטן, אַן אַ וועלכער־עס־איז מגע־ומשא צווישן זיך. באַטראַכט מען דאָס גייסטיקע לעבן וואָס אַרום דער שול, ווערט מען באַרעכטיקט צו די התלהבותדיקע לויב־געזאַנגען אויף דעם יידישן פאָלק, און טראַכט מען זיך אַריין אין דעם וואָכיקן לעבן אַרום דעם „יאַריד" און דער קראָם, ווייסט מען ניט, וואָס מען וואָלט געקאָנט אַזוינס ענטפערן דעם פאַרביסנסטן אַנטיסעמיט. דער תהום צווישן דעם „שבתדיקן" און דעם „אָם־דער־וואָכעדיקן" לעבן איז אַזוי ברייט און טיף, אַז דער גרעסטער יידישער דיכטער, היינריך היינע, האָט אים געקאָנט סימבאָליזירן נאָר מיט אַ מעשה פון אַ בן־מלך, וועמען אַ בייזע מכשפה האָט פאַרכישופט אין... אַ הונט! אָם־דער־וואָכן, דערציילט ער אונדז אין זיין „פּרינצעסין שבת", איז דער ייד אַ הונט:

הונט מיט הינטישע געדאַנקען,
קריכט ער אום די גאַנצע וואָך
אין דעם קויט און מיסט פון לעבן,
אַ געשפּעט פאַר גאַסן־שקצים.
אָבער קומט דער שבת־קודש,
אַלע פּרייטיק בין־השמשות,
פּלוצלונג ווייכט פון הונט דער כישוף,
און ער ווערט אויפסניי אַ מענטש.
מענטש מיט מענטשלעכע געפילן,
אויפגעהויבן קאָפּ און האַרץ, —
אאַז״ו.

און מיר ווייסן איצטער אויך, ווער עס איז געווען די בייזע מכשפה, וואָס האָט פאַרכישופט דאָס יידישע פאָלק אין אַזאַ מיאוסער חיה. דאָס איז געווען דער אומגליקלעכער גלות אונדזערער, וואָס האָט געצוואונגען אונדזער דורכ־אויס פרידלעך פאָלק, מיט זיין אומפאַרטיליקבאַרער צוגעבונדנקייט צום לעבן, צו וואוינען ווי אַ נאַציאָנאַלע מינאָריטעט, צעשפּרייט און צעזייט צווישן די קריגערישע פעלקער, וואָס האָבן אַ גאַנץ אַנדער בליק אויף דעם מענטש־לעכן לעבן און זיין חשיבות.

ווי האָט די אַרומיקע וועלט געמוזט קוקן אויף דעם יידישן פאָלק? וואָס האָט זי געזען אין אים? פאַרגעסן מיר ניט, אַז זי האָט ניט געקאָנט האָבן קיין ברעקל אַנונג פון דעם שרעקלעכן, — אויב איר ווילט: טראַגישן, — דואַליזם פון די יידישע צווייַ לעבנס. זי האָט ניט געקאָנט אַריינבליקן אין דעם „אינעווייניק״ פון דער יידישער נשמה. זי האָט נאָר געזען דעם „דרויסן״, און דער דרויסן איז אין אירע אויגן געווען, — עס שווידערט איינעם אַרויסצורעדן דאָס אין דער גאַנצער היינעשער פּשטות: דער דרויסן איז אין אירע אויגן געווען — אַ הינטישע פּעל, מיט אַ הינטישער צוגעבונדנ־קייט צום לעבן.

פאַר דער ניט־יידישער וועלט איז דער ייד געווען אַ מיסטעריע: עפּעס אומגעלומפּערטס, אומסימפּאַטישעס, און אומפאַרשטענדלעכס. ע ר איז קודם־כל געווען א פרעמדער, ד״ה, א מענטש, אויף וועמען מען קאָן לכתחילה גלייבן אַלדאָס בייז.

אָבער דער פאַקט פון פרעמדקייט אַליין איז ניט גענוג צו דערקלערן די ניט־יידישע שטעלונג צו דעם יידן. פרעמדע גרופּעס מישן זיך אָפט אַריין

אין דעם לעבן פון די פעלקער, און ווען אפילו מען קוקט אויף זיי אַלעמאָל מיט אויגן פון חשד, דערוועקן זיי דאָך ניט צו זיך יענעם כמעט מיסטישן ווידערווילן און מיסטרוי, וועלכן די יידן האָבן אַרויסגערופן צו זיך ביי די אַרומיקע פאָלקס־מאַסן.

אויך די ציגיינער, צ״ב, זיינען אַ פרעמדע גרופּע, און אויך וועגן זיי לעבן ביי די פאָלקס־מאַסן אַלערליי אַבערגלויבנס און פאָראורטיילן, אָבער אין פאַרגלייך מיט דעם יידן איז דער ציגיינער פאָרט אַן אייגענער מענטש, און מען קען מיט אים עסן אין איינעם, צעבלוטיקן זיך אין אַ לייטישן געשלעג, און ווידער צעקושן זיך, וואַלגערנדיק זיך, שיכורע, אין איין רינע. מען קאָן מיט אים אין איינעם גיין אויף אַ בער אָדער אַ וואָלף און איבערלעבן די צוויבער־מאָמענטן פון שטעלן דאָס אייגענע לעבן אין קאָן. ס׳איז אויך ניטאָ קיין וואַנט, וואָס זאָל מאַכן אוממעגלעך דעם פרייען סעקסועלן פאַרקער צווישן דער פאָלקס־מאַסע און דער ציגיינערישער פרעמדער גרופּע.

מיט דעם ציגיינער לעבט מען אין איינעם, און אין דעם לעבן דערשפּירט מען זיין מענטשלעכן מהות און מען געפינט אויס, אַז ער איז געקנאָטן פון דעם זעלביקן מענטש־מאַטעריאַל, וואָס די קינדער פון דעם אייגענעם פאָלק. מיט דעם יידן איז דאָס אוממעגלעך.

## 11.

## „די בלוטיקע שיינקייט פון אונדזער גלות־לעבן"

די צוויי טויזנט־יאָריקע יידישע טראַגעדיע האָט י. ל. פּרץ באַקרוינט מיט דעם נאָמען: „די בלוטיקע שיינקייט פון אונדזער גלות־לעבן", און עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז אין אונדזער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, ווי אַ קליינער מיעוט צווישן אַ וועלט פון שונאים, ווי אַן „אומשולדיק", גראַנד־פּרעסנדיק שע־פעלע צווישן מחנות בלוט־דאָרשטיקע וועלף, ווי אויך אין אונדזער גייסטיקן שאַפן פאַר אָט דער צייט, זיינען דאָ מאָמענטן אָן אַ צאָל, וואָס פאַרדינען כשר יענעם שיינעם אויסדרוק.

אָבער ווי יעדע מעדאַל, האָט אויך די גילדערנע מעדאַל, וועלכע פּרץ האָט אויסגעקלאַפּט פאַר אונדזער גלות־לעבן, אַ קערזייט, אַ „סטרא אחרא". און קערט מען זי איבער אויף דער אַנדערער זייט, לייענט זיך דאָרטן די אויפשריפט אין אַביסל אַן אַנדער נוסח. אַנשטאָט דער בלוטיקער שיינקייט ווערט דאָרטן דערמאָנט די בלוטיקע מיאוסקייט פון אונדזער גלות־לעבן.

די צוויי פאַרשיידענע נוסחאות שטאַמען פון די צוויי פאַרשיידענע לעבנס, וועלכע דאָס יידישע פאָלק פירט. שוין דער געניאַלער היינריך היינע האָט אינטואיטיוו דערשפּירט די צוויי זייטן פון דעם מעדאַל. אין זיין „פּרינצעסין שבת" שילדערט ער דעם יידן, ווי אַ „בן־מלך", וואָס איז דורך אַ כישוף פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ הונט, „מיט הינטישע געדאַנקען". נאָר ווען עס קומט צו אים די „פּרינצעסין שבת" פאַלט פון אים אַראָפּ די הינטישע פעל און ער ווערט ווידער אַ פּרינץ. דאָס זיינען צוויי פאַרשיידענע לעבנס, וועלכע אונדזער פאָלק פירט: דאָס לעבן פון דעם „בן־מלך" וואָס וואַרפט פון זיך אַראָפּ די הינטישע פעל; דאָס לעבן אַרום דער שול און אַרום דעם רבינס הויף, וואו דאָס יידישע פאָלק, דאָס איינציקע פרידלעכע פאָלק, וואָס האָט זיך אַמאָל דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ פּראָגרעסיוו שאַפנדיקער קראַפט, — שליסט זיך איין אין די אייגענע ענגע פיר ווינקעלעך און וואו עס טראָגן זיך נאָך אַרום די פאַרבלאַסטע שאָטנס פון די העכסטע סאָציאַל־עטישע אי־דעאַלן, צו וועלכע אַזאַ פרידלעך פאָלק האָט דערגרייכט; און פון דער אַנדער זייט — דאָס לעבן אַרום דעם מאַרק און דעם יאַריד, וואו דאָס פרידלעכע פאָלק טרעט אַרויס פון זיינע דלד אמות, קומט אין באַריר מיט דער דרויסנדיקער, קריגעריש־געשטימטער וועלט און וואו פון אַלע סאָציאַל־עטישע אידעאַלן בלייבט אפילו ניט קיין שמץ פון אַ שאָטן, נאָר עס בלייבט דער אייביק יונגער, קיין מאָל ניט פאַרדאַרנדיקער וואַרצל זייערער: דער געבאָט פון לעבן, — וואָס פאַר אַ לעבן דאָס זאָל ניט זיין, — דער „ובחרת בחיים".

די דרויסנדיקע וועלט קאָן ניט אַריינקוקן אין אונדזער אינעווייניקסטן לעבן: מיר האָבן זיך אַרומגעצאַמט מיט אַ דיקער וואַנט, און אַלץ, וואָס עס קומט פאַר הינטער יענער וואַנט, איז אַן אומפאַרשטענדלעכע געהיימעניש פאַר דעם אַרום.

ליידער קאָן איך מיך דאָ ניט אָפּשטעלן באריכות אויף דעם זייער אינ־טערעסאַנטן קאַפּיטל פון אונדזער גלות־לעבן, וואָס קאָן אָנגערופן ווערן: „די מיסטעריע פון דער יידישער עקזיסטענץ אין די אויגן פון די גוים", און ווען איך רעד דאָ וועגן די גוישע אויגן, האָב איך אין זינען יענע שקרים און בלבולים, וואָס די יידן־פיינט פון אַלע דורות האָבן באַוואוסטזיניק אויס־געטראַכט אויף אונדז. איך האָב דאָ אין זינען יענעם נאַאיוון אויפריכטיקן גלויבן פון די פאָלקס־מאַסן וועגן דעם מהות פון דעם יידן און זיין לעבן, ווי ער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם פאָלקלאָר פון די פעלקער, צווישן וועלכע מיר וואוינען און האָבן געוואוינט.

די טעמע: „דער ייד אין דעם אַלוועלטלעכן פאָלקלאָר" פאַרדינט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג און פירט צו איבערראַשנדיקע רעזולטאַטן. דאָ וויל

איך נאָר אויפוויַיזן, אַז די „בלוטיקע שייַנקייט פון אונדזער גלות־לעבן" האָט געמוזט אַרויסרופן ביי די ניט־יידישע מאַסן, אין ערלעכסטער תמימות, אַזאַ בליק אויף אונדזער מהות, אַז מיר, דאָס פרידלעכסטע פאָלק אין דער וועלט, — אויב איר ווילט: דאָס מענטשלעכסטע פאָלק אין דער וועלט (אויב מענטש־לעכע חשיבות זאָל באַשטימט ווערן לויט די אידעאַלן פון אַ פרידלעכן פאָלק), — זייַנען אין תוך אַריין אַ צווישן־באַשאַף — ניט צווישן „מענטש" און „חיה", — נאָר צווישן „חיה" און „טייוול". און עס איז ניטאָ קיין איין זאַך אין דער וועלט, ווי ווילד זי זאָל ניט זיין, אין וועלכער די פאָלקס־מאַסן זאָלן ניט קאָנען גלייבן אויף אָט דעם מיסטעריעזן צווישן־באַשאַף: פון דעם בלבול, אַז מיר דאַרפן קריסטלעך בלוט אויף מצות ביז צו דעם בלבול, אַז ס'איז דאָ אַן אָרגאַניזירטע אַלוועלטלעכע יידישע פאַרשווערונג צו באַהערשן די גאַנצע וועלט, — אַ בלבול, צו וועלכן עס הערן זיך צו אַ סך גאַנץ איי־דעלע און געבילדעטע מענטשן.

דער פאָלקלאָר וועגן דעם יידן איז אין דער לעצטער צייט באַרייכערט געוואָרן מיט אַ סך נייע לעגענדעס וועגן דער ראָליע, וואָס די יידן האָבן געשפּילט אין דעם לעצטן וועלט־קריג. טיילס זייַנען זיי דירעקט אויסגעטראַכט געוואָרן צוליב אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, טיילס אָבער — סטיכיש אויסגעוואַקסן ביי די פעלקער גופא: אין זיי, אין אַלע, טרעט ווידער בולט אַרויס יענע פאַרכישופטע הונט־געשטאַלט, וואָס האָט זיך אַזוי טיף אַריינ־געקריצט אין דעם אונטערבאַוואוסטזיין פון די ניט־יידישע פאָלקס־מאַסן: די כישוף־געשטאַלט פון דעם האַלב־חיה, האַלב־טייוול, מיט זיין הינטישער צוגעבונדנקייט צו דעם לעבן.

אין אָט דער שטעלונג פון דעם ניט־יידן צו דעם יידן איז באַזונדערס מערקווירדיק ניט אַזוי די פאַראַכטונג צו דער דאָזיקער פּחדנות, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער אַבסאָלוטער צוגעבונדנקייט צו דעם לעבן, — אַזאַ פאַראַכטונג איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, — ווי יענער אומווילן און אינע־וויניקסטער פּראָטעסט פון די „קריסטלעכע" פאָלקס־מאַסן, ווען זיי באַגעגענען זיך מיט דעם ריין קריסטלעכן רחמנות־געפיל צו די אייגענע שונאים, וואָס רייסט זיך אָפּט אַרויס ביי דעם יידן, ווי אַ פּראָדוקט פון זיין אַבסאָלוטער הויכשעצונג פון אַ מענטשלעכן לעבן בכלל.

אַ כאַראַקטעריסטישן פאַקט האָט אונדז ניט לאַנג דערציילט אַ באַוואוס־טער אַמעריקאַניש־יידישער טוער, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דאַנען אין אַ באַשטימטער הילפס־מיסיע קיין פּוילן.

געוועזן איז דאָס אין די ערשטע צייטן פון די לעצטע פּוילישע פּאָגראָ־מען. אַ דאַנק דער אַריינמישונג פון אַמעריקאַנישע אָפיצערן, וואָס זייַנען,

נאַטירלעך, געווען פּריינטלעך געשטימט צו דער נייער פּוילישער רעגירונג, און אַ דאַנק דער אויפגערודערטער עפנטלעכער מיינונג אין אייראָפּע, האָט די פּוילישע רעגירונג זיך געפילט געצוואונגען אַוועקצושטעלן פאַר אַ קריגס־געריכט אַ פּאָר פּוילישע אָפיצערן, וואָס האָבן זיך פאַרשולדיקט אין אַ פּאָ־גראָם. ווי עדות אַנטקעגן זיי זיינען אַרויסגעטראָטן אַ פּאָר רבנים פון דעם פּאָגראָמירטן שטעטל. די שולדיקע אָפיצערן זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט.

איינער אַן אַמעריקאַנער אָפיצער, וואָס האָט הינטער די קוליסן גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין דעם פּראָצעס, און וואָס איז געווען אויפריכטיק פאַר־אינטערעסירט, צו שאַפן גערעכטיקייט דעם יידישן פאָלק, איז באַלד נאָך דעם באַשלוס פון דעם געריכט, אַוועקגעלאָפן מיט אַ שמחה צו די רבנים, דערציילן זיי די פריילעכע בשורה. ער האָט דערוואַרט צו געפינען ביי זיי די זעלביקע פרייד פון נקמה, וועלכע האָט אָנגעפילט אויך זיין אייגענע, רעכט־ליבנדיקע ברוסט. ער האָט זיך אָבער שטאַרק אַנטוישט אין אָט דער דערוואַרטונג. ביי דעם אויסהערן פון אָט דער „פריילעכער בשורה" זיינען די רבנים טויט־בלאַס געוואָרן, און נאָך אַ לענגערער אונטעררעדונג מיט זיי, האָט ער אויסגעפונען, אַז ביי זיי אין האַרצן איז באמת ניטאָ קיין פונק פון שנאה און נקמה צו די פאַראורטיילטע, אַז דאָרטן איז באמת ניטאָ קיין אַנדער געפיל, ווי נאָר דער רחמנות צו יונגע לעבנס, וואָס מען וויל געזעצלעך אַוועק־נעמען, און דער הייסטער וואונטש, ניט מען זאָל באַשטראָפן די שולדיקע, נאָר מאַכן אוממעגלעך די ווייטערדיקע רציחות...

זיינע איבעראַשנדיקע דערפאַרונגען האָט ער מיטגעטיילט דעם אויבן דערמאָנטן יידישן טוער. און צו דעם סוף פון זיין געשפּרעך האָט ער פאָר־מולירט דעם „מוסר השכל" פון דער גאַנצער פּאַסירונג אַזוי:

— נו, זאָגט אַליין: קאָן מען מיט אַזאַ פאָלק לעבן אינאיינעם?

דעם אַמעריקאַנער אָפיצער, דעם איידעלן און גערעכטן קינד פון אַ קרי־גערישער ראַסע, איז אָט די יידישע אַבסאָלוטע הויכשעצונג פון אַ מענטש־לעכן לעבן, — אַלץ איינס, אַ יידישן אָדער גויאישן, — אַ פּסיכאָלאָגישע אומ־מעגלעכקייט. ער קאָן זיך ניט פאָרשטעלן מען זאָל מיט אַזאַ פאָלק קאָנען לעבן אינאיינעם. פאַר אונדז, איך מיין, פאַר דאָס רוב יידן איז אָט דער שטריך פון דעם יידישן פרידלעכן כאַראַקטער, — זיין רחמנות־געפיל און די אַב־סאָלוטע הויכשעצונג פון אַ מענטשלעכן לעבן, — גראָד אַ שטריך, וואָס געהערט צו דער רעכטער זייט פון דער מעדאַל צו „דער בלוטיקער שיינקייט פון אונדזער גלות־לעבן".

אָבער אָט די „רעכטע" זייט איז דאָך פאַרט ניט אָפּצורייסן פון איר „לינקער" זייט: דער בלוטיקער מיאוסקייט, און אָט די בלוטיקע מיאוסקייט איז ערגעץ ניט אַרויסגעטראָטן אַזוי שאַרף, ווי אין יענע עפּיזאָדן פון די לעצטע פּאָגראָמען, וואו די יידן האָבן געלאָזט טאָן איבער זיך וואָס איר ווילט אין דער וועלט, אָן אַ ברעקל ווידערשטאַנד און קאַמף. די גראָז־פּרעסנדיקע שאָף האָט זיך דערביי באַנומען, לויט אירע היסטאָרישע טראַדיציעס אין דעם גלות־לעבן, וואָס שפּיגלען אָפּ איר גראָז־פּרעסנדיקע טבע: כשה לטבח יובל.

שטייט אַ מחנה יידן ערגעץ־וואו אויף אַ סטאַנציע, און איבער זיי „איז־דיעקוועט" זיך אַ פּוילישער זשאַנדאַר. ער גייט צו צו דער מחנה, דערלאַנגט אַ שטויס אַ יידן, און אַלע יידן פאַלן צו דער ערד אין דער זעלביקער ריכטונג. ער הייסט זיי אויפשטעלן זיך, גייט צו פון דער אַנדערער זייט, דערלאַנגט אַ שטויס אַן אַנדער יידן אין אַ נייער ריכטונג, און אַלע יידן פאַלן צו דער ערד אין דער נייער ריכטונג. און אַזוי גייט אָן אַ לאַנגע צייט דער זעלביקער שטומער שפּיל. די יידן פאַלן, ווי טויטע פּגרים, אָן אַ פּיפּס צו טאָן, צו דעם לוסטיקן געלעכטער פון דעם זשאַנדאַר און די אַרומיקע גוים.

איך האָב אויסגעקליבן אָן עפּיזאָד, אין וועלכן עס ווערט ניט פאַרגאָסן קיין איין טראָפּן בלוט: אפילו קיין באָרד מיט אַ האַלבער באַק ווערט דערביי ניט אַרויסגעריסן. אָבער אין אָט דעם בלוטלאָזן „פרידלעכן" עפּיזאָד שפּילט זיך אָפּ די יידישע טראַגיק אַ סך בידערשלאַגנדיקער, אַ סך האַרץ־פאַרקלעמענ־דיקער, איידער אין די אומצייליקע עפּיזאָדן, וואו יידיש בלוט גיסט זיך שטראָמען־ווייז, ווי אין אַ שיקאַגער שלאַכט־הויף...

וואָס פילט „עישו", ווען ער רייצט זיך מיט זיינע שטומע, ווילנלאָזע, קראַפּטלאָזע קרבנות?

אַ טאָפּלטע פּסיכאָלאָגיע שפּילט זיך דערביי אָפּ אין זיין נשמה.

איינמאָל איז דאָס די פּסיכאָלאָגיע פון דער קאַץ, וואָס וויל זיך אָנשפּילן מיט דער מויז, איידער זי פאַרצוקט זי: די פרייד פון דער אייגענער גבורה און מאַכט, די שטענדיקע דערינערונג אָן זיי, ביי יעדן קער און ווענד פון דער מויז.

אָבער ניט אָט די פּסיכאָלאָגיע פון קאַץ־און־מויז־שפּיל איז דאָ דער עיקר. דער עיקר איז דאָ די דאָרשט נאָך דעם ווידערשטאַנד, דער רוף פון דעם בלוטיקן אָפּגרונט, וואָס האָט די אמתע הנאה פון דער אייגענער גבורה און מאַכט ערשט דעמאָלט, ווען מען שטעלט זיי אין קאַן, ווען זיי זיינען פאַר־בונדן מיט נצחון, מיט גובר זיין אַ קראַפט, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן.

מיט די אַלע ריידענישן וויל „עישו" זאָגן: „קומט צו מיר אַראָפּ אין מיין בלוטיקן אָפּגרונט! לאָמיר אַ מעסט טאָן די כוחות! שטעלט אייער

„מענטש" אין קאָן! באַוויזט, אַז איר האָט מענטשלעך בלוט אין אייערע אָדערן, ווייל מענטשלעך בלוט איז נאָר אַזאַ בלוט, וואָס קאָן זיך אָנצינדן מיט דער פאַרשיכורנדיקער לוסט פון בלוטיקן קאַמף און נצחון!

ערשט ווען אָט דער רוף ווערט פאַרשטומט אָן אַ ווידערקלאַנג ביי דעם שונא, טרעט אַריין די ערשטע פסיכאָלאָגיע: דער אָנגענעמער צייט־פאַר־טרייב אין קאַץ־און־מויז־שפּיל.

אָט־אָ די גראָזענע, מייזענע עקזיסטענץ אונדזערע איז די „בלוטיקע מיאוסקייט" פון אונדזער גלות־לעבן, די ניט אָפּצורייסנדיקע זייט פון זיין „בלוטיקער שיינקייט"...

## 12.

# פאָלקס־פּסיכאָלאָגישער אַנטיסעמיטיזם

מיר, יידן, קאָנען דעם יידן פון אינעווייניק אַרויס. מיר ווייסן, אַז ער איז בטבע פון זייער אַ גוטן מזג. ביי אַלע מענטשלעכע חסרונות און שוואַכקייטן, איז ער קודם־כל פרידליבנדיק. ער האָט אַ פיינעם „יידישן" קאָפּ אויף זיינע אַקסלען, און אַ „יידישע" האַרץ אין זיין ברוסט, פול מיט ליבע און רחמנות: האַרטע מענטשן, רשעים „מיט שטיינערנע הערצער", זיינען ביי אונדז אַ ווינציקע מינאָריטעט, און „רוצחים", בלוט־פאַרגיסער, וואָס האָבן ניט קיין אָפּשיי פאַר אַ מענטשלעך לעבן — נאָך אַ ווינציקערע אויסנאַם, אַ מיעוט שבמיעוט: כמעט ווי גאָר ניט פאַראַנען.

דאָס קאָן באַוויזן ווערן סטאַטיסטיש, מיט די ציפערן פון יידישע פאַר־ברעכנס און פון יידישע צדקה־אַנשטאַלטן. נאָך מער איז דאָס קלאָר פאַר יעדן איינעם, וואָס איז באַקאַנט מיט דעם יידישן לעבן, מיט די שטענדיקע „מעשים טובים" און „חסדים" וואָס ווערן טאָג־טעגלעך געטאָן אין יעדן יידישן ישוב. וואָלט מעגלעך געווען אַ פאַרגלייכנדיקע סטאַטיסטיק פון טאָג־טעגלעכער באַרעמהאַרציקייט, וואָלטן מיר אין דעם פּרט זיכער פאַרנומען דעם העכסטן אויבנאָן צווישן אַלע אַנדערע פעלקער.

היינט — די יידישע גאונות און חריפות. עס איז גענוג געווען פאַר אַ קליינעם טייל פון אונדזער פאָלק צו באַטייליקן זיך אין אַ משך פון הונדערט יאָר אין דער אַלגעמיינער קולטור פון דער מענטשהייט, כדי מיר זאָלן גראָד אין דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אַרויסברענגען פון אונדז זשעניען, וואָס רופן אַרויס באַוואונדערונג ביי דער גאַנצער געבילדעטער וועלט, און וואָס

לייגן אַרויף דעם שטעמפּל פון זייער שאַפנדיקן גייסט אויף דעם גאַנג פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס: פעלקער פון אַ סך אַן עלטערער, מאָדערן־אייראָפּייאישער קולטור, ווי די סקאַנדינאַווישע און די סלאַווישע, האָבן ניט אַרויסגעבראַכט ניט אַזאַ דיכטער, ווי היינע, ניט אַזעלכע דענקער, ווי מאַרקס און בערגסאָן, ניט אַזאַ וויסנשאַפטלעכן פאָרשער, ווי איינשטיין. און וויפל טאַלאַנטן אויף אַלע פעלדער פון דער קולטור גיבן מיר איצטער יאָר־יערלעך דער מענטשהייט!

און גראָבט מען זיך אין די אַלטע אוצרות פון אונדזער שאַפן, געפינען מיר דאָרטן ניט נאָר זעלטענע גייסטיקע רייכקייטן, וואָס קאָנען עד־היום פון אַ ריין מענטשלעכן שטאַנדפּונקט, נאָך האָבן אַ ווערט פאַר דער וועלט, נאָר אונדז ווערט אויך קלאָר, אַז די יידישע גאונות און חריפות, וואָס ציט איצטער צוריק צו די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט, איז ניט קיין פּראָדוקט פון דעם היסטאָרישן נעכטן און היינט: זיי זיינען שטענדיק געהאַנגען איבער די הימלען פון דעם יידישן שאַפן. און היינע איז אַ גילגול פון יהודה הלוי, בערגסאָן — אַ גילגול פון גאַבירואָל און ספּינאָזאַ, מאַרקס אפשר אַ גילגול פון דעם „שך" אָדער דעם ט"ז, און איינשטיין איז אַ מאָדערניזירטער „ווילנער גאון".

היינט — די גייסטיקע אוצרות, וואָס ליגן נאָך אָנגעזאַמלט אין דעם יידישן פאָלקלאָר, אין דעם זכרון פון אונדזער פאָלק, ביי גאַנץ פּשוטע באַ־לעבאַטים, פאָלקס־מענטשן און אַלטע יידענעס, — אוצרות, וואָס הייבן ערשט איצטער אָן אויסגעגראָבן צו ווערן און וואָס נאָר אַ שמץ דשמץ פון זיי איז אַרויפגעבראַכט געוואָרן אויף דער ליכטיקער שיין!

— היינט — די טיפן פון יידישע אידעאַליסטן מכל המינים, וואָס מיר גיבן אַרויס אין אַ סך אַ גרעסערן פּראָצענט, איידער אַלע אַנדערע פעלקער! אידעאַליסטן, וואָס קאָנען באמת זיך אַרויסרייסן פון אַלע „הבלי־הבלים" פון דער „עולם הזה" און זיך מיט לייב־און־לעבן, מיט יעדן טראָפּן בלוט, מיט יעדער צעל פון די נערוון, מיט יעדן פּולס־שלאָג פון דער האַרץ, אַריינוואַרפן אין אַ לעבן צוליב אַ העכערן אידעאַל, — אָנגעהויבן פון די יידישע רבנים, וואָס האָבן ניט געוואוסט פון אַ „צורת מטבע" און האָבן זיך אַריינגעטאָן אין „תורה און עבודה", ביז צו די מאָדערנע סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און קאָמוניסטן, וואָס אַן זיי באַגייט זיך ניט קיין איין ערנסטע רעוואָלוציאָנערע באַ־וועגונג פון אונדזער צייט!

און קוקט מען אויף דעם יידישן מהות אפילו מיט די געוויינלעכע באַ־לעבאַטישע אויגן פון אַ געוויינלעכן בשר ודם פון אונדזער צייט, וואָס האַלט, אַז דער האַנדל, די פאַרשפּרייטונג פון אָנגעזאַמלטע מאַטעריעלע רייכטימער,

איז דער העכסטער און וויכטיקסטער אויפטו פון דעם מענטשלעכן פרידלעכן פראָגרעס, — קוקט מען, זאָג איך, אויף דעם יידישן מהות מיט אָט די מקח־וממכרדיקע אויגן, מוז די מענטשלעכע חשיבות אפילו פון דעם גע־ווינלעכסטן יידן אויסוואַקסן צו רעספּעקטאַבעלע מאָסן: איז דען ניט דער האַנדל די צענטראַלע אַקס, אַרום וועלכער עס דרייט זיך די גאַנצע מאָדערנע געשיכטע פון דער מענטשהייט: איר דיפּלאָמאַטיע, אירע קריג־פירונגען און אירע פרידלעכע טראַקטאַטן! און איז ניט׳דער ייד, אויב ניט דער בעס־טער, איז לפּחות, איינער פון די גאַר בעסטע קאָמערציאַנטן, און שפּילט דען ניט דער ייד אַזאַ אומגעהייער וויכטיקע ראָליע אין דעם וועלט־האַנדל!

קוקט מען אויף דעם יידן פון אינעווייניק אַרויס, מוז ביי יעדן אָביעק־טיוון פאָרשער, ביי וועמען די אויגן זיינען ניט פאַרבלענדט מיט שנאה צו אונדז, אויסוואַקסן אַ געפיל פון אויפריכטיקן דרך־ארץ צו יענעם מין מענטש, וואָס „גייט אום אין דער וועלט אונטער דעם נאָמען ייד". און אויב יענער אָביעקטיווער פאָרשער איז נאָך אַליין אַ ייד, איז ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז דער געפיל פון אָביעקטיוון דרך־ארץ זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ געפיל פון דער העכסטער ענטוזיאַסטישער ליבע און פאַרערונג צו דעם אייגענעם פאָלק, און עס קאָן ביי אים גאָר קיין ספק ניט זיין, אַזאַ אַזאַ פאָלק מוז אַריינברענגען „מזל וברכה" אומעטום, אין וועלכן לאַנד ער זאָל זיך ניט באַזעצן.

וואונדערט זיך אַזאַ אָביעקטיווער יידישער פאָרשער, וואָס קאָן אונדזער פאָלק פון אינעווייניק אַרויס: היינט פאַרוואָס האָט מען אונדז פיינט? וואָס רודפט מען אונדז? וואָס האָט מען צו אונדז? ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז אַ פאָלק, וואָס פאַרדינט לפּחות דעם טיפסטן דרך־ארץ צו זיך, זאָל גאָר אַרויסרופן דעם היפוך דערפון: די אָפּגרונט־טיפסטע פאַראַכטונג?

מיר קאָנען שוין ניט גלייבן מיט דער אַלטער יידישער וועלט, אַז דאָס איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי גאָטס אַ שטראָף פאַר אונדזער ניט־פרומקייט, פאַר אונדזער ניט וועלן לייגן קיין רבינו־תמס־תפילין, אָדער גאָר, חלילה, פאַר אונדזער רייכערן אום שבת. כאַפּן מיר זיך אָן, צוליב אַ דערקלערונג, אָן דער „אינסטינקטיווער פיינטשאַפט צו אַ פרעמדן, וועלכן מען קאָן ניט פאַרשטיין" (מאַקס נאָרדוי) אָדער נאָך פּשוטער: אָן דעם פאַקט פון קנאה, פון ניט פאַרגינען מצד דעם נידעריקערן און שוואַכערן צו דעם העכערן און שטאַרקערן.

אָבער אָט די צוויי ענטפערס זיינען אין תוך אָדער גאָר קיין ענטפער ניט, אָדער נאָר האַלבע. על־כל־פּנים זיינען זיי זייער אויבערפלעכלעך.

מען נעמט אָן, אַז די פעלקער, צווישן וועלכע מיר לעבן און ביי וועלכע מיר האָבן אַרויסגערופן אַזאַ אינטענסיוון האַס און אַזאַ טיפע פאַראַכטונג צו אונדז, קוקן אויף אַ מענטשלעכן מהות מיט די זעלביקע אויגן ווי מיר, און אַז אויף זייער גייסטיקער רעטינע שפיגלט זיך אָפּ די זעלביקע געשטאַלט פון דעם יידן, וואָס אויף אונדזערער.

מען האָט זיך נאָך ניט געפּרואווט אָביעקטיוו אַריינטראַכטן אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די האַסערס און אין די אומשטאַנדן, וואָס רופן נויטווענדיק אַרויס דעם האַס.

וואָלט מען דאָס געטאָן, וואָלט מען געמוזט אויסגעפינען, אַז אונדזער געשטאַלט ווערט אָפּגעשפּיגלט אין דעם פרעמדנס אויג ניט אַזוי ווי זי זעט אויס פון אינעווייניק, נאָר ווי זי זעט אויס פון דרויסן, און אַז הינטער דעם פרעמדנס אויג, וואָס דאַרף אָפּשאַצן דעם ווערט פון דער געשטאַלט, שטעקט אַ גאַנץ אַנדער נשמה, איידער אונדזערע מיט אַ גאַנץ אַנדער פּסיכאָלאָגישן בוי.

אין דער סעריע פון אונדזערע איצטיקע אַרטיקלען אויף דער טעמע „יעקב און עשיו", האָבן מיר געפּרואווט אויסאַרבעטן דעם חילוק צווישן „יעקבס" און „עשיוס" נשמות און צוריקפירן יענעם חילוק צו זיין סאָציאָלאָגישער און קולטור־היסטאָרישער וואָרצל; צו דעם חילוק, וואָס הערשט צווישן פרידלעכע און קריגערישע פעלקער.

האָבן מיר יענע אונטערשיידן אין זין, קאָנען מיר אָוועקשטעלן די פראַגעס, דער עיקר, בנוגע „עשיוס" פאָלקס־מאַסן, צווישן וועלכע מיר לעבן און פון וועלכע עס הענגט נאָך עד־היום אָפּ אונדזער גורל: וואָס שטעקט הינטער עשיוס אויג? און ווי מוז זיך אָפּשפּיגלען אין אים אונדזער געשטאַלט?

מיר האָבן געזען: „עישו" קאָן זיך צונויפלעבן אויך מיט פרעמדע גרופּן, אויב זייער לעבן איז אָפּן פאַר אים און אויב אָט דער לעבן וואַקסט אַרויס פון דעם זעלביקן פּסיכאָלאָגישן גרונט־וואָרצל, פון וועלכן עס שטאַמט אָפּ אויך זיין אייגענע נשמה.

דאָס איז אַ נשמה פון אַ קריגערישן פאָלק, פאַר וועמען ניט יעדער לעבן איז ווערט געלעבט צו ווערן; פאַר וועמען אַ מענטשלעך לעבן ווערט אָנגענומען ניט אַבסאָלוט, נאָר בתנאי: עס זאָל זיין פול מיט שטאַרקע, קאָלירטע איבערלעבונגען, אין וועלכע עס ווערט אַרויסגעברויזט די פרייד פון דער אייגענער פיזישער גבורה און קראַפט, די פרייד פון פיזישן קאַמף און נצחון.

דאָס לעבן פון עשיוס פאָלקס־מאַסן, דער עיקר, דאָס דאָרף־לעבן, איז אַ לעבן פון שטאַרקע אָנגעשטרענגטע מוסקלען אין קאַמף מיט דער נאַטור;

אַ לעבן פול מיט געפאַר און ליבע צו געפאַר, אין געיעג און אין אַפּטן, אַמאָל ערנסטן, אַמאָל גוטמוטיקן, גוטברידערישן קאַמף; אַ לעבן, אין וועלכן קריג און בלוט־פאַרגיסן רייסן זיך אַריין ניט ווי אַ תוכחה, ניט ווי אַ חושכדיקע אימה, נאָר אַפּטמאָל ווי אַ יום־טוב, אין וועלכן עס צינדן זיך אָן אַלע פייערן פון הפקרות און דאַרשט נאָך טריאומף איבער דעם פיינט.

און דערביי האָבן מיר אפילו ניט אָנגערירט יענעם גרויסן חילוק, וואָס ליגט אין די וואָרצלען פון „יעקבס" און „עשיוס" נשמות, — דעם חילוק אין זייער פאַרשיידענער שטעלונג צו דער פּרוי און דעם סעקסועלן לעבן בכלל. אויך אויף דעם, זייער וויכטיקן, אפשר דעם וויכטיקסטן, פעלד פון פעלקער־פּסיכאָלאָגיע, וועט דער „פרידלעכער" „יעקב" קיינמאָל ניט פאַרשטיין, — אינעווייניק אין זיין געפיל, — עשיוס קאַמף אַנטקעגן דער „זי", און מיט די אַנדערע פאַר דער „זי", און עשיוס פריידן מיט דער „זי".

און — אויף דעם פאָן פון אַזאַ אייגנאַרטיקער נשמה מיט בלוטיקע קריגערישע און סעקסועלע אָפּגרונטן — ווי מוז אויסזען די דרויסנדיקע געשטאַלט פון דעם יידן? בפרט דעם גלות־יידן ביז דעם מיטן פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט?

אַ מענטשל, דאָס רוב מיט אַ צעקראַכענעם קערפּער, מיט אַלע באַוועגונגען און זשעסטן, וואָס דריקן אויס נעבעכדיקייט, צרהדיקייט און אונטערטעניקייט. אין אונדזערע אויגן רופט אַזאַ געשטאַלט אַרויס די אידייען־פאַרבינדונג פון העכערע מענטשלעכע נשמה־ליידן און גייסטיקייט. אין „עשיוס" אויגן איז דאָס פּשוט אַ וואָרעם, וואָס פאַרדינט צעטראָטן ווערן מיטן פוס.

דער וואָרעם איז דערביי אַזוי הינטיש צוגעבונדן צום לעבן, מיט אַזאַ פּחד פאַרן טויט און פאַר פאַרגאָסענע בלוט, און לאָזט טאָן מיט זיך אַלץ וואָס איינעם פאַרגלוסט זיך. און דערביי איז דאָס אַזוי להוט נאָך דעם גראָשן, אַז ער וועט אייך טאַטע־מאַמע פאַרקויפן פאַר אים. און דערביי איז זיין קעפּעלע אַזוי פול מיט אַלערליי דריידלעך און שפּיצלעך, ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען ביי „עשיון" דעם גראָשן פון זיין טאַש. וואָלט ער נאָך פאַרטרונקען דעם גראָשן אינאיינעם מיט אים, צי מיט אַן אַנדער גוטן ברודער, מען זאָל זען, אַז ניט אין דעם גראָשן גייט עס, נאָר אין דעם שיינעם קונץ, ווי אַזוי אים אַרויסצובאַקומען...

וואָס פאַר אַ געפיל קאָן אַזאַ בריאה אַרויסרופן אין עשיוס ברייטער ברוסט?

קודם־כל אַ געפיל פון פאַראַכטונג און לעכערלעכקייט, און ווען עישו זעט נאָך, אַז אָט די בריאה האַלט זיך אַליין פאַר דעם צימעס פון דער וועלט,

און מיאוסט זיך צו עסן און טרינקען אינאיינעם מיט אים, און קריכט נאָך אים אַריין עקאַנאָמיש אין גרגרת אַריין, פאַרוואַנדלט זיך די פאַראַכטונג אין אַ ביטערן האַס.

אָט דאָס איז דער פאָלקס־פּסיכאָלאָגישער וואָרצל פון דעם אַנטיסעמיטיזם.

13.

## צו דער „איוב־פאַוסט" טראַגעדיע פון דעם יידישן פאָלק

די יידישע פראַגע פון אונדזער צייט באַשטייט פון צוויי גרויסע אָפּטיילונגען. דאָס איז, ערשטנס, די פראַגע וועגן אונדזער פרייער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג, ווי אַ פאָלק אויף דער וועלט. דאָס איז, צווייטנס, די פראַגע, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דער העפטיקער שנאה צו אונדז, פון יענע פאַרפאָלגונגען, וועלכע מיר שטייען אויס שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר און וואָס ווערן, ווי עס ווייזט אויס, אַלץ מער און מער פאַרשאַרפט.

אויפן פּאַפּיר איז ביידע פראַגעס זייער גרינג צו פאַרענטפערן, „פּשוט, ווי אַ האָר פון מילך". אין איין פּאָר שורות ווערן מיר פאַרטיק מיט זיי: לאָמיר אַלע פאַרלאָזן דעם גלות און זיך באַזעצן אין אַן אייגענעם לאַנד, וועט קיינער ניט קאָנען שטערן אונדזער פרייע עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג, און „עשׂיוס" שנאה צו אונדז קאָן אונדז דעמאָלט אַרן ווי די וואַנט, ווי אויך די ענגלענדער ווערן ניט באַזונדערס מרה־שחורה פון דעם, וואָס אַזויפיל פעלקער האָבן זיי ניט האָלד.

דאָס איז אויפן פּאַפּיר. אין לעבן איז דאָס ניט נאָר ניט קיין פּראַקטישער ענטפער, נאָר אפילו ניט קיין טעאָרעטישער.

פאַר דער איצטיקער ווירקלעכקייט און פאַר דער נאָענטער צוקונפט איז דאָס אַ ריינע אוטאָפּיע. ניטאָ אַזאַ לאַנד, וואוהין מיר אַלע וואָלטן געקאָנט אַוועקפאָרן און זיך באַזעצן דאָרט, ווען מיר אַלע וואָלטן געוואָלט; ניטאָ נאָך אַזאַ ווילן ביי דעם גאַנצן יידישן פאָלק, וואָס זאָל אונדז טרייבן אַ הייב טאָן זיך און אַריבערפעקלען זיך אין אַן אייגענער היים, ווען אַזאַ היים וואָלט ערגעץ־וואו געווען; און ניטאָ נאָך ביי אונדז יענע קאָלאָסאַלע טעכנישע מיטלען, וואָס וואָלטן מעגלעך געמאַכט די ראַדיקאַלע גאולה, אפילו ווען עס וואָלט געווען ערגעץ־וואו אַזאַ לאַנד און עס וואָלט ניט געווען קיין מאַנגל אין דעם נויטיקן נאַציאָנאַלן ווילן.

פאַרוואַנדלען זיך יענעביידע אָפּטיילונגען פון דער יידישער פראַגע אין אַ פאַרפּלאָנטערטן קנויל פון פּראָבלעמען, וואָס דאַרפן פונאַנדערגע־קניפּלט ווערן אייגציקווייז; וואָס דאַרפן טעאָרעטיש ריכטיק באַלויכטן ווערן, כדי מען זאָל קאָנען געפינען דעם וועג פאַר זייער פּראַקטישער פאַרענטפערונג אין אונדזער צייט, פאַר אונדזערע דורות.

די פּראָבלעמען פון אונדזער פרייער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ לאָזן מיר דאָ איגנאָרירן אַרויס פון שפּיל. ווי ענג זיי זאָלן ניט זיין פאַרבונדן מיט דער פראַגע וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם, מוז פאַר זיי געפירט ווערן אַ באַזונדער חשבון. אין דעם צענטער פון אונדזערע איצטיקע באַטראַכטונגען שטייט די רעטעניש פון דעם אַלוועלטלעכן יידנהאַס, פון „דער אייביקער פיינטשאַפט צו דעם אייביקן פאָלק״.

דער געוויינלעכער הערשנדיקער ענטפער אויף דער רעטעניש איז אַזאַ. מיר לעבן צווישן פאָלקס־מאַסן, וואָס זיינען געשלאָגן מיט בלינדקייט און עם־הארצות. אַ חוץ דעם געפינען זיך אין אַ גאַנץ רייכער צאָל בייזע מענטשן, רשעים, וואָס פאַרגינען אונדז ניט דאָס ביסל לופט צום אָטעמען. יענע רשעים טוען אָן גענוג צרות זייערע אייגענע פאָלקס־מאַסן, און פאַרדינען באמת, אַז דער פאָלקס־צאָרן זאָל זיך אַ וואָרף טאָן אויף זיי. טראַכטן זיי אויס אויף אונדז אַלערליי שקרים און בלבולים און רעדן אָן דעם המון אויף אונדז. פרייען זיך די רשעים, ווייל זיי דערשיסן צוויי האָזן מיט איין שאָס: אי זיי ווענדן אָפּ דעם פאָלקס־צאָרן פון זיך אַליין, אי זייער ניט־פאַרגינערישע הארץ קאָן זיך פרעגלען פון נחת, ווען יידיש האָב־און־גוטס און יידישע לעבנס גייען אַוועק אין זיילן רויך און שטראָמען בלוט.

קיינער קאָן ניט לייקענען, אַז אין דעם יסוד פון אַזאַ דערקלערונג ליגן פאַקטישע אומבאַשטרייטבאַרע אמתן. די פאָלקס־מאַסן זיינען בלינד און עם־הארציש און זעען ניט זייערע אייגענע פיינט; מיר האָבן שונאים, רשעים, וואָס פאַרגינען אונדז ניט דאָס ביסל לופט צום אָטעמען; זיי פאַבריצירן טאָג־טעגלעך אַלץ נייע שקרים און בלבולים אויף אונדז, אין וועלכע די מאַסן גלייבן, פון וועלכע זיי ווערן אויפגערייצט און זיינען תמיד גרייט אָנצופאַלן אויף אונדז, כדי אונדזערע שונאים זאָלן זיך קאָנען פרעגלען פון נחת.

און אויב אין אָט די פאַקטישע אמתן, וועלכע קיינער קאָן ניט אָפּליי־קענען, וואָלט באמת געלעגן דער אייגציקער שליסל צו דעם אַנטיסעמיטישן פּראָבלעם, וואָלט מען סוף־כל־סוף ניט געטאָרט אַריינפאַלן אין אַזאַ יאוש. ווי טרויעריק די לאַגע זאָל ניט זיין אין אונדזער איצטיקער צייט, איז דאָ אַ האָפענונג אויף אַ ליכטיקער צוקונפט, אפילו ווען מיר אַליין זאָלן אַ פינגער אָן אַ פינגער ניט אַ קלאַפּ טאָן, כדי פּטור צו ווערן פון דעם אַנטיסעמיטיזם.

דער איינציקער קוואַל, וואָס שפּייזט אים און מאַכט אים געפערלעך פאַר אונדז, איז די בלינדקייט און די עם־הארצות פון די מאַסן. יענע בלינדקייט אָבער מוז באַלד פאַרשווינדן. די פאָלקס־בילדונג איז געוואָרן אַ נויטווענדיקסטע אויפגאַבע פון יעדן מאָדערנעם שטאַט אין אונדזערע דעמאָקראַטישע צייטן, און די אויפקלערונג פון די מאַסן גייט מיט ריזן־שריט פון דור צו דור. דערצו: זייט ביי זייט מיט די רשעים זיינען ביי די פעלקער דאָ אויך צדיקים. און אויב די צדיקים זיינען ניט אַזוי פאַראינטערעסירט אין אַ שוץ און הילף פאַר דעם יידישן פאָלק, זיינען זיי אָבער בלוטיק פאַראינטערעסירט אין דעם שוץ און הילף פאַר די פאָלקס־מאַסן, אין באַפרייען זיי פון זייערע אייגענע רשעים, און אין אויפעפענען די אויגן פון דעם פאָלק אויף זיינע אמתע אינעווייניקסטע פיינט.

און ווען די אויגן פון די מאַסן וועלן אויפגעעפנט ווערן, און די מאַסקעס פון די טייוולשע רשעימס פנימער וועלן אַראָפּגעריסן ווערן, וועט דער בליק פון די מאַסן פאַלן אויף אונדז, די אומשולדיק פאַרלוימדעטע און פאַרפאָלגטע, און טרערן פון חרטה און רחמנות וועלן זיך שטעלן זיי אין די אויגן, און ברייט וועלן זיי פונאַנדערעפענען זייערע אָרעמס פאַר אונדז, און מיר וועלן אַריינפאַלן אין יענע אָרעמס מיט אַ היסטערישן געוויין פון מחילה און פון פרייד, און דער פאָרהאַנג וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף דער סענטימענטאַלער מעלאָדראַמע פון דער יידישער געשיכטע, אונטער די הילכיקסטע אַפּלאָדיסמענטן פון דער באַפרייטער אויפגעקלערטער מענטשהייט...

ליידער ליגט אין יענע פאַקטן ניט דער גאַנצער שליסל צו אונדזער פּראָבלעם, און די יידישע געשיכטע אין גלות איז ניט קיין סענטימענטאַלע מעלאָדראַמע, ווירדיק פאַר דער פעדער פון אַ זאַלאַטאַרעווסקי. עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע פאַקטן, וואָס שטעלן אַוועק די ערשטע אין אַן אייגנטימלעכער באַלייכטונג.

עס איז דאָ דער פאַקט, וואָס ניט אַלע אונדזערע שונאים זיינען בלינד, אומוויסנדיק און בייזוויליק. עס זיינען דאָ צווישן די אַנטיסעמיטן מענטשן מיט די איידלסטע הערצער, מענטשן וואָס שטייען אויף די העכסטע באַרג־שפּיצן פון דער מענטשלעכער בילדונג און אויפקלערונג, ווי אַ טשעכאָוו, אַ באַקונין, אַ דיוהרינג, אפילו ווי — זאָל אונדז צו קיין גנאי ניט זיין, — אַ גראַף טאָלסטאָי, וועמעס האַרץ עס איז געווען פול ליבע צו דער גאַנצער מענטשהייט און פול מיט ניט אויסצוראָטנדיקער אַנטיפּאַטיע צו דעם יידישן פאָלק.

און עס איז דאָ דער פאַקט, אַז די גרויסע פאָלקס־מאַסן וואַרטן ניט, ביז די רשעים וועלן אויסקלערן אויף אונדז דעם אָדער יענעם שקר און בלבול;

ווי אין אַ מעין הנובע קוואַלן אין אים אַליין אָן בייזוויליקע לעגענדעס, ווערט־לעך און לידלעך אויף אונדז, און ווען מיר קוקן זיך אַריין אין דעם שפּיגל פון יענע פאָלקלאָריסטישע שאַפונגען מוזן מיר צוגעבן, אַז ניט אַלע שטריכן פון אונדזער געשטאַלט אין אים זיינען אויסגעטראַכטע; אַז אַ גרוי־סער טייל פון זיי איז ריכטיק קאָפּירט פון לעבן, ווען מען קוקט אויף דעם יידישן לעבן נאָר פון איר דרויסנדיקער זייט.

דער פּועל־יוצא פון אָט די אַנדערע, פון אונדז ניט גענוג באַמערקטע, ניט גענוג אָפּגעשאַצטע פאַקטן, באַשטייט קודם־כל אין דעם, אַז מיר מוזן זיך ראַדיקאַל אָפּזאָגן פון יענעם בליק אויף דעם אַנטיסעמיטיזם, וועלכער מאַכט אונדזער טראַגישע גלות־געשיכטע פאַר אַ זאַלאַטאַרעווסקיס מעלאָ־דראַמע, מיט אַ פאַרפאָלגטער אומשולד, מיט אַ טייוולשן אינטריגאַנט, וואָס וויל צעשיידן צוויי ליבנדיקע הערצער, און וואָס כאַפּט זיין מפּלה ביי דעם סענטימענטאַל־רירנדיקן סוף, ווען די צוויי ליבנדיקע הערצער ווערן ווידער פאַראייניקט.

די יידישע גלות־געשיכטע איז אַ טראַגעדיע, אַ טאָפּלטע טראַגעדיע, אין וועלכער עס טרעט אַרויס ניט נאָר אונדזער „בלוטיקע שיינקייט", נאָר אויך אונדזער „בלוטיקע מיאוסקייט".

ווי יעדע טראַגעדיע איז דאָס אַ צונויפשטויס פון צוויי פאַרשיידענע ווילנס, פון צוויי פאַרשיידענע לעבנס־אָנשויאונגען, פון וועלכע ביידע זיינען אפשר אין זיך גערעכט, אָדער אומפאַרמיידלעך.

דאָס איז, ערשטנס, אָן איוב־טראַגעדיע, וואו אַ קליין ליידנדיק מענטשלעך נפשל קעמפט אַנטקעגן דעם גאַנצן „סדר העולם" און פאָדערט דעם וועלט־גאָט צו דין וחשבון. דאָס איז די טראַגעדיע פון אַ קליינעם פרידלעכן פאָלק, וואָס האָט זיין דרך אין לעבן, — דעם „דרך החיים", — און וואָס קעמפט אין דעם משך פון זיין געשיכטע אַנטקעגן אַלע יענע גרויסע פעלקער, וועלכע האָבן באַשאַפן דעם מענטשלעכן „סדר העולם" מיט זיין פּראָגרעס, — אַנטקעגן מצרים און בבל, אשור און גריכנלאַנד, רוים און די מאָדערנע אייראָפּייאישע פעלקער, ווייל אָט די אַלע פעלקער זיינען קריגערישע, מיט קריגערישע נשמות און מיט אַ לעבנס־בליק, וואָס בינדט דאָס לעבן אָן געוויסע באַדינ־גונגען, אויף וועלכע מיר, די טרעגער פון דעם אַבסאָלוטן לעבנס־פּרינציפּ, קאָנען ניט מסכים זיין.

דאָס איז, צווייטנס, אַ פּאָסט־טראַגעדיע, וואו דער סטיכישער צונויפ־שטויס פון די פאַרשיידענע ווילנס מיט זייערע אומפאַרמיידלעכע טענדענצן קומט פאָר ניט אין דעם פיינטלעכן דרויסן, נאָר אין אונדזער אייגענעם אינע־ווייניק, — דער צונויפשטויס פון די „צוויי נשמות", וואָס „לעבן, אַך! — אין

אונדזער ברוסט״: דער שבתדיקער נשמה פון דעם בן־מלך, וואָס טראַכט וועגן דעם „מלכות־שמים״ אויף דער ערד, — וועגן אַ „שבת־אחים״, וועגן אַ ברידערלעכן לעבן פון אַלע מענטשן אין די גרענעצן פון איין פאָלק און אַ ברידערלעכן לעבן פון אַלע פעלקער אין די גרענעצן פון איין מענטשהייט, — און דער וואָכעדיקער נשמה פון דער פאַרכישופטער „הינטישער פעל״, וואָס ווייסט נאָר איין כלל: „טרעבאַ יאַק ניבודז׳ זשיץ׳״, ווייל „טוב לו לכלב החי מן הארי המת״.

אָט די טאָפּלטע „איוב־פאַוסט״־טראַגעדיע פון דעם יידישן גלות־לעבן האָט געמוזט גרינטלעך אויסגעשטודירט ווערן, איידער מען האָט זיך באמת געקאָנט פונאַנדערקלייבן אין דעם פּראָבלעם פון דעם אַנטיסעמיטיזם.

וואָס וועט זיין דער סוף פון איר?

## דער סוף צו דער „איוב״־טראַגעדיע

### 14.

אין אונדזערע אַרטיקלען אויף דער טעמע: „יעקב און עשיו״ האָבן מיר געפּרואווט אַרויסברענגען דעם וואָרצלהאַפטן אונטערשייד, וואָס עקזיס־טירט צווישן דער פּסיכאָלאָגיע פון אַ פרידלעכן פאָלק, ווי מיר זיינען, און דער פּסיכאָלאָגיע פון די קריגערישע פעלקער, צווישן וועלכע מיר וואוינען. אין יענעם וואָרצלהאַפטן אונטערשייד האָבן מיר געפונען די לעצטע אורזאַך פון אונדזער שטענדיקן קאָנפליקט מיט דער מענטשהייט, — פון אונדזער „איוב״־טראַגעדיע.

עס האָט זיך דערביי אויך אַרויסגעוויזן, אַז דער יידישער קאָנפליקט מיט דער מענטשהייט איז אויסגעבונדן מיט אַן אייגענעם אינעווייניקסטן קאָנפליקט צווישן די הויכע עטישע אידעאַלן, אין וועלכע מיר גלייבן... אין די שבתים און יום־טובים, און וועלכע מיר טרעטן מיט די פיס אין אונדזער סוחרישער פּראַקטיקע אין אַלע וואָכעדיקע טעג פון אַ גאַנץ יאָר. דאָס איז אונדזער „פאַוסט״־טראַגעדיע.

מיט וואָס וועט זיך ענדיקן די „איוב״־טראַגעדיע? ווען און ווי אַזוי קאָן דאָ אויפהערן דער קאָנפליקט צווישן יעקבן און עשיון? ווער וועט וועמען גובר זיין? וועמעס לעבנס־פּרינציפּ וועט טריאומפירן: עשיוס פּרינ־ציפּ פון קאַמף און גבורה און פרייד פון דעם פיזישן נצחון איבער דעם פיינט, אָדער דער פרידלעכער פּרינציפּ פון לעבן אונטער אַלע אומשטענדן,

פון הויכשעצן יעדעס מענטשלעכע לעבן און פון דער קאָנסעקווענטסטער ברײ־דערלעכקייט סיי אין סאָציאַלע באַציאונגען, סיי אין אינטערנאַציאָנאַלע ?

ווען אויף „איובן" האָט זיך אויסגעגאָסן די שטראָף פון דער העכערער מאַכט און זיינע ליידן זיינען געוואָרן אומדערטרעגלעך, האָט אים זיין ווייב געגעבן די פריינטלעכע עצה: ברך אלהים, ומת, — פאַרשילט גאָט און שטאַרב! אויך צו אונדזער פאָלק זיינען געקומען די שוואַכערע, די ווייבע־רישע עלעמענטן אונדזערע מיט דער זעלביקער פריינטלעכער עצה: לאָמיר זיך אָפּזאָגן פון אונדזער גאָט און פון אַלץ וואָס איז אונדז ביז אַהער געווען הייליק און לאָמיר שטאַרבן ווי אַ פאָלק.

און אויך אונדזערע פיינט פון עישוס לאַגער קאָנען ניט פאַרשטיין, פאַר־וואָס מיר קוואָפּען זיך אַזוי אויף אונדזער ביסל פינצטער לעבן, — בדרך כלל, אַ באמת היינטיש לעבן, — און ווערן ניט פּטור פון אונדזערע יידישע ליידן אינאיינעם מיט אונדזער יידישקייט.

דאָס רוב פון אונדזערע אמתע גוטע פריינט צווישן די אומות־העולם באַטראַכטן די נאַציאָנאַלע יידישע עקזיסטענץ און אונדזער האַרטנעקיקן קאַמף פאַר איר ווי אַ פּראָדוקט פון אונדזער אומוויסנקייט און בלינדקייט, פון איינגעשמועסטע פאַנאַטישע רעליגיעזע בבא־מעשות, פונקט ווי מיר באַטראַכטן דעם גאַנצן אַנטיסעמיטיזם, ווי אַ פּראָדוקט פון בלינדקייט און פאַנאַטישע אָבערגלויבנס ביי די גויאישע פאָלקס־מאַסן.

אויך די ערנסטע עצה פון אונדזערע אמתע גוטע־פריינט ביי די גוים איז — ברך אלהים, ומת! ווי מיינער אַ פּוילישער חבר האָט מיר אַמאָל געזאָגט: די בעסטע זאַך פאַר אייך, יידן, איז אויסצושמדן זיך און זען צונויפגיסן זיך מיט אונדז אַזוי, אַז אין אַ פּאָר דורות זאָל גאָר פאַרגעסן ווערן וועגן דעם, אַז אין פּוילן זיינען אַמאָל געווען יידן.

אַן אומזיסטע עצה. אויף דעם וועג ווערן מיר ניט פּטור פון דער טראַ־געדיע, ווייל אויף דעם וועג קאָנען מיר ניט גיין. אויף דעם וועג פון טויט קאָן ניט גיין קיין פאָלק. פעלקער שטאַרבן ניט מיט דעם גוטן ווילן. בפרט קאָן ניט גיין אויף דעם וועג פון טויט אַ פאָלק, וואָס זיין גאַנצער עצם ליגט אין זיין „ובחרת בחיים", אין דער אַבסאָלוטער צוגעבונדנקייט צום לעבן, אין דער העכערשעצונג אפילו פון אַ היינטישן לעבן איבער דעם שיינעם העלדישן טויט פון אַ לייב.

בלייבט אויסגעקריצט אויף אונדזער ברוסט דער „בעל כרחך אתה חי": לעבן אפילו אַנטקעגן דעם אייגענעם ווילן.

קומען צו אונדז אַנדערע פריינט אונדזערע, וואָס זעען איין, אַז מיר קאָנען ניט שטאַרבן, אַז מיר מוזן בלייבן לעבן צווישן עשיוס פעלקער, און

ראַטן אונדז ניט צו פאַרשווינדן, נאָר זיך אונטערצוגעבן. אונטערצוגעבן זיך ניט פיזיש, נאָר מאָראַליש. פאַרלייקענען אונדזער אַבסאָלוטן לעבנס־פּרינציפּ און אַלע יענע אידעאַלן, וואָס וואַקסן פון אים אַרויס, און אָנהייבן קוקן אויף די פּראָבלעמען פון וועלט און לעבן מיט די קריגערישע אויגן פון עשיוס פעלקער.

לעבסטו צווישן וועלף, וואָיע ווי אַ וואָלף, — לערנט אונדז אונדזער פריינט, זאב־וואָלף זשאַבאָטינסקי. זיין פאַרמעל איז: „הגוף — גוף יעקב, והנשמה — נשמת עשיו!" לאָמיר טאַקע בלייבן אַ באַזונדער פאָלק, אָבער ניט קיין אויסנאַם־פאָלק. מיר דאַרפן זיין אַ פאָלק מיט אַקוראַט אַזאַ קריגערישער נשמה, ווי אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט.

אָבער אויך אָט דער וועג איז פאַר אונדז ניט קיין אויסוועג. מיר קאָנען ניט פאַרשווינדן און מיר קאָנען זיך ניט אונטערגעבן. צייטנווייז, אין די מאָמענטן פון העכסטער נויט, קאָנען אויך מיר זיך אָננעמען מיט קריגערישער גבורה; ניט אַלע פון אונדז, נאָר אַ טייל פון אונדז: אין די צייטן פון קריג, אין וועלכן מיר ווערן געטריבן איבער געוואַלד, אין די צייטן פון זעלבסט־שוץ, ווען די עקזיסטענץ פון גאַנצע קהילות שטייט אין קאָן, און אין צייטן פון רעליגיעזער מסירת־נפש על קידוש־השם.

און לאָמיר אַראָפּוואַרפן פון זיך עשיוס פאַלשן ערן־באַגריף, לאָמיר זיך ניט שעמען אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת: אפילו פאַר די באַהאַרצטע פון אונדז, וואָס נעמען אין יענע צייטן אָן אַ פולע ברוסט מיט קריגערישער גבורה, איז דער קריג און דאָס בלוט־פאַרגיסן ניט קיין יום־טוב, ווי ביי עשיון, ניט קיין נאַטירלעכער פונאַנדערבלי פון דער איינגעבאָרענער רציחה, נאָר אַ טרויעריקע נויטווענדיקייט, אַ קרבן, געבראַכט אויף דעם מזבח פון אַ העכערן אידעאַל.

נאָר צייטנווייז, נאָר אויף אַ ווײַלע און נאָר אַ קליינער טייל פון אונדז קאָן ווערן פאַרעשיוט. יעקבס גוף קאָן ניט טראָגן אין זיך עשיוס נשמה. לעבנדיק צווישן וועלף, וועלן מיר קיינמאָל ניט אָנהייבן וואָיען ווי זיי, וויפיל עס זאָל זיך ניט מיען וועגן דעם אונדזער פריינט זאב־וואָלף.

ניטאָ פאַר אונדז קיין אויסוועג, אויב עשיוס קריגערישע נשמה זאָל בלייבן דער האַר פון דעם מענטשלעכן לעבן. נאָר אין איר אונטערגאַנג ליגט אונדזער רעטונג און אויסלייז. ריכטיקער: אין איר איבערבוי, ווייל גאַנץ אונטערגיין קאָן זי ניט און זאָל זי ניט.

אירע בלוטיקע אָפּגרונטן מוזן פאַרשאָטן ווערן. איר גאַנצע רייכע, וואונדערבאַר־רייכע ענערגיע מוז אַריינגעטאָן ווערן אין אירע הייכן, אין דעם אויסבוי פון יענער גייסטיקער וועלט, וואָס מאַכט דעם מענטשנס לעבן ווערט

געלעבט צו ווערן: אין דעם אינדוסטריעלן קאַמף מיט דער נאַטור, אין וויסנשאַפט, קונסט און פילאָסאָפיע. און צו יענע הייכן דאַרפן אויך מיר שטרעבן אָן אויפהער, ווי מיר האָבן דאָס שוין אָנגעהויבן צו טאָן.

די בלוטיקע אָפּגרונטן קאָנען אָבער פאַרשאָטן ווערן נאָר דעמאָלט, ווען די יסודות פון דעם סאָציאַלן און דעם אינטערנאַציאָנאַלן לעבן וועלן אויפ־הערן טרייבן עשיוס פאָלקס־מאַסן אַהין.

און עשיוס נשמה ווערט איבערגעבויט, און אירע בלוטיקע אָפּגרונטן הייבן אָן פאַרשאָטן צו ווערן.

אויב ס'איז דאָ אַ דערשיינונג אין דער איצטיקער וועלט־געשיכטע, וואָס ווייזט אָן אויף אונדזער טריאומף אין דעם לעבן פון דער מענטשהייט, איז דאָס די מאָדערנע סאָציאַליסטישע באַוועגונג און דער אַריינדרינג פון סאָ־ציאַליסטישע אידייען און אידעאַלן אין די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן.

דער טריאומף פון דעם סאָציאַליזם איז דער טריאומף פון דעם יידישן לעבנס־וועג, דער זיג פון דעם „שבת־אחים"־אידעאַל, וועלכן אונדזער פאָלק האָט אַרויסגעבראַכט צום ערשטן מאָל. סאָציאַליזם איז יידישקייט, און ניטאָ קיין אַנדערע אמתע יידישקייט אַ חוץ אים.

אַלע אַנדערע „יידישקייטן" זיינען שאָלעכץ און שפּינוועבס, וואָס ווילן פאַרדעקן דעם אמתן קערן.

וואָלט צו אונדז איצטער געקומען אַ נביא פון דעם אַלטן שניט, — אַן עמוס, אַ מיכה, אַ ישעיה, — כדי צו לערנען דאָס פאָלק וואָס „יאַהוועה זיין גאָט פאָדערט פון אים"; און וואָלט ער געזען, ווי דאָס גרעסטע רוב יידישע נשמות זיינען נאָך עד־היום איינגעשנורט ביז צום דערשטיקן אין רצועות און כשרע ציצות, וואָלט ער אויפגעהויבן דעם זעלביקן פּראָטעסט אַנטקעגן אונדזער רעליגיעזן לעבן, וועלכן די אַלטע נביאים האָבן אויפ־געהויבן אַנטקעגן דער יידישער רעליגיע פון זייער צייט, און זיין שטים וואָלט צו אונדז דעמאָלט געדונערט אַזוי:

— איר, נאַרישע יידן! גלייבט איר דען, גאָט וויל, איר זאָלט טראָגן ארבע־כנפותן, אָפּהיטן כשר און טריפה, טומאה און טהרה! גלייבט איר דען, אַז זיינע נאָזלעכער קאָנען ניט פאַרטראָגן דעם רויך פון אַ ציגאַר, גע־רייכערט אום שבת!

איר, נאַרישע יידן! זייט וויסן, גאָט וויל פון אייך סאָציאַליזם, אינטער־נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. דאָס איז אות באות דער אינעווייניקסטער אינהאַלט פון אַלץ, וואָס מיר, נביאים, האָבן געפּריידיקט אייך אין זיין נאָמען.

זייט וויסן, אַז אַ יידישע סעקציע אין דעם אינטערנאַציאָנאַל איז אין אָט דעם טיפערן רעליגיעזן זין אַ סך אַ יידישערע אָרגאַניזאַציע, איידער דער

„מזרחי" מיט אַלע „מחזיקי הדת" און „שלומי אמוני ישראל", צונויפגענומען אינאיינעם. ווייל דער אינטערנאַציאָנאַל איז די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וואָס וויל מקיים זיין די נבואה פון די נביאים: באַשאַפן אַ ברידערלעכן לעבן צווישן מענטשן אין איין פאָלק און צווישן פעלקער אין איין מענטשהייט.

זייט וויסן, אַז אַ ייד, וואָס איז ניט קיין סאָציאַליסט, איז רעליגיעז ניט קיין ייד; אַז אַ ייד, וואָס קעמפט אַנטקעגן סאָציאַליזם, איז אַ רשע, וואָס קעמפט אַנטקעגן דער אינעווייניקסטער נשמה פון זיין אייגענער אמונה; אַז אַ ייד, וואָס לאָזט מחרים זיין זיין זון, ווייל זיין זון איז טראָצקי, איז אַן עם־הארץ און אַ כופר בעיקר, איז אַ „מעביר את בנו למולך".

אַזוי וואָלט געדונערט צו אונדז די שטים פון דעם נביא.

און אין דער אמתן האָבן די ציצות און די רצועות, מיט אַלע דינים פון דעם שולחן־ערוך, קיין שייכות ניט צו דעם רעליגיעזן תוך פון דער יידיש־קייט. זיי זיינען געווען און פאַרבליבן ניט קיין אַנדער זאַך, ווי מיטלען אויף צו דערהאַלטן זיך אין גלות; און עס פאַרשווינדט זייער כישוף, ווי נאָר מען זאָגט אויס זייער סוד.

אין דער אמתן איז דער סאָציאַליזם דער איינציקער אינעווייניקסטער תוך פון „יעקבס" שטרעבונגען, ווען ער האָט זיך אָװעקגעשטעלט אַנטקעגן דער גאַנצער מענטשלעכער וועלט; דער טריאומף פון דעם סאָציאַליזם איז אַ טריאומף פון יעקבס נשמה איבער עשיוס, און איז דער נייטיקסטער פאַר־באַדינג פאַר דער אָפּשאַפונג פון דער יעקב־עשיו־טראַגעדיע.

אָט דער נייטיקסטער פאַרבאַדינג איז אָבער פאַרבונדן מיט דער סכנה, וואָס בעת יעקבס „נשמה" וועט גיין פון טריאומף צו טריאומף, וועט יעקבס „גוף" צעריסן ווערן אויף פיצלעך און פאַרטיליקט ווערן פון דער ערד. די סכנה וואַקסט אַרויס פון דעם אומשטאַנד, וואָס דער קאַמף פון יעקבס הייכן אַנטקעגן עשיוס בלוטיקן אָפּגרונט, איז פאַרבונדן מיט דעם קאַמף, וועלכן עשיוס אָפּגרונטן פירן אַנטקעגן יעקבס „גראָזיקער נידער"; וואָס די „איוב"־טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק האָט זיך צונויפגעפלאָנטערט מיט אונדזער „פאָוסט"־טראַגעדיע פון די „צוויי נשמות"...

15.

# די ספינקס־רעטעניש און איר באַשייד

אין דער אַלט־גריכישער מיטאָלאָגיע ווערט דערציילט, אַז אין פּיווי האָט אַמאָל געלעבט אַ באַפליגלטע משונהדיקע בריאה, אַ ספינקס, מיט אַ ווייבערשן קאָפּ און דעם גוף פון אַ חיה. די פּיוואָנער פלעגן דאַרפן קומען צו איר, און זי פלעגט אַלע מאָל פרעגן ביי זיי איין־און־די־זעלביקע רעטעניש: „וואָס איז דאָס: ס׳איז פירפיסיק און דרייפיסיק און צווייפיסיק?" קיינער האָט ניט געקאָנט טרעפן וואָס זי מיינט. און אַלע מאָל פלעגט זי, ווי אַ שטראָף, אַרויסכאַפּן איינעם פון די פּיוואָנער און אויפפרעסן. ביז ס׳איז געקומען צו איר דער קלוגער עדיפּ און האָט געטראָפן די רעטעניש: ס׳איז אַ מענטש: אין דער קינדהייט קריכט ער אויף אַלע פיר, ביז צו דער עלטער גייט ער אויף זיינע צוויי, און אויף דער עלטער שלעפּט ער זיך מיט אַ שטעקעלע אויף דריי. האָט זיך דער ספינקס אַראָפּגעוואָרפן פון אַ פעלז און איז דער־הרגעט געוואָרן.

אין דעם זין פון אָט דער מיטאָלאָגישער דערציילונג ווערט יעדער פאַרפלאָנטערטער, אַנגעווייטיקטער פּראָבלעם, סיי אין דעם טעאָרעטישן דענ־קען, סיי אין דעם מענטשלעכן לעבן, אָנגערופן אַ ספינקס־רעטעניש, וואָס קומט אַלע מאָל צו דעם מענטשן מיט דער פאָדערונג: „פאַרענטפער מיך, אָדער איך שלינג דיך איין!"

איך ווייס ניט, וואָס די אַלטע האָבן געוואָלט אַרויסברענגען מיט אָט דער ספינקס־לעגענדע; אַ סך פירושים קאָנען געשריבן ווערן אויף איר, ווייל אַ סך דערשיינונגען פון דעם מענטשנס גייסטיקן לעבן און פאַרשן קאָנען סימ־באַליזירט ווערן דורך איר. נאָך מיין מיינונג נאָך ליגט איר עיקר אין דעם ריכטיקן ענטפער אויף דער ספינקס־רעטעניש: „ס׳איז דער מענטש". וואָס פאַר אַ פאַרפלאָנטערטע און פלאָגנדיקע שאלות עס זאָלן ניט אַרויפשווימען אויף דעם מענטשלעכן האָריזאָנט, — וויסנשאַפטלעכע, מאָראַלישע, סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע; פילאָסאָפישע, קינסטלערישע, רעליגיעזע, — אפילו די מיס־טישסטע און די „גייסטלעכסטע" פון זיי, — זיי אַלע האָבן איין־איינציקן וואָרצל: דעם מענטשן, און איין־איינציקן באַשייד: די אינטערעסן פון דעם מענטשלעכן לעבן.

די יידישע פראַגע, די גאַנצע יידישע טראַגישע עקזיסטענץ, איז אַזאַ ספינקס־רעטעניש, און פאַר קיינעם ניט און אין קיין צייט ניט איז ניט געווען

אַזוי שווידערלעך אמת איר מאָטאָ: „פאַרענטפער מיך, אָדער איך שלינג דיך איין", ווי פאַר אונדז יידן אין דער איצטיקער צייט.

און אַ סך מענטשן האָבן געבראָכן זייערע קעפּ אויף דער יידישער ספינקס־רעטעניש. און אַ סך האָבן געזען אין אונדזער עקזיסטענץ עפּעס מיסטישעס, איבערנאַטירלעכעס, אַזוינס, וואָס איז לכתחילה אַריינגעגאַנגען אין דעם פּלאַן פון „מעשה־בראשית", ווען דער אויבערשטער האָט באַשאַפן הימל און ערד, און וואָס אָן אָט דעם מיסטישן איבערנאַטירלעכן זיין פון דעם יידישן פאָלק אויף דער וועלט פאַרלירט דער גאַנצער וועלט־באַשאַף זיין אינעווייניקסטן זין.

מיט אָט דעם געדאַנק איז געווען דורכגעדרונגען דער גאַנצער יידישער גייסטיקער שאַפן פון סעדיה־גאון און ביז אַראָפּ צו די לעצטע פאַרטרעטער פון דעם חסידיזם.

מענדעלסאָנס „השכלה"־טעטיקייט האָט איבערגעריסן די דאָזיקע ליבסטע טראַדיציע פון דעם יידישן דענקען. ווי עס ווייזט אָבער אויס, זוכט זי, יענע ליבע טראַדיציע, ווידער אַריינצורייסן זיך אין דעם יידישן געדאַנק. די ווידער־אויפלעבונג פון דעם יידישן פאָלק אין אַן אייגענעם יידישן לאַנד הייבט ביי פילע אָן באַטראַכט צו ווערן, ווי אַ פאַסירונג פון אַן „אַלוועלטלעכן" באַטייט, אויב ניט אין דעם קאָסמישן זין פון די אַלטע יידישע דענקער, לויט וועלכער די גאַנצע עקזיסטענץ פון דעם וועלט־באַשאַף נייטיקט זיך אין דעם, איז, לפּחות, אין דעם אַנטראָפּאָלאָגישן און קולטור־היסטאָרישן זין פון דער איצ־טיקער צייט: די מענטשהייט און דער מענטשלעכער פּראָגרעס קאָן ניט גע־ראַטעוועט ווערן, סיידן דאָס יידישע פאָלק זאָל זיך אומקערן צוריק אַהיים, זאָל דאָרטן, מיט די צוויבער־מיטלען פון דער העברייאישער שפּראַך, אַרויס־ברענגען פון די טיפענישן פון זיין פריי שאַפנדיקן גייסט אַ נייע נבואה פאַר דער מענטשהייט, וועלכע ער וועט אַריינשאַלן אין איר און דורך וועלכער זי וועט אויסגעלייזט ווערן פון אירע פּלאָגן און נידעריקייטן.

אָבער אויך די ספינקס־רעטעניש פון דער יידישער טראַגישער עקזיסטענץ האָט ניט קיין אַנדער וואָרצל, ווי אַלע אַנדערע מענטשלעכע רעטענישן: דעם מענטשן גופא, און ניט מער (אָבער אויך ניט ווייניקער), ווי דעם מענטשן. און אויך דער ענטפער אויף דער רעטעניש מוז געזוכט ווערן נאָר אין יענעם וואָרצל, און ניט אין וועלכע עס איז מיסטישע, איבערמענטשלעכע חזיונות און פאַנטאַזיעס.

דער מענטש, און ניט אַן איבערמענטשלעכער מיסטישער „עפּעס", האָט אַרויסגעבראַכט די יידישע טראַגעדיע; דער „צוויי־פיסיקער" מענטש, ביי וועמען עס איז נאָך ניט פאַרשוואונדן די „פיר־פיסיקייט" פון זיין קינדהייט, פון זיין חיהשן אָפּשטאַם.

אין איר טיפסטן אָפּשטאַם איז „די יידישע טראַגעדיע", — דער צונויפּ־שטויס פון „יעקבן מיט עשיון", — ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר דער צונויפּ־שטויס פון דער פרידלעכער גראָז־עסנדיקער מענטשלעכער „פיר־פיסיקייט", מיט דער קריגערישער, בלוט־דאָרשטיקער, פלייש־פרעסנדיקער מענטשלעכער „פיר־פיסיקייט". און כל־זמן דער קאָנפליקט שפּילט זיך אָפּ אין די נידעריקע פלעינען פון די פּרימיטיוו־חיהשע מאָטיוון אין דעם מענטשלעכן לעבן, — פרידלעכע אָדער קריגערישע, — איז ניטאָ קיין האָפענונג, דער סכסוך זאָל ווען עס איז אויסגעגליכן ווערן.

דאָס יידישע פאָלק וועט ניט אויפגעבן זיין עקזיסטענץ שוין מחמת דעם „ובחרת בחיים", וואָס ליגט טיף איינגעוואָרצלט אין זיין בלוט. עס איז גאָר ניט נייטיק צו פאַרענטפערן איצטער זיין לעבנס־קאַמף מיט דער נויטווענדי־קייט פון זיין נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ פאַר דער איבעריקער מענטשהייט. דאָס וואָס מיר האָבן געהאַט צו זאָגן דער ציוויליזירטער מענטשהייט, ווי אַ פאָלק, וואָס האָט געלעבט דרויסן פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט און אין אַ שטענדיקן קאָנפליקט מיט איר, האָבן מיר שוין געזאָגט: דאָס איז דער אי־דעאַל פון ברידערלעכקייט אין געזעלשאַפטלעכן און אינטערנאַציאָנאַלן לעבן, וואָס איז שוין אויפגענומען געוואָרן אין דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דאָס איז דער תוך פון „יידישקייט", פון „אחדות" און פון דעם גאַנצן „יהדות"־פּראָבלעם. קיין אַנדער זאַך קאָן מען שוין פון דעם דאָזיקן זאַפטיקן „יהדות"־ציטרין ניט אַרויסקוועטשען. ניט קיין איין אַנדער טראָפּן: פון די אַלע „קוועטשעבישן", וואָס די יידישע נעאָ־מיסטיקער — אַלאַ מאַרטין בובער, — ווילן אָנווענדן אויף דעם אַלטן יידישן אתרוג, קאָן גאָרנישט ניט אַרויסקו־מען, ווי נאָר מיסטישער קוואַטש.

די „יידישקייט", די „יהדות" איז פון אַ געדאַנקלעכן אינהאַלט, וואָס קאָן מיטגעטיילט ווערן און איבערגעטראָגן ווערן פון איין מענטשן אויף דעם אַנדערן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „אַ פּסיכאָ־פיזישער באַשאַפונגס־פאָרם", אין אַ געוויסן בוי און אַ געוויסער טעטיקייטס־אַרט פון אונדזערע שאַפנדיקע כוחות, וואָס ליגט שוין איינגעירשנט אין אונדזער מאַרך־ און נערוון־אַפּאַ־ראַט.

פון איצטער אָן אַרבעט אונדזער יידישער שאַפונגס־אַפּאַראַט אויף דעם זעלביקן אינהאַלט, אויף וועלכן עס אַרבעט די גאַנצע פּראָגרעסיווע מענטשהייט, ווייל מיר זיינען שוין אויסגעבונדן מיט איר, און מיר קאָנען ניט און מיר זאָלן ניט ווידער אַרויסטרעטן פון איר.

עשיוס זון, הענדריק לאַרענץ, אַרבעט איצטער האַנט־אין־האַנט מיט יעקבס זון, אַלבערט איינשטיין, אויף פּראָבלעמען, אין וועלכע אַזויפיל בעסטע קינדער פון דער מענטשהייט האָבן אַריינגעטאָן דאָס בעסטע פון זייער גייסט. זיי אַלע זיינען נייטיק פאַר דער מענטשהייט, און עס קאָן איצטער ניט זיין קיין פראַגע פון אַ וועלכן עס איז באַזונדערן יחוס פאַר אַ וועלכן עס איז קולטור־שאַפנדיקן פאָלק. זיי אַלע זיינען גלייכע מיוחסים און אונדזער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ דאַרף ניט אָנקומען צו וועלכע עס איז אויסטער־לישע יידישע רעכט און שווינדלערישע צוזאָגן פון „נייע ווערטן פאַר דער מענטשהייט״, — צוזאָגן, אויף וועלכע קיין ייד קאָן זיך ניט מתחייב זיין, און אין וועלכע קיין מענטש איז ניט מחויב צו גלייבן.

מיר ווילן בלייבן אַ פאָלק, ווייל מיר זיינען אַ פאָלק. מיר ווילן האָבן די מעגלעכקייט צו פירן אַ חשובן מענטשלעכן לעבן, זיצן אינאיינעם מיט דער איבעריקער פּראָגרעסיווער מענטשהייט ביי דעם וועב־שטול פון דער מענטש־לעכער קולטור, — זיצן אויף אַן אייגענעם שטול, און איבערוואַרפן זיך מיט די פעלקער מיט יענע פעדעם, וועלכע מיר אַלע ברענגען אַרויס און וועבן אַריין אין דעם געוועב פון דער אייגהייטלעכער מענטשלעכער קולטור.

אַזוי ווערט פאַרענטפערט די ספינקס־רעטעניש פון דעם יידישן צונויפ־שטויס מיט דער וועלט, די ספינקס־רעטעניש פון דעם „יהדות״־פּראָבלעם, ווען מען דערגראָבט זיך ביז צו זיין טיפסטן וואָרצל און זיין ריכטיקן באַשייד, וואָס איז אַלע מאָל און אונטער אַלע אומשטאַנדן איין־און־דער־זעלביקער: מענטש, מענטשלעכער לעבן, מענטשלעכע אינטערעסן, מענטשלעכע קולטור.

אָבער צו דעם זעלביקן רעזולטאַט קומען מיר, ווען מיר פאַרטיפן זיך אין דעם צווייטן טייל פון אונדזער ספינקס־רעטעניש, — דער יידישער פראַגע, דער „שאלת־היהודים״, אין איר אונטערשייד פון דער „שאלת־היהדות״. אויך דאָ מוז מען זיך דערגראָבן ביז צו דעם מענטשלעכן יסוד פון דער זאַך: ליידער שטויסן מיר זיך דאָ אָן אויף דאָס „אַל־צו־מענטשלעכע״ אויףביידע זייטן: אי אויף עשיוס, אי אויף יעקבס זייט.

ס׳איז ניט אמת, אַז דער אַנטיסעמיטיזם שטאַמט נאָר פון עשיוס פיר־פיסיקער בלוט־דאָרשטיקייט, — וואָס איז אַ פאַקט, וועלכער קאָן ניט אָפּ־געלייקנט ווערן. ער שטאַמט אָפּ אין דער זעלביקער מאָס, אויב ניט נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, פון יעקבס גראָזענער פיר־פיסיקייט, פון זיין אַבסאָלוטער צוגעבונדנקייט צו דעם לעבן, פון זיין „טרעבאַ יאַק ניבודז׳ זשיץ׳״. אָט די פיר־פיסיקייט האָט געפירט דערצו, וואָס אין אונדזער קאַמף פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ זיינען מיר מגולגל געוואָרן אין אַ בריאה, וועלכע

שטעלט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ, אַבי אָפּצוהיטן דאָס ליבע ביסל לעבן, וואָס אָפּטמאָל פאַרלירט זי יעדן לעצטן טראָפּן „יהדות", אין איר שטרעבן צו אַ פּריווילעגירטער שטעלונג פון מענטשן, וועלכע קאָנען זיך אַרויסדרייען פון פיזישער אַרבעט און לאָזן אַנדערע אַרבעטן אויף איר.

אומזיסט ווייזן מיר אויף, אַז מיר זיינען ניט שולדיק אין דעם, אַז די „היסטאָרישע אומשטאַנדן" האָבן אַרויסגעבראַכט דעם כישוף, וועלכער פאַרוואַנדלט אַ „בן־מלך" אין אַ „הונט"; אַז מיר זיינען, נעבעך, אַ מין „מוכת עץ". די גאַנצע, אַזוי־אַנגערופענע, „פילאָסעמיטישע" ליטעראַטור, וואָס האָט איבערגענומען אויף זיך דעם קאַמף מיט דעם אַנטיסעמיטיזם, האָט באַשאַפן פאַר אונדז די לאַגע פון אַ „מיידל מיט אַ כתב", אין וועלכן עס ווערט דערקלערט, ווי אַזוי דאָס מיידל האָט גאַנץ אומשולדיקערהייט פאַרלאָרן די אומשולד.

לאָמיר זיך אָפּזאָגן פון אָט דער זייער צווײדייטיקער לאַגע. לאָמיר בעסער אָפּן נעמען די שולד אויף זיך, און זען פּטור צו ווערן פון דעם כישוף, וואָס הענגט איבער אונדז, און פון וועלכן מיר ווילן לײדער ניט פּטור ווערן.

דער כישוף ליגט, — ווי אויבן־באַמערקט, און ווי עס איז שוין הונדערטער מאָל פריער אַרויסגעבראַכט געוואָרן, — אין אונדזער שטרעבן צו אַ פּריווילעגירטער פּאָזיציע פון מענטשן, וואָס דאַרפן ניט אַרבעטן פיזיש. אין אָט דעם פאַקט מוזן מיר דערקענען דעם הויפּט־גרונט פון אַלע אַנטיסעמיטישע פאַרפאָלגונגען אַנטקעגן אונדז. און אָט דער פאַקט מוז אָפּגעשאַפט ווערן, וויפיל קרבנות דאָס זאָל אונדז ניט קאָסטן. מיר מוזן אויפווייזן דעם זעלביקן, ניט קיין קלענערן פּראָצענט פון פּראָדוקטיווער פיזישער אַרבעט, ווי אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. ערשט דעמאָלט וועט באַשאַפן ווערן אַ מעגלעכקייט פאַר אַ פאַרשטענדעניש מיט די אַרבעטאָרישע עשיוס. אָבער דעמאָלט וועט אויך קומען אַ סוף צו אונדזער „פּאָוסט"־טראַגעדיע, צו אונדזער אינוויינקסטן ווידערשפּרוך צווישן דעם „שבת" און דעם „אָמדערוואָכן", צווישן דעם „בן־מלך" און דעם „הונט".

עס קאָן ניט זיין מיין אויפגאַבע צו שילדערן בפרטיות, דורך וועלכע פּראַקטישע רעפאָרמען אין אונדזער לעבן עס קאָן דורכגעפירט ווערן יענער גרויסער איבערקער אין אים. אגב, איז שוין אַ היפּש ביסל געשריבן געוואָרן וועגן דעם.

דאָ איז נאָר וויכטיק צו געדענקען, אַז די פאַרענטפערונג פון דער יידישער ספינקס־רעטעניש קאָן ניט דורכגעפירט ווערן אָן יענעם איבערגאַנג צו אַן אַרבעטאָרישן לעבן; אַז צוליב אָט דעם איבערקער נייטיקט זיך דאָס יידישע פאָלק אין אַלע זיינע בעסטער קינדער; זיי טאָרן דעריבער ניט אַוועק אין

דער פרעמד; זיי מוזן בלייבן אין דער היים, אָדער זיך אומקערן אַהיים און אַוועקגעבן זייער גאַנצע ענערגיע אויף דער רעטונג פון יידישן פאָלק.

ווייל נאָך אין קיין צייט פון אונדזער געשיכטע האָט דער ספינקס ניט אַזוי שוידערלעך דראָענדיק גערעדט זיינע רייד: „פאַרענטפער מיך, אָדער איך שלינג דיך איין!"...

# די אַנטשטייאונג פון דעם „אתה בחרתנו"־געדאַנק

פעלקער זיינען לעבעדיקע אָרגאַניזמען, וואָס קעמפן אַ האַרטנעקיקן קאַמף פאַר זייער זיין אויף דער וועלט. זיי זיינען אָבער ניט קיין ביאָלאָגישע אָרגאַניזמען, ביי וועמען דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ שפילט זיך אָפּ זייער אָפּט אויף אַ ריין סטיכישן, אומבאַוואוסטזיניקן אופן. פעלקער זיינען פסיכישע קאָלעקטיוון, אַ גייסטיק צונויפגעוואָקסענע פאַראייניקונג פון איינצל־מענטשן, און יעדער איינצל־מענטש ווייסט, אַז ער געהערט צו זיין פאָלק, אַז ער איז זיינס „אַ קינד", און ער פילט זיין אייביקע צוגעבונדנקייט צו אים.

אָט דער פסיכישער פאָדעם, וואָס בינדט צונויף אַלע קינדער פון אַ פאָלק אין איין איינהייטלעכער אָרגאַנישער גאַנצקייט, טרעט אַרויס אין דער פאָרם פון דעם אַזוי־אָנגערופענעם „נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין" און „נאַציאָנאַלן געפיל".

וויל אַ פאָלק עקזיסטירן אויף דער וועלט ווי אַ פאָלק, קאָן אָט דער ווילן גופא ניט געבאָרן ווערן, סיידן עס איז ביי זיינע קינדער שוין פריער דאָ דער לעבעדיקער באַוואוסטזיין, אַז זיי עקזיסטירן ווי אַ פאָלק אויף דער וועלט, ווי אַ באַזונדער אינדיווידועלער אָרגאַניזם. דער זעלביקער ווילן וואָלט אויך געווען אוממעגלעך, ווען די פאָלקס־קינדער וואָלטן ניט געטראָגן אין זייער ברוסט אַ געוויסן געפיל פון ליבע צו דער אייגענער אומה.

עס איז זייער וויכטיק צו האָבן אין אויג דעם אַלגעמיינעם פאַקט, אַז עס איז ניטאָ אויף דער וועלט קיין איין־איינציק פאָלק, — ווי נידעריק עס זאָל ניט זיין די קולטור־מדרגה, אויף וועלכער ער געפינט זיך, — וועמעס קינדער זאָלן ניט האָבן קיין קלאָר אויסגעבילדעטן נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין און נאַציאָנאַל־געפיל.

שוין דער פאַקט, וואָס יעדע אומה אָדער שבט האָט אַן אייגענעם נאָמען, וועלכן זי אָדער ער טראָגן מיט שטאָלץ, איז אַ ראיה אויף דער עקזיסטענץ פון אַזאַ נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין.

מיר האָבן ערגעץ אַנדערש־וואו און ניט איינמאָל אויפגעוויזן דערויף, אַז דער גאַנצער ענין פון נאַציאָנאַליטעט, פון זיין ווי אַ באַזונדער פאָלק אויף

דער וועלט, איז ניט קיין אַבסאָלוטער, נאָר אַ רעלאַטיווער. אין זייער אינע־ווייניקסטן תוך איז יעדעס פאָלק ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַן אָרגאַניש פאַראייניקטע גרופּע פון מענטשן. די קינדער פון אַ פאָלק זיינען פאַראייניקט אין איינעם צו אַ קולטור־שאַפנדיקן אָרגאַניזם, וואָס ברענגט פון זיך אַרויס זיין מענטשלעכע קולטור. דאָס איז די עובדא פון אַ פאָלק אויף דער וועלט, און קיין אַנדער עובדא האָט עס ניט. דער אינעווייניקסטער עצם פון דעם פראַנצויז איז ניט זיין „פראַנצויזנטום" נאָר זיין „מענטשנטום". קיין פּרינצי־פּיעלע נפקא מינה צווישן „מענטשנטום" און „פראַנצויזנטום" איז ניטאָ און קאָן ניט געמאָלט זיין. זאָלן אַלע פעלקער פון דער וועלט פאַרשווינדן, אַ חוץ דעם פראַנצויזישן פאָלק, וועלן דעמאָלט די פראַנצויזן די מענטשהייט. און אַלץ וואָס מיר באַטראַכטן איצטער פאַר אַ פראַנצויזישע „נאַציאָנאַלע" אייגנ־שאַפט, פאַר אַ שטריך, וואָס כאַראַקטעריזירט נאָר דעם פראַנצויז, ווערט דע־מאָלט פאַרוואַנדלט אין אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער אייגנשאַפט, אין אַ שטריך וואָס כאַראַקטעריזירט דעם מענטשן: די פראַנצויזישע שפּראַך ווערט די מענטשלעכע שפּראַך, דער פראַנצויזישער כאַראַקטער — דער מענטשלעכער כאַראַקטער אאז"וו.

אַט דעם גרונט־געדאַנק פון נאַציאָנאַלער רעלאַטיוויטעט האָבן מיר גע־זוכט צו באַווייזן, דער עיקר, דורך דעם אַנאַליז פון יענע סימנים, לויט וועלכע די טעאָרעטישע פאַרשער האָבן געוואָלט אַרויסברענגען דעם עצם פון נאַציאָ־נאַליטעט. זיי אַלע גייען אַרויס פון דעם טעאָרעטיש־פאַלשן געדאַנק, אַז אַ נאַציע איז אַ גרופּע פון מענטשן, וואָס האָבן געמיינשאַפטלעכע סימנים, ווי שפּראַך, רעליגיע, זיטן און מנהגים, היסטאָרישע טראַדיציעס, אד"גל. אַ נאַציע ווערט אויף אַזאַ אופן באַשטימט דורך יענע סימנים, וועלכע אירע קינדער באַזיצן בשותפות, און יעדע אייגנשאַפט, וועלכע די קינדער פון אַ פאָלק באַזיצן בשותפות, איז זיינע אַ נאַציאָנאַלע אייגנשאַפט.

דער טעאָרעטישער פעלער פון אַזאַ געדאַנק באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס ווען מיר פאַרגלייכן צווישן זיך די קינדער פון אַ פאָלק, און נאָר זיי אַליין, אָן אַ וועלכער עס איז שייכות צו די קינדער פון אַן אַנדער פאָלק, דע־מאָלט געפינען מיר צווישן זיי אַ סך בשותפותשע סימנים, וואָס האָבן אַ ברעקל ניט צו טאָן מיט נאַציאָנאַליטעט.

אַלע פראַנצויזן רעדן פראַנצויזיש. זייער פראַנצויזישע שפּראַך איז אַ נאַ־ציאָנאַלע אייגנשאַפט. אָבער אַ חוץ דעם האָבן אַלע פראַנצויזן נאָך די אינ־טערעסאַנטע כאַראַקטעריסטיק, וואָס זיי אַלע גייען אַרום אויף צוויי פיס און האָבן אַ נאָז אינמיטן פּנים. פאַרוואָס רעכענען מיר דאָס ניט אַריין אין דעם לייסטער פון די פראַנצויזישע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן? איז דען ניט אַ נאָ־

ציאָנאַלע אייגנשאַפט יעדע אייגנשאַפט, וועלכע די קינדער פון אַ פאָלק באַזיצן בשותפות ?

עס איז קלאָר, פאַרוואָס מיר טוען דאָס ניט. מיר טוען דאָס ניט פשוט דערפאַר, וואָס ניט יעדע געמיינשאַפטלעכע אייגנשאַפט פון אַלע קינדער פון אַ פאָלק, איז אַ נאַציאָנאַלע אייגנשאַפט. נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן זיינען נאָר יענע בשותפותשע שטריכן, לויט וועלכע די קינדער פון איין פאָלק שיידן זיך אָפּ פון די קינדער פון אַן אַנדער פאָלק.

הייסט עס, אַז די הויפּט־ראָליע שפּילט דערביי דער פאַרגלייך מיט אַן אַנדער פאָלק. דאָס, וואָס עס איז אַ נאַציאָנאַלער „סימן" זיינער, ווען מען פאַרגלייכט אים מיט איין פאָלק, קאָן אויפהערן צו זיין אַ נאַציאָנאַלער סימן, — דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דעם סימן קאָן פאַרשווינדן, — ווען מען פאַרגלייכט דאָס זעלביקע פאָלק מיט אַן אַנדער פאָלק.

די שפּראַך פון די דייטשע יידן אין דעם דרייצנטן און פערצנטן יאָרהונדערט איז ניט געוועזן קיין נאַציאָנאַלער סימן זייערער, אין פאַרגלייך מיט דעם דייטשן פאָלק, צווישן וועלכע זיי האָבן געוואוינט. זי וואָלט שוין אָבער דעמאָלט געוועזן אַ נאַציאָנאַלער סימן, ווען מען וואָלט די יידן פאַרגליכן מיט די רוסן אָדער פראַנצויזן, און זי איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער סימן, תיכף ווי די יידן זיינען אַריבער קיין פּוילן, וואו די נפקא מינה צווישן דער „יידיש־דייטשער" שפּראַך און דער פּוילישער האָט זיך גענומען וואַרפן אין די אויגן.

אַ פאָלק איז אַ פאָלק ניט אין זיך גופא, נאָר אין רעלאַציע צו אַן אַנדער פאָלק, מיט וועלכן ער ווערט פאַרגליכן. אין זיך גופא איז אַ פאָלק ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ מענטשלעכער, קולטור־שאַפנדיקער קאָלעקטיוו, אַ זעיר־ענפּין פון דער מענטשהייט1).

מיר מוזן דאָ באַמערקן, אַז אויך אונדזער אייגענע באַגריף־באַשטימונג, וואָס מיר האָבן געפונען פאַר דעם עצם פון נאַציאָנאַליטעט, האָט נאָר אַ זין, ווען מען באַטראַכט זי אין דער באַלייכטונג פון אָט דעם רעלאַטיוויסטישן גרונט־געדאַנק.

מיר האָבן געפונען, אַז אַ נאַציע, איז ערשטנס, אַ גרופּע פון מענטשן, וואָס פאַרענטפערט אַלע פּראָבלעמען פון דעם מענטשלעכן קולטורעלן לעבן נאָר פאַר זיך אַליין; שוין אָט דער „פאַר זיך אַליין" האָט אָבער אַ זין נאָר דעמאָלט, ווען מיר האָבן אין זין נאָך אַנדערע פעלקער, וועלכע טוען די זעלביקע זאַך פאַר זיך.

נאָך בולטער טרעט אַרויס דער רעלאַטיווער כאַראַקטער פון נאַציאָנאַליטעט אין דעם צווייטן סימן, וואָס מיר האָבן געפונען פאַר איר: אַ נאַציע איז אַ גרופּע פון מענטשן, וואָס פאַרענטפערן געוויסע פּראָבלעמען פון דעם

מענטשלעכן קולטורעלן לעבן אַנדערש, איידער דאָס טוען אַנדערע פעלקער, מיט וועלכע זי ווערט פאַרגליכן.

אָבער אויך דער דריטער סימן טאָר ניט אויפגעפאַסט ווערן אין אַן אַבּ־סאָלוטן זין: אַ נאַציע איז אַ גרופּע פון מענטשן, וואָס האָט אין אַ משך פון דורות און דורות, אין דעם פּראָצעס פון צופּאַסונג צו דעם לעבן אין דער אַטמאָספערע פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור, אַרויסגעבראַכט געוויסע פּסיכאָ־פיזישע אייגנשאַפטן אין דעם אָרגאַניזם פון אירע קינדער, — אייגנ־שאַפטן, וואָס גייען איבער בירושה פון דור צו דור. אויך אָט די פּסיכאָ־פיזישע אייגנשאַפטן, וואָס שטעלן מיט זיך צונויף דעם ביאָלאָגישן פונדאַמענט פאַר נאַציאָנאַליטעט, זיינען נאָר דעמאָלט אַ פונדאַמענט פאַר נאַציאָנאַליטעט, ווען מען האָט אין אויג אַנדערע פעלקער מיט אַנדערש געבויטע פּסיכאָ־פי־זישע אייגנשאַפטן. אין זיך גופא זיינען זיי אַלע, — אין זייערע פאַרשיידנסטע „נאַציאָנאַלע" אויסגעשטאַלטונגען — ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר די — קול־טור־שאַפנדיקע כוחות פון דער מענטשהייט.

ס'איז ניט דאָ דער אָרט אויסצורעכענען באריכות אַלע יענע פּילזייטיקע קאָנסעקווענצן, וואָס וואַקסן אַרויס פון אָט דעם רעלאַטיוויטעטס־געדאַנק פאַר דער טעאָריע און דער פּראַקטיקע פון דעם נאַציאָנאַלן לעבן, ווי פאַר דער גאַנצער פאַרשונג פון דער מענטשלעכער געשיכטע, וואָס איז אין איר תוך די געשיכטע פון צונויפוועבן די איינצלנע פעלקער אין אַ דיפערענצירטן העכערן אָרגאַניזם: די מענטשהייט.

פאַר אונדזער צוועק איז וויכטיק תמיד צו האָבן אין אויג, אַז אין דעם ענין פון נאַציאָנאַליטעט גופא ליגט שוין איינגעוויקלט איר צוזאַמענהאַנג מיט דער עקזיסטענץ פון אַנדערע פעלקער, ד"ה, איר צוזאַמענהאַנג מיט דעם גורל פון דער מענטשהייט. דער קאַמף פון אַ פאָלק פאַר זיין נאַציאָנאַלער עקזיס־טענץ איז ניט קיין קאַמף מיט דער דרויסנדיקער נאַטור פאַר אַ מענטשלעך לעבן בכלל. ס'איז אַ קאַמף מיט די איבעריקע פעלקער פאַר אַ באַשטימטן מענטשלעכן לעבן, פאַר „אַ פּלאַץ אונטער זון" צווישן זיי, אָפּטמאָל ליידער אויף זייער חשבון.

דער ווילן צו אַ באַזונדערער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ קאָן דעריבער אויך ניט געמאָלט זיין, אַן דעם באַוואוסטזיין פון דעם פאַקט, אַז עס זיינען דאָ אַנדערע פעלקער וואָס קאָנען ווערן געפערלעך פאַר יענער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, אין קאַמף אַנטקעגן וועלכן מען מוז יענע עקזיסטענץ אָפּהיטן אָדער פאַרשטאַרקן.

און אויך דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין און דער נאַציאָנאַלער געפיל איז תמיד דורכגעזאַפּט מיט אַ גאַנץ קלאָרן אָדער האַלב־קלאָרן באַוואוסטזיין,

אַז מען איז, ווי אַ פֿאָלק, ניט קיין בריאה בפני עצמה, ניט קיין אַבסאָלוט זעלבסטשטענדיקע זאַך, נאָר אַ טייל פֿון אַ העכערן גאַנצן, פֿון דער מענטשהייט.

דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיקולאַריזם, דאָס שטרעבן צו אָפּגעזונדערטקייט, איז געוויס אַ היפּוך צו דעם אוניווערסאַליזם, דעם שטרעבן צו אַן אַלוועלטלע־כער, ד״ה, אַלמענטשלעכער פֿאַראייניקונג. אָבער פּאַרטיקולאַריזם און אוני־ווערסאַליזם, אָדער נאַציאָנאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם, געהערן צו יענע היפּוכים וואָס זיינען צונויפגעגאָסן אינאיינעם. אין יעדער וויכטיקער דערשיי־נונג פֿון אַ פֿאָלקס־לעבן ווירקן די פּאַרטיקולאַריסטישע און אוניווערסאַליס־טישע טענדענצן אינאיינעם. זיי ווירקן נאָך אָבער אַנטאַגאָניסטיש, שטערנדיק איינע די אַנדערע ביז זיי וועלן ניט געפֿינען זייער האַרמאָנישן אויסגלייך. און וואָס טיפֿער מיר דרינגען אַריין אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, אַלץ מער טרעט אונדז אַרויס אַנטקעגן דער איבערוואָג פֿון דעם נאַציאָנאַליסטישן עלעמענט איבער דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן.

יעדער נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיין, האָבן מיר געזאָגט, טראָגט אין זיך דעם באַוואוסטזיין, אַז מען איז ניט נאָר אַ פֿאָלק, נאָר אויך אַ טייל פֿון דער מענטש־הייט. לפּחות, איז יעדע אומה זיך קלאָר, אַז אַ חוץ איר געפֿינען זיך נאָך אַנדערע אומות אויף דער וועלט, מיט וועלכע זי געפֿינט זיך אין די אָדער יענע באַציאונגען. אָבער אין דער ערשטער צייט ליגט די וואָג פֿון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין אויף דעם פֿאַקט, אַז מען איז אַנדערש, איידער די אַנדערע, — טאַקע אַ פֿאָלק צווישן פֿעלקער, אָבער אַזאַ פֿאָלק, וואָס דאַרף פֿאַרנעמען אַ באַזונדערע שטעלונג צווישן זיי, אַ פֿאָלק, וואָס קאָן ניט פֿאַרביטן ווערן אויף קיינעם פֿון זיי.

אויף די נידעריקסטע שטופֿן פֿון זיין אַנטוויקלונג, — און אפֿילו די פּראָ־גרעסיווסטע פֿעלקער האָבן זיך נאָך עד־היום ניט אַ סך אויפֿגעהויבן איבער די נידעריקסטע שטופֿן, — איז דער נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַוואוסטזיין נאָך דורכאויס עגאָאיסטיש און עגאָ־צענטריש. יעדעס פֿאָלק לעבט אין דעם זיסן גלויבן, אַז ער איז דער „אתה־בחרתנו־פֿאָלק״, דאָס אויבערשטע פֿון שטויסל, און אַז קיין פֿאָלק קאָן זיך ניט פֿאַרגלייכן מיט אים אין זיינע מעלות.

דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ, די איבערגעטריבענע אייגענע גדלות, די פֿאַרגוזמאטע איבערשאַצונג פֿון דעם אייגענעם מהות, איז די פּרימיטיווסטע פֿאָרם פֿון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, פֿון וועלכן קיין פֿאָלק איז ניט פֿריי. אָבער שוין דער פֿאַקט אַליין, וואָס אַלע פֿעלקער האָבן דעם זעלביקן גלויבן אין זייער אויסגעצייכנטקייט, איז דער בעסטער באַווייז, אַז זיי אַלע קאָנען ניט זיין אין דער זעלביקער מאָס גערעכט אין זייער גלויבן און אַז אָט די זיסע איבערצייגונג מוז אין דער אומגעהייער גרעסטער צאָל פֿון פֿאַלן זיין

גיכער אַ פּראָדוקט פון סוביעקטיווער פאַרבלענדטקייט, איידער אַן אביעקטי־ווער אָפּשאַץ פון דעם אייגענעם און דעם פרעמדנס מהות.

אין דער אמתן! ווען מיר שטודירן די דערשיינונגען פון נאַציאָנאַלער גדלות ביי די נידעריקע פעלקער און אפילו ביי די העכערע, אין וועלכע מיר זיינען ניט פאַראינטערעסירט, וואַרפט זיך אונדז אָפּט אין די אויגן די אומ־באַרעכטיקייט פון דער אייגענער איבערשאַצונג און דעם פרעמדנס אונטער־שאַצונג.

דער עיקר טרעט דאָ אַרויס קלאָר די אומבאַקאַנטשאַפט מיט פרעמדע פעלקער, אפילו מיט די נאָענטסטע שכנים, וואָס אַ פאָלק רעכנט, אַז ער שטייט העכער פאַר זיי.

וואָס נידעריקער אַ פאָלק שטייט אין זיין אַנטוויקלונג, אַלץ טיפער איז ביי אים אָט די עם־הארצות בנוגע דעם פרעמדנס לעבן און דעם פרעמדנס מהות. צווישן אים און דעם פרעמדן שטייט אַ וואַנט, וועלכע ער קאָן ניט און וויל ניט אַריבערשטייגן.

און אַנדערש האָט דאָס ניט געקאָנט זיין אויף דער נידעריקסטער שטופע פון דער געשיכטע.

דער קאַמף מיט דער נאַטור פאַר דער פשוטער פיזישער עקזיסטענץ האָט, ביי דער קאַרגקייט אין מאַטעריעלע גיטער, געמוזט אַרויסרופן אַ העפּ־טיקן קאַמף צווישן די איינצלנע פעלקערלעך, וואָס האָבן זיך געפונען אויף אייך־און־דער־זעלביקער אָרעמער טעריטאָריע. פעלקער האָבן תמיד געמוזט שטרייטן צווישן זיך פאַר דעם שטיקל פלאַץ, וואָס גיט זיי חיונה. דאָ האָבן קיין אַנדערע געפילן ניט געקאָנט אַרויסוואַקסן, ווי נאָר די געפילן פון קאָנ־קורענץ און האָס. דער פרעמדער איז דער שונא, וואָס וויל ביי מיר אַרויס־רייסן דעם ביסן שפייז פון מויל.

נאָך מער: אין די גאָר ערשטע אָנהייבן פון דעם מענטשלעכן לעבן ווען עס האָט נאָך געהערשט די פשוטע מענטשנפרעסעריי, איז דער פרעמדער אַליין געווען אַ גוטע געשמאַקע שטיקל שפייז, וואָס ניט נאָר לאָזט זי זיך ניט כאַפּן, נאָר — די העזה דערפון! — וויל נאָך מיך באַהאַנדלען, ווי אַ חיה, ווי אַ גוטע געשמאַקע שטיקל שפייז. דער פרעמדער איז דער, וואָס וויל מיך אויפפרעסן.

שיריים פון אָט דעם פרימיטיוון קאַנאַבאַליזם זיינען נאָך פאַרבליבן אין אַלע רעליגיעזע און מיטאָלאָגישע טראַדיציעס פון אַלע פעלקער, אפילו די ציוויליזירטסטע. זיי זיינען אויך פול אין די קינדער־מעשהלעך, וואָס ווערן דערציילט ביי אַ פאָלק און וואָס זיינען אַזוי אַלט, ווי דאָס פאָלק גופא. אין אַלע יענע שיריים — און דער עיקר — אין די פאָלקס־מעשהלעך שטויסן מיר

זיך אָן אויף מענטשנפּרעסערישע דערינערונגען, און אַלע מאָל איז דאָרטן דער מענטשנפּרעסער, אַ פּרעמדער, אַ מענטש, וואָס געהערט צו אַן אַנדער ראַסע, אָפּטמאָל אויך אַ מיסטישע חיה (דער דראַך), ניט זעלטן אַ מכשף אָדער אַ מכשפה, ד״ה, ווידער אַ בריאה, וואָס באַלאַנגט ניט צו דעם אייגענעם פאָלק צי ווייל זי איז לכתחילה גענוען אַ פּרעמדע, אָדער ווייל זי איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון אים.

שפּעטער, ווען עס איז אַריבער די שטופּע פון מענטשנפּרעסעריי און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּעריאָד פון שקלאַפעריי — אַ פּעריאָד, וואָס איז נאָך עד־היום ניט אינגאַנצן פאַרשוואונדן, — איז דער פרעמדער געוואָרן דער, וואָס וויל מיך פאַרשקלאַפן, אָדער לפּחות פאַרניכטן, כדי איך זאָל אים ניט שטיין אין וועג.

על־כל־פּנים, האָבן אין דער ערשטער צייט פון דער געשיכטע די פעלקער ניט געקאָנט קוקן איינע אויף די אַנדערע, ווי נאָר מיט די אויגן פון חשד און פון האַס. געפילן פון מענטשלעכער ברידערלעכקייט און סאָלידאַריטעט זיינען אמת שוין געווען אויסגעוואַקסן, אָבער זיי זיינען געווען שטאַרק נאָר אין דעם גבול פון יעדן פעלקעלע באַזונדער; זיי האָבן זעלטן געהאַט די געלעגנהייט אַריבערצוטרעטן די גרענעצן פון דעם אייגענעם פאָלק. די הויכע מאָראַלישע געפילן, וועלכע אַ פאָלק האָט אויסגעאַרבעט אין זיין אייגענעם לעבן, האָבן ניט געקאָנט אַריבערגעטראָגן ווערן אויף דעם פרעמדן, ווייל די טאָג־טעגלעכע דערפאַרונג האָט תמיד געלערנט, אַז דער פרעמדער איז אַ בלוט־גאַריקע באַשעפעניש, וואָס האָט ניט קיין פונק פון מענטשלעכקייט אין זיין ברוסט, וואָס לויערט נאָר אויף איינעם, כדי אָוועקצונעמען ביי אים זיין לעבן, אָדער זיין פרייהייט, אָדער לפּחות זיין גוטס.

אַז דער פרעמדער איז אין זיין אינעוויניקסטן לעבן אַקוראַט אַזאַ בעל־רחמים, אַקוראַט אַזאַ איבערגעגעבענער קינד צו זיין שבט, ווי איך; אַז איך גופא באַגיי מיך מיט דעם פרעמדן פּונקט אַזוי, ווי ער באַגייט זיך מיט מיר, — אַזאַ דערקענטעניש איז געווען אַ פּשוטע אוממעגלעכקייט פאַר דער פרי־מיטיווער פּסיכאָלאָגיע. דער אינעווייניקסטער לעבן פון דעם פרעמדן פאָלק און זיין גאַנצער מהות האָט אין מיינע אויגן געמוזט באַקומען אַזאַ פּנים, וואָס זאָל האַרמאָניש צונויפשטימען מיט יענעם איינדרוק, וואָס איך באַקום פון אים, ווי פון אַ „מענטשן״־פיינטלעכער, אכזריותדיקער מאַכט; און דאָס בילד וואָס ווערט פאַרגעשטעלט אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן האָט געמוזט אַרויס־קומען שוואַרץ־אין־שוואַרץ.

פאַרגלייך איך נאָכדעם אָט דאָס שוואַרצע בילד מיט דעם לעבן פון מיין אייגענעם פאָלק, אַזוי ווי איך זע עס פאַר מיינע אויגן אין מיין טאָג־טעגלע־

כער דערפאַרונג, ווערט טאַקע פאַר מיר דעמאָלט קלאָר, ווי הימל־הויך איך שטיי איבער דעם פרעמדן, און ווי יענער איז פון אַ רייך־מענטשלעכן שטאַנד־פונקט, על־פּי דעם ריכטיקסטן מענטשלעכן יושר, טאַקע גאָרניט ווערט, וואָס די ערד טראָגט אים, און עס ווערט מיר אויך קלאָר, אַז אויב איך קאָן אים פאַנגען, אויפפרעסן, אָדער פאַרשקלאַפן, איז דאָס ניט נאָר אַ וואוילע זאַך פאַר מיר פון אַ רייך עגאָאיסטישן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך אַן אַקט פון אַ העכע־רער מענטשלעכער גערעכטיקייט: ווייל ער, דער אכזר, באַקומט, וואָס ער האָט כשר פאַרדינט.

דער „אתה־בחרתנו"־געדאַנק, ד"ה, די זעלבסט־איבערשאַצונג פון דעם אייגענעם מענטשלעכן מהות און די אונטערשאַצונג פון דעם פרעמדנס וועזן, איז דעריבער געווען אַ פּסיכאָלאָגישע אומפאַרמיידלעכקייט אויף די נידע־ריקסטע שטופן פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. ער איז אָבער אויך געווען אַ סאָציאָלאָגישע נויטווענדיקייט.

קוים איז קריג צווישן פאָלק און פאָלק געווען אַ נאָרמאַלע דערשיינונג, און וועגן איר באַרעכטיקונג האָט קיינעם ניט געקאָנט אַרויפקומען קיין ברעקל ספק אויפן זינען, האָט אָט די קריגערישע פּסיכאָלאָגיע, געמוזט זיך שפּייזן מיט דעם געדאַנק, אַז דער אַנדערער איז ניט ווערט, איך זאָל שוינען זיין לעבן, אַז לפחות אין פאַרגלייך מיט מיר איז ער אַ באַשאַף פון אַ נידעריקערן מהות, בנוגע צו וועלכן עס קאָנען ביי מיר ניט זיין קיין ריין מענטשלעכע התחייבותן. אַזאַ געדאַנק איז אַבסאָלוט נויטווענדיק פאַר דער קריגס־פּסיכאָלאָגיע. די פּרימיטיווע נשמה איז איינהייטלעך, ניט דיפערענצירט, און קאָן ניט פירן קיין פאַרשיידענע חשבונות פאַר איין־און־דעם־זעלביקן ענין. אויב איך האָב אין זינען, אַז יענער איז אַ שיינער חשובער מענטש, וואָס מוז ווי אַ מענטש, פאַר־דינען מיין סימפּאַטיע, קאָן איך אין דער זעלביקער צייט ניט באַהאַנדלען אים ווי אַ פיינט, און אַרומטראָגן זיך מיט פאַרשווערונגען אויף זיין לעבן.

אָט די פּרימיטיווע, ניט דיפערענצירטע פּסיכאָלאָגיע, איז נאָך ניט פאַרשוואונדן עד־היום. אויך אין דעם לעצטן גרויסן וועלט־קריג, וואָס האָט אונדז אַלעמען באַוויזן, אויף וועלכער שטופע פון מאָראַלישער אַנטוויקלונג די גאַנצע מענטשהייט געפינט זיך נאָך, האָבן מיר געזען, ווי אַזוי ביידע פיינט־לעכע צדדים האָבן זיך מיט אַלע כוחות געפלייסט איינצושמועסן זיך אַליין, אַז דער קעגנער שטייט אויף זייער אַ נידעריקער מענטשלעכער מדרגה, און אַז די מלחמה אַנטקעגן אים איז ניט נאָר אַ טרויעריקע נויטווענדיקייט, אַרויס־געצוואונגען פון דער פּאָליטישער און דער עקאָנאָמישער לאַגע, נאָר אַ מלחמת־מצווה, אַ געבאָט פון דעם העכערן מענטשלעכן יושר.

און ניט נאָר אין די קריגערישע צונויפשטויסן צווישן פעלקער טרעט

אַרויס אָט די איינהייטלעכע אומדיפערענצירטע פסיכאָלאָגיע: זי שפּילט איר ראָליע אויך אין די גרופּן־קאַמפּן, — די קלאַסן־קאַמפּן און פּאַרטיי־קאַמפּן, וואָס קומען פֿאָר אין די גרענעצן פון איין־און־דעם־זעלביקן פֿאָלק, אפילו אין די לעבנס־סיכסוכים, וואָס וואַקסן אויס צווישן יחיד און יחיד.

דער קלאַס, צו וועלכן איך געהער, די פּאַרטיי מיינע, דער אידעאַל מיינער, פֿאַר וועלכן איך קעמף, מוז זיין אַ בעסערער קלאַס, אַ בעסערע פּאַרטיי, אַ העכערער אידעאַל, איידער אָט די אַלע זאַכן ביי מיין קעגנער; און איך אַליין מוז זיין אַ בעסערער מענטש, איידער מיין פּערזענלעכער צד שכנגד. אַלע מיינע קעגנער מוזן זיין נידעריקער פֿאַר מיר. ווייל אויב איך זאָל אין מיין אינעווייניקסטן באַוואוסטזיין דערשפּירן, אַז זיי זיינען ניט ערגער פֿאַר מיר, אַז זיי שטייען נאָך אפשר אויף אַ העכערער מדרגה פון מענטשלעכער חשיבות, איידער איך, וועט דאָס אָפּשוואַכן מיין האַס צו זיי און מיין ענערגיע אין דעם קאַמף. און אויב איך בין געצוואונגען צו פירן אַ קאַמף, וועט אָט דער צוואַנג אַליין פסיכאָלאָגיש אַרויפצווינגען אויף מיר, איך זאָל זיך אַליין שאַצן צו הויך און דעם אַנדערן צו נידעריק.

מען קאָן זיך דעריבער גרינג פֿאָרשטעלן, ווי שטאַרק אָט די אונטער־שעצונג פון אַ פרעמדן פֿאָלק, — ד״ה, פון אַלע פרעמדע פעלקער, — האָט געמוזט זיין אין יענע צייטן, ווען דער קאַמף פֿאַר אַ נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ איז אין דער זעלביקער צייט געווען אַ קאַמף פֿאַר פיזישער עקזיסטענץ, אָדער אַ קאַמף ניט צו ווערן פֿאַרשקלאַפט אין דעם געוויינלעכסטן זין פון דעם וואָרט.

יעדעס פֿאָלק, אויב עס האָט נאָר געוואָלט בלייבן ביים לעבן, האָט געמוזט זיין מוכן ומזומן אַלע ווייַלע אויפצונעמען אַ קריג. ממילא האָט זיין פסיכאָלאָגיע זיך געמוזט שפּייזן מיט דעם האַס צו דעם פרעמדן. דער פרעמדן־האַס איז געווען אַ נויטווענדיקער קולט, וועלכן אַ סך פעלקער האָבן באַטראַכט פֿאַר אַקוראַט אַזוי הייליק ווי די רעליגיע. ער האָט געהאַט זיינע יום־טובים, צערעמאָניעס און פֿאַרשיכורנדיקע אָרגיעס, וואָס פלעגן זיך אַלע מאָל איינ־שטעלן, ווי נאָר מען פלעגט זיך אומקערן פון קריג מיט די געפאַנגענע. אויף אַ באַזונדער אכזריותדיקן אופן פלעגן זיך באַגיין מיט זייערע געפאַנגענע די קריגערישסטע פעלקער פון דער וועלט: די אינדיאַנער פון אַמעריקע, די באַבילאָנער און אַסיריער, אָבער אויך די רוימער, וואָס פלעגן פירן מיט זיך אין קריג די מאַטער־געצייג, כדי צו פייניקן מיט זיי די געפאַנגענע באַלד נאָך יעדער זיגרייכער שלאַכט.

ווען איינער וואָלט געשריבן אַ געשיכטע פון מענטשלעכער אכזריות, וואָס איז אַזוי רייך אין שרעקלעכע, בלוט־פֿאַרגליווערנדיקע איינצלהייטן, וואָלט ער אויסגעפונען, אַז דער גרעסטער טייל פון אָט דער אכזריות, מיט וועלכער

די מענטשן האָבן זיך אות באות געקוויקט, ווי מיט דעם שטאַרקסטן פאַר־שיכורנדיקסטן ווייַן, פאַלט אויס אויף דעם צווישן־קאַמף פון פעלקער. דעם צווייטן פלאַץ וואָלט דערביי פאַרנומען דער צווישן־קאַמף פון רעליגיעס (די אינקוויזיציע!) און ערשט דעם דריטן פלאַץ — דער קאַמף פאַר פאַרטייען. (די טעראָר־הערשאַפט בעת דער פראַנצויזישער און רוסישער רעוואָלוציעס).

פאַר אַלע דערשיינונגען פון קאַמף צווישן מענטש און מענטש און די מענטשן־פיינטלעכע געפילן, וואָס זיי רופן אַרויס, האָט אַ מאָדערנער דייטשער דענקער, מילער־ליער, געפונען דעם זייער פאַסיקן נאָמען: „קולטור־זאָאָלאָגיע". אין זיינע קולטורעלע אויפטוען און המצאות באַגייט זיך דאָ דער מענטש, ווי אַ ווילדע חיה, און זיין פאַרשאַרפטער פאַרשטאַנד, דער אָנגעזאַמלטער עקאָנאָמישער רייכטום און די ברייט־פונאַנדערגעצווייגטע וויסנשאַפטן העלפן אים דערביי אויפצוהויבן זיין אכזרישע ווילדקייט אויף אַזאַ הויכער שטופע, פון וועלכער קיין גיפטיקע שלאַנג אין דער נאַטור וואָלט ניט געקאָנט אפילו חלומען.

מילער־ליער באַטראַכט די „קולטור־זאָאָלאָגישע" דערשיינונגען ווי ריין רעאַקציאָנערע, ווי אַן איבערבלייבעכץ פון דער חיה רעה אין דעם מענטשן, וואָס ווערט אלץ מער און מער אויסגעמענטשלט אין דעם פראָצעס פון דער אמת־מענטשלעכער קולטור, אין דעם פראָצעס פון אַן אַלץ שטאַרקערער פאַר־אייניקונג צווישן מענטשן און אַן אַלץ פעסטערער סאָלידאַריזירונג פון זייערע אינטערעסן.

מיט אָט דעם שטאַנדפונקט קאָן מען אָבער ניט אינגאַנצן מסכים זיין. אין דער פרימיטיווער געשיכטע פון דער מענטשהייט איז ניט אַזוי גרינג פונאַנדערצושיידן צווישן די פראָגרעסיווע עלעמענטן און די רעאַקציאָנערע; און זיי אַלע אָפּצומעסטן מיט אַ פּאַרטיקן מאָסשטאַב, אַן אויסגעאַרבעטן אויף די העכסטע שטופן פון דעם מענטשלעכן פראָגרעס, וואָלט געווען אַ זינד אַנט־קעגן דער שטרענגער אָביעקטיווער וויסנשאַפט.

אַן עלעמענט, וואָס איז אַבסאָלוט נייטיק פאַר דעם פראָגרעס, קאָן זיך אַמאָל אַנטוויקלען ניט אַנדערש, סיידן ער זאָל זיך פאַראייניקן מיט אַן עלע־מענט, וואָס איז רעאַקציאָנער אין זיין תוך און וועט אין דער צוקונפט מוזן פאַרשווינדן. דורך דער פאַראייניקונג אָבער מיט דעם פראָגרעסיוון עלעמענט, באַקומט אויך דער רעאַקציאָנערער עלעמענט אַ נייע אַנטוויקלונג. אין דעריבער באַשטייט איינער פון יענע טראַגיזמען, מיט וועלכע די מענטשלעכע געשיכטע איז אַזוי רייך.

אַזוי, צ״ב, איז די אָנווענדונג פון געוואַלד, דער צוואַנג, וועלכן איין מענטש לייגט אַרויף אויף דעם אַנדערן, אַן אַבסאָלוט רעאַקציאָנערע דערשיי־

נונג, ווייל די פאַרגעוואַלטיקונג פון אַ מענטשן און פון גאַנצע גרופּן גייט להיפּוך צו דעם פונדאַמענטאַלסטן פּרינציפּ פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס: דער מעגלעך־גרעסטער פרייהייט פון יעדער מענטשלעכער פּערזאָן. און פונ־דעסטוועגן מוזן מיר צוגעבן, אַז אפילו אָט די שטופנווייזע פּראָרווירקלעכונג פון פּערזענלעכער פרייהייט אין דער מענטשלעכער וועלט האָט ביז אַהער ניט געקאָנט דורכגעפירט ווערן אָן דער אָפּטמאָל שווין צו „פרייער" אָנווענדונג פון געוואַלד און פאַרגעוואַלטיקונג.

פאַר אַקוראַט אַזאַ וויכטיקן עלעמענט פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעס, ווי די פרייהייט פון דער פּערזאָן, מוז מען באַטראַכטן דאָס שטרעבן צו צווישן־פעלקערלעכער ברידערלעכקייט און סאָלידאַריטעט, צו יענעם אמתן אינטער־נאַציאָנאַליזם, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר די האַרמאָנישע אויסאייניקונג פון דעם נאַציאָנאַליסטיש־פּאַרטיקולאַריסטישן און דעם קאָסמאָפּאָליטיש־אוני־ווערסאַליסטישן עלעמענט אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַלמענטשלעכער קולטור.

אָבער אָט דער אמתער אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס שלאָגט זיך דורך מיט אַזוי פיל מי און אַזוי פיל קרבנות אין דעם צווישן־פעלקערלעכן לעבן, זעצט פאָראויס די עקזיסטענץ און די פרייע אַנטוויקלונג פון די איינצלנע פעלקער, וואָס דאַרפן זיך שפּעטער פאַראייניקן אין אַ פיל־געשטאַלטיקער, מולטי־נאַ־ציאָנאַלער קולטור־אַטמאָספערע. ער זעצט דעריבער פאָראויס דעם האַרטנע־קיקן קאַמף פון די איינצלנע פעלקער פאַר זייער עקזיסטענץ.

ווען ניט אָט דער קאַמף, וואָלט אַ וועלכער עס איז קריגעריש פאָלק שוין לאַנג געהאַט איינגעשלונגען אין זיך אַלע אַנדערע פעלקער; ער וואָלט אויף אַלעמען אויף זיי אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל פון זיין קולטור און פון זיין גייסט און די גאַנצע מענטשהייט וואָלט געווען ווי אַן אויסגעגאָסענע פון איין פורעם. אין איר וואָלט זיך באַלד איינגעשטעלט אַ גלייכגעוויכט פון שאַפנדיקע כוחות. אַן אייביקער לעבנס־שאַבלאָן וואָלט זיך אויסגעאַרבעט פאַר איר, ווי ביי די פעלקער, וואָס האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין דער כינעזישער אימפּעריע, אָדער ווי ביי די פעלקער וואָס האָבן זיך געוועזט געצומען צונויפגיסן אין דער מיטלאַלטערלעכער וועלט אונטער דער „קאָסמאָפּאָליטישער" גייסטיקער איבערהערשאַפט פון דעם לאַטיינישן קאַטאָליציזם. אַנשטאָט אַן אייביק־שפּרודלענדיקן שטראָם פון מענטשלעכן פּראָגרעס, וואו איין פאָלק יאָגט תמיד אַריבער די אַנדערע און פיערט זיי אָן אים אָנצוזאָגן און אַריבערצו־יאָגן, וואָלטן מיר געהאַט אַ פאַרגליווערטן, מיטלאַלטערלעכן כינעזנטום.

די עקזיסטענץ פון איינצלנע פאַרשיידענע פעלקער מיט פאַרשיידענע שפּראַכן און קולטורן, מיט פאַרשיידענע גייסטיקע שאַפונג־כוחות איז אַ גרונט־

באַדינג פאַר דעם מענטשלעכן פּראָגרעס און פאַר אַ פרידלעכן האַרמאָנישן צונויפלעבן זייערן אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער מענטשהייט. דער האַרטנע־קיקער קאַמף פון די פעלקער פאַר זייער עקזיסטענץ און זעלבסטשטענדיקייט איז ממילא אַלע מאָל געווען און פאַרבליבן אַ פּראָגרעסיווע דערשיינונג פון דער אומגעהייערסטער באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מענטש־לעכער קולטור. מוז מען שוין ממילא — ביז צו אַ געוויסן גראַד — אויך אויס־איינען זיך מיט אַזעלכע רעאַקציאָנערע דערשיינונגען, ווי פרעמדן־האַס, אי־בערטריבענע נאַציאָנאַלע גדלות און אומגערעכטע אונטערשעצונג פון די פרעמדע פעלקער, וואָס זיינען אויף אַ פּרימיטיווער שטופע געווען אַ נויטווענ־דיקע הילף אין יענעם קאַמף און אַן אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון דער קריגס־פּסיכאָלאָגיע.

דאָס פאַרשווינדן פון אַזאַ פאַרבלענדטער נאַציאָנאַלער גדלות, — אין וועלכער די גרעסטע מאַיאָריטעט פון דער מענטשהייט לעבט נאָך עד־היום — קען געמאָלט זיין נאָר אונטער אַזויגע באַדינגונגען, וואָס זאָלן דערנעענ־טערן די פעלקער איינע צו די אַנדערע און פונאַנדערעפענען די טירן און טויערן, דורך וועלכע זיי האָבן זיך אָפּגעשלאָסן איינער פון דעם אַנדערן. האָט אַזאַ דערנעענטערונג געקאָנט פאַרקומען אין די ערשטע אָנהייבן פון דער מענטשלעכער געשיכטע?

אין די אַלטע ווילדע צייטן וואָלט אַזאַ דערנעענטערונג געווען כמעט ווי אויסגעשלאָסן, ווען אין דעם לעבן וואָלט ניט אַריינגעטראָטן אַ ריין עקאָנאָ־מישע דערשיינונג פון דער גרעסטער באַדייטונג: דער צווישן־פעלקערלעכער האַנדל. מען קאָן זיך קוים פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן אומגעהייער פּראָגרע־סיווע ראָליע דער וועלט־האַנדל האָט געשפּילט אין דעם פּרט פון דערנעענ־טערן אַ פאָלק צו אַ פאָלק. געוויס: אויך זיין אַנטוויקלונג איז געווען פול מיט טראַגישע קאָנפליקטן און אַנטאַגאָניסטישע כוחות, ווי יעדע באַדייטנדיקע דערשיינונג אין דער מענטשלעכער געשיכטע. דער האַנדל איז זעלטן געווען פריי פון רויב, מאָרד און שווינדל, און שוין אין דעם אָנהייב פון דער געשיכט־לעכער אַנטוויקלונג איז ער געוואָרן אַ נייע אורזאַך פון בלוטיקע מלחמות צווישן יענע פעלקער, וואָס האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן און אויסנוצן פאַר זיך די בעסטע האַנדלס־וועגן, אַרויפצווינגען אויף די אַנדערע עגאָאיסטישע האַנדלס־באַדינגונגען און אַוועקנעמען ביי די אַנדערע יענע סחורות,—מענטשן און זאַכן, — מיט וועלכע דער וועלט־האַנדל איז געפירט געוואָרן.

פונדעסטוועגן האָט זיך פאָרט געמוזט דורכשלאָגן אין דער וועלט זיין פּראָגרעסיווער באַטייט. הענדלער פון איין פאָלק דרינגען אַריין אין די גרע־נעצן פון אַן אַנדער פאָלק. זיי זיינען פרעמדע, אָבער זיי געניסן באַזונדערע

רעכט און ווערן באַהאַנדלט ווי געסט. דאָס רוסישע וואָרט „גאָסטי" אַ גאַסט, האָט אויך געהאַט דעם טייטש פון אַ סוחר. און דער שורש פון דעם וואָרט „גאַסט" און „גאָסטי" איז דער זעלביקער וואָס פון דעם לאַטייניש וואָרט „האָסטיס": דער פיינט, דער פרעמדער.

דאָס וואָס דער „פרעמדער", דער „האָסטיס", קאָן זיין ניט נאָר אַ „פיינט", נאָר אויך אַ „גאַסט", וואָס ברענגט אַ „גאָסטינעץ", אַ „געשאַנק" — דער אָריענטאַלישער האַנדל איז נאָך אַפּט עד־היום פאַרמעל אַן אויסבייט פון קעגנזייטיקע מתנות, — דאָס וואָס ער פירט מיט זיך זאַכן, אין וועלכע איך נייטיק זיך, ביי וועמען איך קאָן אויף זיי אויסבייטן זאַכן, וואָס איך דאַרף ניט מער, — דער פאַקט אַליין האָט דורכגעבראָכן אַ ברעש אין דעם פיינצטערן פעלקער־האַס און אין דער מענטשלעכער נשמה געלאָזט אַריינשיינען שטראַלן פון מענטשלעכער פאַרשטענדיקונג.

די ווירקונג פון אַזעלכע שטראַלן וואָלט געווען נאָך אַ סך אַ גרינטלעכערע, אַ דערוואַרעמענדיקע און באַלייכטנדיקע, ווען אין דעם פּראָצעס פון די צווישן־פעלקערלעכע האַנדלס־באַציאונגען וואָלט, ווי אין אַלע דערשיינונגען פון דעם פרימיטיוון לעבן, — ניט געשפּילט אַזאַ ראָליע דער צושטאַנד פון דער רעליגיעזער אַנטוויקלונג.

עס וועט אונדז מסתמא נאָך אויסקומען צו רעדן וועגן דעם פרימיטיוון צושטאַנד פון דעם רעליגיעזן געדאַנק, וועלכן אויך דאָס יידישע פאָלק האָט געמוזט דורכמאַכן, ווי אַלע פעלקער פון דער וועלט. דאָ איז גענוג נאָר צו באַמערקן, אַז די העכסטע שטופע פון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פלעגט אַ פאָלק דערגרייכן אין זיין נאַציאָנאַלן גלויבן, אין דער איבערגעגעבנהייט צו זיין נאַציאָנאַלן גאָט אָדער זיינע נאַציאָנאַלע געטער און געטינען. די איבערנאַטירלעכע געטער־וועלט, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעוואָקסן און פונאַנדערגעוויקלט מיט דעם פּראָגרעסיוון וואוקס פון דעם פאָלקס קולטור, איז געווען די פאַרקערפּערונג פון אַלע אידעאַלן ביי דעם פאָלק, זיין זיכערסטע האָפענונג און זיין העכסטער שטאָלץ.

די געטער האָבן אים געגעבן דעם טוי פון דעם הימל און די פעטס פון דער ערד, דעם רעגן און דעם זונען־שיין, די בעסטע פיטערונגס־פלעצער פאַר די פי, די רייכסטע געיעג־פלעצער אין דעם פרייען פעלד. די געטער האָבן אים אויך געזיכערט דעם נצחון אין אַן אָנפאַל אויף אַ פיינט.

דאָס אַלץ האָבן זיי געטאָן ניט אומזיסט, ווען אפילו אַ סך פון זיי זיינען געווען, אַזוי צו זאָגן, „אייגענע מענטשן": פאָלקס־העלדן, וואָס זיינען ערשט נאָך זייער טויט ביסלעכווייז דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ פאָלקס־גאָט.

די געטער האָבן פאַרלאַנגט געצאָלט: דאָס בעסטע פון דעם פי און פון דער פרוכט פון דער ערד, און, אין דער ערשטער צייט, אויך די ערשט־גע־באָרענע פון דעם מענטשן: בלוטדאָרשטיקע זיינען געווען די געטער אין דער ערשטער בלוטדאָרשטיקער צייט פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג.

נאָר מער פאַר אַלץ האָבן זיי פאַרלאַנגט — בלינדע אונטערגעוואָרפנקייט אונטער זייער איבערהערשאַפט. זיי זיינען געווען די אמתע „בעלים", — די האַרן; דאָס פאָלק איז געווען — זייערע קנעכט.

פאַרגלייכט מען די פאַרשיידענע פאָלקס־געטער איינע מיט די אַנדערע, זעען מיר, אַז וויניקסטנס אין די אָנהייבן פון דער רעליגיעזער אַנטוויקלונג, זיינען זיי אַלע, ביי זייער אָפט באַדייטנדיקער פסיכאָלאָגישער פאַרשיידנקייט, געווען כמעט פון איין־און־דעם־זעלביקן מהות, וואָס האָבן פאַרלאַנגט פון זייערע שקלאַפן איין־און־די־זעלביקע זאַך: בלוטיקע קרבנות, מתנות, אונ־טערגעוואָרפנקייט און פאַרהערלעכונג.

עס איז אָבער געווען איין פונקט, אין וועלכן זיי האָבן אַרויסגעוויזן זייער אינדיווידואַליטעט: די ספּעציעלע פאָרם אין וועלכער מען האָט זיך געדאַרפט גענעען צו זיי מיט די קרבנות און מתנות; די ספּעציעלע צערעמאָניעס און מנהגים, ווי אַזוי מען האָט געדאַרפט אויסדריקן די אונטערגעוואָרפנקייט; די ספּעציעלע מיטלען, ווי אַזוי אַרויסצורופן זייער אויפמערקזאַמקייט און גענאָד אָדער אָפּווענדן זייער גרימצאָרן און שטראָף, — קורץ, די פּרטים פון דעם באַשטימטן קולט.

די טראַדיציעס פון דעם קולט זיינען געווען אָפּגעהיט פון די כוהנים: נאָר זיי אַליין האָבן געוואוסט, וואָס זייער גאָט פאַרלאַנגט פון זיין פאָלק. און גראָד אין אָט די טראַדיציעס: אין די רעליגיעזע צערעמאָניעס, אין די אָפּ־שפּרעכן און צושפּרעכן, אין די פאַרגעשריבענע תפילות און לידער, אין די פאַרגעשריבענע טענץ און באַוועגונגען, אין דעם ריטואַל פון די קרבנות, אין דעם, אַזוי צו זאָגן, „הויף־עטיקעט" פון דעם געטלעכן הערשער, איז באַ־שטאַנען די דיקע וואַנט, וואָס האָט אָפּגעשיידט אַ פאָלק פון אַ פאָלק: אַ וואַנט, וואָס האָט געמוזט ווערן אַלץ דיקער און פעסטער, וואָס מער יעדע רעליגיע האָט זיך אַנטוויקלט אויף איר אייגענעם שטייגער.

שוין אין די אויגן פון דעם אייגענעם פאָלק זיינען יענע צערעמאָניעס געווען אַרומגערינגלט מיט אַן אַטמאָספערע פון אַ הייליקן שוידער: ווי איז — אַז מען מאַכט חלילה אַ טעות און מען געברויכט איין באַוועגונג, איין וואָרט, איין מיסטישע האַנדלונג דאָרטן, וואו די גאָטהייט פאַרלאַנגט אַן אַנדער באַוועגונג, אַן אַנדער וואָרט, אַן אַנדער מיסטישע האַנדלונג? — אומבאַרעמ־

האַרציקע שטראָפן פלעגן דעמאָלט האָגלען פון דער פאַרצאָרנטער גאָטהייט אויף די קעפּ פון די פאַרשולדיקטע.

און נאָך שטאַרקער איז געווען דער מיסטישער שוידער, וועלכן אַ רעלי־גיע פון איין פאָלק האָט אַרויסגערופן אין די הערצער פון אַן אַנדער פאָלק. די קינדער פון דעם אַנדער פאָלק האָבן דאָך געקאָנט זיין זיכער, אַז דער פרעמדער גאָט איז דער גאָט פון זייערע פיינט, און אַז די געהיימע אומפאַר־שטענדלעכע צערעמאָניעס, מיט וועלכע זיינע דינער ווענדן זיך צו אים, קאָנען זיין געצילט אַנטקעגן זיי. זיי האָבן דאָך ניט געוואוסט, וואָס דער פרעמדער גאָט קאָן און וואָס ער קאָן ניט; וואָס פאַר אַן אומדערוואַרטן שפּיצל ער קאָן זיי פלוצלונג אָפּטאָן.

די פרעמדע „געסט", וואָס זיינען געקומען, ווי סוחרים, פון דער ווייט מיט פרידלעכע מתנות, זיינען טאַקע „געסט". אָבער ווער ווייסט, וואָס עס טוט זיך ביי זיי אין האַרצן? ווער ווייסט, וועלכע מאַגישע כוחות זיי פירן מיט זיך אין זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס? ווער ווייסט, וואָס זיי קאָנען פלוצלונג איינעם אָפּטאָן מיט דער הילף פון זייערע געטער?

אויב די הייליקע צערעמאָניעס פון דער אייגענער רעליגיע פלעגן אַרויס־רופן אַ הייליקן שוידער ביי די קינדער פון אַ פאָלק, פלעגט דער ריטואַל פון אַ פרעמדער רעליגיע אַרויסרופן אַ פאַנישע שרעק. מען האָט שטענדיק גע־דאַרפט זיין אויף דער וואַך מיט דעם פרעמדן, שטענדיק מורא האָבן פאַר זיין יעדן קער און ריר, — דער עיקר, ווען ער איז געווען נאָך אַ כוהן ביי זיינעם אַ גאָט.

דאָס רוסישע ווערטל: „טשוזשאַיאַ דושאַ פּאָטיאָמקי", — „דעם פרעמדנס נשמה איז אַ פינצטערער תהום" — אַ ווערטל, וואָס איז אפשר באַשאַפן געוואָרן אין אָט דעם פרימיטיוון פעריאָד פון דער רעליגיעזער אַנטוויקלונג, — איז דער בעסטער אויסדרוק פאַר דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם קעגנזייטיקן אינטענסיוון חשד, וואָס האָט געהערשט ביי די קינדער פון איין פאָלק בנוגע צו די קינדער פון אַן אַנדער פאָלק.

עס איז אַלץ געווען פינצטער, אומפאַרשטענדלעך, מיסטיש־שוידערהאַפט, און, על פי סברה, בייזוויליק און בלוטדאַרשטיק אין דעם לעבן און טראַכטן, אין דעם פילן און וועלן פון אַ פרעמדער אומה.

און איצטער — פאַרגלייכט מיט דעם די קלאָרקייט, פרידלעכקייט און זיכערקייט, די באמת מענטשלעכע ברידערלעכקייט, וואָס יעדער איינער גע־פינט אין דעם לעבן ביי די קינדער פון זיין אייגענעם פאָלק, אונטער דעם שוץ פון מעכטיקע, קלוגע און גוטע געטער פון זיין אייגענער רעליגיע, אויב דאָס פאָלק איז נאָר טריי צו זייערע דערהאָבענע, הייליקע געבאָטן!

ווי קאָן מען דאָס פרעמדע פאָלק פאַרגלייכן מיט דעם אייגענעם! ווי טורעם־הויך מוז דאָס אייגענע פאָלק שטיין אין זיין מענטשלעכן מהות איבער אַלע איבעריקע פעלקער פון דער וועלט!

אויף אַזאַ אופן האָט אויף די נידעריקסטע שטופן פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג געמוזט ביי יעדן פאָלק געבאָרן ווערן אַן „אתה־בחרתנו״־געדאַנק.

קודם איז ער אַ פּראָדוקט פון אַ געוויסן אידעאַל פון מענטשלעכער חשיבות; אַן אידעאַל, וואָס לעבט אין דער ברוסט אפילו פון דעם ווילדסטן און פאַרגרעבטסטן שבט, אַן אידעאַל, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעשפּראָצט די גאַנצע מענטשלעכע מאָראַלישע אַנטוויקלונג. מען האָט זיך געמוזט האַלטן ביי דעם אייגענעם פאָלק, ווייל מען האָט געזען, ווי אַזוי אָט דער אידעאַל איז אַזוי שיין פאַרווירקלעכט אין דעם אייגענעם לעבן.

אויף דעם באָדן פון אָט דעם אידעאַל פון מענטשלעכער חשיבות האָט געווירקט דער צווייטער מאָמענט: די אומבאַקאַנטשאַפט מיט דעם לעבן און דעם מהות פון דעם פרעמדן, אַנטקעגן וועלכן מען דאַרף תמיד זיין אויף דער וואַך, און אַנטקעגן וועלכן עס איז אַ מצווה זיגרייך צו קעמפן, — אויב די אומשטענדן דערלויבן דאָס נאָר: אַ מצווה ניט נאָר דערפאַר, ווייל עס פאַר־זיכערט די עקזיסטענץ פון דעם אייגענעם פאָלק, נאָר אויך דערפאַר, ווייל דאָס איז אַ קאַמף פון אַ העכערער מענטשלעכקייט אַנטקעגן אַ נידעריקערער. די נויטווענדיקייט פון דעם קאַמף פאַרשטאַרקט די פּסיכאָלאָגיע פון דעם „אתה בחרתנו״, פון דער פאַראַכטונג און דער פיינטשאַפט צו דעם פרעמדן און דיקטירט זיין נידעריקערע אָפּשעצונג.

וואָלטן די איינצלנע פעלקער געקאָנט לעבן איזאָלירט איינער פון דעם אַנדערן, אָדער אין שטענדיקן קריג איינער מיט דעם אַנדערן; און וואָלטן די געטער געשטאַמט נאָר פון איין מקור: פון די פאַרשטאָרבענע פאָלקס־העלדן, וואָלטן די פּסיכאָלאָגישע ווענט, וואָס שטייען צווישן זיי, קיינמאָל ניט געקאָנט אַראָפּ־געטראָגן ווערן. אפילו דער וועלט־האַנדל, וואָס איז אין זיין אָנהייב געווען אַזוי שוואַך, וואָלט ניט געקאָנט ברענגען זיי צו אַ וועלכן־עס־איז באַדייטנדיקן גראַד פון אַן אינעווייניקסטער פּסיכישער דערנעענטערונג.

צום גליק האָבן ניט אַלע פעלקער געקאָנט אייביק לעבן אין אַזאַ אַט־מאָספערע פון קעגנזייטיקן האַס און חשד.

אַ פאָלק האָט זיך פונאַנדערגעוואַקסן אין צאָל, זיך פאַרשפּרייט איבער אַ גרעסערן שטח און זיך דיפערענצירט אין פאַרשיידענע טיילן. ביסלעכווייז האָבן זיי, איין טייל דעם אַנדערן, פאַרלאָרן פון אויג. די פאַרשיידענע טיילן האָבן גענומען פירן אַ פאַרשיידענעם לעבן אונטער דעם דרוק פון געענדערטע אומשטענדן. די געמיינשאַפטלעכע שפּראַך האָט ביי יעדן טייל באַקומען אַ

באַזונדערן אַנטוויקלונגס־גאַנג און האָט זיך אַלץ מער און מער דערוויטערט פון דעם אורשפּרינגלעכן טיפּ. נייע זיטן און מנהגים זיינען אויפגעקומען אין דעם לויף פון דער צייט. נייע העלדן און פּאַסירונגען האָבן אָנגעפילט זייער געשיכטלעך לעבן און האָבן געבוירן נייע היסטאָרישע טראַדיציעס; — אויך די רעליגיע, ווי קאָנסערוואַטיוו עס זאָל ניט זיין איר אינעווייניקסטער מהות, האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן דעם אָנשטורעם פון אַלע נייע ענדערונגען און האָט אַרויסגעבראַכט פאַרשיידענע געשטאַלטונגען, באַזונדערע פאַר יעדן טייל פון דעם פריער איינהייטלעכן פאָלק.

דאָס איינהייטלעכע פאָלק איז פונאַנדערגעפאַלן אין אַ גרופּע פון פאַר־שיידענע פעלקער, ביי וועלכע עס האָט געמוזט תּיכּף געבאָרן ווערן די זעל־ביקע נאַציאָנאַלע פּסיכאָלאָגיע, וועלכע מיר האָבן אויבן געשילדערט. זי האָט אָבער ניט געקאָנט אַרויסטרעטן אין אַזאַ שאַרפער פאָרם, ווי ביי אַבסאָלוט פרעמדע פעלקער. אין די היסטאָרישע דערינערונגען פון אַלע טיילן האָט פאָרט נאָך געגלימצערט דער באַוואוסטזיין, אַז מען איז ניט אינגאַנצן פרעמד איינער דעם אַנדערן, אַז אין אַלעמענס אָדערן פליסט דאָך אייגן־בלוט; אַז מען איז מער אָדער ווייניקער קרובים, קינדער פון איין מענטשלעכער משפחה.

אמת, די רעליגיעזע פאַרשיידנהייטן מיט זייער מיסטישן שווידער שטערן דערביי דעם פאַרברידערונגס־פּראָצעס, און גייען להיפּוך צו די פאָדערונגען פון דער בלוט־קרובהשאַפט. אָבער אויך אין די פאַרשיידענע רעליגיעזע פאַר־שטעלונגען קלינגט פאָרט דורך דער געמיינשאַפטלעכער אורשפּרונג.

אָט די פעלקער זיינען טאַקע פרעמד געוואָרן איינער דעם אַנדערן, אָבער ניט אַזוי פרעמד, אַז איינעמס נשמה זאָל פאַר דעם אַנדערן זיין אַ פינצטערער תהום. מען קענט זיך אויס אין איר; מען ווייסט אין איר, וואו אויס, און וואו איין.

און אויב די וויטערדיקע אַנטוויקלונג פירט דערצו, אַז די פריער פונ־אַנדערגעשפּאָלטענע טיילן זאָלן זיך ווידער פאַראייניקן אינאיינעם, — צי דורך אַ פרייען אָפּמאַך, צי דורך דעם, וואָס איין טייל באַזיגט די אַנדערע, — ווערט ווידער אַ נייע נאַציע, וואָס איז אין תוך אַריין אַ פאַראייניקונג פון פאַרשיי־דענע פעלקער, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט די עגיפּטישע שבטים אויף דעם טייך ניל, מיט די באַבילאָנישע און אַסירישע אין מעסאָפּאָטאַמיע, מיט די גריכישע אין גריכנלאַנד און קליין־אַזיע, אאַז״וו.

אַ דאַנק דער פּאָליטישער פאַראייניקונג פון עטלעכע זעלבסטשטענדיקע שבטים צו איין פאָלק אָדער נאַציע ווערן באַשאַפן שטאַרקע שטאַטלעכע פאַרבאַנדן. די פאַרשיידענע געטער און רעליגיעזע גלייבונגען ווערן דאָס רוב פרידלעך פאַראייניקט אין איין סיסטעם. עס ווערט אויסגעאַרבעט זייער יחוס

און דער גראַד פון זייער קרובהשאַפט. אָפּטמאָל טיילן די געטער זיך איין אין די פּראָווינצן פון דעם לאַנד. אין די פאַרשיידענע גרויסע שטעט ווערן אויפגעבויט פאַרשיידענע טעמפּלען צו די פאַרשיידענע געטער. אָפּטמאָל טיילן זיי זיך איין אין דער הנהגה פון דער וועלט. יעדער גאָט אָדער געטין האָט זיין אָדער איר מיניסטעריום. און די „מלכותא דרקיע" ווערט אַ קאָפּיע פון דער „מלכותא דארעא": דער הימל ווערט אַן אָפּשפּיגלונג פון די הערשנדיקע צושטאַנדן אויף דער ערד.

אמת, די פריערדיקע פסיכאָלאָגיע פון קעגנזייטיקן חשד און האַס פאַר־שווינדט ניט אינגאַנצן אין דער נייער נאַציאָנאַלער פאַראייניקונג. זי ווערט אָבער זייער אָפּגעשוואַכט און קאָן — אונטער אומשטאַנדן — אינגאַנצן פאַר־לירן איר היסטאָרישן אימפּעט: ביי אַזאַ פעלקער־פאַרבאַנד קאָנען שווער אויפקומען פאַרטיקולאַריסטישע שטרעבונגען, וואָס זאָלן אים ווידער צע־שפּאַלטן אויף שטיקער. די פאַרשיידענע צענטערן פון דעם נאַציאָנאַל־באַ־וואוסטזיין גיסן זיך דאָ אָפּט צונויף אין איין צענטער, און אויב עס גיט זיך איין אויפצובויען לעבן די אָרטיקע און פּראָווינציקע רעליגיעזע קולטן אַן אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן קולט, וואָס איז אַלעמענס אַ הייליקטום (ווי דאָס איז גע־ווען דער דעלפישער קולט פאַר אַלע גריכישע פעלקער), דעמאָלט איז די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון דעם איינהייטלעכן צענטער געזיכערט.

דער „אתה בחרתנו"־געדאַנק ווערט אָבער דערפאַר מיט אַ טאָפּלטער קראַפט אַריבערגעטראָגן בנוגע אַלע איבעריקע פעלקער פון דער מענטשהייט, וואָס שטייען מחוץ פון דעם נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד.

נאָך וויכטיקער פאַר דער דערנעענטערונג פון די פעלקער און פאַר דעם אָפּשוואַך פון דעם פעלקער־האַס זיינען געווען יענע פאַלן אין דער געשיכטע, ווען אַ גרעסערע נאַציאָנאַלע פאַראייניקונג פלעגט אויסוואַקסן ניט נאָר צווישן שבטים מיט קרובהשער בלוט אין די אָדערן, נאָר צווישן ווילד־פרעמ־דע שבטים.

דער קריג און די דאָרשט צו פאַרטיליקן אינגאַנצן דעם קעגנער איז, אמת, אַלע מאָל אין די ווילדע צייטן געווען אַ הייליקע זאַך, וואָס האָט תמיד געפונען דעם שענסטן חן אין די אויגן פון די נאַציאָנאַלע געטער. אָבער דער קריג קאָן פאָרט ניט זיין קיין נאָרמאַלער צושטאַנד. דאָס אייגנטלעכע לעבן פון דעם פאָלק ווערט געפירט אין דער פרידנס־צייט. די מלחמות האָבן דעריבער זיך געמוזט דאָס רוב ענדיקן מיט אַ וועלכן־עס־איז אויסגלייך, מיט אַ וועלכן־עס־איז אָפּמאַך, וואָס האָט פאַרזיכערט אויף אַ לענגערער אָדער קירצערער צייט דעם פרידן פאַרביידע צדדים.

אין אַלע אַזעלכע פֿאַלן באַמערקט זיך אַ פּסיכאָלאָגישע דערנענטערונג צווישן די פֿעלקער. דאָס רוב קומט פֿאָר, אַז דער שוואַכערער טייל, דער באַזיגטער, דער וואָס מוז זיך אונטערגעבן, איז זיך מתקנא אָן דער קולטור און דער רעליגיע פֿון דעם זיגער. זיין מפּלה אין קריג רופֿט אָפּטמאָל אַרויס אַ ספֿק אין דער מאַכט פֿון דער אייגענער גאָטהייט און בכלל אַ מער קריטישערן בליק אויף דעם אייגענעם מהות. דעם שונאס גלענצנדיקער נצחון רינגלט אַרום זיין געטער־וועלט מיט אַ באַזונדער גלאָריע און ביי דעם באַזיגטן פֿאָלק וואַקסט אויס אַ גאַנצע פּאַרטיי, וואָס זאָגט זיך אָפּ פֿון דעם גלויבן פֿון די אבות און נעמט אָן די נייע זיגרייכע אמונה. אַזאַ פּאַרטיי קאָן זיך אויך איינ־געבן אַריבערצוציען די מאַיאָריטעט פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק אויף איר זייט, און די באַזיגער און באַזיגטע שמעלצן זיך צונויף אינאיינעם. אין דעם פּראָצעס פֿון אָט דעם צונויפֿגוס לערנען זיי זיך דערוויל אויס צו קאָנען איינער דעם אַנדערן, צו שעצן איינער דעם אַנדערן, און דער פּרימיטיווער חשד און שרעק פֿאַר דעם „פֿרעמדן״ בכלל ווערט ביסלעכווייז אָפּגעשוואַכט.

עס טרעפֿט אויך ניט זעלטן, אַז דער זיגער שטייט אויף אַ נידעריקערן שטאַפּל פֿון דער מענטשלעכער קולטור, איידער דער באַזיגטער. דעמאָלט ווערט דער באַזיגטער דער לערער פֿון דעם זיגער. דער לעצטערער נעמט איבער ביי דעם ערשטן די העכערע טעכניק אין דעם קאַמף מיט דער נאַטור פֿאַר דער חיונה, די רייכערע פֿאָרמען פֿון לעבן און געניסן, די פֿיינערע זיטן און מנהגים. אויך די העכערע מדרגה פֿון זיין רעליגיעזער אַנטוויקלונג לאָזט דעם זיגער ניט קאַלט, און אַזוי אַרום ווערט די וואַנט צווישן די צוויי אויסגעבונדענע פֿעלקער אַלץ מער און מער אַראָפּגעטראָגן. אויב אפֿילו זיי גיסן זיך ניט צונויף אינגאַנצן אין אַ נייער נאַציאָנאַלער איינהייט, פֿאַרשווינדט אָבער ביי זיי דער קעגנזייטיקער האַס און חשד.

דאָס אייגענע קומט פֿאָר, ווען ביי פֿאַרשיידענע פֿעלקער, וועלכע באַ־וואוינען אַ וועלכע־עס־איז געגנט, שטעלט זיך איין אַ געוויסער עקאָנאָמישער גלייכגעוויכט, וואָס מאַכט, אַז זיי זאָל זיך בעסער לוינען צו וואוינען אינאיינעם אין פֿרידן איידער תמיד צו זיין אויף מעסערס. אָפּטמאָל איז דאָס אויך די פּאָליטישע נויט וואָס ברענגט זיי נעענטער איינער צו דעם אַנדערן; די גע־מיינשאַפֿטלעכע מורא פֿאַר אַ שטאַרקערן קריגערישן שונא, וואָס הייבט אָן וואַרפֿן גלוסטיקע בליקן אויף דער גאַנצער געגנט. די פֿאַרשיידן־פֿעלקערלעכע באַוואוינער פֿון אַזאַ געגנט רוקן זיך פּסיכיש נעענטער צונויף. זיי שליסן אַ דויערנדיקן בונד, אין וועלכן אויך די געטער זייערע נעמען אָן אַנטייל, און עס עפֿענען זיך ברייט פֿונאַנדער די טירן און טויערן פֿון זייער אינעווייניקסטן לעבן און דעם פֿרעמדנס נשמה הערט אויף צו זיין אַ שרעקנדיקע רעטעניש.

די אָפּשוואַכונג פון דעם פרעמדנהאָס, — און ממילא אויך פון יענעם טייל „אתה בחרתנו”־געפיל וואָס פליסט פון אים, — שטאַמט אָבער נאָך פון אַן אַנדער זייער וויכטיקן קוואַל: די געטער פון דער מענטשהייט זיינען ניט נאָר פאָלקס־געטער, אַרויסגעוואַקסן דאָס רוב פון פאַרשטאַרבענע פאָלקס־העלדן, נאָר אויך אָרטס־געטער, לאַנדס־געטער, — גייסטער, וואָס וואוינען אין אַ באַשטימטן אָרט, און האָבן זייער שליטה אויף אַ באַשטימטער געגנט.

לויט דער פסיכאָלאָגיע פון דער אַלטער צייט האָט יעדער בוים און יעדער טייך, יעדער באַרג און יעדער טאָל, יעדער פעלד און יעדער וואַלד, אפילו יעדע הייל און יעדער קוואַל, געהאַט זיין אייגענע גאָטהייט אָדער אַ גאַנצע משפחה פון געטער, וואָס האָבן געוואוינט אין זיי, און זיינען געווען די באַלע־באַטים פון דעם אָרט (אין כנען — די „בעלים”).

פילע פון אַזעלכע ערטער זיינען געווען שטאַרק באַרימט אין דער סביבה דורך דער באַזונדערער מיסטישער קראַפט, מיט וועלכער די געטער זייערע האָבן זיך אויסגעצייכנט. אייניקע פון זיי האָבן געהאַט אַ באַזונדערע גבורה פאַראויסצוזען די צוקונפט און דערציילן איינעם זיין גורל. אַנדערע זיינען געווען מאַדימס אין היילן די אָדער יענע קראַנקהייט. יענע פלעצער זיינען געווען באַזונדערס הייליק פאַר אַלע איינוואוינער פון דער סביבה, אַלץ איינס, צו וועלכן פאָלק זיי זאָלן ניט האָבן געהערט. טעמפּלען זיינען געבויט געוואָרן אַרום יענע הייליקע פלעצער, מזבחות אויפגעשטעלט פאַר יענע גאָטהייטן, כוהנים אויסגעהאַלטן, וואָס האָבן אָפּגעהיט דעם נייטיקן ריטואַל, איבערגעגעבן אים בירושה פון דור צו דור, דערציילט אַלע וואונדערלעכע געשעענישן, וואָס האָבן זיך פאַרלאָפן אויפן אָרט אין אַ משך פון דורות און וואָס זיינען אַלע מאָל געווען פאַרבונדן מיט דער וואונדערלעכער קראַפט פון דער אָרטיקער גאָטהייט. אייניקע אַזעלכע פלעצער האָבן געשמט איבער די ווייטסטע לענדער.

כל־זמן אַזעלכע הייליקע פלעצער האָבן געקאָנט אויפהאַלטן און אָפּהיטן זייער אייגענע פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט; כל־זמן אַ וועלכעס־עס־איז פאָלק האָט ניט איינגענומען די גאַנצע געגנט און ניט אַריינגעוועבט אויך אָט די באַזיגטע גאָטהייטן אין דעם נעץ פון זיין נאַציאָנאַלער רעליגיע, זיינען זיי, — אָט די הייליקע ערטער, — געווען די אָאַזיסן פון אמתן אינטערנאַציאָנאַלן געפיל און אַלמענטשלעכער ליבע, און ביי זייערע פרידלעכע פייערן פלעגן פאַרטרעטער פון פאַרשיידנסטע פעלקער זיך קאָנען אויסרוען פון זייער פעלקער־האָס.

דאָס איז געלעגן אין די עקאָנאָמישע אינטערעסן גופא פון יענע כוהנים, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן דעם טעמפּל און דעם ספּעציעלן גאָטעס־דינסט, ווע־

מעס קליענטן עס פלעגן זיך צונויפפאָרן פון אַלע עקן פון דער „וועלט". דאָס איז אויך געלעגן אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וואָס האָט געצויגן איר חיונה פון דעם טעמפּל, און וואָס איז אַליין געווען צום גרעסטן טייל אַ צונויפגעפאָרענע, פון מענטשן, וועמען די הייליקייט, די מיס־טישע באַדייטונג פון דעם אָרט, אָדער די באַזונדערע הילף, וואָס זיי האָבן ביי דער גאָטהייט געפונען, האָט צוגעצויגן אַהין אויף אייביק.

דערהויפּט האָבן געשפּילט אַ הומאַניזירנדיקע ראָליע יענע הייליקע פּלע־צער און טעמפּלען, וואָס זיינען געלעגן אויף דער לענג פון אַ וואָסער־עס־איז קאַראַוואַנען־וועג, אויף וועלכן עס האָט זיך געצויגן דער וועלט־האַנדל. דער הייליקער פּלאַץ איז אין דער זעלביקער צייט געווען אַן אכסניה, אַן אָפּרו־סטאַנציע פאַר די פון וועג אויסגעמאַטערטע. אָפטמאָל פלעגט פון אָט דעם אומשטאַנד גופא אַרויסוואַקסן אַ האַנדלס־מאַרק אויפן פּלאַץ, וואו די פאַרשיי־דענע קאַראַוואַנען פלעגן זיך אויסבייטן מיט זייערע סחורות.

דאָס אַלץ האָט עקאָנאָמיש געפאָדערט, אַז אין אַזוינע פּלעצער זאָל הערשן אַן אַטמאָספערע פון קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש און ברידערלעכן צוטרוי. זיינען אַזעלכע פּלעצער טאַקע געווען די זעלטענע שולן, וואו דער נאַציאָנאַ־לער בליק פלעגט זיך פאַרברייטערן און זיך לערנען אַרומכאַפּן אַן אַלגעמיין־מענטשלעכן האָריזאָנט; וואו די נאַציאָנאַלע אייניקייט און אָפּגעשלאָסנקייט פלעגן זיך לערנען מאַכן פּלאַץ פאַר אַן אַלגעמיין־מענטשלעכן געפיל; און — וואָס עס איז דער עיקר פאַר אונדזער ענין — וואו די פאַרטרעטער פון איין פאָלק פלעגן, מחמת אָט די אַלע טעמים, זיך אויסלערנען אַריינצובליקן אין דעם לעבן פון אַן אַנדער פאָלק, דורכצובליקן דורך דער אויסערער נאַציאָנאַלער פאָרם דעם טיף־מענטשלעכן קערן, וואָס איז באַהאַלטן אין איר און אָפּשאַצן זיין ריין מענטשלעכן ווערט. און אויף אַזאַ אופן פלעגט אָפּגעשוואַכט ווערן יענער קוואַל פון דעם „אתה־בחרתנו"־געפיל, וואָס האָט געשטאַמט פון דער ניט־באַקאַנטשאַפט מיט דעם פרעמדן.

מען דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז די ניט־באַקאַנטשאַפט מיט דעם „פרעמדן" און מיט זיין לעבן איז נאָר איין קוואַל, וואָס האָט געשפּייזט דעם איבערטריבענעם „אתה־בחרתנו"־געפיל.

אַ צווייטער קוואַל שלאָגט פון דער ניט־באַקאַנטשאַפט אָדער שלעכטער באַקאַנטשאַפט מיט זיך אַליין, מיט דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן מהות און דעם ווירקלעכן אַנבליק פון זיין אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן.

דער אַלטער כלל, אַז ביי דעם אַנדערן באַמערקט מען אַ שפּליטער אין די אויגן, בעת ביי זיך אַליין באַמערקט מען ניט אפילו קיין קלאָץ, האַלט אויס

אין דער פעלקער־פּסיכאָלאָגיע אין אַ גרעסערער מאָס, איידער אין דער אינ־דיווידועלער. זעלבסט־קריטיק איז אַ שווערע עובדא פאַר יעדן איינעם.

מען האָט געמעגט מיינען, אַז פאַר אַ פאָלק האָט דער ענין פון „זעלבסט־קריטיק" ניט געדאַרפט זיין אַזוי שווער: ווייל דאָ קריטיקירט דאָך זיך אַליין ניט דאָס פאָלק, נאָר סוף־כל־סוף דער איינצלנער אינדיווויד פון דעם פאָלק. און ער קריטיקירט דאָך ניט זיך אַליין, נאָר זיינע פאָלקס־ברידער; און וואָס מער חסרונות ער געפינט ביי זיי אויס, אַלץ העכער מוז אין זיינע אייגענע אויגן שטייגן דערביי זיין אייגענער מהות, וואָס הייבט זיך אויף איבער די פעלערן פון זיין פאָלק.

די געשיכטע פון דער מענטשלעכער ליטעראַטור באַווייזט אָבער, אַז די קריטיק פון דעם אייגענעם פאָלק איז אַ דערשיינונג, וואָס טרעט אַרויס זייער שפּעט אין דער אַנטוויקלונג פון דעם פאָלקס באַוואוסטזיין. די ליטע־ראַטור־געשיכטע לערנט אונדז, אַז די סאַטירע, די קאָמעדיע אָדער אויך די דירעקטע שטראָף־רייד, פלעגן דאָס רוב אָנרירן אָדער אַלגעמיין־מענטשלעכע שוואַכקייטן, וואָס געפינען זיך ביי יעדן פאָלק, אָדער די פעלערן פון איינצלנע קלאַסן און גרופּן, אָבער ניט די חסרונות פון דעם פאָלק, ווי אַ גאַנצעס. און אויך די פעלערן פון די איינצלנע קלאַסן און גרופּן ווערן דאָס רוב באַלויכטן פון אַ ריין נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער סאַטירישער ליטעראַטור פון דער אַלטער צייט, אַז זי איז דאָס רוב געווען די טרעגערן פון דעם קאָנסערוואַטיוון געדאַנק, און ניט פון דעם פּראָ־גרעסיוון און דעם רעוואָלוציאָנערן. אַ רעוואָלוציאָנערע סאַטירע, וואָס זאָל אָפּשפּאָטן די איינגעוואָרצלטע מנהגים און גלייבונגען פון אַ פאָלק, איז אַ פּראָדוקט פון גאָר די נייסטע צייטן. אין אירע פריערדיקע פעריאָדן האָט די סאַטירע אָפּגעלאַכט פון די נאָוואַטאָרן, פון די וואָס ווילן אַריינברענגען אין לעבן „נייע־נייסן", און גראָד אָט די „נייע־נייסן" האָבן דאָס רוב גע־שטאַמט פון דער פרעמד.

נאָך עד־היום איז די סאַטירע און דער שפּאָט אין זיין גרעסטן טייל מער אַ פאַרטיידיקונג פון די איינגעוואָרצלטע יסודות, איידער אַן אָנקלאָג אַנטקעגן זיי. דאָס נייע ווערט אַלע מאָל באַגעגנט מיט שפּאָט און געלעכטער, איידער עס ווערט שטאַרק געגנוג אַרויסצורופן דעם צאָרן פון זיינע קעגנער און די באַגייסטערונג פון זיינע אָנהענגער.

דערקלערן דערקלערט זיך דאָס, נאָך מיין מיינונג נאָך, זייער פּשוט: דאָס ליגט אין דער נאַטור פון דעם לעבעדיקן גופא, ווי אויך אין דעם מקור, פון וואַנען דאָס „נייע" דרינגט דאָס רוב אַריין אין דעם לעבן פון אַ פאָלק.

דער געוויינלעכער סדר פון דעם לעבן רופט אין אונדז ניט אַרויס קיין געפיל פון לעכערלעכקייט. מיר זיינען צו אים צוגעוואוינט. אַלץ קומט פּאָר, ווי עס דאַרף צו זיין. ערשט, ווען איך טרעט אָפּ — אין די קליינלעכקייטן פון דעם לעבן — פון דעם אָנגענומענעם מנהג, רופט דאָס אַרויס די שפּאָט־לוסט פון דעם צוקוקער. ווען מיין שליפּל האָט זיך פאַרוקט אָן אַ זייט, מאַכט דאָס אַ קאָמישן איינדרוק. וואָלטן אַלע געטראָגן די שלייפלעך פאַרבונדן אָן אַ זייט, וואָלט דער „שינוי" זיך ניט געוואָרפן אין די אויגן. ווען דער רייסישער ייד זאָגט: „דער סרייבער סרייבט אַ סיינע סריפט" רופט זיין „סמך" אַרויס אין אונדז אַ געפיל פון לעכערלעכקייט, ניט דערפאַר וואָס דער קלאַנג אין זיך גופא איז אַ קאָמישער — אויך די האָלענדער געברויכן אין די פאַלן דעם „סמך" אָנשטאָט דעם „שין", און דאָס רייצט קיינעם ניט צום לאַכן. די רייסישע אויסשפּראַך איז לעכערלעך דערפאַר, וואָס זי שטימט ניט צונויף מיט דער געוויינלעכער, אָנגענומענער אויסשפּראַך.

דאָס אייגענע איז אויך מיט די מנהגים, זיטן, מלבושים און דעם גאַנצן אויפפיר פון דעם פרעמדן אין די טאָג־טעגלעכע קליניקייטן, וואָס פילן ליידער אויס קוואַנטיטאַטיוו דעם גרעסטן אינהאַלט פון דעם מענטשלעכן לעבן. דעם פרעמדנס אויפפיר איז לעכערלעך מחמת דעם פשוטן טעם, וואָס ער שטימט ניט צונויף מיט אונדזער געוויינלעכן אויפפיר, ווייל ער פירט זיך אויף „ניט ווי אַ מענטש דאַרף זיך אויפפירן": „אַ מענטש" דאַרף זיך, פאַרשטייט זיך, אויפפירן נאָר אַזוי, ווי מיר פירן זיך אויף, ווייל עס ליגט שוין אַזוי אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם געוויינלעכן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, אַז יעדעס פאָלק זאָל באַטראַכטן זיך אַליין ווי דעם ריכטיקן רעפּרעזענטאַנט פון דעם מענטשנ־טום, ווי דעם סטאַנדאַרד פון מענטשלעכער חשיבות און מענטשלעכן אויפפיר.

די ליטעראַטור פון שפּאָט און געלעכטער, וואָס שפּיגלט דאָס רוב אין זיך אָפּ יענע שטעלונג צום לעבן, וואָס הערשט ביי די גרויסע פאָלקס־מאַסן, מוז דעריבער אויך אָנווענדן דעם לעכערלעכקייט־מאָסשטאָב, וואָס הערשט ביי יענע מאַסן: לעכערלעך איז דאָס, וואָס טרעט אַראָפּ פון דעם געוויינ־לעכן וועג, וואָס שטימט ניט צונויף מיט דעם איינגעוואוינטן סדר פון לעבן.

די סאַטירע איז דאָס רוב ניט נאָר מענטשלעך קאָנסערוואַטיוו, נאָר אויך נאַציאָנאַל קאָנסערוואַטיוו. און דאָס איז דערפאַר, וואָס דאָס רוב ענדערונגען אין דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן לעבן שטאַמען פון דער פרעמד. ערשט, ווען אַ פאָלק שטויסט זיך צונויף מיט אַן אַנדער פאָלק, ווען עס הייבט זיך אָן דער פּראָצעס פון קעגנזייטיקן קולטורעלן אויסבייט צווישן זיי, ווערט דער איינ־געשטעלטער גלייכגעוויכט פון זייער לעבן אָדער די אינערציאָלע באַוועגונג,

וואָס טראָגט זיך כסדר אין איין און דער זעלביקער ריכטונג, געשטערט, און נייע וועגן פון דעם מענטשלעכן פאָרשריט עפענען זיך אָפּ פאַר זיי ביידן.

די נייע טענדענצן, וואָס דרינגען אַריין אין דעם לעבן פון אַ פאָלק, וועקן אויף די איינגעשלאָפענע שאַפונגס־ענערגיע, אָבער אָט די נייע טענדענצן זיינען פרעמד, פרעמד־אַרטיקע, לעכערלעכע אָדער שעדלעכע אין די אויגן פון די פאָלקס־מאַסן. אין דער ערשטער צייט רופן זיי אַרויס די קריטיק, דעם שפּאָט און דעם צאָרן אַנטקעגן זיך, און די זעלבסט־קריטיק, וואָס מיר באַמערקן ביי די סאַטיריקער און מוסר־זאָגער איז אין דער מערצאָל פון פאַלן גאָר ניט קיין זעלבסט־קריטיק, נאָר אַ פרעמדן־קריטיק. זי שוואַכט דעריבער ניט אָפּ דעם „אתה־בחרתנו”־געדאַנק, נאָר פאַרשטאַרקט אים. די נייע „שעד־לעכע” טענדענצן אין דעם פאָלק ווערן פאַרמשפּט אין דעם נאָמען פון דעם „אמתן פאָלקסטום”, פון דער אמתער נאַציאָנאַלער גרייס, וואָס ווערט פאַר־שוועכט דורך די „נייע נייסן” פון דער פרעמד.

אמתע זעלבסט־קריטיק, וואָס זאָל אָנגרייפן די יסודות גופא פון די ביים פאָלק הערשנדיקע אידייען און לעבנס־פאָרמען, וואָס זאָל שילדערן דעם פאָלק דעם ביטערן אמת אין פנים אַריין, איז זייער זעלטן אין דער געשיכטע, און רופט אַלע מאָל אַרויס דעם העפטיקסטן פּראָטעסט מצד דעם פאָלק, ווייל ער זעט אין דערינען אַן אָנפאַל אויף זיין ערע און זיין מענטשלעכער חשיבות.

אַ דאַנק דעם פעלן פון אַזאַ אומדערשראָקענער זעלבסט־קריטיק, קען אַ פאָלק אַמאָל פאַראַכטן אַן אַנדער פאָלק און זיך האַלטן גרעסער פון אים, ווייל אים אין די אויגן וואַרפן זיך יענע חסרונות פון דעם פרעמדן פאָלק, וועלכע ער באַמערקט ניט ביי זיך אין דער היים. פונקט ווי אַ דאַנק דער ניט־באַקאַנטשאַפט מיט דעם פרעמדן קאָן זיך אַ פאָלק גרויסהאַלטן מיט יענע מעלות, וואָס שטייען ביי דעם פרעמדן פאָלק נאָך אויף אַ גרעסערער מדרגה, איידער ביי אים אַליין.

די ניט־באַקאַנטשאַפט מיט דעם פרעמדן און די ניט־באַקאַנטשאַפט מיט זיך אַליין — אָדער דער מאַנגל אין זעלבסט־קריטיק, — שפּילן נאָך עד־היום די ראָליע פון קוואַלן, וואָס פון זיי פליסט דער „אתה־בחרתנו”־קוואַל, וואָס שפּייזט דעם זעלביקן איבערטריבענעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ: דאָס איז דער נידעריקערער קולטורעלער און מאָראַלישער צושטאַנד פון אַ פאָלק.

אַ פאָלק קאָן מער אָדער ווייניקער באַקאַנט זיין מיט דעם לעבן פון די אַנדערע פעלקער, ער מעג אויך האָבן אַן אָפן אויג אויף זיינע אייגענע מעלות און חסרונות, אָבער זיין קולטורעלער און מאָראַלישער צושטאַנד קאָן זיין אַזאַ, אַז ער רעכנט דאָס פאַר אַ מעלה, וואָס איז אין אמתן אַ חסרון, און דאָס

פאַר אַ חסרון, וואָס איז אין אמתן — פון אַ פּראָגרעסיוון מענטשלעכן שטאַנד־פּונקט געשאַצט — גאָר אַ מעלה.

און אויב אַזאַ פאָלק האָט אין זיך אַ סך מער אמתע חסרונות איידער מעלות, וועט ער מחמת דעם גופא באַטראַכטן זיך פאַר אַן אויסדערווײלט פאָלק, שטאָלצירנדיק מיט דעם, מיט וואָס ער האָט זיך אייגנטלעך געדאַרפט שעמען.

ווען אַ סך באַרבאַרישע פעלקער גלייבן, אַז אַ מענטש איז נאָך ניט קיין מענטש, אויב ער האָט נאָך ניט פאַרגאָסן קיין מענטשלעך בלוט, און ווען זיי שטאָלצירן דערמיט, וואָס זייערע קינדער זיינען אמתע מענטשן, ווייל יע־דער איינער קאָן אויפווייזן אויף אַזאַ און אַזאַ צאָל מענטשלעכע לעבנס, וועלכע ער האָט פאַרניכטעט, שטאַמט זייער „אתה־בחרתנו"־געפיל אָט פון דעם נידע־ריקן קולטור־מעמד זייערן.

מיר וואָלטן געקאָנט אָנפילן גאַנצע ביכער מיט דער באַשרייבונג פון יענער „אתה־בחרתנו"־פּסיכאָלאָגיע ביי די פאַרשיידנסטע פעלקער פון דער וועלט, וואָס שטאַמט ניט פון קיין אַנדער קוואַל, ווי נאָר פון דעם נידעריקן קולטורעלן — און דער עיקר — מאָראַלישן מעמד. עס וואָלטן זיך דערביי אַרויסגעוויזן זייער אינטערעסאַנטע פעלקער־פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען. ליי־דער וואָלט דאָס אונדז אָוועקגעפירט צו ווייט און וואָלט דערביי אונדז ניט באַ־באַרייכערט מיט קיין פּרינציפּיעל־נייער דערקענטעניש פאַר אונדזער ענין. לאָמיר דעריבער מאַכן דאָ אַ קורצן סך־הכל פון אונדזער באַטראַכטונג.

וואַרפן מיר אַן איבערבליק איבער אַלע קוואַלן, פון וועלכע עס פליסט ביי אַ פאָלק די זיסע פאַרשיכורנדיקע איבערצייגונג, אַז ער שטייט העכער אין מענטשלעכער חשיבות, איידער אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט — די קוואַלן פון דער ניט־באַקאַנטשאַפט מיט דעם פרעמדן, פון דער שוואַ־כער אָדער פאַלשער זעלבסט־קריטיק און פון דעם נידעריקן קולטורעלן ניוואָ — מוזן מיר זאָגן, אַז בדרך כלל איז אַזאַ איבעראָנגעצויגענער „אתה־בחרתנו"־געפיל אָביעקטיוו ניט באַרעכטיקט, אַז ער מוז אין דער גרעסטער צאָל פון פאַלן באַטראַכט ווערן, ווי אַ נאַציאָנאַלע אילוזיע, פון וועלכער קיין פאָלק איז ליידער ניט פריי.

די מאַכט אָבער, מיט וועלכער אַזאַ נאַציאָנאַלע אילוזיע ווירקט אויף זיין היסטאָרישן גורל, דער עיקר דעמאָלט, ווען ער שטויסט זיך צונויף מיט אַנדערע פעלקער, קאָן דערקלערט ווערן ניט אַנדערש, ווי נאָר דורך דעם, וואָס אָט די אילוזיע גיט אים די קראַפט צו פירן אַ האַרטנעקיקן קאַמף פאַר זיין נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און העלפט אים אויסצושטיין פאַרפאָלגונגען און אַרי־בערצוטראָגן ליידן, וואָס וואָלטן ביי אַן אַנדער פאָלק מיט אַ שוואַכער אַנט־

וויקלטן נאַציאָנאַלן שטאָלץ לאַנג אויסגעגעסן די ווידערשטאַנד־קראַפט: זיי וואָלטן אַרויסגערופן אין אים דעם ביטערסטן נאַציאָנאַלן יאוש; דער געדאַנק פון אַ נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד וואָלט ניט געווירקט אַזוי אָפּשרעקנדיק אויף זיינע מאַסן, און די איינצלנע אינדיווידן פון דעם פאָלק וואָלטן ניט געטראַכט וועגן די מיטלען פון אַ נאַציאָנאַלן זעלבסט־שוץ און וואָלטן גרינג דערטרונקען געוואָרן אין די וואַלן פון אַ פרעמד־פעלקערלעכער קולטור. דאָס איז טאַקע אָפּט געוועזן דער פאַל מיט אַ סך פעלקער, וועמעס נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג־טריב האָט ניט געקאָנט געשפייזט ווערן מיט אַ רייכער „אתה־בחרתנו״־אי־לוזיע און וועמעס נאַציאָנאַלע לעבנס־קראַפט איז דעריבער צונויפגעבראָכן געוואָרן אונטער דעם דרוק פון שווערע אומשטענדן. זיי זיינען פאַרשוואונדן.

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע באַשטייט גראָד אין דעם, וואָס צו אַ געוויסער צייט אין דעם לעבן פון דעם יידישן פאָלק איז ביי אים אויסגעוואַקסן די אילוזיע פון זיין אויסדערוויילטקייט צו אַזאַ אומגעהייערער גרייס, וואָס האָט געמאַכט אוממעגלעך פאַר אים, ער זאָל זיך אונטערגעבן און זיך לאָזן איינשלינגען פון דער אַרומיקער וועלט, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר אַ סך נידעריקער אין איר מענטשלעכן מהות, איידער ער אַליין.

דער וואָס וויל דעריבער פאַרשטיין דעם סוד פון דער רעטעניש, ווי אַזוי דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געקאָנט דערהאַלטן אויף דער וועלט נאָך דעם, ווי עס האָט פאַרלאָרן אַלע נאַטירלעכע באַדינגונגען, וואָס גיבן אַ פאָלק די מעגלעכקייט צו עקזיסטירן אויף דער וועלט, — אַן אייגן לאַנד, אַן אומאָפּ־הענגיקע עקאָנאָמישע עקזיסטענץ — דער וואָס וויל, זאָג איך, פאַרשטיין אָט דעם סוד, מוז קודם־כל באַקאַנט ווערן מיט דעם כאַראַקטער און דער אינטענ־סיטעט פון יענער נאַציאָנאַלער אילוזיע, וואָס האָט שטענדיק געגעבן דעם פאָלק נייע כוחות אַריבערצוטראָגן ניט נאָר אוממעגלעכע ליידן, רדיפות און באַליידיקונגען, וואָס זיינען אויסגעפאַלן אויף זיין גורל אין דעם משך פון באַלד צוויי טויזנט יאָר, נאָר אויך גובר צו זיין דעם אינעווייניקסטן יאוש־געפיל, וואָס האָט ניט זעלטן זיך אַריינגעריסן אין זיין לעבן און וואָס פלעגט אים אָפּט אָוועקשטעלן אויף דעם ראַנד פון דעם אָפּגרונט.

אַן „אתה־בחרתנו״־גלויבן איז אַ נאַציאָנאַלע אילוזיע. מיר האָבן אָבער דערביי באַמערקט, אַז אַזאַ נאַציאָנאַלע אילוזיע גיט דעם פאָלק די גייסטיקע קראַפט צו קעמפן פאַר זיין עקזיסטענץ אויף דער וועלט און אַז באַזונדערס קלאָר האָט זיך אַרויסגעוויזן יענע קראַפט ביי דעם יידישן פאָלק. מיר גייען איצטער איבער צו דעם אַנאַליז פון יענעם יידישן „אתה־בחרתנו״־געדאַנק.

דער פאַקט פון דעם יידישן אויסעראָרדנטלעכן נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוואוסטזיין וואָלט מען, אויף דעם ערשטן בליק, געקאָנט באַהאַנדלען נאָר ווי אַ היסטאָרישן פאַל פון אַ געשטייגערטער, אפשר אויך קראַנקהאַפטער אויפֿגעבלאָזענער נאַציאָנאַלער אילוזיע, אָן אַ ברעקל אַנאַליז, צי אָט דער זעלבסט־איינשמועס האָט געהאַט אָדער האָט נאָך אַ וועלכע־עס־איז אָביעקטיווע, ריין מענטשלעכע באַרעכטיקונג.

דער איבערמענטשלעך שטאָלצער געדאַנק, אַז דער באַשאַפער פון אַלע וועלטן האָט פערזענלעך אויסגעקליבן דאָס קליין יידישע פעלקעלע פון קליין־אַזיע צו זיין דער טרעגער און פאַרשפרייטער פון זיינע געטלעכע געבאָטן; דער איבערמענטשלעכער גלויבן, אַז אין דעם פּלאַן פון דעם געטלעכן וועלטן־בוי גייט אַריין די אייביקע עקזיסטענץ פון דעם יידישן פאָלק, וואָס קאָן ניט פאַרטיליקט ווערן, ווי עס קאָנען ניט פאַרטיליקט ווערן הימל און ערד, אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר צוליב דעם, אַז אין איר זאָל זיך געפינען אַ פאָלק ישראל; אַז אַלע געשיכטלעכע און אויך קאָסמישע פּאַסירונגען באַקומען אַן אינעווייניקסטן זין נאָר דעמאָלט, ווען מען שטעלט זיי אַוועק אין שייכות צו דעם געשיכטלעכן גורל פון דעם יידישן פאָלק; אַז אים איז שוין אויף דער וועלט אָנגעגרייט די גלענצנדיקסטע צוקונפט פון אַ גייסטיקן צענטער, אַרום וועלכן עס גרופּירט זיך די גאַנצע מענטשהייט, אַ באַפרייטע פון אַלע פאַלשע גלויבנס און אַ דורכגעלויכטענע דורך דער תורה, וואָס איז אויף אַן איבערנאַטירלעכן אופן אַנטפּלעקט געוואָרן אים, דעם פאָלק ישראל: אָט די אַלע און ענלעכע געדאַנקען, זאָג איך, טראָגן אויף זיך בלי שום ספק דעם קלאָרן שטעמפּל פון אַ נאַציאָנאַלער אילוזיע, פון אַ קאָלאָסאַלן גרויסן־וואָן, מען זאָל זיך דאַרפן אָפּשטעלן אויף דער פראַגע, צי אַזאַ טירוף קען האָבן אַ וועלכע־עס־איז, — לאָז זיין אומדירעקטע און וויטע, — אָביעקטיווע באַרעכטיקונג.

און אויב מיר ווערן נשתומם פון יענע גיגאַנטישע איבערמאָסן, וועלכע אַ נאַציאָנאַלער שגעון האָט געקאָנט דערגרייכן ביי אַ פאָלק, קאָנען מיר אָט דעם פאַקט, אויף דעם ערשטן בליק, דערקלערן אויף אַזאַ אופן, וואָס זאָל ניט דאַרפן אַרויסהייבן דאָס יידישע פאָלק צו גוטן אָדער צו בייזן, צו שבח אָדער צו גנאי, פון צווישן אַלע אַנדערע פעלקער.

מען קאָן זאָגן: בדרך כלל האָבן אַלע פעלקער פון דער מענטשהייט די זעלביקע מענטשלעכע אייגנשאַפטן, די זעלביקע מעלות און די זעלביקע חסרונות. נאָר עס איז אוממעגלעך, אַז זיי זאָלן אָט די אייגנשאַפטן באַזיצן צו אַלע צייטן אין דער זעלביקער פאָרם און אין דעם זעלביקן גראַד.

אויף אַזאַ אופן מוז אַלע מאָל ביי דער מענטשהייט זיין אַ פאָלק, וואָס באַזיצט די אָדער יענע אייגנשאַפטן, — חסרונות אָדער מעלות, — אין אַ בולטערער פאָרם און אין אַ שטאַרקערן גראַד איידער וואָסער־עס־איז אַנ־דער פאָלק.

די נאַציאָנאַלע אילוזיע, אין דער פאָרם פון דעם „אתה־בחרתנו"־געדאַנק, איז אַן אַלגעמיין־מענטשלעכע אייגנשאַפט, פון וועלכער קיין פאָלק איז ניט פריי. נאָר זי טרעט אַרויס ביי די פאַרשיידענע פעלקער אין אַ פאַרשיידענער פאָרם און אין אַ פאַרשיידענעם גראַד. מוז דאָך צו אַ געוויסער צייט זיין איין פאָלק אויף דער וועלט, ביי וועמען אַט די נאַציאָנאַלע זעלבסט־פאַרבלענ־דעניש נעמט אָן די אומגעלומפּערטסטע פאָרם און דערגרייכט זיין העכסטן גראַד.

ס'האָט זיך גראַד געמאַכט, אַז אַט דאָס פאָלק זאָל זיין דאָס יידישע. און געמאַכט האָט זיך דאָס דערפאַר, וואָס דערגרייכנדיק אַ געוויסע הייך פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, האָט עס פאַרלאָרן אַלע נאַטירלעכע באַדינגונגען, וואָס זיינען נייטיק פאַר אַ נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. האָט עס זיך — אין זיין נאַטירלעכער נאַציאָנאַלער אילוזיע — אַרומגעוויקלט מיט מיסטישע וואָלקנס פון אַ גלויבן אין אַן איבערנאַטירלעכן באַטייט זיינעם פאַר דער וועלט, און וואָס מער די ווירקלעכקייט איז געגאַנגען להיפוך צו אַזאַ שגעון, אַלץ שטאַרקער האָט געמוזט ווערן דער שגעון, און וואָס באַליידיקנדיקער די וועלט האָט אָנגעגריפן זיין נאַציאָנאַלן שטאָלץ, אַלץ מער האָט אַט דער שטאָלץ געמוזט זוכן זיין טרייסט און זיין קאָמפּענסאַציע אין אַ קראַנקהאַפטער פאַר־הערלעכונג פון זיין אייגענעם מהות.

אַזוי וואָלט מען געקאָנט אויפנעמען אויף דעם ערשטן בליק דעם גאַנצן ענין פון דעם יידישן „אתה־בחרתנו". טראַכט מען זיך אָבער אַריין אַביסל טיפער אין אים און ווערט מען נאָך דערצו באַקאַנט מיט די עמפּירישע, היס־טאָרישע פאַקטן, ווי אַזוי עס איז אויסגעוואַקסן ביי דעם יידישן פאָלק יענע נאַציאָנאַלע אילוזיע, וואָס האָט אויף טויזנטער יאָרן באַשטימט זיין געשיכט־לעכן גורל, אַזוי מוזן מיר קומען צו אַ גאַנץ אַנדער בליק אויף דער זאַך.

קודם טרעט דאָ אַרויס פון אונדזער באַטראַכטונג גופא אַן אַ־פּריאָרישע מעגלעכקייט, וואָס מוז דאָך אויך אַריינגעצויגן ווערן אין דעם חשבון און גוט אויסגעפאָרשט ווערן, אויף וויפל זי שטימט אָדער שטימט ניט מיט דער ווירקלעכקייט.

אויב אַלע מענטשלעכע אייגנשאַפטן מוזן ביי די פאַרשיידענע פעלקער זיך אַרויסווייזן אין אַ פאַרשיידענער פאָרם און אין אַ פאַרשיידענעם גראַד; אויב צו אַ געוויסער צייט מוז זיך ביי דער מענטשהייט געפינען אַ פאָלק,

ביי וועלכן די אָדער יענע מענטשלעכע אייגנשאַפט טרעט אַרויס אין דער שענסטער און קלאָרסטער פאָרם און אין דעם העכסט־מעגלעכן גראַד פון פולקומענהייט, — פאַרוואָס זאָל דאָס ניט מעגלעך זיין, אַז אַ געוויסע מענטש־לעכע מעלה, וואָס איז פון דער אומגעהייערסטער וויכטיקייט פאַר דעם מענטשנס לעבן אויף דער וועלט, זאָל — אַ דאַנק געוויסע נאַטירלעכע אומשטאַנדן — זיך גראַד ביי דעם יידישן פאָלק האָבן אַנטוויקלט צו דער העכסטער הייך, און אַז אין אָט דעם פּרט געלאָזן וויט הינטער זיך אַלע אַנדערע פעלקער פון יענעם קולטור־קרייז, צו וועלכן זיי האָבן געהערט?

פאַרוואָס זאָל דאָס זיין אויסגעשלאָסן, אַז גראַד דאָס באַוואוסטזיין פון אָט דער מעלה זיינער, וועלכע ער האָט אין יענער צייט ניט געקאָנט דער־קלערן אויף אַ נאַטירלעכן אופן, האָט — לויט דעם גייסטיקן צושטאַנד פון יענער צייט — אַרויפגעצוואונגען אויף אים דעם גלויבן, אַז אָט די מעלה זיינע איז ניט קיין נאַטירלעכער פּראָדוקט פון זיין אייגענעם מהות און זיין אייגענער אַנטוויקלונג, נאָר אַ געשאַנק פון „זיין ליבן גאָמען", אַן אַקט פון איבערנאַטירלעכן גענאַד, וואָס איז אויסגעגאָסן געוואָרן אויף אים פון אויבן?

פאַרוואָס זאָל עס ניט קאָנען געמאָלט זיין, אַז ווען די בעסטע קינדער פון דעם פאָלק האָבן פאַרגליכן אָט יענע בולטע מעלות זיינע מיט דעם צו־שטאַנד פון די אַנדערע פעלקער, האָט זיי אָנגענומען אַ גרויל ביי דעם געדאַנק, אַז מיט דעם פאַרשווינדן פון דעם יידישן פאָלק צווישן זיי וועלן אויך פאַר־שווינדן יענע מעלות, וואָס זיינען אַזוי וויכטיק פאַר דער מענטשהייט?

פאַרוואָס זאָל עס דעריבער זיך ניט קאָנען לייגן אויפן שכל, אַז דער העכסטער גראַד פון דעם יידישן קראַנקהאַפטן נאַציאָנאַלן גרויסן־וואַן זאָל האָבן זיינע רעאַלע, געזונטע וואָרצלען אין אַווירקלעכער גרויסער מדרגה פון מענטשלעכער חשיבות, צו וועלכער גראַד אָט דאָס פאָלק האָט — לאָז זיין על־פּי צופאַל, ד"ה, דורך אַ קאָמבינאַציע פון נאַטירלעכע און היסטאָרישע אורזאַכן — זיך צו אַ געוויסער צייט דערהויבן?

די שאַנסן פון אַזאַ אַ־פּריאָרישער מעגלעכקייט ווערן נאָך פאַרשטאַרקט, ווען מען דערמאָנט זיך וואָס מיר האָבן פריער אַרויסגעבראַכט וועגן דעם מהות פון נאַציאָנאַליטעט בכלל.

נאַציאָנאַליטעט און נאַציאָנאַליזם, האָבן מיר געזאָגט, איז אַ רעלאַטיווע זאַך. דער גאַנצער ענין ווערט פאַרשטענדלעך און האָט אַ זין נאָר דעמאָלט, ווען ער ווערט אַריינגעצויגן אין אַ שייכות צו דער גאַנצער מענטשהייט, ד"ה, צו די איבעריקע פעלקער, פון וועלכע זי באַשטייט, און די מענטשהייט איז ניט אַ פּשוטער סכום פון פעלקער, ווי אַ וואַלד איז אַ סכום פוןביימער, וואָס

האָבן איינער צו דעם אַנדערן קיין ברעקל שייכות ניט. נאַציעס זיינען די אינעווייניקסטע גלידערונג פון דער מענטשהייט.

עס איז דעריבער ניטאָ קיין איין נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַוואוסטזיין, ווי „נאַציאָנאַליסטיש" אָדער „שאָוויניסטיש" עס זאָל ניט זיין, וואָס זאָל ניט טראָגן אין זיך זיין אינעווייניקסטע אָרגאַנישע שייכות צו דעם גאַנצן מענטש־לעכן מין. ווען אַ פאָלק האַלט זיך גרויס מיט עפּעס, טוט עס דאָס נאָר אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פעלקער, און יענע אַנדערע פעלקער מוז ער דערביי באַטראַכטן ווי מענטשן, ד"ה, ווי מיטגלידער פון יענער משפחה, צו וועלכער ער אַליין געהערט. מען האַלט זיך ניט גרויס פאַר די חיות. מען שטאָלצירט ניט מיט דעם, וואָס מען איז אַנדערש איידער זיי, און אפילו דער שטאָלצסטער פון אַלע פאָלקס־קינדער וועט ניט מאַכן קיין ברכה „שלא עשני זאב" אָדער „כלב" („וואָס דו האָסט מיך ניט באַשאַפן אַ וואָלף" אָדער אַ „הונט"). קיין פאָלק וועט זיך ניט גרייסן מיט דעם, וואָס זיין גאָט האָט אים אַרויסגעשיידט פון אַלע חיות און בהמות.

דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ איז אויף אַזאַ אופן אַלע מאָל אַ שטאָלץ מיט דער אייגענער מענטשלעכער חשיבות. מען פילט זיך העכער פאַר אַלע אַנ־דערע פעלקער, ווייל דאָס פאָלק מעסט זיך אַליין און אַלע אַנדערע פעלקער מיט אַ געמיינשאַפטלעכער מאָס. און די מאָס איז מענטשנטום. אַ פאָלק רעכנט זיך פאַר העכער איידער אַנדערע, ווייל ער האָט, אָדער שמועסט זיך איין, אַז ער האָט דערגרייכט אַ העכערן גראַד פון מענטשלעכער חשיבות איידער אַנ־דערע. אפילו ווען די גריכן האָבן זיך באַרימט, אַז נאָר זיי זיינען מענטשן און אַלע אַנדערע פעלקער, די באַרבאַרן, געהערן גאָר ניט צו דעם מין מענטש, אָדער ווען אייניקע יידן האָבן זיך פאַרשרויפט צו דעם אויסרוף, אַז „אתם קרואים אדם ולא עכום קרואים אדם" („נאָר איר," ד"ה, יידן, „ווערט אַנ־גערופן מענטשן; די געצנדינער ווערן ניט אַנגערופן מענטשן") דאַרף דאָס אַלץ פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ קריטיק אויף אַנדערע מענטשן־קינדער, אַרויס־געבראַכט מיט אַ מאָסשטאַב פון מענטשנטום. די אַנדערע פעלקער זיינען דער־פאַר ניט קיין מענטשן, ווייל געמאָסטן מיט אַ מענטשלעכן מאָסשטאַב, שטייען זיי נאָך ניט אויף יענער מדרגה פון מענטשלעכער חשיבות, וואָס גיט איינעם אַ רעכט צו טראָגן דעם שטאָלצן נאָמען מענטש.

ווער עס האָט גוט אַריינגעקומען אין זינען אָט־אָ דעם טיפן פאַרבאַרגע־נעם אַלגעמיין־מענטשלעכן וואָרצל פון יעדן נאַציאָנאַליזם, יענער וועט מוזן מודה זיין, אַז אין דעם משך פון אַ מער איידער דריי־טויזנט־יעריקן צונויפ־שטויס מיט פאַרשיידנסטע פעלקער פון דער מענטשהייט, האָט דאָס יידישע פאָלק געהאַט געגוג געלעגנהייטן צו פאַרגלייכן זיך און דאָס אייגענע

לעבן מיט די אַנדערע פעלקער און זייערע לעבנס. אָט די פילמאָליקע אַרויפ־געצוואונגענע פאַרגלייכן האָבן דאָך ניט איין מאָל געמוזט אונטערזאָגן דעם געוויסן פון דעם פאָלק, אַז זיין איבערגעשפּאַנטער נאַציאָנאַלער דמיון וועגן זיין באַזונדערער אויסדערוויילטקייט און העכערן מענטשלעכן ווערט קאָן מיט קיין זאַך ניט פאַרענטפערט ווערן, ווייל די איבעריקע פעלקער זיינען אין קיין פּרט ניט נידעריקער פאַר אים.

אַזעלכע פיל מאָל איבערגעחזרטע דערפאַרונגען אין זיין לעבן וואָלטן אויך אונטערגעגראָבן דעם מיסטישן אונטערבוי פון זיין אתה־בחרתנו־גע־דאַנק, אַן אונטערבוי, וואָס האָט אין די לעצטערע צייטן געקאָנט נאָר מיט גרויס מאַטערניש אויסהאַלטן די קריטיק, וועלכע דער דערוואַכטער קריטיש־פרייזיניקער געדאַנק האָט אָנגעווענדט אויף אים.

און אויב מיר זעען, אַז ניט די אומצאָליקע דערפאַרונגען, ניט די העפ־טיקע אָנפאַלן פון דעם אייגענעם יידישן, פרייזיניק־קריטישן געדאַנק האָבן אין אַ משך פון הונדערטער דורות ניט געקאָנט אַרויסשלאָגן פון דעם יידישן קאָפּ זיין גלויבן אין אַ באַזונדערער אויסגעצייכנטקייט פון דעם יידישן פאָלק, מוז דערביי אַרויפשווימען די השערה, אַז מסתמא האָט ער די דאָזיקע אויס־געצייכנטקייט פאַרט געשפּירט אויף שריט און טריט, מיט דעם פולן באַוואוסט־זיין, אַז זי, יענע אים כאַראַקטעריזירנדיקע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפט מיט וועלכער ער נעמט זיך איבער, איז פון דער וויכטיקסטער באַדייטונג פאַר דער מענטשלעכער חשיבות.

סיידן מען זאָל אָננעמען, אַז, ניט קוקנדיק אויף די צאָלרייכע צונויפ־שטויסונגען מיט די אַנדערע פעלקער, האָט זיך דעם יידישן פאָלק איינגעגעבן צו בלייבן פסיכיש אינגאַנצן איזאָלירט פון זיי און אויף אַזאַ אופן צו פאַרהיטן אַלע דריי יסודות פון אַ פולקום אומבאַרעכטיקטן נאַציאָנאַלן גרויסן־וואָן: אי די ניט־באַקאַנטשאַפט מיט דעם פרעמדן, אי דעם אַבסאָלוטן מאַנגל אין זעלבסט־קריטיק, אי אַן אייגן נידעריקן מעמד פון אינטעלעקטועלער און מאָ־ראַלישער קולטור.

איך מוז צוגעבן, אַז ווען מיר וואַרפן אַ בליק אויף דעם גייסטיקן צו־שטאַנד פון די יידן אין פּוילן אין דעם אַכצנטן און דעם אָנהייב פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט, דערהויפּט אין דער צייט, ווען דער חסידיזם האָט זיך פונאַנדערגעבליט, באַמערקן מיר, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט געלעבט, ווי אַרומגערינגלט מיט אַ פסיכישער וואַנט, וואָס האָט ניט צוגעלאָזן קיין אייך פריי ווינטעלע פון דער דרויסנדיקער וועלט, און אַז גראַד אין אָט דער צייט האָט דער נאַציאָנאַלער שגעון פון דער יידישער אויסטערלישקייט דערגרייכט זיינע העכסטע שטופן.

אָבער מען וואָלט געמאַכט אַ גרויסן טעות, ווען מען וואָלט אָנגענומען, אַז אַזאַ גייסטיקער צושטאַנד איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער יידישער געשיכטע אין דעם משך פון אַלע אירע דורות און אַז דער יידישער אתה־בחרתנו־גלויבן איז אַלע מאָל געווען אַ פּראָדוקט פון אַזאַ פּסיכישער איזאָלירטקייט.

ווי באַרעכטיקט די סברה זאָל ניט זיין אַ־פּריאָרי, ווערט זי צעקלאַפּט אין אַלע אירע יסודות, ווי נאָר מען פאַרגלייכט זי מיט די ווירקלעכע פאַקטן פון דעם יידישן היסטאָרישן לעבן. יענע פאַקטן לערנען אונדז, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט זעלטן ווען געלעבט אַ פּסיכיש איזאָלירט לעבן; אַז אין דעם פּרט פון ניט־באַקאַנטשאַפטן מיט דעם פרעמדן האָט ער אפשר ווייניקער געליטן, איידער אַן אַנדער פאָלק אין דער וועלט; אַז זיין זעלבסט־קריטיק איז צייטנווייז אפשר געווען גיכער צו שאַרף און ביטער, איידער צו נאָכגעביק און אַלץ פאַרגלעטנדיק, און אַז אויך אין דעם פּרט פון זיין קולטורעלער מדרגה האָט ער אין אַ סך וויכטיקע פעלדער פון דער מענטשלעכער קולטור געקאָנט אויפנעמען דעם פאַרגלייך מיט די פּראָגרעסיווסטע פעלקער פון זיין צייט.

מיט אַ ווינציקן טייל פון אָט די אַלע פאַקטן מוזן מיר דאָ באַקאַנט ווערן, כדי אינגאַנצן אויפצוקלערן דעם ענין פון דעם יידישן „אתה־בחרתנו" און פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאַמף.

קודם לאָמיר באַמערקן, אַז וואָס מער מען ווערט באַקאַנט מיט די היס־טאָרישע פאַקטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו אונדזער ענין, אַלץ מער קומען מיר צו דעם שלוס, אַז דאָס יידישע פאָלק איז קיינמאָל ניט געווען קיין איינהייט־לעך פאָלק, אַרויסגעוואַקסן פון איין באַשטימטער אומגעמישטער ראַסע.

די לעגענדעס וועגן די יידישע אבות, וואָס האָבן ווי אַ באַריכט וועגן ווירקלעכע היסטאָרישע פּאַסירונגען, פאַרשטייט זיך, קיין ברעקל ווערט ניט, זיינען אָבער ווי אַ רוי־מאַטעריאַל, פון וועלכן עס דאַרף אַרויסדעסטילירט ווערן יידישע געשיכטע, פון אַ גאַנץ גרויסן באַטייט. אין די דערציילונגען וועגן דעם לעבן און די האַנדלונגען פון געוויסע לעגענדאַרישע פּערזאָנען קלינגען דורך פאָלקס־דערינערונגען וועגן ווירקלעכע היסטאָרישע פּאַסירונגען, וואָס זיינען פאַרגעקומען מיט דעם גאַנצן יידישן פאָלק, און וועגן ווירקלעכע קולטורעלע צושטאַנדן, אין וועלכע דאָס פאָלק האָט זיך געפונען.

לויט אָט די נאָכקלינגענדיקע דערינערונגען, האָט יענער טייל פון די „זרע אברהם", וואָס האָט געגעבן דעם אורשפּרונג דעם יידישן פאָלק, זיך אָפּט און פילפאַך צונויפגעמישט מיט פאַרשיידענע שבטים און פעלקער־פראַגמענטן פון קרובהשן און ווייניקער קרובהשן בלוט. קודם זיינען אין אים

אַריין אַראַמישע עלעמענטן (רבקה, רחל, לאה) און עלעמענטן פון אַ קלענערן יחוס (די „קעפּס־ווייבער״ בלהה און זלפּה). אַט דער פעלקער־צונויפגוס וואָס איז פאָרגעקומען אין צפון־מזרח פון ארץ־ישראל, האָט זיך ווידער צונויפ־געגאָסן מיט אַ פעלקער־גרופּע פון דרום־ארץ־ישראל, אין וועלכער עס זיינען אַריין מידיאַניטישע עלעמענטן (מדין). יענער דרום־שטראָם האָט אַרומגע־וואַנדערט אין מדבר, איז מסתמא אויך אַ לאַנגע צייט געווען אין מצרים, און איז אַרויס פון דאָרטן אַ באַרייכערטער מיט אַ „גרויסן צונויפמיש״ („ערב רב״) פון אַלערליי עטנאָלאָגישע עלעמענטן. ווען די דרום־און צפון־גרופּן האָבן זיך צונויפגעגאָסן אינאיינעם און באַזעצט אין ארץ־ישראל, האָבן זיי איינגעשלונגען אין זיך אויך יענע קאַנאַאַנטישע פעלקער־גרופּן (כנען), וואָס האָבן געוואוינט אין לאַנד, און וואָס זיינען אונטערגעוואָרפן געוואָרן צו דעם יידישן פאָלק דורכן שווערד.

צו דער צייט פון די נביאים, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט דעם יידישן „אתה־בחרתנו״־געדאַנק, זיינען די יידן, אויף אַזאַ אופן געווען אַ פאָלק, וואָס האָט אַריינגענומען אין זיך די פאַרשיידנאַרטיקסטע עטנישע עלעמענטן.

עס איז דאָ אַ גרונט אָנצונעמען, אַז צווישן יענע עלעמענטן האָבן זיך געפונען פאַרטרעטער סיי פון קריגערישע פעלקערשאַפטן, סיי פון פרידלעכע — דער עיקר פון יענע, וואָס האָבן געוואוינט אָדער אַרומגעוואַנדערט אין דער לענג פון די האַנדלס־וועגן, וועלכע האָבן זיך געצויגן איבער פאַלעסטינע און האָבן פאַרבונדן די צוויי צענטערן פון דעם דעמאָלטיקן ציוויליזירטן לעבן אין דעם אַלטן אָריענט: בבל־אשור פון איין זייט און מצרים פון דער אַנ־דערער. צו די פרידלעכע פעלקער־גרופּן און שבטים, וואָס זיינען אַריין אין דעם צונויפשטעל פון דעם יידישן פאָלק, מוזן מיר צורעכענען אויך די גע־מישטע באַפעלקערונג פון יענע הייליקע פלעצער, וואו דער האַנדל און דער פרידלעכער פעלקער־פאַרקער האָט געפונען זיין רעליגיעזן שוץ און וואו עס האָבן זיך אין דער שטיל פאַרגרייט די ערשטע קערנדלעך פון אַן אינטער־נאַציאָנאַליסטישן געדאַנק2).

און פאַרשיידנאַרטיק ווי עס איז געווען דער עטנישער צונויפשטעל פון דעם יידישן פאָלק, אַזוי זיינען ביי אים אויך געווען פאַרשיידן די רעליגיעזע קולטן, ביז דער מאָנאָטעאיסטישער יאַהוועה־גלויבן האָט זיי אַלעמען באַזיגט און פאַרטיליקט. עס איז כמעט ניט געווען קיין איין רעליגיע פון יענער צייט און יענעם קולטור־קרייז, וואָס זאָל ניט האָבן געהאַט קיין באַגייסטערטע אָנהענגער צווישן יידן; ניט געווען קיין „עבודה זרה״, צו וועלכער די יידן זאָלן ניט האָבן געדינט.

און צו דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון דעם עטנישן צונויפשטעל און די רעליגיעזע קולטן, איז נאָך צוגעקומען די פאַרשיידנאַרטיקייט פון די געאָגראַ־פישע ערטער און לענדער, וועלכע דאָס יידישע פאָלק האָט באַוואוינט אָדער דורכגעוואַנדערט: ארם, ארץ־ישראל, דער מדבר, מצרים.

אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז אוממעגלעך צו רעדן וועגן אַ פּסיכישער איזאָלירטקייט און אַן אין זיך אָפּגעשלאָסנקייט פון דעם יידישן פאָלק. אדרבה: זיין לעבן איז געווען צו אָפן צו אַלערליי איינפלוסן פון דעם אַרום. אויף שריט און טריט האָבן די היטער פון זיין נאַציאָנאַליטעט געמוזט אים דער־מאָנען, ער זאָל זיך נעמען אין אַכט און זאָל ניט גיין אין די וועגן פון יענע פעלקער, מיט וועלכע ער קומט אין שטענדיקן באַריר.

און מיר זעען טאַקע, ווי די אַרומיקע ציוויליזאַציע האָט די גרעסטע ווירקונג אויף דער אויסשטאַלטונג פון זיין וועלט־און־לעבנס־אָנשויאונג און אויף דעם אויפבוי פון זיינע געזעצן. די ביבל־פאָרשער פון דער לעצטער צייט האָבן אין דער אַזוי אָנגערופענער תורת־משה אויפגעדעקט גאַנצע פלאַסטן, וואָס זיינען אַריבערגענומען פון דער בבלער געזעצגעבונג; עס זיינען אויך אָנגעמערקט געוואָרן צאָלרייכע עלעמענטן, וואָס האָבן געשטאַמט פון דער עגיפּטישער ציוויליזאַציע. יע, עס איז, ווייזט אויס, ניט גאָר ווייט פון אמת אויך יענע היפּאָטעזע, וואָס וויל האָבן, אַז אפילו דער יאַהוועה־קולט גופא — אין זיין פרימיטיווסטער פאָרם — איז ניט געבאָרן געוואָרן ביי דעם יידישן פאָלק, נאָר איז אַריבערגענומען געוואָרן פון ערגעץ־וואו אין דער פרעמד: די דערציילונגען וועגן אַ „בונד", וועלכן דער גאָט יאהוועה האָט געשלאָסן פריער מיט אברהמען; זיין פריינטשאַפט צו אים דערפאַר, וואָס ער האָט אָנגעהויבן גלייבן אין אים; דער ווידער־אַמאָליקער בונד־שלוס מיט די יידי־שע מדבר־שבטים, אונטער דער פירערשאַפט פון משהן, און די פּאָזיטיווע דערקלערונג פון די שפּעטערע, אַז „בתחילה עובדי עבודה־זרה היו אבותינו" („פון אָנהייב זיינען אונדזערע עלטערן געווען געצנדינער"), זיינען גענוג קלאָרע אָנצוהערענישן אויף דעם פאַקט, אַז די יידן האָבן אָנגענומען דעם יאהוועה־קולט, צוגעשטאַנען צו אים, ווי צו אַ פּאַרטיקער זאַך, וואָס איז שוין געווען אויסגעבילדעט אין לעבן און האָט שוין פריער געפירט זיין עקזיסטענץ דרויסן פון דעם יידישן פאָלק.

דער איבערנאַטירלעכער טעאָלאָגיש־מיסטישער געדאַנק פון דער שפּע־טערער נביאים־צייט, אַז דער איין־איינציקער וועלט גאָט יאהוועה האָט פון אַלע פעלקער אויסדערוויילט די „בני־ישראל" זיך פאַר אַ פאָלק, דאַרף אויף אַ נאַטירלעך־געשיכטלעכן אופן דערקלערט ווערן אַזוי, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט אין אַ צייט, ווען אים איז נאָך לגמרי געווען פרעמד דער באַגריף פון

אַן איין־איינציקן וועלט־גאָט, אויסדערוויילט פון צווישן אַלע געטער, וואָס זיינען אים געווען באַקאַנט, דעם גאָט יאַהוועה, אָדער יאַהו (יהו) אָדער יאַה (יה), זיך פאַר אַ גאָט.

דאָס אַלץ באַווייזט אונדז, ווי ווייניק איזאָלירט און איין־זיך־אָפּגעשלאָסן עס איז געווען די פּסיכאָלאָגיע פון דעם יידישן פאָלק און ווי פיל־פאַלדיק עס איז געווען זיין אַריינבליק אין די נשמות פון די פרעמדע.

אויב ביי אַלע אַנדערע פעלקער האָט געהערשט דער כלל, אַז דעם פרעמדנס נשמה איז אַ פינצטערער תהום, — אַ כלל, וואָס האָט אַזוי מעכטיק געשפּייזט די מורא פאַר דעם פרעמדן און דעם האַס צו דעם פרעמדן, איז דאָס יידישע פאָלק געווען אפשר דאָס איינציקע אין דער וועלט, וואָס האָט געקאָנט אַרויסברענגען דעם שפּרוך: „און איר זאָלט ליב האָבן דעם פרעמדן, ווייל פרעמדע זענט איר געווען אין דעם לאַנד מצרים" („ואהבתם את הגר, כי גרים הייתם בארץ מצרים"). אין אַן אַנדער אָרט — נאָך כאַראַקטעריס־טישער: „זאָלסט ניט באַדריקן דעם פרעמדן, אייך איז דאָך באַקאַנט דעם פרעמדנס נשמה, ווייל פרעמדע זענט איר געווען אין דעם לאַנד מצרים" („וגר לא תלחץ, ואתם ידעתם את נפש הגר, כי גרים הייתם בארץ־מצרים").

מיר זעען דעריבער, אַז אין דעם פּרט פון ניט באַקאַנטשאַפט מיט דעם פרעמדן האָט דאָס יידישע פאָלק געזינדיקט אַ סך ווייניקער, איידער וואָסער עס איז אַנדער פאָלק. אָבער אויך אין דעם ענין פון זעלבסט־קריטיק שטויסן מיר זיך ביי אים אָן אויף גאַנץ מערקווירדיקע דערשיינונגען, וואָס זיינען פרעמד געווען דער איבעריקער מענטשהייט. דאָס איז די אומבאַרעמהאַרציק שניידנדיקע קריטיק פון דעם יידישן פאָלק, וועלכע מיר געפינען ביי די נביאים און די אַלט־יידישע היסטאָרישע שריפטן, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן אָדער רעדאַגירט געוואָרן אונטער דעם איינפלוס פון זייערע לערן.

ס'איז אמת, אַז אויך ביי אַנדערע פעלקער פון דער אַלטער צייט גע־פינען מיר סאַטירישע שריפטן, וואָס דעקן אויף די אָדער יענע טונקעלע זייטן אין דעם פאָלקס־לעבן. אָבער יענע סאַטירעס זיינען, ווי מיר האָבן דאָס געזען פריער, געווען קריטיקן נאָר פון איינצלנע זייטן, פון איינצל־נע גרופּן און שיכטן פון דעם פאָלק. זיי הייבן ניט אויף זייער האַנט אויף דעם גאַנצן מהות פון דעם פאָלק; זיי גיבן ניט קיין סומאַרישע פאַראורטיי־לונג פון דעם גאַנצן פאָלקס־וועזן. אדרבה, דאָרטן, וואו פאַר זייערע אויגן וואַקסט אויס דאָס בילד פון זייער פאָלק, ווי אַ גאַנצעס, פלאַמט זיך מער פונאַנדער זייער ערנסט־געמיינטער פּאַטריאָטיזם, זייער טיף־געגלייבטער „אתה־בחרתנו"־געדאַנק. ספּעציעל אין די צייטן פון געפאַר, וואָס קומען אָן

אויף אַ פֿאָלק, איבערשיטן אים זיינע פֿירער מיט ליבע און אויפֿמונטערונג און שטאַרקן דערמיט זיין מוט אין דעם אים דערוואַרטנדיקן קאַמף.

גאַנץ אַנדערש ביי די נביאים, וועמעס שטראָף־רייד האָבן אויך אָפֿטמאָל אָנגענומען אַ גאַליק־סאַטירישן טאָן. זייער קריטיק פֿון דעם יידישן לעבן באַגרענעצט זיך ניט אויף איינצלנע קלאַסן און איינצלנע לעבנס־דערשיינונגען. דעם בלענדנדיקן ליכט־שטראַל פֿון זייער קריטיק טראָגן זיי אַריין אין די פֿאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פֿון דעם לעבן און דעקן אויף די צעפֿוילטקייט פֿון אַלע זיינע, דורות־לאַנג איינגעוואָרצלטע, יסודות. און שטראָפֿן — שטראָפֿן זיי ניט נאָר די איינצלנע קלאַסן און גרופּן, וואָס האָבן זיך באַזונדערס פֿאַרשולדיקט, נאָר דאָס פֿאָלק; דאָס גאַנצע פֿאָלק, ווי איין איינהייט ווערט אָן אַ ברעקל רחמנות געשלעפּט צום שאַנד־קלאָץ און אָן אַ ברעקל ווייכהאַרציקייט געמשפּט.

ישעיהס „הוי גוי חטא, עם כבד עון" („ווי, דו זינדיק פֿאָלק, דו שווער פֿאַרשולדיקטע אומה") איז איינער פֿון די שטענדיקע מאָטיוון ביי די שטראָפֿנדיקע נביאים. און טרעפֿט אַמאָל אָן עת צרה, און דאָס פֿאָלק שטייט ביי דעם ראַנד פֿון אַן אָפּגרונט, ווי אין די צייטן פֿון דעם אונטערגאַנג פֿון ישראל דורך אשור און פֿון יהודה דורך בבל, איז גראָד דעמאָלט דער נביא דאָ מיט דעם צעטל פֿון אַלע שרעקלעכע חטאים, וואָס דאַרפֿן ליגן אויף דעם פֿאָלקס־געוויסן, און דאָס אומגליק ווערט געשילדערט ווי אַ רעכט פֿאַרדינטע שטראָף.

לייענט מען ווידער די היסטאָרישע שריפֿטן וואו עס דאַרפֿן געשילדערט ווערן די העלדן־טאַטן פֿון דעם פֿאָלק, וואו זיינע מעלות דאַרפֿן אַרויסטרעטן אין זייער העכסטן גלאַנץ, — אַזוי, ווייניקסטנס, דאַרף געשריבן זיין אַ „פּאַטריאָטישע" געשיכטע, — און טראַכט מען זיך אַריין אין דעם סך־הכל־בילד, וואָס באַקומט זיך פֿון דעם גאַנצן פֿאָלק, ווערט מען ווי אָן אָפּגעגאָסענער מיט קאַלטן וואַסער.

אַלץ וואָס איז גרויס און גוט אין דער יידישער געשיכטע ווערט ניט אָוועקגעשטעלט אויף דעם חשבון פֿון דעם פֿאָלק, נאָר אויף דעם חשבון פֿון אַ פּאָר גאָט־געטרייע דינער, אָדער אויף דעם חשבון פֿון גאָט אַליין. אויף דעם פֿאָלקס־קאָנטע פֿאַלט אויס אַלץ וואָס איז געמיין, און פֿאַרדאָרבן, און פֿאַררעטעריש, און צעלאָזן, און ווייבעריש־לייכטזיניק. לייענט מען אַזאַ שילדערונג פֿון דעם יידישן פֿאָלק, מוז מען זיך אַלע ווילע חידושן אויף דעם וואונדערלעכן קאַפּריז פֿון דעם אַלמעכטיקן וועלט־גאָט, אויסצוקלייבן זיך פֿאַר אַ פֿאָלק גראָד אַזאַ נידערטרעכטיקע, נישט־ווערטיקע אומה.

געוויס זיינען אַזעלכע שילדערונגען סיי אין די שטראָף־רייד, סיי אין די היסטאָרישע באַשרייבונגען געוועזן זייער ווייט פֿון דעםווירקלעכן אמת.

שוין דער פֿאַקט אַליין, וואָס אַל־דאָס אַרויפֿגעשריבענע אויף דעם חשבון פֿון דער גאָטהייט און אויף די גאָט־געטרייע דינער דאַרף אַריבערגעשריבן ווערן אויף דעם חשבון פֿון יענעם פֿאָלק, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אי יענע גאָטהייט, אי יענע געטרייע דינער; שוין דער פֿאַקט אַליין, וואָס נאָר ביי דעם יידישן פֿאָלק זיינען געבוירן געוואָרן יענע גיגאַנטן־נביאים און עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן יענער גיגאַנטן־מאָסשטאַב פֿון מענטשלעכער חשיבות, מיט וועלכן זיי האָבן געמאָסטן מענטשלעכע דערשיינונגען, — אָט דער פֿאַקט אַליין, זאָג איך, גיט אונדז אַ גאַנץ אַנדער בילד פֿון דעם מהות און דעם מענטשלעכן ווערט פֿון דעם יידישן פֿאָלק.

יענע שטראָף־רייד און שטראָף־שילדערונגען זיינען געווען זייער אָפֿט איינזייטיקע איבערטרייבונגען פֿון אַן אָנגעווייטיקטן געמיט. דאָס האָט גע־רעדט דער האַס וואָס פֿליסט פֿון ליבע, דאָס האָט געברומט דער צאָרן, וואָס שטאַמט פֿון רחמנות.

אָבער אָט די איינזייטיקע איבערגעטריבענע אָנפֿאַלן אויף דעם גאַנצן מהות דעם יידישן, פֿירן צו דעם לאָגיש ניט אָפּצופֿרעגנדיקן שלוס, אַז לפּחות די נביאים קאָנען ניט באַשולדיקט ווערן אין אַ מאַנגל פֿון זעלבסט־קריטיק, אין אַ בלינדער צערטלעכקייט צו דעם אייגענעם פֿאָלק.

און נאָך אַ פּונקט טאָר מען ניט אַרויסלאָזן פֿון אויג, ווען מיר פֿאַרגלייכן די נאַציאָנאַלע קריטיק פֿון די נביאים מיט דער סאַטירישער ליטעראַטור פֿון די אַנדערע פֿעלקער, אין דעם אַלטערטום.

ווי מיר האָבן געזאָגט, זיינען יענע סאַטירעס געווען דורכגעדרונגען מיט אַ נאַציאָנאַליסטישן, קאָנסערוואַטיוון גייסט. דאָס האָט מען אויסגעשפּאָט דאָס אַריינפֿירן פֿון נייע אידייען, אָנשויאונגען און זיטן, אָפּטמאָל איבערגענומענע פֿון דער פֿרעמד.

די שטראָף־רייד פֿון די גרויסע יידישע נביאים, אָנגעהויבן מיט עמוס, זיינען אויך געווען געגנוג נאַציאָנאַליסטיש: אָפּטמאָל איבער געגנוג. אָבער זיי זיינען בשום אופֿן ניט געווען קאָנסערוואַטיוו. אדרבה: זיי פֿלעגן אָנפֿאַלן אויף די איינגעוואָרצלטסטע, איינגעהייליקטסטע זיטן, מנהגים, געזעצן און גליי־בונגען פֿון דעם פֿאָלק. זיי אַליין זיינען געווען די טרעגער פֿון רעוואָלוציאָ־נערע „נייע נייסן", וועלכע זיי האָבן געוואָלט אריינפֿירן אין דעם יידישן לעבן. נאָר זיינען יענע רעוואָלוציאָנערע פֿאָדערונגען זייערע ניט געווען קיין אַרי־בערגענומענע פֿון דער פֿרעמד. זיי זיינען אויסגעוואָקסן אין זייער אייגענעם באַשאַפֿערישן גייסט, און די גאַנצע יידישע ווירקלעכקייט האָבן זיי געמשפּט פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון אַן אידייע, וואָס האָט זיך ערשט פֿאַר זייער אויג אַנטפּלעקט און וואָס איז ערגעץ ניט געווען פֿאַרווירקלעכט אין דער וועלט.

די נביאים זיינען געווען די ערשטע פאָלקס־קריטיקער און סאַטיריקער, וואָס האָבן געמאָסטן דאָס לעבן מיט אַ מאָסשטאַב פון אַן אידעאַל, וואָס דאַרף ערשט פאַרווירקלעכט ווערן אין דער צוקונפט. זיי זיינען געווען די אמתע פאָרלויפער פון רעוואָלוציאָנערער סאַטירע און דער סאָציאַלער קריטיק, וואָס האָט זיך ערשט אַ סך שפּעטער באַוויזן ביי דער מענטשהייט. באַטראַכטנדיק דאָס לעבן פון דעם אייגענעם פאָלק אין דעם ליכטשיין פון דעם צוקונפטס־אידעאַל, וואָס האָט זיך געטראָגן פאַר זייערע אויגן, האָבן זיי וויניקער פאַר אַלעמען געקאָנט אַריינפאַלן אין פאַטריאָטישער התפּעלות פאַר דער שיינקייט און גערעכטיקייט פון דעם יידישן לעבן.

און גראָד זיינען די נביאים געווען יענע דענקער, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט די טעאָרעטישע יסודות פון אַן ענטוזיאַסטישן „אתה־בחרתנו"־געדאַנק, פון יענער גראַנדיעזער נאַציאָנאַלער אילוזיע, וועלכע מיר האָבן אויבן געשילדערט, און וועלכע שטעלט אַוועק דאָס יידישע פאָלק אויף דעם שפּיץ פון דער גאַנצער מענטשהייט.

עס איז דעריבער קלאָר, אַז דער וואָרצל פון אָט דער אילוזיע קאָן ניט געזוכט ווערן ניט אין דער קאָרגער באַקאַנטשאַפט אָדער טאָטעלער אומבאַקאַנטשאַפט מיט דעם פרעמדן, ניט אין דעם מאַנגל פון זעלבסט־קריטיק בנוגע צו דעם אייגענעם פאָלק.

שטאַמט זי אפשר פון דעם דריטן קוואַל, וועלכער שפּייזט אַ נאַציאָנאַלן גרויסן־וואַן: דעם נידעריקן קולטור־מעמד, וואָס באַטראַכט פאַר הויך און גרויס עפּעס אַזוינס, וואָס איז אין תוך אַריין נידעריק אָדער נישט־ווערטיק?

דעם אויסדרוק: „אתה־בחרתנו־געדאַנק", וואָס זאָל באַצייכענען די העכסטע שטופע פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־איבערשאַצונג, האָבן מיר ביז אַהער געברויכט אָן אַן אונטערשייד פאַר יידן און ניט יידן. אין זיין ריינעם היסטאָרישן זין קאָן ער אָבער אָנגעווענדט ווערן נאָר אויף דעם יידישן פאָלק. זיין גאַנצע פאָרמעל הייסט: „אתה בחרתנו מכל העמים", און דריקט אויס דעם גלויבן, אַז גאָט האָט אויסדערוויילט דאָס פאָלק ישראל פון צווישן אַלע אַנדערע פעלקער.

עס איז קלאָר, אַז אַזאַ געדאַנק איז פאַרבונדן מיט דעם מאָנאָטעאיזם, מיט דער איבערצייגונג, אַז ס'איז דאָ אויף דער וועלט נאָר איין־איינציקער גאָט, וואָס איז אַ האַר איבער אַלע פעלקער און וואָס קאָן אויסקלייבן פון זיי, וועמען ער וויל.

פעלקער, וואָס שטייען ניט אויף דעם ריין מאָנאָטעאיסטישן שטאַנדפּונקט, קאָנען ניט אַרויסברענגען אַזאַ „אתה־בחרתנו"־געדאַנק. זיי קאָנען זיך מעסטן

מיט אַנדערע פעלקער אין רייכקייט, גבורה, שכל. זיי קאָנען האַלטן, אַז זייער אַרט לעבן איז דער שענסטער און דער גערעכטסטער, אַז זייערע געטער זיינען די גערעכטסטע, זיי קאָנען זיך באַטראַכטן אַלס דאָס בעסטע פאָלק אויף דער וועלט, אָבער זיי קאָן ניט אַרויף אויפן זין, צושרייבן זיך אַליין אַ קאָסמישע באַדייטונג. זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז אַ חוץ זייערע געטער זיינען דאָ נאָך אַנדערע, אומאָפּהענגיקע געטלעכע קרעפטן, וואָס באַשיצן אַנדערע פעלקער אין אַנדערע לענדער.

ווי שטאַרק עס זאָל ניט זיין די נאַציאָנאַלע אילוזיע פון דער אייגענער גרייס ביי אַ ניט־מאָנאָטעאיסטישן פאָלק, האָט זי ניט געקאָנט זיין אַזוי שאָ־וויניסטיש־ענג, אַזוי אַבסאָלוטיסטיש, אַז זי זאָל לגמרי אויסשליסן יעדן אַנדער פאָלק פון אַ וועלכער־עס־איז געמיינשאַפט מיט די געטלעכע קרעפטן, וואָס רעגירן די וועלט. אַזאַ נאַציאָנאַלע אילוזיע איז לויט איר אינעווייניקסטן תוך ניט אַבסאָלוט, נאָר רעלאַטיוו. עס איז ביי איר אַלע מאָל אַ פראַגע פון אַ מער אָדער ווייניקער. דאָס אייגענע פאָלק איז דאָס בעסטע און שענסטע צווישן פרינציפּיעל גלייכע, אַ „פּרימוס אינטער פּאַרעס".

דער „אתה־בחרתנו"־געדאַנק אין דעם יידישן זין פון דעם וואָרט איז לויט זיין אינעווייניקסטן אינהאַלט דער שאָוויניסטיש־ענגסטער, וועלכן מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן. דאָס יידישע פאָלק צייכנט זיך אויס פון אַלע אַנ־דערע פעלקער אַבסאָלוט, און ניט רעלאַטיוו. נאָר ער שטייט אין אַ נאָענטער באַציאונג צו דער וועלט־באַהערשנדיקער געטלעכער קראַפט און קיין אַנדער פאָלק. אין אָט דער באַציאונג איז ניטאָ קיין מער אָדער ווייניקער. אָדער מען געהערט צו דעם פון גאָט אויסדערוויילטן פאָלק, אָדער ניט. צווישן אים און די ניט־אויסדערוויילטע פעלקער איז אַ תהום, וואָס קאָן מיט קיין זאַך ניט אַריבערגעבריקט ווערן. ווילן די איבעריקע פעלקער ווערן אויך גאָטס אַ פאָלק, איז פאַר זיי קיין אַנדער ברירה ניטאָ: זיי מוזן זיך אונטערוואַרפן אונטער דעם יידישן גאָטס אויבערהאַרשאַפט, זיי מוזן אַריין אין דעם זעלביקן רעליגיעזן בונד, וועלכן ער האָט געשלאָסן מיט דעם יידישן פאָלק.

מיר שטויסן זיך דאָ אָן אויף איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן, וואָס געפינען זיך אין דער לאָגיק, אין דער פּסי־כאָלאָגיע פון דעם רעליגיעז־נאַציאָנאַלן געדאַנק.

די פיל־געטעריי, דער גלויבן, אַז עס זיינען דאָ אויף דער וועלט פאַר־שיידענע געטער, וואָס באַשיצן און באַשטימען דעם גורל פון פאַרשיידענע פעלקער, איז אין זיין תוך אַ פּאַרטיקולאַריסטישער געדאַנק. די מענטשלעכע וועלט, ווי דער גאַנצער קאָסמאָס, ווערט צעשפּאַלטן אין איינצלנע פּראָווינצן און ממשלות, וואָס פירן יעדערע אַ באַזונדערע אומאָפּהענגיקע עקזיסטענץ,

אַן אַ וועלכער עס איז צענטראַלער מאַכט, וואָס זאָל זיי אַלעמען צונויפבינדן אין איין־איינציקן גאַנצן.

ניט קוקנדיק דערויף, מאַכט גראָד אָט די אָפּגעזונדערטקייט פון די פעל־קער צווישן זיך, אָט דער פּאַרטיקולאַריזם, מעגלעך, אַז עס זאָל זיך אויסבילדן אַ געוויסער אוניווערסאַליזם, אַ פאָרשטעלונג, אַז אַלע פעלקער פון דער מענטשהייט זיינען מער אָדער ווייניקער גלייך אָדער גלייכוועַרטיק. אַזאַ אוניווערסאַליזם דערלאָזט ניט, אַז ביי איין פאָלק זאָל קאָנען געבאָרן ווערן די אילוזיע, אַז ער איז דער צענטער און דער תכלית פון דער וועלט, און אַז די אַנדערע פעלקער טאָרן גאָר ניט אָנהייבן צו טראַכטן, צו פאַרגלייכן זיך מיט אים אין זייער חשיבות.

צוריק, איז דער יידישער מאָנאָטעאיזם גאַנץ זיכער אַן אוניווערסאַליס־טישער געדאַנק. ס'איז דאָ איין אוניווערס, איין וועלט, איין מענטשהייט, וואָס שטאַמט אָפּ פון איין־איינציקער מענטשן־פּאָר, אדם און חוה, וועלכע גאָט האָט אַליין באַשאַפן, אין וועלכע ער האָט אַליין אַריינגעטאָן אַ טייל פון זיין אייגענעם לעבנס־אָטעם, און וועלכע ער האָט באַשטימט, צו זיין די געוועלטיקער איבער דער ערד. אָבער גראָד אָט דער אוניווערסאַליסטישער געדאַנק, וואָס פאַר־בינדט לכתחילה אַלע פעלקער אין איין־איינציקער מענטשלעכער משפחה, אָפּ־געשטאַמט פון איין־איינציקער מענטשן־פּאָר, און איז דעריבער לאָגיש פיינט־לעך צו דער אָפּגעזונדערטקייט פון די פעלקער צווישן זיך, — מאַכט מעגלעך, אַז דאָס פאָלק, וואָס גלייבט אין אָט דעם אוניווערסאַליסטישן געדאַנק און באַטראַכט דעם אוניווערסאַלן גאָט פאַר זיין גאָט, זאָל אויסאַרבעטן די פּאַר־טיקולאַריסטישע, ענגסטע און שאָוויניסטישסטע אילוזיע פון דער אייגענער גרייס, און דעם אייגענעם באַטייט, און זאָל זיך אַליין אָפּזונדערן פון אַלע אַנ־דערע פעלקער: ווייל אומענדלעך גרויס און קאָסמיש באַטייטפול מוז ער זיין אין זיינע אייגענע אויגן שוין דורך דעם אַליין, וואָס דער אוניווערסאַלער גאָט האָט גראָד אים אויסגעקליבן צו פאַרווירקלעכן אין לעבן זיינע געטלעכע געבאָטן.

דער מאָנאָטעאיזם איז אויף אַזאַ אופן יענע רעליגיעזע אידייע, וואָס מאַכט ערשט מעגלעך דעם „אתה־בחרתנו"־געדאַנק און אין דער זעלביקער צייט איז ער דער אינעווייניקסטער אינהאַלט פון דער נאַציאָנאַל־שאָוויניסטי־שער אילוזיע. מען קאָן זיין אַן אויסדערוויילט פאָלק צווישן אַלע פעלקער, ווייל עס איז דאָ נאָר איין־איינציקער גאָט אויף דער וועלט, און מען איז אַן אויסדערוויילט פאָלק על־פּי פאַקט: ווייל עס האָט זיך אַזוי פאַרוואָלט דעם רבונו־של־עולם, אַז גראָד די בני־ישראל זאָלן זיין די אויספירער פון זיין

געטלעכן ווילן, און דעריבער דאַרפֿן די בני־ישראל זיין אייביק דאַנקבאַר אים און ניט ווידערשפּעניקן אַנטקעגן אים.

אין אַט דער רויער, ריין טעאָלאָגישער געשטאַלט פון דעם „אתה־בחרתנו״־געדאַנק קאָן קיין רייד ניט זיין וועגן אַ וועלכן עס איז מענטשלעכן קריטע־ריום פון גוט און שלעכט, אמת און פאַלש, שיין און מיאוס, אויף דעם גרונט פון וועלכן דאָס פאָלק זאָל זיך אַליין קאָנען פאַרגלייכן מיט די אַנדערע פעלקער און אויסגעפינען, אויף וויפל ער האָט אין דער אמתן אַ מענטשלעך רעכט, אָוועקצושטעלן זיך אין דער אָפּשאַצונג אַזוי הויך איבער אַלע אַנדערע.

גאָט פאַרלאַנגט, גאָט באַפעלט, גאָט באַשטימט. און זיינע פאַרלאַנגען, באַפעלן, באַשטימונגען זיינען ניט דערפאַר „געטלעך״, ווייל זיי זיינען פון אַ מענטשלעכן שטאַנדפונקט דאָס העכסטע, דאָס בעסטע, דאָס חשובסטע פאַר דעם מענטשן, נאָר זיי זיינען דערפאַר דאָס רעכטסטע, דאָס בעסטע און דאָס חשובסטע, ווייל זיי זיינען „געטלעך״, ווייל זיי שטאַמען פון אַן איבערמענטש־לעכן, איבערנאַטירלעכן געטלעכן ווילן. דעם מענטשנס ווילן און גאָטס ווילן זיינען דאָ צוויי פאַרשיידענע זאַכן, וואָס האָבן ניט און קאָנען ניט האָבן קיין געמיינשאַפטלעכע מאָס. „יצר לב האדם רע מנעוריו״. דעם מענטשנס האַרץ איז פון נאַטור אויס שלעכט, און דעם מענטשנס מאָסשטאַב ווערט לכתחילה געפּסלט. ווען גאָט פאַרלאַנגט פון זיין פאָלק, עס זאָל זיין „הייליק״ („והיתם קדושים״), איז דאָס ניט דערפאַר, ווייל „הייליקייט״ איז די העכסטע שטופע פון מאָראַלישער ריינקייט און פולקומענהייט, נאָר דערפאַר, וואָס „איך, יאַהוועה דיין גאָט, בין הייליק״3).

לויט דעם טעאָלאָגישן בליק אויף דער זאַך, שטאַמט די אויסדערוויילט־קייט פון דעם יידישן פאָלק ניט פון זיינע באַזונדערע מעלות, וואָס האָבן געפונען חן אין גאָטס אויגן. ערשטנס, איז זי אויסגעפאַלן אויף זיין גורל פון הוילע זכות־אבות, „צו יאַהוועה דיין גאָט געהערן דאָך דער הימל און דעם הימלס הימלען; די ערד און אַלץ וואָס אין איר. נאָר יאַהוועה האָט זיך פאַרגלוסט צו ליבן דיינע עלטערן, האָט ער אויסגעקליבן אייך, די קינדער זייערע, פון אַלע פעלקער ווי ביז אויף דעם היינטיקן טאָג״4).

און צווייטנס ווערט די מתנה פון אויסדערוויילטקייט אויך געגעבן מיט אַ תנאי: אַז מען זאָל פאָלגן גאָטס געבאָטן. „און איצטער״, זאָגט גאָט צו די יידן דורך משהן: „אויב איר וועט פאָלגן וואָס איך זאָג אייך און וועט אָפּהיטן מיין בונד; וועט איר זיין מיין אייגנס (אָדער „מיין טייערס״) פון אַלע פעלקער, ווייל מיר געהערט די גאַנצע ערד״5).

דער יידישער אתה־בחרתנו איז אויף אַזאַ אופן, אַזוי צו זאָגן, אַן אומ־פאַרדינטער גרויסער געווינס פון אַ טעאָלאָגישער לאָטעריי, אָדער אַ באַ־

לוינונג פאַר שווערע התחייבותן, וואָס מען נעמט אויף זיך. על־כל־פּנים האָט ער גאָרניט ניט צו טאָן מיט דעם אייגענעם מהות פון דעם יידישן פאָלק.

אַזוי קוקט אויס דער ענין פון אַ קאָנסעקווענטן ריין טעאָלאָגישן שטאַנד־פּונקט. אָבער אָננעמען אַזאַ שטאַנדפּונקט קאָן נאָר דער, וואָס גלייבט אַליין אין דעם בוכשטעבלעכן אמת פון דעם ביבלישן מאָנאָטעאיזם, וואָס דערציילט, אַז דער אַלוועלטלעכער גאָט האָט זיך אויסגעקליבן איין פאָלק פון צווישן אַלע אַנדערע פעלקער.

דער היסטאָריקער אָבער, וואָס זוכט צו דערקלערן אַלע דערשיינונגען פון דער מענטשלעכער געשיכטע דורך זייערע נאַטירלעכע אורזאַכן, מוז אָננעמען, אַז דער מאָנאָטעאיסטישער גלויבן גופא איז אַ נאַטירלעכער פּראָ־דוקט פון דעם יידישן פאָלקס־שאַפן — אַ פּראָדוקט, וואָס שפּיגלט אין זיך אָפּ דעם מהות פון דעם שאַפנדיקן פאָלק.

פאַר אַזאַ היסטאָריקער זיינען גאָטס געבאָטן צו דעם פאָלק ישראל ניט קיין אַנדער זאַך, ווי יענע אידעאַלן פון מענטשלעכער חשיבות, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן ביי דעם פאָלק ישראל און וואָס שפּיגלען אין זיך אָפּ דעם פאָלקס אייגענעם מהות. די איבערנאַטירלעכע אַנטפּלעקונג פון דעם איינציקן גאָט און זיינע פאַרזיכערונגען, אַז ער איז דער איין־איינציקער פירער פון דער וועלט — ניט קיין אַנדער זאַך ווי דעם פאָלקס אייגענע וועלט־אַנשויאונג, אויסגעאַרבעט און אַנטוויקלט דורך זיין אייגענעם גייסט.

ממילא גיט אונדז דער יידישער מאָנאָטעאיזם אַ מענטשלעכן מאָסשטאָב, מיט וועלכן עס קאָן געמאָסטן ווערן דער מצב פון דער יידישער גייסטיקער און מאָראַלישער קולטור, אין פאַרגלייך צו דער גייסטיקער און מאָראַלישער קולטור פון די איבעריקע פעלקער, מיט וועלכע ער האָט זיך אַליין געמוזט פאַרגלייכן.

און פון אָט דעם שטאַנדפּונקט מוז מען צוגעבן, אַז אַזאַ פאַרגלייך האָט געמוזט אויספאַלן צו גונסטן פון דעם יידישן פאָלק, ביי דער גאַנצער באַ־קאַנטשאַפט מיט די איבעריקע פעלקער, וואָס ער האָט געהאַט און ביי דער גאַנצער, אָפּטמאָל קראַנקהאַפטער, נייגונג צו נאַציאָנאַלער זעלבסטקריטיק, וואָס האָט אַלע מאָל כאַראַקטעריזירט זיינע בעסטע קינדער.

אין אָט דעם ענין מוז מען קלאָר ווערן.

יעדע רעליגיע איז אַ וועלט־אַנבליק און אַ לעבנס־אויפנעם, און דער מענטשלעכער ווערט פון יעדער רעליגיע מוז געמאָסטן ווערן דורך אירע טעאָרעטישע און פּראַקטישע מעלות, דורך דער מדרגה וואָס זי פאַרנעמט אין דער אינטעלעקטועלער און מאָראַלישער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט.

עס וואָלט געוויס ניט געווען שווער אַרויסצוברענגען, אַז דער יידישער מאָנאָטעאיסטישער גלויבן האָט געהאַט אַ טעאָרעטישן און מאָראַלישן איבער־וואָג איבער די רעליגיעס פון יענע פעלקער, וואָס זיינען נאָך געבליבן שטעקן טיף אין די ערשטע אָנהייבן פון דעם טעאָלאָגישן וועלט־אָנבליק, אין די פרימיטיוועסטע פאָרשטעלונגען פון נאַאיווע פעטישיסטן, „וואָס זאָגן צו דעם האָלץ: דו ביסט מיין פאָטער, און צו דעם שטיין: דו האָסט מ׳ך געבאָרן"6).

אויף אַזאַ שטופע זיינען אָבער געשטאַנען דאָס רוב פון די פעלקער, מיט וועלכע די בני־ישראל האָבן זיך צונויפגעשטויסן אין אַ צייט, ווען ביי זיי איז שוין אויפגעגאַנגען די פאָרשטעלונג פון אַן איין־איינציקער ניט־מאַטעריע־לער געטלעכער וועלט־קראַפט.

דער בייזער שפּאָט, מיט וועלכן די נביאים, און שפּעטער די יידיש־גריכישע שריפטשטעלער, האָבן תמיד באַגאָסן אַזאַ גלויבן, באַווייזט גענוג, ווי פאַרשפּרייט ער איז נאָך געווען אין יענער קולטור־אַטמאָספערע ניט נאָר צו דער צייט פון די נביאים, נאָר אויך צו יענער שפּעטערער צייט, ווען די אייראָפּייאישע גריכיש־רוימישע ציוויליזאַציע און דער העברעער רעליגיעזער גלויבן, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין איר, האָבן גענומען אַריינדרינגען אין דער וועלט פון דער אַזיאַטישער קולטור, צו וועלכער דאָס יידישע פאָלק האָט געהערט.

אַזוי האַלט נאָך נייטיק דער מחבר פון „חכמת שלמה", וואָס האָט געלעבט אַן ערך אין דער צייט צווישן 150 פאַר קריסטוס און 40 נאָך קריסטוס־געבורט, אויפצואווייזן אין אַ לאַנגער רעאַליסטישער שילדערונג דעם ווידערזין פון דעם געצן־דינסט, וואו דער מענטש „רופט וועגן געזונט צו אַן אָן כוח און וועגן דעם לעבן בעט ער ביי אַ ניט־לעבעדיקן".

עס איז אויך ניט שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געקאָנט פילן הימלהויך אפילו איבער אַזאַ רעליגיע, ווי די עגיפּטישע; מיט איר קולט פון חיות.

„מענטשן"! — שרייט אויס דער יידישער מחבר פון די „סיבילינען". — „שעמט איר זיך ניט, וואָס איר פאַרגעטערט קעץ און משונהדיקע בריאות (קראָקאָדילן), אָדער נאַשן אפשר געטער פון די טעלער און לעקן אויס די טעפּ?... שלאַנגען, הינט און קעץ בעט איר אָן, איר שוטים, און פאַרערט די פייגל און קריכנדיקע חיות פון דער ערד; דערצו נאָך שטיינערנע בילדער און געשטאַלטן פון דער האַנט געמאַכט, און שטיינערנע הויפנס אין די גאַסן און אַ סך אַנדערע נישטיקע זאַכן, אויך אַזוינס, וואָס איז גאָר אַ חרפּה אַרויס־צוזאָגן"7).

וויכטיק איז אָבער צו האָבן אין זינען, אַז אפילו אין פאַרגלייך מיט די העכסטע רעליגיעזע אויסגעשטאַלטונגען פון רוים און גריכנלאַנד האָט דער ייד געמוזט זיין שטאָלץ אויף זיין מאָנאָטעאיזם, ניט ווי אויף אַן איבערנאַטירלעכן געשאַנק פון אַ וועלט־גאָטהייט, וואָס קאָן ניט געמאָסטן ווערן מיט אַ מענטשלעכער מאָס, נאָר ווי אויף אַ העכסטער שטופע פון מענטשלעכער קלוגשאַפט און מענטשלעכער מאָראַל: ווי אויף אַ געדאַנקען־סיסטעם, וואָס שטייט טעאָרעטיש העכער, איידער אַלע אַנדערע און פירט צו אַ ריינערן, איידעלערן מענטשלעכן לעבן.

אין אָט דעם פּרט איז זייער כאַראַקטעריסטיש אַ שטעל אין דער שוין פריער ציטירטער „חכמת שלמה" — וואָס לייענט זיך אַזוי:

„נישטיק זיינען געווען לויט זייער נאַטור אַלע יענע מענטשן, וועמען עס האָט געפעלט די קענטשאַפט פון גאָט, און וואָס האָבן אויס דעם באַשייפערלעך גוטן ניט געקאָנט דערקענען דעם אייביקן און האָבן אויך ניט געקאָנט אַנטדעקן דעם קינסטלער דורך דער באַטראַכטונג פון זיינע ווערק, נאָר האָבן געהאַלטן אָדער דאָס פייער, אָדער דעם ווינט, אָדער די פליכטיקע לופט, אָדער דעם קרייז פון די שטערן, אָדער דאָס געוואַלטיקע וואַסער, אָדער די געליכטער פון דעם הימל (די זון און די לבנה) פאַר די געטער, וואָס רעגירן די וועלט".

„אויב אייניקע פון די זאַכן האָבן זיי זיך משער געווען פאַר געטער, ווייל זיי זיינען נתפעל געוואָרן פון דער שיינקייט, האָבן זיי דאָך געדאַרפט באַגרייפן, אויף וויפיל בעסער עס איז דער האַר זייערער; ווייל דער באַשאַפער פון שיינקייט האָט זיי געגרונטפעסטיקט. אויב אָבער זיי זיינען נתפעל געוואָרן פון זייער מאַכט און ווירקונגס־קראַפט, האָבן זיי דאָך געדאַרפט פון דעם גופא קומען צו דער באַטראַכטונג, אויף וויפל מעכטיקער עס דאַרף זיין יענער, וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט, ווייל אויס דער גרויסקייט און שיינקייט פון די באַשאַפן קאָן מען דורך אַ פאַרגלייך דערבליקן זייער באַשאַפער. פונדעסטוועגן דאַרף מען אָט אויף די אָנבעטער פון דער נאַטור ווייניקער פאַריבל האָבן (איידער אויף די געצנדינער), ווייל אפשר בלאָנדזשען זיי נאָר, זוכנדיק גאָט, וועלכן זיי וואָלטן וועלן געפינען. זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט זיינע ווערק, האָבן דורכגעפאָרשט זיי און זיינען פאַרפירט געוואָרן פון דעם אָנבליק, ווייל דאָס אָנגעבליקטע איז אַזוי שיין. פון דער אַנדערער זייט קאָן מען זיי אָבער ניט אינגאַנצן מוחל זיין. ווייל אויב זיי האָט זיך איינגעגעבן אַזוי פיל צו דערקענען, אַז זיי האָבן די וועלט געקאָנט דורכפאָרשן, ווי אַזוי איז עס געקומען, וואָס זיי האָבן נאָך עד־היום ניט געפונען דעם האַר פון די זאַכן?"8)

אין דער לעצטער שאלה ליגט בפירוש אויסגעדריקט דער געדאַנק, אַז יעדער מענטש קאָן דורך דעם געברויך פון דעם מענטשלעכן שכל קומען צו דער דערקענטעניש פון דעם איין־איינציקן גאָט, און אַז די גרייס פון דעם יידישן פאָלק באַשטייט אין דעם באַזיץ פון אָט דער טיפערער טעאָרעטישער דערקענטעניש, וואָס פירט אַלע דערשיינונגען פון דער וועלט צוריק צו זייער איינהייטלעכן געטלעכן מקור.

אָבער ניט נאָר אין די טעאָרעטישע מעלות פון דעם מאָנאָטעאיזם, וואָס גיט אָן איינהייטלעכן וועלט־אויפנעם און וויל זיך דערגראָבן ביז צו דעם גרונט פון אַלע דערשיינונגען, איז געלעגן זיין איבער־ווערט פאַר דעם יידישן פאָלק.

די יידישע דענקער פון די נביאים אָן ביז אַראָפּ צו די רעליגיע־פילאָ־סאָפן, די קאַבאַליסטן, ביז צו אַ ספינאָזאַ און אפילו שפּעטער ביז צו די אויס־בילדער פון דעם חסידיזם, זיינען אין דער מאָראַל־פילאָסאָפיע כמעט דורכאויס אינטעלעקטואַליסטן און ראַציאָנאַליסטן אין דעם זין, וואָס די מענטשלעכע מאָראַלישע האַנדלונגען זיינען פאַר זיי אַלע מאָל אַ פּראָדוקט פון דעם מענטשנס שכל און זיין דענקען.

דער מאָראַלישער אויפפיר פון דעם מענטשן הענגט אָפּ, אַזוי דענקען זיי אַלע, פון זיין גייסטיקן וועלט־אַנבליק. אין דעם טעאָלאָגישן פעריאָד פון דעם מענטשלעכן געדאַנק, ווען דער רעליגיעזער גלויבן איז געשטאַנען אין דעם צענטער פון דער גייסטיקער טעטיקייט און דעם גייסטיקן אינטערעס, האָט די מאָראַל געמוזט באַטראַכט ווערן, ווי אַ פּראָדוקט פון דעם אָדער יענעם גאָט־גלויבן. די יידישע דענקער אין דער צייט פון דעם צונויפשטויס מיט דער גריכיש־רוימישער וועלט פלעגן דעריבער ניט מיד ווערן אַרויס־צוברענגען דעם מאָראַלישן ווערט פון דעם יידישן מאָנאָטעאיזם.

פאַרגלייכנדיק די זיטן און מנהגים פון דעם יידישן פאָלק מיט די זיטן און מנהגים פון אַנדערע פעלקער, זייערע יידישע מאָראַלישע אידעאַלן מיט די מאָראַלישע אידעאַלן, וואָס האָבן געהערשט אין דער פרעמד, האָבן זיי אויך אין דעם פּרט געמוזט באַמערקן דעם איבער־ווערט פון דעם יידישן פאָלק, די העכערע מדרגה, אויף וועלכער ער איז געשטאַנען אין זיין מאָראַ־לישער אַנטוויקלונג. אָבער אויך אָט דעם איבער־ווערט האָבן זיי ניט געקאָנט דערקלערן אַנדערש, ווי נאָר דורך דער פאַרשיידנקייט פון דעם יידישן רע־ליגיעזן גלויבן.

דער געדאַנק, אַז די מאָראַלישע הייך שטאַמט אָפּ פון דער טעאָרעטישער דערקענטעניש און — אין אונדזער פאַל — פון דער רעליגיעזער גאָט־דער־קענטעניש, איז אין מיינע אויגן ניט מער ווי אַ היסטאָרישע אידייען־פאַר־

בינדונג. אָבער אָט די היסטאָרישע אידייען־פאַרבינדונג איז אויסגעוואַקסן נאָך אין דער צייט פון די נביאים, וואָס האָבן אַוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פון דעם יידישן מאָנאָטעאיזם.

ביי די נביאים האָט זיך דער געדאַנק פון אַן איינהייטלעכן וועלט־גאָט פאַרבונדן מיט דער פאָרשטעלונג פון זיין מאָראַלישן מהות, פון זיין הייליקייט און גערעכטיקייט, ניט דערפאַר, ווייל דער באַגריף פון אַ וועלט־גאָט פירט על־פי לאָגישער נויטווענדיקייט צו דעם געדאַנק פון אַ גוטן און גערעכטן גאָט און צו דעם געטלעכן ווערט פון דער מאָראַל איבערהויפּט. שוין אין „איוב" ווערט דורכגעפירט די לאָגישע מעגלעכקייט פון אַן אַלוועלטלעכן אַלמעכטיקן גאָט, וואָס קימערט זיך ניט וועגן דער מענטשלעכער מאָראַל און די מענטשלעכע אידעאַלן פון גערעכטיקייט9).

די פאַרבינדונג פון דעם גלויבן אין איין גאָט און דעם גלויבן אין זיין גערעכטיקייט שטאַמט ביי די נביאים דערפון, וואָס אָט דיביידע גלויבנס זיינען אַרויסגעוואַקסן פון איין־און־דעם־זעלביקן מקור: דעם נביאים־גייסט, וואָס האָט פאַראייניקט אין זיך אַ וועלט־איבערבליקנדיקן שכל און אַ האַרץ אַ בענקענדיקע נאָך מענטשלעכן יושר.

און אַזעלכע נביאים האָבן געקאָנט אויפשטיין נאָר ביי אַ פאָלק, אין וועמעס עטישן כאַראַקטער עס איז געלעגן אַזאַ מערקווירדיקע מאָראַלישע בענקשאַפט.

נאָר, ווי די מעשה זאָל ניט זיין, עס איז אַ פאַקט, אַז אַזאַ היסטאָרישע אידייען־פאַרבינדונג איז באַשאַפן געוואָרן און די שפּעטערע יידישע דענקער האָבן זי אויפגענומען און באַהאַנדלט, ווי אַ לאָגישע נויטווענדיקייט. די פעלקער זיינען מאָראַליש פאַרדאָרבן דערפאַר, ווייל זייערע געדאַנקען זיינען פאַלשע, ווייל זייער רעליגיע פירט זיי אַראָפּ פון דעם ריכטיקן וועג.

„דאָס געצנדינסט", שרייבט דער „חכמת שלמה", „איז דער אָנהייב פון אַלדאָס בייז, ווי אויך זיין אורזאַך און פולע דורכפירונג". דער מחבר פוילט זיך ניט אויסצורעכענען אַ גאַנצן לייסטער זינד און פאַרברעכנס, וואָס שטאַמען, נאָך זיין מיינונג נאָך, אַלע פון איין־איינציקן מקור — דעם געצנדינסט: בלוט־דאָרשט, רציחה, גנבה און פעלשונגען, „זיטלעכע צעפוילטקייט פון די נשמות", „אומנאַטירלעכער סעקסועלער פאַרקער", פאַראומרייניקונג פון דעם פאַמיליען־לעבן.

„דו אָבער, אונדזער גאָט", שרייט ער אויס, „ביסט גיטיק, וואָרהאַפטיק, לאַנג־מוטיק און רעגירסט די וועלט מיט חסד. ווייל אפילו ווען מיר זינדיקן, בלייבן מיר פאָרט דיינע, ווייל מיר קאָנען דיין מאַכט. מיר ווילן אָבער ניט זינדיקן, מחמת מיר ווייסן, אַז מיר ווערן פאַררעכנט פאַר דיינע, ווייל דיך

קאָנען איז פולקומע גערעכטיקייט און דער וויסן פון דיין קראַפט איז דער וואָרצל פון אומשטערבלעכקייט״10).

די עדות פון די גריכיש־יידישע מחברים זיינען זייער וויכטיק פאַר אונ־דזער ענין מחמת אַ סך טעמים:

ערשטנס, האָבן מיר אין זיי צו טאָן מיט אַבסאָלוט פרומע יידן, וואָס זיינען אָנגעטרונקען, איך וואָלט געזאָגט, אָנגעזאַפּט מיט אַ התלהבותדיקער ליבע צום יידישן גלויבן און צו דעם יידישן פאָלק. דער „אתה־בחרתנו״־געדאַנק טרעט דעריבער ביי זיי אַרויס ניט ספּאַראַדיש און צופעליק, נאָר ווי די אינעווייניקסטע טענדענץ, וואָס דרינגט דורך זייערע ווערק.

צווייטנס, זיינען דאָס שריפטשטעלער אין דער גריכישער שפּראַך — די שפּראַך פון דער אַלוועלטלעכער בילדונג אין יענער צייט, און סיי די שפּראַך זייערע, סיי די ענינים, וואָס זיי באַהאַנדלען, סיי די געדאַנקען, וואָס זיי ברענגען אַרויס, באַווייזן, אַז די מערסטע פון זיי האָבן באַזעסן ניט נאָר די פולע קענטעניש פון דעם אַרומיקן לעבן אונטער דער השפּעה פון דער גריכישער קולטור, נאָר אויך די וויכטיקסטע שטרעמונגען, וועלכע דער גריכישער פילאָסאָפישער געדאַנק האָט אַרויסגעבראַכט, און אַז זיי אַליין זיינען דאָס רוב געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון אַט דעם פילאָסאָפישן געדאַנק, דער עיקר פון דעם פלאַטאָניזם און דעם סטאָאיציזם.

דריטנס אָבער, — און דאָס איז פאַר אונדז דאָס וויכטיקסטע, — טראָגן די שריפטן, וועלכע מיר באַנוצן דאָ, דעם קלאָר־אויסגעשפּראָכענעם כאַראַק־טער פון פּראָפּאַגאַנדע־שריפטן, געצילט צו געווינען די גריכישע געבילדעטע וועלט פאַר דעם יידישן רעליגיעזן געדאַנק.

דאָס זיינען ניט נאָר פרומע דרשות און מגידות, כדי צו שטאַרקן דעם גריכיש־רעדנדיקן יידן אין זיין גלויבן און קינסטלעך פונאַנדערצובלאָזן אין אים די התלהבותדיקע ליבע צו זיין גאָט און זיין פאָלק, ווי דאָס רוב ווערק פון דער גריכיש־יידישער ליטעראַטור. דער מחבר ווייסט, אַז ער רעדט פאַר דער גאַנצער געבילדעטער וועלט; איז ווען ער שילדערט די רעליגיעזע און זיטלעכע צושטאַנדן אין דעם אַרום, מוז ער זען, אַז קיינער זאָל ניט קאָנען כאַפּן אים ביי אַ ליגן; און ווען ער באַרופט זיך אויף דער יידישער לערע, ווייסט ער, אַז זיינע רייד קאָנען קאָנטראָלירט ווערן, ווייל די געבילדעטע וועלט האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ גריכישע איבערזעצונג פון די יידישע הייליקע שריפטן. צו די שריפטן, אין וועלכע עס טרעט בולט אַרויס דער כאַראַקטער פון פּראָפּאַגאַנדע פאַר דעם פרעמדן, געהערן דער אַזוי־אָנגערופענער „פערטער בוך חשמונאים״ און די „סיבילינען״, און עס וועט זיך גריילעך לוינען פאַר אונדז זיך אָביסל אַריינלייגן אין זיי, כדי אויסצוגעפינען, אין וואָס זיי האָבן

געזען דעם חילוק צווישן „ייד״ און „ניט־ייד״, און פאַרוואָס זיי האָבן אָוועקגע־שטעלט דאָס יידישע פאָלק אויף דער שפּיץ פון דער גאַנצער מענטשהייט.

דאָס „פערטע בוך חשמונאים״, פאַרפאַסט אַרום דער צייט פון דעם חורבן בית־שני, אָבער זיכער נאָך פאַר דעם חורבן, איז לויט זיין פאָרם אַ ריין פילאָסאָפיש־פּסיכאָלאָגישע באַטראַכטונג.

זיין פראָלאָג הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „עכט פילאָסאָפיש איז די רעדע, וואָס איך וויל האַלטן וועגן דער פראַגע, צי דער פרומער שכל איז דער זעלבסטהערשער איבער די אַפעקטן״ (ליידנשאַפטן און טריבן).

זיין טעזע — געהאַלטן אין אַ ריין סטאָאישן גייסט — אַז דער שכל איז דער באַלעבאָס איבער די געפילן און די ליידנשאַפטן — וויל דער מחבר באַווייזן סיי דורך אַ פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון דעם, וואָס אַזוינס עס זיינען דער שכל און דער אַפעקט, סיי דורך ביישפּילן פון דעם לעבן און סיי פון דער געשיכטע.

פון דעם גאַנצן בוי פון דער שריפט זעט מען אָבער באַלד איין, אַז פאַר דעם מחבר פון דער „עכט פילאָסאָפישער״ רעדע איז די פילאָסאָפישע זייט פון דער זאַך ניט די הויפּט־זאַך. אין דער אמתן פאַרנעמט זי נאָר דעם קלענסטן טייל פון דער אַרבעט.

דער עיקר איז פאַר אים דער היסטאָרישער באַווייז. דאָס איז די באַ־שרייבונג פון יענעם „קידוש־השם״, אויף וועלכן עס זיינען געגאַנגען דער כהן אלעזר און די מוטער מיט אירע זיבן זין אין דער צייט פון פאַר דעם חשמונאים־קריג, ווען אנטיוכוס האָט זיי געפּייניקט, זיי זאָלן עסן חזיר, און זיי אַלע זיינען פריוויליק אויסגעשטאַנען אַלע פּייניקונגען און מאַטערנישן, און מיט פרייד געגאַנגען אין טויט אַריין.

אָבער אויך אין אָט דער „היסטאָרישער״ באַשרייבונג איז פאַר אונדזער מחבר ניט דער עיקר דער באַווייז פון זיין „עכט־פילאָסאָפישער״ טעזע. דער־צו וואָלט געווען גענוג, ווען ער וואָלט פּשוט מיטגעטיילט דעם פאַקט, אַז דער גלויבן „אין דעם יידישן געזעץ״ איז ביי יענע מענטשן געווען פאַרבונדן מיט דער שכלדיקער איבערצייגונג פון זיין הויכן ווערט און אַז אָט די שכל־דיקע דערקענטעניש האָט זיי געגעבן די קראַפט אַריבערצוטראָגן די פּיינ־לעכסטע יסורים.

צוליב דעם באַווייז פון זיין פילאָסאָפיש־פּסיכאָלאָגישן גרונט־געדאַנק וואָלט דער מחבר ניט געדאַרפט אַרויספירן אויף דער בינע איין מאַרטירער נאָך דעם אַנדערן, אַוועקשטעלן זיי אין רייד און קעגן־רייד צו אנטיוכוסן, ווען אפילו דאָס גיט אים די מעגלעכקייט אַרויסצוברענגען דעם טריאומף פון דעם שכל איבער די פאַרשיידנסטע געפילן פון אַ זקן, פון זיבן לעבנס־לוסטיקע

יונגעלייט און דערהויפּט — פון אַ מוטער, פול מיט צאַרטער ליבע און רחמנות צו אירע קינדער, וואָס ווערן געפּייניקט פאַר אירע אויגן.

די פיגורן ווערן אַרויסגעפירט, אין זייערע מיילער ווערן אַריינגעלייגט די גליענדיקסטע רעדעס און פאַרוואורפן אַנטקעגן דעם טיראַן, דער עיקר, נאָר צוליב דעם, כדי דער מחבר זאָל דערביי קאָנען אַרויסברענגען די נפקא מינה צווישן דעם יידישן לעבנס־אויפנעם און דעם העלענישן. דערביי איז דער מחבר זיכער, אַז ווען ער וועט דעם טיראַן, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין דער פאַרשפּרייטונג פון דעם העלענישן קולט, — אַז ווען ער וועט אים אין פּנים אַריין אויסרעכענען די מעלות פון דעם יידישן גלויבן, וועט יענער ניט קאָנען איבעררייסן זיינע רייד מיט דעם אויסגעשריי: „שאַ! די זעלביקע מעלות האָבן אויך מיר!"

און וואָס איז דער אינעווייניקסטער זין פון אַלע פלאַמענדיקע רייד, וואָס ווערן געשליידערט אין דעם פּנים פון דעם פּייניקער? איין־איינציקער גרונט־מאָטיוו ציט זיך דורך, ווי אַ רויטער פאָדעם, דורך זיי אַלע: דער יידישער געזעץ לערנט אונדז די שענסטע מענטשלעכע מידות. דער שכל פאָדערט, אַז אַזאַ געזעץ זאָל מען זיין טריי, און דעריבער האָט דער שכל די מאַכט איבער די געפילן, אפילו איבער דעם לעבנס־אינסטינקט. דער שכל פאָדערט און פירט אויס, אַז צוליב אַזאַ געזעץ זאָל מען מקריב זיין דעם לעבן און אויסשטיין די שרעקלעכסטע ווייטיקן.

„דו האָסער פון מענטשן און ערלעכקייט!" — שרייט, צום ביישפּיל, אויס דער פינפטער פון די זין, נאָכדעם ווי זיינע ערשטע פיר ברידער זיינען פאַר זיינע אויגן שוין דערפּייניקט געוואָרן צום טויט. „מיט וואָס האָבן מיר זיך פאַרזינדיקט, וואָס דו פאַרגוואַלטיקסט אונדז אויף אַזאַ אופן? אָדער איז דאָס עפּעס שלעכטס אין דיינע אויגן, וואָס מיר פאַרערן פרום דעם באַ־שאַפער פון דער גאַנצער וועלט און לעבן נאָך זיין געזעץ פון ערלעכקייט? אָבער פאַר אַזאַ אויספיר איז מער דאַך ווערט געערט צו ווערן און ניט גע־פּייניקט צו ווערן, אויב דו וואָלסט נאָר געהאַט אַ געפיל פאַר די בענקענדי־קע געדאַנקען פון דעם מענטשן" 11).

אָך, וואָס פאַר אַ שיינער אויסדרוק דאָס איז: „די בענקענדיקע געדאַנ־קען פון דעם מענטשן"!

אָט אין „די בענקענדיקע געדאַנקען פון דעם מענטשן" וועגן דער העכס־טער מדרגה פון מענטשלעכער חשיבות, וועגן אַ לעבן אין גערעכטיקייט און גענאָד, — זעט דער מחבר דעם הויפּט־חילוק צווישן יידנטום און העלעניזם. אין אָט דעם חילוק זעט ער יענע גבורה, וועלכע דער יידישער מאָנאָטעאיזם גיט דעם יידן, מקריב צו זיין דעם לעבן צוליב זיין גלויבן.

נאָך שאַרפער ברענגען אַרויס דעם אונטערשייד צווישן יידנטום און העלענטום די מחברים פון די שוין אויבן־ציטירטע סיבילינישע אָראַקלען. דער ווערט פון די „סיבילינען" פאַר אונדזער טעמע באַשטייט אין דעם, וואָס שוין זייער ליטעראַרישע פאָרם אַליין באַווייזט, אַז זיי זיינען ניט געשריבן געוואָרן פאַר יידן. די מחברים קליידן איין זייערע געדאַנקען אין דעם מלבוש פון יענע נביאות אָדער אָראַקל־שפּרוכן, וועלכע די אַלט־גריכישע פּראָפעטין „סיבילע" האָט איבערגעלאָזן דער וועלט. אויך די יידישע סיבילע, וואָס גיט זיך אויס פאַר נחס אַן איניקל און שנור, זאָגט נביאות אויף דעם יידישן פאָלק און אַ סך אַנדערע פעלקער, און דאָס רוב פון יענע נביאות איז שוין לאַנג מקוים געוואָרן, צו דער צייט ווען דאָס ווערק האָט דערבליקט די ליכטיקע שיין...

עס איז קלאָר, אַזאַ אַזאַ שריפט איז ניט ביכולת אַרויסצורופן אַ באַזונ־דערן צוטרוי מצד אַ יידישן לייענער. מען מיינט דעריבער, אַז דער ערשטער מחבר פון די סיבילינען האָט זיינע מאַנאָטעאיסטיש־יידישע אַנשויאונגען גע־וואָלט אַריבערשמוגלען אין דער גריכישער וועלט אונטער דעם מאַנטל פון די, אין גריכנלאַנד און אין דער העלענישער וועלט בכלל, הויך פאַרערטע אָראַקל־שפּרוכן פון דער סיבילע.

נאָך מיין מיינונג נאָך איז אויך אָט די היפּאָטעזע ניט האַלטבאַר. אויב דער צוועק פון דעם ווערק האָט געזאָלט זיין — מאַכן אַ געפעלשטע סיבילע (עס זיינען אין אַ געוויסער צייט באמת פאַבריצירט געוואָרן צאָלרייכע פעל־שונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ גוטן מאַרק פאַר זיך), וואָלט דער מחבר באַ־דאַרפט אַ סך פאָרזיכטיקער אומגיין מיט זיין שטאָף: ווייל די טענדענץ זיינע שטאַרצט שוין צו קלאָר אַרויס פון יעדער שורה אויף יעדן בלעטל.

עס וועט אפשר זיין ניט ווייט פון אמת, ווען מיר וועלן אָננעמען, אַז די סיבילינישע אָראַקלען זיינען פאַר אים ניט מער ווי אַ ליטעראַרישע פאָרם, — אויב איר ווילט אַ סענסאַציאָנעלע ליטעראַרישע פאָרם, וואָס דאַרף צו־ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם ניט־יידישן גריכישן לייענער צו זיך; וואָס וועט אים אָבער בשום אופן ניט קאָנען אָפּנאַרן וועגן דעם צוועק און דעם כאַראַקטער פון דעם ווערק.

שוין אין די ערשטע ווערטער פון זיין אַריינפיר באַווייזט דער מחבר קלאָר אַרויס זיין יידיש־מאָנאָטעאיסטישן פּנים:

„אָ, איר שטערבלעכע, פליישענע מענטשן", שרייט ער אויס, „איר וואָס איר זענט גאָרנישט, ווי נעמט איר זיך דאָס איבער און טוט ניט אַ בליק אויף דעם סוף פון אייער לעבן? איר ציטערט ניט פאַר גאָט, איר האָט קיין מורא ניט פאַר אייער משגיח, דעם העכסטן, דעם דערקענענדיקן, דעם אַלץ זעענדיקן,

דעם עדות פאַר אַלץ, דעם אַלעמען שפּייזנדיקן באַשאַפער, וואָס האָט אַריינגעטאָן אין אַלעמען דעם זיסן לעבנס־אָטעם און האָט דעם מענטשן געמאַכט פאַר אַ האַר איבער אַלץ. עס איז דאָ נאָר איין גאָט, וואָס הערשט אַליין, אי־בער־גרויס, אומגעוואָרן, אַלמעכטיק, אומזיכטבאַר", און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

דער וואָס וויל זיך אַריינגבעבנען אין דעם צוטרוי פון אַ גריכישן לייענער, וועט ניט אָנהייבן מיט אַזאַ עזותדיקן האַמערן אין די טירן און ברעכן די שויבן.

נאָר ווי די מעשה זאָל ניט זיין, איינס איז זיכער, אַז אין רעליגיעזע און עטישע ענינים רעדט ניט די יידישע סיבילע קיין פאַרשטעלטע רייד. זי שניידט זיך דורך איר וועג שנור־גלייך און פעסט.

דעם חילוק צווישן דעם יידישן און העלענישן גייסט ברענגט דער מחבר אַרויס אין די פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע שורות:

„עס איז דאָ אַ שטאָט אין דעם לאַנד אור כשדים, פון וועלכער עס שטאַמט אָפּ די ראַסע פון די גערעכטסטע מענטשן, וואָס געדענקען תמיד די גוטע עצות און די איידעלע מעשים. זיי טראַכטן ניט וועגן דעם גאַנג פון דעם זון־טעלערל אָדער פון דער לבנה, אויך ניט וועגן די אומגעהייערע זאַכן אונטער דער ערד; ניט וועגן דער טיפקייט פון דעם פינקלענדיקן ים־אוקינוס און ניט וועגן די צייכנס פון ניסן, אָדער די פלי־סימנים פון די פייגל־קוקערס; ניט וועגן די וואָרזאָגער, מכשפים, באַשווערער; ניט וועגן די אָפּנאַרנדיקע נאַרישע ווערטער פון די בויך־רעדנער; אויך זוכן זיי ניט אין די שטערן די אָראַקלען פון די כאַלדייער, און באַשעפטיקן זיך ניט מיט אַסטראָלאָגיע. ווייל דאָס אַלץ, וואָס די נאַרישע מענטשן זוכן אויף טאָג־אויס, טאָג־איין, אָפּמאַטערנדיק זייער גייסט, פאַרפירט זיי אָן אַ וועלכן עס איז נוצן. דאָס האָט געלערנט די אומגליקלעכע מענטשן צו מאַכן טעותן; פאַר די שטערבלעכע קומט דערפון אַרויס אַ סך שלעכטס אויף דער ערד, ווייל זיי זיינען אַראָפּ פון דעם גוטן וועג און פון די גערעכטע מעשים".

„בייערט זיי (די וואָס שטאַמען פון דער גערעכטער ראַסע) טראַכטן וועגן גערעכטיקייט און ערלעכקייט. און עס איז ניטאָ ביי זיי קיין האַבגיער, וואָס באַשאַפט טויזנט צרות פאַר די שטערבלעכע מענטשן, קריג און הונגער אָן אַ סוף. זיי האָבן גערעכטע מאָס און וואָג אין די שטעט און אין די דערפער; זיי גנבענען ניט איינע ביי די אַנדערע אין דער נאַכט; און ניט טרייבן זיי אַוועק די הערדן פון רינדער, שאָף און ציגן; עס נעמט ניט אַוועק איין שכן ביי דעם אַנדערן דעם גרענעץ־שטיין פון זיין לאַנד; ס'דערצערנט ניט אַ שוועררייכער מאַן דעם אָרעמערן. ער דריקט ניט אלמנות, נאָר אדרבה העלפט

זיי, ווייל ער אונטערשטיצט זיי תמיד מיט קאָרן, ווייַן און אויל. דער באַגיטערטער אין פאָלק שיקט צו די, וואָס האָבן גאָרנישט און לעבן אין אָרעמקייט, אַ טייל פון דעם שניט, ווען זיי זיינען מקיים דאָס וואָרט פון דעם גרויסן גאָט, דעם געזאַנג פון דער תורה; ווייל דער וואָס אין הימל האָט באַשאַפן די ערד פאַר אַלעמען בשותפות".

דעם געדאַנק, אַז גאָט האָט באַשאַפן די ערד פאַר אַלעמען, חזרט די סיבילע איבער באַלד ווידעראַמאָל: „פאַר אַלעמען בשותפות האָט דער וואָס אין הימל באַשאַפן די ערד און אויך אַלעמען האָט ער אַריינגעשאַפן דעם בעסטן זין אין דער ברוסט" 12).

פאַר דעם מחבר פון די סיבילינען שטייען די וואָס טראַכטן וועגן גאַנג פון „דעם טעלערל אויפן הימל" און וועגן דער טיף פון דעם ים, ד"ה, די, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט נאַטור־וויסנשאַפט און נאַטור־פילאָסאָפיע, — אויף דער זעלביקער מדרגה, ווי די וואָס פאַרנעמען זיך מיט מכשפים און וואָרזאַגער, ווייל „דערפון קומט אַרויס אַ סך שלעכטס אויף דער ערד" און עס ווערט פאַרטויבט די שטים פון „דעם בעסטן זין אין דער ברוסט", וועלכן גאָט האָט אַריינגעשאַפן אין אַלעמען. דאָס זיינען אַלץ נישטיקע זאַכן, וואָס זיינען ניט נייטיק פאַר דעם „זיסן לעבנס־אָטעם", וועלכן דער זעלביקער גאָט האָט אַריינגעטאָן אין זיי.

און אַזוי גייט דאָס ביי אים כסדר. די סאָציאַלע עטיק פון דעם יידישן פאָלק ווערט אַוועקגעשטעלט ווי אַ מוסטער פאַר דער זינדיקער ניט־יידישער וועלט.

„ווי אַן אויסנאַם פון אַלע מענטשן טראַכטן זיי (די יידן) וועגן דער ריינקייט פון זייער געלעגער און מישן זיך ניט אין טומאה מיט מאַנסבילשער יוגנט, ווי דאָס טוען די פיניקיער, די עגיפּטער און לאַטינער און די ווייטע העלענען און די פילע אַנדערע פעלקער פון פערסיע און גאַלאַט און גאַנץ אַזיע, איבערטרעטנדיק דאָס הייליקע געזעץ פון גרויסן גאָט13).

„דו אָבער, קלוג־דענקענדיקער שטערבלעכער, זאָם זיך ניט, קווענקל זיך ניט, נאָר זע זיך אויסצואייגענען מיט גאָט... זע זיך אויסצואייגענען מיט דעם אומשטערבלעכן גאָט, ער זאָל רחמנות האָבן אויף דיר. ווייל נאָר ער אַליין איז גאָט, און עס איז ניטאָ קיין אַנדערער. האַלט הויך דעם יושר און דריק קיינעם ניט, ווייל דאָס איז דער באַפעל פון דעם אומשטערבלעכן צו די אומגליקלעכע שטערבלעכע"14).

די סיבילינען זיינען אויך פול מיט נביאות וועגן יענער גליקלעכער צוקונפט אויף דער ערד, וועגן יענעם „אחרית הימים", וואָס וועגן איר האָבן שוין די נביאים געטרוימט.

„אַ לויטערע רו וועט קומען אויף דעם לאַנד אַזיע. אייראָפּע וועט דע־מאָלט זיין גליקלעך; דער הימל וועט געבן שפייז, אריכת ימים און געזונט, אָן שטורעמס און אָן האָגל, ברענגענדיק אַלץ אַרויס סיי פייגל, סיי קריכנדיקע חיות פון דער ערד. אָ, גליקלעך וועט זיין סיי דער מאַן, סיי די פרוי, וואָס וועט לעבן אין יענער צייט... ווייל פון דעם געשטערנטן הימל וועלן קומען צו די מענטשן די גאַנצע גערעכטיקייט און געזעצלעכקייט און מיט איר די אַלץ אַריבערוועגנדיקע פאַרשטענדיקע אייניקייט און ליבע און טרייהייט, און גייסטלעכקייט... עס וועלן אין יענע טעג אַוועקפליען פון די מענטשן די אָרעמקייט, אַוועקפליען די נויט און אַלדאָס בייז"15).

אין אַן אַנדער שטעלע זאָגט די סיבילע צו, אַז די „אַלט־געבוירענע ערד" וועט געבן די מענטשן די בעסטע גערעטעניש אין קאָרן, ווייַן און אויל, און „זיסע קוואַלן פון מילך" און „פון הימל אַראָפּ דעם ליבלעכן טראַנק פון זיסן האָניק", „און פעטע שאָף און רינדער, און פון די שאָף — לעמער און פון די ציגן — ציקעלעך", „און עס וועט ניט זיין אויף דער ערד קיין שווערד און קיין ליאַרעם פון קריג", „ניט קיין קריג און ניט קיין טריקעניש, ניט קיין הונגער און ניט קיין האָגל, וואָס פאַרוויסט די פרוכט, נייערט גרויסער פרידן אויף דער גאַנצער ערד". „און אַ קעניג וועט מיט דעם אַנדערן זיין גוט־פריינט ביז צום סוף פון די צייטן, און איין געמיינזאַמען געזעץ וועט דער אומשטערבלעכער אין דעם געשטערנטן הימל פאַרפולן פאַר אַלע מענטשן... ווייל נאָר ער אליין איז גאָט, און עס איז ניטאָ קיין אנדערער"...16)

און נאָך שפּעטער וועט ער אויפבויען „איין קעניגרייך פאַר אַלע צייטן, פאַר אַלע מענטשן". „פון גאַר דער ערד וועלן זיי ברענגען ווייַרויך און מתנות אין דעם הויז פון דעם גרויסן גאָט", און עס וועט ניט זיין קיין אַנדער הויז ביי די מענטשן, אַ חוץ יענעם הויז. „ווייל אויף דער ערד וועט קומען דער פרידן פון דעם גוטן, און דעם שווערד וועלן אַוועקנעמען די נביאים פון דעם גרויסן גאָט, ווייל זיי אַליין זיינען די שופטים פון די שטערבלעכע און די גערעכטע מלכים; עס וועט אויך זיין אַ גערעכטער רייכטום צווישן די מענטשן, ווייל דאָס איז דער משפּט און די הערשאַפט פון דעם גרויסן גאָט"17).

די יידישע סיבילע ברענגט דאָ אַרויס אַ נייעם בליק אויף דער פאָרם פון דער טעאָקראַטיע, דער גאָט־הערשאַפט אויף דער וועלט, וואָס איז אַלע מאָל געווען דער אידעאַל פון דעם אַלט־יידישן פּאָליטישן געדאַנק.

אויב די טעאָקראַטיע איז פריער נאָך באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פּריסטער־הערשאַפט, אַ „ממלכת כהנים", פאַרלאָזט זי דער מחבר פון די סיבילינען, וואָס האָט שוין דורכגעלעבט די דאָזיקע „ממלכת כהנים" אונטער די חשמונאים, און פאַרבייט זי אויף דעם אידעאַל פון אַ פּראָפעטאָ־קראַטיע, אַ „ממלכת

נביאים״, וואו די הערשאַפט ווערט איבערגעגעבן צו יענע, אין וועמעס ברוסט עס לעבט דער געטלעכער ווילן צו גערעכטיקייט, מענטשן־ליבע און אייביקן פרידן.

די סיבילינישע צוקונפט־אידעאַלאָגן זיינען אין תוך אַריין ניט קיין נייס פאַר דעם יידישן געדאַנק. דאָס איז ניט מער ווי אַ ווייטערדיקע פונאַנדער־מאָלונג פון יענע אידעאַלן, וועלכע די אַלטע נביאים האָבן שאַרף און קלאָר געשטעלט פאַר דער מענטשהייט אין אַ צייט, ווען קיין אַנדער פאָלק האָט נאָך ניט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן זיי.

דורך די יידיש־גריכישע שריפטן ווערט אָבער באַשאַפן די גייסטיקע אַטמאָספערע אין וועלכער די לערע פון אונדזערע נביאים האָט געקאָנט אַריינטרעטן אין דער פאָרם פון דעם קריסטנטום, און אַ קער טאָן דעם פּראָ־גרעסיוון געדאַנק פון דער וועלט צו די פּראָבלעמען פון דער סאָציאַלער גע־רעכטיקייט. די זעלביקע שריפטן באַווייזן אָבער אַמקלאָרסטן, אַז אין דער צייט פון דעם צונויפשטויס מיט דער גריכיש־רוימישער וועלט האָט דאָס יידישע פאָלק געהאַט אַ פולן רעכט, סיי אַ טעאָרעטישן, סיי אַ מאָראַלישן, צו באַטראַכטן זיך פאַר אַן „אויסדערוויילט״ פאָלק, וואָס שטייט העכער פאַר אַלע אַנדערע פעלקער.

אויף דעם פעלד פון מענטשלעכע אידעאַלן — און סאָציאַליסטישע בפרט — איז דאָס יידישע פאָלק געוויס געשטאַנען טורעם־הויך איבער אַלע אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער פון דער ערד. ווי איז דאָס אָבער געווען מיט דער מענטשלעכער ווירקלעכקייט איןביידע וועלטן, דער יידישער און ניט־יידי־שער? קאָנען מיר זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף יענע כאַראַקטעריסטיקן, וועלכע די גריכיש־יידישע פּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן אויסגעמאָלט אין זייערע דאָך זיכער פּאָלעמישע ווערק?

די פראַגע וועגן דעם יידישן „אתה־בחרתנו״, וועגן דער שטעלונג פון די יידן צו די איבעריקע פעלקער, איז פאַר אונדזער פאָלק געווען באַזונדערס ברענעדיק, ווען עס האָט זיך צונויפגעשטויסן אין אַ קאַמף אויף לעבן און טויט מיט דער גריכיש־רוימישער קולטור־וועלט.

מיר האָבן פריער געזען, אַז אין דעם פרט פון רעליגיעזן און סאָציאַל־עטישן געדאַנק און אידעאַל האָט דאָס יידישע פאָלק געהאַט אַ רעכט צו קוקן אויף אַלעמען פון אויבן אַראָפּ.

ווי איז דאָס אָבער געווען מיט דעם לעבן אין דער ווירקלעכקייט?

קיין פולע קולטור־היסטאָרישע שילדערונגען פאַר יענע צייטן, וואָס זאָלן פאַרגלייכן די יידישע וועלט מיט דער ניט־יידישער, זיינען דערווילע נאָך ניטאָ. גריכנלאַנד און רוים זיינען אין דעם פרט אויסגעפאָרשט, אָבער ניט

ארץ־ישראל און ניט די יידישע קאָלאָניעס אין דער דעמאָלטיקער גריכיש־רוימישער וועלט. אָבער אייניקע זייער פאַרדינסטפולע אַרבעטן זיינען שוין וועגן דעם ענין געמאַכט געוואָרן.

אַזוי האָבן מיר אַ זייער ווערטפול בוך פון פּראָפעסאָר דעלינגער „היידענטום און יודענטום", וואָס פירט דורך אינטערעסאַנטע קולטור־געשיכטלעכע פּאַראַלעלן צווישן דער יידישער און ניט־יידישער וועלט. דאָס בוך איז ליידער ניט פריי פון אַ געוויסער טענדענץ צו פאַרקלענערן דעם ווערט פון דעם גריכיש־רוימישן זיטלעכן צושטאַנד און אויפצוהייבן אין דער הייך דעם ווערט פון דעם „יודענטום", וואָס פון אים איז אויסגעוואַקסן דער קריסטנטום18).

אָבער אפילו ווען מען וואַרפט אַראָפּ פון חשבון אַ היפּש ביסל יידישע מעלות און גויאישע חסרונות, וועלכע דעלינגער רעכנט אויס, בלייבט נאָך גענוג, כדי צו קאָנען אַרויסברענגען דעם שלוס, אַז אין דעם פּרט פון הומאַניטעט, רחמנות צו דעם ליידנדיקן, ריינקייט פון דעם פאַמיליען־לעבן, אין דער סעקסועלער מאָראַל, ווי אויך אין דער סאָציאַלער עטיק, איז דאָס יידישע פאָלק, — אפילו לויט אונדזערע איצטיקע מאָראַלישע באַגריפן, — געשטאַנען אַ סך העכער, איידער די באַשאַפער פון דער אייראָפּייאישער ציוויליזאַציע, די גריכן און די רוימער.

נאָך ערנסטער איידער דעלינגערס ווערק דאַרף באַטראַכט ווערן אַ צווייטע אַרבעט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף דעם זעלביקן פעלד. איך האָב אין זין דעם פאַרגלייך, וועלכן א. ה. ווייס, דער מחבר פון דעם מיט רעכט באַרימטן ווערק „דור דור ודורשיו", פירט דורך צווישן דער גריכיש־רוימישער און דער יידישער געזעצגעבונג.

אָט דער פאַרגלייך איז מחמת כמה טעמים פון גרויסן ווערט פאַר אונדזער ענין.

איינמאָל, האָבן מיר דאָ צו טאָן ניט מיט שילדערונגען פון דעם לעבן, אַרויסגענומען ביי דעם אָדער יענעם שריפטשטעלער, וואָס קאָנען טראָגן אַ סוביעקטיוון כאַראַקטער, נאָר מיט פאַרשריפטן פון דעם געזעץ, וואָס האָט רעגולירט די לעבעדיקע פּראַקטישעווירקלעכקייט.

צווייטנס, איז זייער וויכטיק צו האָבן אין אויג די צייט פון דער געזעצגעבונג, וואָס ווערט דערביי פאַרגליכן; די צייט פון דעם חורבן בית־שני, ווען די יידישע און ניט־יידישע וועלט האָבן זיך אַזוי שאַרף צונויפגעשטויסן, ווען דעם יידישן פאָלק איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע פון זיין אָדער ניט זיין.

און דריטנס, איז דער פאַרגלייך פון באַזונדערן ווערט פאַר דעם „אתה־בחרתנו״־פּראָבלעם דערפאַר, וואָס ער באַווייזט אונדז, אַז אין פיל וויכטיקע לעבנס־דערשיינונגען איז דאָס עפנטלעכע באַוואוסטזיין פון דעם יידן ניט נאָר געשטאַנען מאָראַליש אַ סך העכער, איידער דאָס עפנטלעכע באַוואוסטזיין פון דעם ניט־יידן, נאָר אַז דער ייד האָט געוואוסט, אין וואָס ער שיידט זיך אָפּ פון דער פרעמד און האָט מיט כיוון נאָך ווייטער אויסגעבויט און פאַרטיפט יענעם אונטערשייד.

ווייס שטעלט זיך אָפּ אויף דער סעקסועלער מאָראַל און דער זיטנריינקייט, אויף דעם מענטשלעכן אומגאַנג מיט די קינדער, אויף די געזעצן וועגן שקלאַפן און קנעכט, און לסוף אויף דער פאַרזאָרגונג פון אָרעמעלייט, ווי אויף אַזעלכע פרטים, וואו דער יידישער געזעצגעבער האָט געהאַט דירעקט אין אויג די גריכיש־רוימישע געזעצגעבונג און האָט באַוואוסטזיניק געשטרעבט אויסצוגעשטאַלטן דאָס יידישע לעבן אין אַ אידעלערן הומאַנערן גייסט.

מיר קאָנען דאָ ליידער זיך ניט אַריינלאָזן אין אַלע פרטים פון יענער טרוקענער יורידישער מאַטעריע. מיר וועלן נאָר ברענגען אַ פּאָר שטריכן פון דער שקלאַפן־געזעצגעבונג.

אין גריכנלאַנד און רוים איז יענע געזעצגעבונג געווען באַהערשט פון דעם גייסט, וועלכן אַריסטאָטעל האָט שוין פאָרמולירט אין די ווערטער, אַז דער שקלאַף איז אַ ווערקצייג, און אַז די נפקא מינה צווישן אים און אַ טויטן געצייג (אַ האַק, אָדער אַ האַמער) באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס דער שקלאַף, ווי אַ בעל־שכל, איז מחויב אָפּצוגעבן אַ דין וחשבון פאַר זיינע מעשים.

ניט אַנדערש האָט געקוקט אויף דעם ענין דער רוימישער דענקער קאַטאָן, וואָס איז אָפט געשילדערט געוואָרן ווי אַ מוסטער פון שטרענגער גערעכטיקייט, מיט דעם אונטערשייד נאָר, וואָס ער האָט פאַרגליכן דעם שקלאַף ניט צו אַ טויטן ווערקצייג, נאָר מיט אַ לעבעדיקער הויז־חיה.

לויט דעם געזעץ איז טאַקע דער שקלאַף באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ ווערקצייג און אַ הויז־חיה. זיין לייב איז געווען דאָס אייגנטום פון זיין באַלעבאָס, און יענער האָט געמעגט טאָן מיט אים אַלץ, וואָס עס האָט זיך אים פאַרגלוסט. ער האָט געהאַט דאָס פולע רעכט צו פייניקן אים, צו שענדיקן, פאַרקויפן אין אַ שאַנד־הויז, אפילו צו טייטן.

אַן אַלטער שקלאַף קאָן, ווי אַן אַלטער אויסגענוצטער פערד, איבערגעלאָזן ווערן צו זיין אייגענעם שיקזאַל. און די שקלאַפן פלעגן זייער גיך אויסגענוצט ווערן. נאָך איין יאָר דינען ביי אַ האַר פלעגט ער שוין אַ סך פאַרלירן פון זיין ווערט.

עס איז ניט געווען אַזאַ שווערע אָדער שענדלעכע אַרבעט, מען זאָל זי האָבן ניט געטאָרט אַרויפוואַרפן אויף אַ שקלאַף. פאַר דער איבערפירונג פון אַ קלענסטער זאַך האָט מען געמאַכט דעם שקלאַף אָפּהאַקן די האַנט אָדער פאַרמשפּטן צום טויט.

ווען אַ שקלאַף האָט געוואוסט עפּעס אַ סוד, וואָס האָט ניט געטאָרט אויסגעפלוידערט ווערן, פלעגט מען אים פּשוט אויסשניידן די צונג.

שקלאַפן פלעגט מען אויך אָפט פאַרקויפן פאַר די גלאַדיאַטאָרן־שפּילן, אין די צירקן, וואו זיי האָבן געדאַרפט זיך ראַנגלען צווישן זיך אָדער מיט ווילדע אויסגעהונגערטע חיות ביז צו זייער טויט פאַר די אויגן פון אַ טויזנט־קעפּיקן, בלוט־דאָרשטיקן עולם.

אויב ניט דער טויט אויף דער גלאַדיאַטאָרן־בינע, אָדער פון דער האַנט פון זיין באַלעבאָס, איז דער הונגער־טויט געווען דער צו אָפטער גורל פון דעם אַלט־געוואָרענעם שקלאַף.

און עס פלעגט גאָר ניט זעלטן פאָרקומען, אַז דער צום־טויט־פאַרמשפּטער שקלאַף איז געווען דעם באַלעבאָס׳ אַן אייגענער לייבלעכער ברודער, דער זון פון אַ שקלאַפין, וואָס זיין פאָטער האָט זי באַנוצט צו שטילן זיין ליידנשאַפט19).

אין דער גריכיש־רוימישער וועלט געפינען מיר ערגעץ ניט קיין שטי־מען, וואָס זאָלן פּראָטעסטירן אַנטקעגן דער שקלאַפעריי בכלל, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט דער יידישער סעקטע די איסיים און אויך מיט אייניקע זעלאָטן (קנאים), וואָס האָבן געשטרעבט אינגאַנצן אָפּצושאַפן דעם איינפיר פון פאַרשקלאַפטער אַרבעט.

אַזוי ווייט איז אויך די יידישע געזעצגעבונג, אויסגעאַרבעט פון די פּרושים, ניט געגאַנגען. אָבער אין דעם פּרט פון הומאַניטעט איז זי געווען דורכגעזאַפּט מיט אַזעלכע מענטשן־פריינטלעכע שטריכן, אַז דער פּראָטעסט אַנטקעגן שקלאַפעריי בכלל הייבט אויף די איסיים צו אַ געוואַלטיקער הייך, דער עיקר, ווען מען דערמאָנט זיך, אין וואָס פאַר אַ צייט זיי האָבן געלעבט, אַן ערך מיט אַ צוויי טויזנט יאָר צוריק.

א. ה. וויס באַווייזט אין זיינע פּאַראַלעלן, אַז לויט די פּרינציפּן פון דעם תלמודישן רעכט, האָט דער נאָמען שקלאַף (עבד) ניט געקאָנט אַנגעווענדט ווערן אויף אַ יידן. דער באַלעבאָס האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו צווינגען אים צו אַזאַ אַרבעט, וואָס האָט באַליידיקט זיין מענטשלעכע חשיבות, ווי, צ״ב, אָנצוטאָן אים די שיך אָדער אָפּוואַשן די פיס. ער האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו פאַרקויפן אים צו אַן אַנדערן, אָדער אָוועקצושענקען אים.

דער באַלעבאָס דאַרף פריער באַפרידיקן די באַדערפענישן פון דעם שקלאַף און דערנאָך ערשט זיינע אייגענע.

אַ שקלאַף טאָר מען ניט צווינגען צו אַרבעטן ביי דער נאַכט. אַ חוץ דעם באַלעבאָס, איז דער שקלאַף מחויב צו פאָלגן נאָר דעם עלטסטן זון.

בנוגע דעם ניט־יידישן שקלאַף, דעם „עבד כנעני", איז די יידישע געזעצגעבונג, פאַרשטייט זיך, געווען שוין ניט אַזוי ליבעראַל, אָבער פונדעסטוועגן אַלץ נאָך אומגעהייער הומאַן אין פאַרגליך מיט דער גריכיש־רוימישער.

דער גרונט־פּרינציפּ, וואָס האָט באַהערשט אָט די געזעצגעבונג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די שקלאַפן „זיינען דיר געגעבן געוואָרן צו אַרבעט און ניט צו שאַנדטאָטן" און אַז אַלץ, וואָס זיי זיינען שולדיק דעם באַלעבאָס, איז נאָר אַרבעט. דאָס נעמט אַוועק ביי דעם באַלעבאָס דאָס רעכט צו שלאָגן אַ שקלאַף, צו פּייניקן אָדער אפילו צו באַליידיקן.

דער באַלעבאָס איז מחויב אַכטונג צו געבן, אַז דער שקלאַף זאָל אָפּהיטן געוויסע רעליגיעז־זיטלעכע דינים. ווען דער שקלאַף איז אָבער ניט מרוצה דאָס צו טאָן, מוז ער פאַרקויפט ווערן צו אַן אַנדערן.

דאָס באַנעמען זיך מיט די שקלאַפן איז געשטאַנען אונטער אַ וואַכנדיקן קאָנטראָל פון דער געזעצגעבונג. אַ שקלאַף האָט געמוזט באַפרייט ווערן ניט נאָר ווען דער באַלעבאָס האָט אים אויסגעשלאָגן אַ צאָן אָדער אַן אויג (בשן ועין, לויט דעם דין פון דער תורה) נאָר אויך דעמאָלט, ווען ער האָט דורך דעם באַלעבאָס' שולד פאַרלאָרן אַ וועלכן עס איז אַנדערן וויכטיקן אבר פון גוף, — צ"ב, ווען אים איז אויסגעשניטן געוואָרן די צונג (ווייס שטרייכט אונטער אָט די ספּעציעלע פאַראָרדענונג).

אָבער דאָס זיינען נאָך ניט אַלע תנאים, וואָס באַפרייען אַ שקלאַף. זיין פרייהייט געווינט ער אויך, ווען מען פאַרקויפט אים צו אַ גוי, אָדער ווען מען שענקט אים אַוועק, אָדער ווען מען פאַרמשכנט אים, אָדער ווען מען ברענט אויף אים אויס דעם שקלאַפן־שטעמפּל.

דער באַפרייטער עבד כנעני האָט אַלע בירגער־רעכט פון דעם פרייען מאַן, און די קהילה איז מחויב צו זאָרגן פאַר אים. זי האָט געמוזט אויסקלייבן פאַר אים אַ וואוין־היים אין אַזאַ אָרט, וואו ער זאָל קאָנען פאַרדינען זיין ברויט. מען טאָר אים ניט באַזעצן אין אומבאַפעלקערטע ערטער, כדי ער זאָל ניט שטאַרבן פון הונגער, און אויך ניט אין די גרענעץ־שטעט, כדי ער זאָל זיך ניט צונויפמישן מיט די געצנדינער, אאַז"וו.20)

ליידער האָט א. ה. ווייס — דערווייל דער איינציקער סיסטעמאַטישער היסטאָריקער פון דער יידישער תלמודיש־רבנישער טראַדיציע — זיך ניט אָפּגעשטעלט באַריכות אויף דער יידישער געזעצגעבונג וועגן דער פרייער געדונגענער אַרבעט.

אָבער אָט דעם מאַנגל האָט אויסגעפּילט ד״ר דוד פאַרבשטיין אין זיין דייטשן בוך: „דאָס רעכט דער אונפרייען און פרייען אַרבעטער נאָך יודיש־טאַלמודישן רעכט״ (בערן, 1896), וואָס צייכנט זיך אויס דורך זיין שאַרפזין, גרינטלעכער באַקאַנטשאַפט מיט דעם ענין און יורידישער טיף.

אויך דאָ מוזן מיר אַרויסלאָזן די איינצלהייטן פון אָט דער געזעצגעבונג, וואָס איז אין אַ סך פּרטים געשטאַנען העכער, איידער די פּראָגרעסיווסטע פון די איצטיקע פּראָגרעסיווע אַרבעטער־געזעצגעבונגען. אַזוי, צ״ב, האָט דער באַלעבאָס ניט געהאַט קיין רעכט — אַ חוץ אין פאַלן פון העכסטער נויט — אָפּצוזאָגן זיינע אַרבעטער איידער עס איז אויסגעגאַנגען די צייט, אויף וועלכער ער האָט זיי געדונגען. דער אַרבעטער האָט אָבער געהאַט אַ רעכט צו וואַרפן די אַרבעט, ווען עס האָט זיך אים פאַרגלוסט21).

עס האָט זיך אין דער מאָדערנער ראַדיקאַלער ליטעראַטור באַוויזן אַ טענדענץ אַביסל צו פאַרגלעטן די שוואַרצע זייטן פון דעם אַלטן גריכיש־רוימישן לעבן בכלל און די לאַגע פון די שקלאַפן אין יענער וועלט בפרט.

אין דעם קאַמף אַנטקעגן דעם הערשנדיקן קריסטנטום וואָס האָט מאָראַ־ליש געזיגט איבער דעם „היידנטום״ און וואָס איז אַרויסגעוואָקסן פון דעם יידנטום, האָט דער ראַדיקאַלער געדאַנק אָפט געשפּירט די נייגונג, אפילו אין דעם סאָציאַל־עטישן פּרט ניט צוצוגעבן די סופּעריאָריטעט פון דעם „יידנטום״ איבער די ציוויליזירטסטע פעלקער פון יענער צייט. די נייסטע ליטעראַטור וויל דעריבער אַרויסברענגען, אַז סוף־כל־סוף איז די גרויזאַמע באַהאַנדלונג פון דעם שקלאַף געווען נאָר אַן אויסנאַם. אין דורכשניט האָט זיך דעם שקלאַף געלעבט גאָר ניט אַזוי שלעכט, בפרט ווען ער איז געווען אַ פאַרקויפטער ניט צו אַ רייכן פּריץ, נאָר צו אַ מיטעלערן פויערלעכן באַלע־באָס, וואָס איז זיכער געווען פאַראינטערעסירט אָפּצוהיטן זיין געזונט און לעבן.

אָט די טענדענץ אָפּצושוואַכן די באַריכטן וועגן דער גריכיש־רוימישער אכזריות בנוגע צו זייערע שקלאַפן ווערט נאָך פאַרשטאַרקט ביי פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע שריפטשטעלער, וואָס וואָלטן גרייליך געוואָלט באַווייזן, אַז די לאַגע פון דעם איצטיקן פרייען אַרבעטער איז אין אַלע פּרטים אַ סך אַן ער־גערע, איידער די לאַגע פון די שקלאַפן אין דער אַנטיקער וועלט.

ניט אינגאַנצן פריי פון דער דאָזיקער טענדענץ איז אפילו אַזאַ ערנסטער און ערלעכער פאָרשער, ווי קאַרל קאַוטסקי, אין זיין אגב זייער ווערטפולן בוך „דער אורשפּרונג דעס קריסטענטומס״ (1908).

ער ציטירט די פאָלגנדיקע ווערטער פון קאַרל יענטש, מיט וועלכער ער איז אינגאַנצן מסכים:

לויט קאַרל יענטשעס כאַראַקטעריסטיק פון דער שקלאַפעריי אין רוים, דאַרף מען ניט גלייבן, אַז אין פּריוואַט־לעבן האָט מען זיך ערנסט גערעכנט מיט דעם יורידישן באַגריף פון שקלאַפעריי, אַז מען האָט דעם שקלאַף ניט געהאַלטן פאַר אַ מענטשן, און זיך ניט באַגאַנגען מיט אים ווי מיט אַ מענטשן. ביז צום סוף פון דעם ערשטן פונישן קריג איז די שקלאַפן־לאַגע ניט געווען אַזוי שלעכט. די געזעצגעבונג האָט דעם פאַטער פון דער פאַמיליע געגעבן אומגעהייערע רעכטן איבער זיין פרוי און זיינע קינדער, אָבער אָט די רעכטן פלעגן אין לעבן באַגרענעצט ווערן דורך רעליגיע, מנהגים, פאַר־שטאַנד און געמיט. אַזוי אויך מיט דעם שקלאַפן־געזעץ. פאַר דעם געזעץ איז דער שקלאַף געווען אַ מקח וממכר־אַרטיקל, איבערגעגעבן דעם ווילד־ווילן פון דעם האַר, אַן אַ ווערלכן עס איז שוץ, אָבער „אויף דעם אַקער־פעלד איז ער גע־ווען אַ טרייער חבר אין דער אַרבעט און אין דער היים אַ גוטער שטוב־חבר, מיט וועמען מען האָט נאָך דער שותפותדיקער אַרבעט געמיטלעך געפּלוידערט ביי דעם שטוב־פייער”22).

מען מוז צוגעבן, אַז אָט די כאַראַקטעריסטיק שטימט מיטן אמת, כל־זמן מען האָט צו טאָן מיט יענע שקלאַפן, וואָס האָבן געלעבט ביי די מיטעלערע און אָרעמערע באַלעבאַטים, און כל־זמן דער שקלאַפן־מאַרק איז נאָך ניט געווען איבערגעפילט מיט קריגס־געפאַנגענע פון אַלע עקן וועלט.

מיר מוזן אויך פון אונדזער זייט מודה זיין, אַז אויך אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען, וואָס זיינען גאָר ניט געווען אַזוי דורכגעזאַפט מיט הומאַניטעט, ווי די שפעטערע יידישע געזעצגעבונג. אויב אין רוים איז דער לעבן ניט געווען אַזוי גרויזאַם ווי דער געזעץ, איז אפשר אין יהודה דער לעבן געווען ניט גאָר אינגאַנצן אַזוי מענטשן־פריינטלעך ווי דער אָפיציעלער דין.

אַזוי לייענען מיר אין דעם „ספר בן־סירא” אַזעלכע קלוג־שאַפענע עצות ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט אַ שקלאַף:

„וואָס פיטער און אַ שטעקן און די לאַסט איז פאַר דעם אייזל, דאָס איז ברויט און אַ שטרענגע האַנט און די אַרבעט פאַר דעם שקלאַף. זעסטו אַז דער קנעכט זאָל אַרבעטן פאַר דיר, וועסטו האָבן רו; דערלויבסטו אים אָפּ־געלאַזטע הענט, וועט ער זען צו ווערן פון דיר פריי; ווי דער יאָך און דער רימען בייגן דעם נאַקן פון דעם רינד, אַזוי דאַרפן שלעכטע שקלאַפן האָבן יסורים און פייניקונג. זע, ער זאָל זיך אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט, כדי ער זאָל ניט אומגיין ליידיק, ווייל ליידיק־גיין ברענגט אַ סך בייז. שטעל אים אַוועק צו דער אַרבעט, ווי עס געשיקט זיך פאַר אים, און טאָמער וויל ער ניט פאָלגן, טו אויף אים אָן שווערע פוס־קייטן, אָבער גיי ניט מיט קיין

מענטשן צו ווייט, און בכלל טו קיין זאַך ניט, סיידן דו האָסט דערצו אַ רעכט. האָסטו אָבער נאָר איין שקלאַף, איז האַלט אים ווי זיך אַליין, ווייל דו דאַרפסט אים אַזוי נייטיק ווי דיין אייגענעם לעבן. האָסטו נאָר איין שקלאַף, איז באַגיי זיך מיט אים ווי אַ ברודער, און צאַרן ניט אַנטקעגן דיין אייגן לעבנס־בלוט. אויב דו באַהאַנדלסט אים שלעכט, און ער נעמט און אַנטלויפט פון דיר, אויף וואָסער אופן ווילסטו אים ווידער באַקומען?״23)

אויך פון בן־סיראס געדיכט קוקט ניט אַרויס קיין באַזונדערע מענטשן־פריינטלעכקייט צו דער געקויפטער מענטשלעכער אַרבעטס־קראַפט. און אויך פון אים קלינגט גאַנץ קלאָר אַרויס דער עקאָנאָמישער מאָטיוו, וואָס דיקטירט די האַלטונג פון דעם באַלעבאָס צו דעם שקלאַף.

אָבער פונדעסטוועגן שלאָגן זיך פּאָרט דורך ביי דעם יידישן מוסר־לערער געוויסע טענער, וואָס זיינען לחלוטין פרעמד דער גריכיש־רוימישער וועלט. דער שקלאַף קאָן אונטער געוויסע אומשטענדן באַטראַכט ווערן, ווי אַ ברודער, ניט ווי אַן אייזל. און אפילו יענע שקלאַפן, וועלכע ער פאַרגלייכט צו אייזלען, איז דאָס נאָר בנוגע צו דער אַרבעטס־פליכט. אין מאָראַליש־רעכטלעכן זין גייען זיי אפילו ביי אים ניט אַרויס פון דעם גדר מענטש („גיי ניט מיט קיין מענטשן צו ווייט״), וואָס האָבן געוויסע רעכט און זיינען געשיצט פון דער גע־זעצגעבונג („טו קיין זאַך ניט, סיידן דו האָסט דערצו אַ רעכט״). די געזעצ־געבונג איז אָבער, ווי מיר האָבן שוין געזען, געווען אַ שקלאַפן־פריינטלעכע, אפילו צו דעם „עבד כנעני״.

פון דער אַנדערער זייט דאַרף מען אָבער ניט פאַרגעסן, אַז די פּאַטריאַר־כאַליש־אידילישע צושטאַנדן, וועלכע קאַרל קאַוטסקי מאָלט אויס, האָבן געקאָנט הערשן אין רוים נאָר ביז צו יענער צייט פון די גרויסע קריגן. די שטענדיקע, טריאומף־רייכע מלחמות האָבן איבערגעפילט דעם מאַרק מיט קריגס־געפאַנ־גענע, האָבן אָפּגעריסן דעם פויער פון זיין באַלעבאַטישקייט און האָבן אויפ־געבויט דעם גרויסן רוימישן גרונט־באַזיץ און די גרויסע רוימישע מינען־ווירטשאַפטן, וואו די אַרבעטס־קראַפט פלעגט אַרויסגעפּרעסט ווערן פון די שקלאַפן, ווי דער אויל פון אונטער אַן אויל־פּרעס.

דאָס זעט אויך קאַוטסקי איין. דער מאָטיוו צו שוינען דעם לעבן פון די שקלאַפן, ווייל זיי קאָסטן געלט „האָט געווירקט״, שרייבט ער, „אַלץ ווייניקער, וואָס וועלוועלער עס זיינען געוואָרן די שקלאַפן. און עס זיינען געווען צייטן, ווען זייער פּרייז איז אומגעהייער געזונקען, ווייל די אייביקע מלחמות, אויסערע און אינעווייניקע, האָבן געבראַכט צאָלרייכע קריגס־געפאַנגענע אויפן מאַרק״.

„אַזוי זיינען אין דעם דריטן קריג פון די רוימער אַנטקעגן מאַקעדאָניע אין דעם יאָר 169 פאַר קריסטוס אין עפּירוס אַליין אויסגערויבט געוואָרן

70 שטעט אין איין טאָג און 150.000 איינוואוינער זיינען פאַרקויפט געוואָרן אין שקלאַפעריי״.

לויט בעקה איז דער געוויינלעכער פרייז פאַר אַ שקלאַף אין אַטען געוועזן פון 100 ביז 200 דראַכמען (80 ביז 160 מאַרק). קסענאָפאָן רעכנט, אַז ער האָט געשוואנקט צווישן 50 און טויזנט דראַכמען. לויט אפפיאַן זיינען אין פאָנט ביי אַ געלעגנהייט פאַרוואַלוולט געוואָרן שקלאַפן צו 4 דראַכמען אַ שטיק (עפּעס איבער 3 מאַרק).

קאַוטסקי ברענגט אויך אַ ציטאַט פון דיאָדאָרן, וואו עס ווערט באַשריבן די לאַגע פון די שקלאַפן אין די שפּאַנישע באַרג־מינעס: „זיי האָבן ניט קיין אויסרו און קיין פויזע, נאָר ווערן דורך די שלעג פון די אויפזעער געצוואונגען אַריבערצוטראָגן דעם האַרטסטן גורל און זיך אָפּצואַרבעטן ביזן טויט. אייניקע, וואָס האָבן גענוג קערפּער־קראַפט און געדולדיקן גלייכמוט, אויסצוהאַלטן דאָס, פאַרלענגערן דורך דעם נאָר זייער אומגליק, וואָס איז אַזוי גרויס, אַז ער מאַכט פאַר זיי אַ סך ווינטשנסווערטער דעם טויט, איידער דעם לעבן״24).

ריכטיקער פון אַלעמען האָט קאַרל מאַרקס אַרויסגעבראַכט דעם מהות פון דער שקלאַפן־ווירטשאַפט. אין אַ שטעלע אין „קאַפּיטאַל״, וואָס ווערט אויך ציטירט פון קאַוטסקין, שרייבט מאַרקס:

„דאָ (אין דער שקלאַפן־ווירטשאַפט) זאָל דער אַרבעטער, נאָך דעם געלונגענעם אויסדרוק פון די אַלטע, נאָר ווי אַן אינסטרומענטום וואָקאַלע (אַ רעדנדיקער געצייג) זיך אונטערשיידן פון דעם פי, ווי אַן אינסטרומענטום סעמיוואָקאַלע (אַ שטים־באַגאַבטער אָבער ניט רעדנדיקער געצייג) און פון דעם טויטן אַרבעט־געצייג, וואָס איז אַן אינסטרומענטום מוטואום (אַ שטומער געצייג). ער גופא אָבער (דער באַלעבאָס) לאָזט פילן זיין פיך און אַרבעט־געצייג, אַז ער איז ניט זייער גלייכן, אַז ער איז אַ מענטש. דעם זעלבסט־געפיל פון זיין אונטערשייד פון זיי פאַרשאַפט ער זיך דורך דעם, וואָס ער „מיסהאַנדלט זיי און פאַרוויסט זיי קאָן אמאָרע״ („מיט אַ באַזונדערן חשק״)25).

קאַרל מאַרקס האָט אין זיין „עלנט דער פילאָסאָפיע״ אויך ניט באַהאַלטן פון דער וועלט דעם פאַקט, וואָס דער רוימישער באַלעבאָס פלעגט זיך מאָראַליש אויך ניט אָפּשרעקן צו טויטן און צו האַקן אויף שטיקלעך זיינעם אַ שקלאַף, כדי צו פיטערן מיט דעם די פיש אין זיינע פרודן, אויף וואָס ער האָט געהאַט אַ רעכט מצד דעם געזעץ.

געוויס קאָן מען דאָ אונדז דערמאָנען, אַז די גרויסע נפקא מינה צווישן דער שקלאַפן־באַהאַנדלונג אין יהודה און דער שקלאַפן־באַהאַנדלונג אין דער גריכיש־רוימישער וועלט לאָזט זיך אפשר דערקלערן דורך ריין עקאָנאָמישע און פאָליטישע אורזאַכן.

דער עקאָנאָמישער פונדאַמענט פון דעם יידישן לעבן אין יענער צייט איז געווען געבויט ניט אויף דער שקלאַפן־ווירטשאַפט, ווי אין גריכנלאַנד און רוים, נאָר דער עיקר אויף דעם פרייען פויערטום מיט אַ קלענערן און מיטעלערן לאַנד־באַזיץ: אין אַזאַ פאַל איז די פסיכאָלאָגישע גינציקייט פון דעם אַרבעטער צו דער אַרבעט איינע פון די הויפּט־באַדינגונגען פאַר אַ גוטער אַגראַרישער באַלעבאַטישקייט און מיט אַ מענטשן־פריינטלעכער באַהאַנדלונג האָט מען ביי די שקלאַפן געקאָנט אַרויסרופן אַזאַ גינציקייט.

און פּאָליטיש האָט זיך זיכער געלוינט מקרב צו זיין די שקלאַפן און געווינען זיי אויף דער זייט פון דעם יידישן פאָלק אין זיינע קאַמפן אַנטקעגן רוים.

עס איז אונדז אָבער קיינמאָל אויפן זין ניט אַרויף צו באַהויפּטן, אַז דער יידישער איבערוועוערט אויף דעם סאָציאַל־עטישן פעלד קאָן ניט דערקלערט ווערן דורך נאַטירלעכע אורזאַכן, הגם מיר גלייבן, אַז די ריין עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אומשטאַנדן אַליין זיינען דערצו ניט גענוג.

פאַר אונדזער ענין איז וויכטיק איינצוזען, אַז וואָס עס זאָלן ניט האָבן געווען יענע נאַטירלעכע אורזאַכן, זיינען זייערע רעזולטאַטן געווען אויסער־אָרדנטלעכע פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם „אתה־בחרתנו"־געדאַנק. זיי האָבן סאָציאַל־עטיש אויפגעהויבן דאָס יידישע פאָלק אויף אַזאַ הויכער מדרגה, אַז די אַנדערע פעלקער האָבן זיך בשום אופן ניט געקאָנט פאַרגלייכן מיט זיי.

ווען אַ באַוואוסטזיניקער ייד האָט פאַרגליכן דאָס יידישע לעבן מיט דעם ניט־יידישן אין דעם פּרט פון סאָציאַלער געזעצגעבונג, פון זאָרג פאַר די אָרעמע, פאַר די קינדער, פאַר די יתומות און אלמנות, פאַר די פרעמדע (גרים), וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אַ יידישער קהילה, האָט ער געמוזט קומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס עקזיסטירט אַ טיפער מאָראַלישער תהום צווישן דעם יידן און דעם ניט־יידן און אַז דער ייד שטייט אין דעם פּרט טורעם־הויך איבער אַלע אַנדערע פעלקער.

ניט אָן אַ גרונט האָט דעריבער דער תנא נחוניה בן הקנה, וועמען איינִיקע היסטאָריקער רעכענען צו צו די קנאים, אַליין אַ רייכער מאַן מיט אַ סך שקלאַפן, וואָס איז אָבער באַרימט געווען דורך זיין ווייכער האַרץ, פול מיט מחילה און סליחה, — ניט אָן אַ גרונט, זאָג איך, האָט ער אַרויסגעזאָגט זיין טיפסטע איבערצייגונג, אַז „גערעכטיקייט און גענאַד געפינט מען נאָר ביי יידן, ביי די איבעריקע פעלקער נאָר זינד"...26)

***

וואָרפן מיר אַן איבערבליק אויף דעם גאַנצן ענין פון דעם „אתה־בחרתנו״־גערדאַנק ביי דעם יידישן פאָלק און זיין ראָליע אין דעם נאַציאָנאַלן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, קומען מיר צו די פאָלגנדיקע רעזולטאַטן:

דער געדאַנק פון דער אייגענער אויסגעצייכנטקייט איז ביי דעם יידישן פאָלק געבאָרן געוואָרן אויס די זעלביקע אורזאַכן ווי ביי אַלע פעלקער: אויס דעם נאַציאָנאַלן קאַמף, אויס דער אומבאַקאַנטשאַפט מיט דעם פרעמדן, אויס דעם מאַנגל אין זעלבסט־קריטיק, אויס דעם אייגענעם נידעריקן אינטעלעקטועל־מאָראַלישן ניוואָ. ער האָט אויך ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער, זיך געשטאַרקט מיט דער נויטווענדיקייט פון דעם נאַציאָנאַלן קאַמף, און האָט פון זיין זייט געהאָלפן יענעם קאַמף.

אָבער אין זיין אַנטוויקלונג און זיין שפּעטערער אויסאַרבעטונג, האָט דער יידישער „אתה־בחרתנו״־געדאַנק זיך געגומען אונטערשיידן פון אַלע אַנדערע אין אַ סך זייער וויכטיקע פּרטים.

דער גראַד פון אומבאַקאַנטשאַפט מיט די פרעמדע איז ביי די יידן געוואָרן זייער אַ קליינער; די זעלבסט־קריטיק איז אַלץ מער און מער געוואַקסן גראַד אין יענע קרייזן, וואָס האָבן אַרויפגעטריבן דעם „אתה־בחרתנו״־געדאַנק אויף זיין העכסטן שפּיץ, פאַרבינדנדיק די עקזיסטענץ פון דעם יידישן פאָלק מיט דעם ווילן פון דער אַלוועלטלעכער איין־איינציקער גאָטהייט; דער אינטעלעקטועלער ניוואָ פון דעם יידישן פאָלק איז אויף דעם רעליגיעזן געביט געשטאַנען אַ סך העכער, איידער דער אינטעלעקטועל־רעליגיעזער ניוואָ פון אַלע אַנדערע פעלקער, אפילו פון די געבילדעטסטע צווישן זיי; און דער מאָראַלישער ניוואָ ווי דער סאָציאַל־עטישער האָט אָביעקטיוו, פון אַ ריין מענטשלעכן שטאַנדפּונקט, אויפגעהויבן דאָס יידישע פאָלק אויף אַזאַ הייך, אַז עס איז פאַר אים געוואָרן אוממעגלעך אַראָפּלאָזן זיך אין יענער נידער, אין וועלכער די פעלקער האָבן געלעבט. ער האָט געטרוימט וועגן אַ פאַראייניקונג מיט זיי אין איין מענטשהייט, אָבער נאָר אין יענער ווייטער צוקונפט, ווען זיי, די פעלקער, וועלן אָנדערקענען די געבאָטן און די לערן פון דעם יידישן גלויבן, און וועלן זיך אַ דאַנק דעם יידישן ביישפּיל אַליין דערהייבן צו דער זעלביקער סאָציאַל־עטישער הייך און צו דער זעלביקער רעליגיעזער געדאַנקען־קלאָרקייט.

אָט דער נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַוואוסטזיין, וואָס האָט געזען אין דער עקזיסטענץ פון דעם יידישן פאָלק אַ נויטווענדיקייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דעם פּרימיטיוון ענג־שאָוויניסטישן נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוואוסטזיין, וואָס קעמפט פאַר דער פאָלקס־עקזיסטענץ, כמעט ווי ריין סטיכיש, ריין אָרגאַניש.

אַ דאַנק אָט דעם נייעם, העכערן, פון אַ מענטשהייט־אידעאַל געטראָגענעם

גייסטיקן צופלוס, איז די זעלבסט־דערהאַלטונג ענערגיע פון אונדזער פאָלק געשטייגערט געוואָרן אין קאָלאָסאַלע מאַסן; מיר האָבן געקאָנט אויסשטיין אונדזער נאַציאָנאַלן קאַמף אפילו אונטער אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס האָבן אַנדערע פעלקער אין אונדזער לאַגע געפירט צו דעם פולן אונטערגאַנג.

ווי אַזוי און אַ דאַנק וועלכע אומשטענדן עס האָט זיך אויסגעבילדעט דער רעליגיעזער און מאָראַלישער איבערוועֶרט פון דעם יידישן פאָלק; ווי אַזוי און אין וועלכע פאָרמען דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיין באַוואוסטזיין; דורך וועלכע מיטלען דאָס פאָלק האָט געהאָפט זיך צו דערהאַלטן אין אַ פיינט־לעכן צעשטערנדיקן אַרום, ווי דאָס האָט געמוזט אַרויסברענגען אַ ריין גייס־טיקן קאַמף פאַר דער אייגענער עקזיסטענץ, און ווי דער אתה־בחרתנו־געדאַנק האָט געווירקט אָט אויף דעם ריין גייסטיקן קאַמף, — דאָס אַלץ דאַרף אַרויס־געבראַכט ווערן אין אַ באַזונדער אַרבעט.

# די תלמודישע געזעצגעבונג און די יידן־פאַרפאָלגונגען

## דער ערשטער פעריאָד

די יידיש־רעליגיעזע געזעצגעבונג, ווי זי איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אין דער משנה, איז געווען אַ קינסטלעך אויפגעבויטע גייסטיקע סביבה, וואָס האָט אויסגעקריסטאַליזירט די נאַציאָנאַלע פאָרמען פון דעם יידישן לעבן און האָט געצוואונגען יעדן יחיד פון דעם פאָלק זיך צוצופאַסן צו איר. דאָס איז דער רעזולטאַט צו וועלכן מען קומט, ווען מען פאָרשט טיפער אויס יענע מאָטיוון, וואָס האָבן אָנגעטריבן די אַנטוויקלונג פון דעם יידישן געזעץ אין דער צייט פון דעם בית־שני.

אויף אַזאַ אופן איז די פאַרגרעסערטע יידישע תורה געוואָרן אַ וואַנט, וואָס האָט אַרומגערינגלט דאָס פאָלק־לעבן פון אַלע זייטן, אַ וואַנט, וואָס זאָל אים אָפּטיילן פון אַלע אַנדערע פעלקער און פאַרהיטן פון צונויפגיסן זיך מיט זיי.

די געזעצגעבונג איז אָבער ניט געבליבן רוען אין יענע גרענעצן וועלכע די משנה האָט באַשטימט פאַר איר. זי האָט זיך אַלץ מער און מער אַנטוויקלט. דערביי האָט זיך יעדער נייער אַנטוויקלונגס־פעריאָד אָפּגעשיידט פון דעם פריערדיקן ניט אַזוי אין זיין קוואַליטעט, ווי אין זיין קוואַנטיטעט: ניט אַזוי דורך דער פאַרטיפונג פון דעם רעליגיעזן גלויבן און דער אויספיינערונג פון דער אינדיווידועלער און סאָציאַלער מאָראַל, ווי אין דער ווייטער־אויספאָרשונג פון נייע נאָרמען, מנהגים, גזירות און פאַרבאָטן.

די אמוראים האָבן ווייטער געשפונען דעם פאָדעם פון די תנאים. דאָס וואָס די אמוראים האָבן געשאַפן איז ווידער פונאַנדערגעצווייגט געוואָרן ביי די גאונים און שפּעטער ביי די רבנים פון דור צו דור, ביז טיף אין דעם ניינצנטן יאָרהונדערט אַריין, ווען די השכלה־באַוועגונג האָט אָפּגעשטעלט דעם גאַנצן פּראָצעס פון באַשאַפן אַלץ נייע און נייע חומרות פאַר דעם יידן.

סוף־כל־סוף האָט אָט די רעליגיעזע געזעצגעבונג באַקומען די פאָרם פון אַ געדיכטער נעץ, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס לעבן פון יעדן איינצלנעם יידן פון אַלע זייטן אַזוי, אַז ביי זיין יעדן קער און ריר האָט ער געמוזט פילן איר צוריקהאַלטנדיקע קראַפט.

דער יידישער געזעץ האָט ניט געקאָנט בלייבן שטיין ביי דער משנה; עס איז קלאָר, אַז עס האָבן געמוזט עקזיסטירן קרעפטן, וואָס האָבן אים אָנגעטריבן צו גיין פאָראויס, וואָס האָבן אים געצוואונגען אויסצושפּרייטן די רעליגיעזע רעגלאַמענטאַציע ביז צו די אויסערסטע גרענעצן פון דער מעגלעכקייט.

וואָס זיינען דאָס געווען פאַר אַ קרעפטן?

מען מוז לכתחילה אָננעמען אַז אַ פולע פון די מאָטיוון, וואָס האָבן אַרויסגערופן אין לעבן די תורה שבעל־פה בכלל, האָבן ניט פאַרלאָרן זייער ווירקונגס־קראַפט אויך נאָך דעם אָפּשלוס פון דער משנה.

גאַנץ זיכער האָט אויך נאָך דער משנה־צייט געווירקט דער מאָמענט פון דעם כמעט אויטאָמאַטישן ווייטער־שפּינען פון לעבנס־פאָרמען, — ווי מען באַמערקט דאָס ביי אַ סך אָריענטאַלישע פעלקער, — דער מאָמענט פון זיך ווייטער טראָגן מיט יענעם גייסטיקן אימפּעט און אין יענער ריכטונג, אין וועלכער מען האָט זיך געטראָגן ביז אַהער.

געווירקט האָט אויך ווייטער די רעליגיעזע „היסטעריע", דער ציטער, טאָמער וועט חלילה אָנגערירט אַ קלאָרער געטלעכער פאַרבאָט, ווי דער ציטער פון דעם היסטעריע־קראַנקן, וואָס וועט אין זיין דיעט זיך גיכער אָפּזאָגן פון אַ סך פון דעם, וואָס ער מעג עסן, כדי ניט צו קאָנען אפילו אַ שמעק טאָן דאָס, וואָס דער דאָקטאָר האָט פאַרווערט.

פריער האָט מען געציטערט אָנצורירן דעם חומש, דעם אסור מדאוריתא, דערנאָך האָט מען מורא געהאַט אַריבערצוטרעטן זיין שוץ־וואַנט אין דער משנה. דערנאָך איז שוין געוואָרן געפערלעך צו קומען אין אַ קאָנפליקט מיט אַ בפירושן דין אין דער גמרא, און לסוף איז מיט דעם זעלביקן שרעק אַרומגערינגלט געוואָרן אַ וואַסער עס איז דין אין דעם „שולחן־ערוך".

אָבער פונקט ווי ביי דער אַנטוויקלונג פון דער משנה קאָן אויך דאָ קאָנסטאַטירט ווערן, אַז דאָס לעבן איז אַלע מאָל געווען שטאַרקער אפילו פאַר דעם קלאָרסטן דין און דעם קלאָרסטן פסוק.

אַ סך צווייגן פון דער תורת־משה, וואָס האָבן זיך פיין פונאַנדערגעוואַקסן אין דער משנה, זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן אין זייער אַנטוויקלונג אָדער איינגעדאַרט אָדער כמעט אינגאַנצן אַראָפּגעפאַלן, אַ דאַנק די נייע אומשטענדן פון

דעם לעבן. אַזוי זיינען, צ״ב, די געזעצן פון די קרבנות און פון טומאה וטהרה (ריין און אומריין) אין דער שפּעטערדיקער געזעצגעבונג כמעט ווי אינגאַנצן אויסגעוואָרצלט געוואָרן; און ווי וואָלט מען זיי גאָר געקאָנט אָפּהיטן אין חוץ־לארץ, וואו קרבנות זיינען געווען פאַרווערט און וואו די לענדער גופא זיינען פאַרשריען געוואָרן פאַר אומריין!

אויסגעוואָרצלט זיינען געוואָרן די געזעצן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט דעם יידישן אַגראַר־לעבן, ווייל די אַגראַר־ווירטשאַפט האָט בכלל גע־נומען שפּילן אַן אַלץ קלענערע און קלענערע ראָליע אין דער יידישער וועלט.

פאַרדאַרט איז געוואָרן די גאַנצע הומאַניטאַרע סאָציאַלע געזעצגעבונג, ווייל דער ייד האָט אויפגעהערט צו זיין אַ באַלעבאָס אויף זיין אייגענעם עקאָנאָמישן לעבן און האָט זיך אין דעם פּרט געמוזט לאָזן טרייבן פון די סטיכישע שטרעמונגען, וואָס האָבן געהערשט אין דער אים־פרעמדער נאַ־ציאָנאַלער סביבה, און האָבן אים געטריבן עובר צו זיין אויף בפירושע „לאווין״ פון דער תורה און בפירושע דינים פון דער משנה. יענע קלאָרע פאַרבאָטן האָבן אויפגעהערט צו זיין פאַר אים אַן עבירה, — ווי, צ״ב, דער געלט־געשעפט און דאָס געבן געלט אויף פּראָצענט.

פון דער אַנדער זייט האָט דער היסטעריש־רעליגיעזער ציטער — אין פלוג — ניט געקאָנט האָבן קיין ברעקל באָדן אונטער די פיס דאָרטן, וואו עס האָט פאַר אים געפעלט אַ וועלכער עס איז וואָרצל אין דער תורה. און פונדעסטוועגן זעען מיר, אַז אויך אַזעלכע דינים באַווייזן זיך פּלוצלונג אין דער יידישער געזעצגעבונג, אַז זיי הייבן זיך אָן טראָגן מיט זייער אייגענעם אויטאָמאַטיש־גייסטיקן אימפּעט; אַז זיי ווערן פונאַנדערגעצווייגט און פונאַנ־דערגעריטלט; און אַז יעדער צווייגל און יעדער ריטל הייבט אָן ארויסרופן צו זיך דעם כאַראַקטעריסטישן היסטעריש־רעליגיעזן ציטער.

דער בעסטער ביישפּיל פאַר אַלע אַזעלכע געזעצן איז אפשר דער דינים־רייכער אָפּטייל פון בשר וחלב.

עס איז אין משהס תורה ניטאָ קיין איינציקער פּסוק, וואָס זאָל קאָנען דינען ווי אַ לאָגישער קערנדל, פון וועלכן אָט דער גאַנצער „בשר בחלב״ בוים זאָל האָבן געקענט אַרויסוואַקסן. געוויינלעך ווערט אָט די געזעצגעבונג געשטיצט אויף אַ פּסוק, וואָס ווערט צוויי מאָל איבערגעחזרט אין חומש: „לא תבשל גדי בחלב אמו״ („זאָלסט ניט קאָכן קיין ציגעלע אין דער מילך פון זיין מוטער״).

דער טעם פון יענעם פאַרבאָט איז נאָך גאָר אין די פריסטע צייטן אינגאַנצן פאַרלאָרן געגאַנגען: עס קאָן זיין, ער איז געווען פון אַ צערטלעך־פּסיכאָלאָ־

גישער אַרט, פון אַ „צער בעל־החיים"־נאַטור, וואָס האָט ניט געקאָנט אַריי־ בערטראָגן די באַרבאַריי, אַז אַ יונג ציקעלע זאָל נאָך געקאָכט ווערן אין זיין אייגענער מוטערס מילך. עס קאָן זיין, דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ וועלכן עס איז אָבערגלויבן אָדער מיט אַ מנהג פון אַ פרעמדן רעליגיעזן קולט, פון וועלכן מען האָט געוואָלט פאַרהיטן די יידן, און אפשר איז, ווי מיר דוכט, אויך ניט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס איז גאָר געווען ניט מער ווי אַ ווערטל, אַ רעדנס־אַרט, מיט אַ וועלכן־עס־איז לאָגישן אָדער מאָראַלישן זין, וואָס האָט זיך שוין לאַנג אויסגעוועפּט. דאָס האָט געקאָנט, צ"ב, אפשר מיינען: „פאַרוועגד ניט אַזוינע זאַכן, וואָס דאַרפן שפּייזן עפּעס, מיט אַזעלכע מיטלען, וואָס העלפן עס צו צעשטערן".

על־כל־פנים איז דער פאַרבאָט, — אויב דאָס איז געמיינט געווען ווי אַ פאַרבאָט — אַרומגעגרענעצט קלאָר פון אַלע זייטן: נאָר אין דער אייגענער מוטערס מילך טאָר דאָס ציקעלע ניט געקאָכט ווערן. ער פאַרווערט בשום אופן ניט עס זאָל געקאָכט ווערן אין אַן אַנדער ציגס מילך, אָדער זאָל געגעסן ווערן מיט דער ניט־געקאָכטער מילך פון דער אייגענער מוטער.

עס איז ניטאָ קיין איין לאָגישע מעגלעכקייט אַרויסצודרינגען דערפון, אַז פלייש און מילך אין איינעם זיינען „טריף". דער אַרויסדרונג איז אָבער געמאַכט געוואָרן, און דערפון האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנצע סדרה פון דינים און חומרות, וואָס האָבן זיך געפּרוכפּערט און געמערט פון פעריאָד צו פעריאָד.

נאָך אין די צייטן פון די אמוראים האָבן אין געוויסע געגנטן פרומע יידן ניט פאַרווערט צו עסן הון מיט פּוטער. שפּעטער איז אויסגעבילדעט געוואָרן דער אַלגעמיינער באַגריף „פלייש‌יקס", וואָס האָט שוין אַריינגענומען אין זיך אויך עופות, און דער אַלגעמיינער באַגריף „מילכיקס", וואָס האָט איינגעשלאָסן אין זיך אַלע פּראָדוקטן פון מילך. נאָך שפּעטער זיינען אָט די באַגריפן פאַרשפּרייט געוואָרן אויף די כלים, אין וועלכע זיי ווערן געקאָכט אָדער סערווירט, אַזוי אַז דער ייד האָט געדאַרפט געברויכן דריי אַרטן פון געשיר: פלייש‌יקע, מילכיקע און פּאַרעווע. ביי די האָלענדער יידן צווייגט זיך די „געשיר־עוואָלוציע" פונאַנדער נאָך אין אַ פערטן מין: „פישיקס", וואָס טאָר ניט צונויפגעמישט ווערן ניט מיט „פלייש‌יקס", ניט מיט „מילכיקס" און ניט מיט „פּאַרעווע".

און אַזוי איז דאָס ביסלעכווייז געקומען, אַז אַ פרומער ייד דערשפּירט אַ רעליגיעז־היסטערישן ציטער, ווען ער דערוויסט זיך, אַז זיין „פלייש‌יקער" סוף איז אים אין טעלער אַריינגעגאָסן געוואָרן מיט אַ „מילכיקער" לעפל, און

עס וואַקסט פאַר אים אויס אַ „שאלה״, צי זיינען „כשר״ אי דער סוף, אי דער טעפל, אי דער טעלער, אי די לעפל.

קוקט מען פון דער זייט אויף אַזעלכע משונהדיקע דינים, וואָס האָבן קיין ברעקל אַנהאַלט ניט, ניט אין דער תורה, ניט אין דער היגיענע, ניט אין דער לאָגיק און ניט אין דער מאָראַל, מוז איינעם אַרויף אויפן זין דער געדאַנק, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט דעגענערירטע מענטשן, — בלינדע און נאַרישע, — וואָס האָבן פאַרלאָרן יעדן פונק פון אַ קלאָרן קריטישן געדאַנק און לאָזן זיך פירן פאַרן נאָז פון זייערע רבנים און לומדים; די רבנים ווידער שפּינען זייערע רעליגיעזע נעצן ניט מחמת קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אויס אַ בלינדן און אַ נאַרישן אינסטינקט ווייטער צו שפּינען, אָדער, ריכטיקער, ווייטער פונאַנדערצודריבלען אַ ענין, וואָס איז צופעליק אַריינגעפאַלן אין זייער לאָגישער דריבל־מאַשין, וועלכע רופט זיך: דער יידישער גמרא־קאָפּ.

אַזאַ בליק אויפן ענין טאָר אָבער ניט האָבן דער, וואָס באַטראַכט די זאַך פון אינעווייניק, וואָס ווייסט, אַז צווישן די רבנים און לומדים, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דער דריבל־אַרבעט, זיינען געווען גאָר גרויסע מוחות מיט אַ צו באַוואונדערנדיק קריטישן געדאַנק; אַז גרויסע יידישע פילאָסאָפישע דענקער און פאָרשער, וואָס זיינען גוט באַקאַנט געווען מיט די פרייע געדאַנקען פון זייער צייט, האָבן זיי געהאָלפן אין אָט דער דריבל־אַרבעט, אָדער געזוכט פילאָסאָפישע ריין־שכלדיקע טעמים, ווי אַזוי צו פאַרענטפערן זיי פון אַ קלאָרן מענטשלעכן שטאַנדפּונקט.

פאַר אַזאַ פאָרשער מוז נאָך שאַרפער אַרויסוואַקסן די פראַגע: וואָס איז געווען די קראַפט, וואָס האָט אַנגעטריבן אָט די קליינלעכע שפּינוועב און דריבל־אַרבעט ביי אַזאַ באמת גאָרניט קיין נאַרישן פאָלק, ווי דאָס יידישע?

אַ ענטפער אויף דער שאלה האָבן געזוכט צו געבן די געשיכטס־שרייבער און פּובליציסטן פון דעם אַסימילאַציע־פּעריאָד אין אונדזער לעבן.

זיי האָבן ריכטיק געשפּירט, אַז די גרעסטע מניעה אין דער פּאַרווירקלעכונג פון זייער אידעאַל, — די צונויפגיסונג פון דעם יידישן פאָלק מיט די אַרומיקע פעלקער, — ליגט אין דער איזאָלירטקייט פון דעם יידישן פאָלק, אין זיין אינעווייניקסטער אָפּגעשלאָסנקייט פון דעם אַרומיקן לעבן, און אַז אָט די אינעווייניקסטע אָפּגעשלאָסנקייט איז אַ פּראָדוקט פון דער אַלץ מער און מער אָנגעוואַקסענער תלמודיש־רבנישער געזעצגעבונג, וואָס שטייט ווי אַ וואַנט צווישן יידן און ניט־יידן.

זיי האָבן זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די איזאָלירטקייט און איינגעשלאָסנקייט זאָל האָבן געלעגן אָדער זאָל נאָך קענען ליגן אין דעם דירעקטן

ווילן פון דעם פאָלק גופא; די אורזאַכן דערפון האָבן זיי דעריבער געזוכט אין די פאַרפאָלגונגען, גירושים און דער רעכטלעכער אונטעריאָכונג, וואָס די יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין מצד די פעלקער. די זעלבסט־איזאָלירונג פון דעם יידישן פאָלק אין דעם ענגן נעץ פון זיין געזעצגעבונג איז געווען, נאָך זייער מיינונג נאָך, ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר דער אומפאַרמיידלעכער ענטפער פון דער יידישער פסיכאָלאָגיע אויף די אומצייליקע אומגערעכטי־קייטן, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף אונדזער קאָפּ, — אַן ענטפער, וואָס וואָלט בשום אופן ניט געקאָנט האָבן קיין פּלאַץ, ווען די פעלקער וואָלטן זיך באַ־גאַנגען מיט אונדז אויף אַן איידעלן מענטשלעכן אופן.

אַזוי שרייבט דער תמיד ערלעכער און זייער אָפט טיף־דענקענדיקער רוסיש־יידישער פּובליציסט, אליהו אָרשאַנסקי, בזה הלשון: „היות ווי די יידישע רעליגיע איז ניט נאָר ניט געשיצט אָדער לכל־הפּחות געווען אַנדערקענט פון דעם שטאַט, נאָר איז נאָך אָפן און שטענדיק פאַרפאָלגט געוואָרן, איז דאָס ניט קיין חידוש, וואָס די יידן האָבן מער פון אַלץ אַנגעווענדט די קראַפט פון זייער גייסט אויף דער אָפּהיטונג פון אַט דער זייט פון זייער עקזיסטענץ. די גאַנצע ענערגיע פון דעם יידישן פאָלק, די גאַנצע קראַפט פון זיין דענקען האָט זיך אַ קער געטאָן אויף דעם ציל, צו דערהאַלטן די רעליגיעזע ירושה, וואָס זיי האָבן באַקומען פון זייערע עלטערן" 26א).

אין דעם זעלביקן זין דריקט זיך אויס אויך דער פראַנצויזישער אַסימי־ליאַטאָר, איסידאָר לעב. עס ווערט אַנגעוויזן, זאָגט ער, אַז „די יידן שטרעבן צו בילדן אַן אָפּגעזונדערטע נאַציע, וואָס זאָל זיין איזאָלירט, לויט אירע מנהגים, איר שפּראַך, אירע נייגונגען, איר פאַרלאַנג צו באַגרינדן אין ירושלים אַ יידישע ממשלה". מיר גלייבן ניט, אַז אַט די אַלע אויפשטעלונגען זאָלן האָבן אַ וועלכע־עס־איז וויכטיקע ממשות. צום גרעסטן טייל זיינען זיי פאַלש, טיילוויז זיינען זיי אָבער באַגרינדעט אויף פאַקטן, וואָס קומען אַרויס ווי אַ פּועל־יוצא פון הונדערט־יאָריקע פאַרפאָלגונגען 26ב).

אַזאַ בליק אויף דעם ענין איז שוין פון לאַנג געוואָרן אַ „הנה ידוע" אין דעם אַסימילאַטאָרישן געדאַנקען־גאַנג, און עס איז קיין חידוש ניט, וואָס דער אַסימילאַטאָר האַלט זיך פאַר אים אַזוי שטאַל און אייזן.

דער געדאַנק איז אינעווייניקסט פאַרבונדן מיט דעם אַנדער „הנה ידוע" פון דער אַסימילאַטאָרישער פּובליציסטיק, אַז דער אַנטיסעמיטיזם און די פאַרפאָלגונגען זיינען פון זייער זייט געווען — ביז צו אַ געוויסן זייער וויכ־טיקן גראַד, — אַ פּראָדוקט פון דער יידישער אָפּגעשלאָסנקייט און איזאָלירט־קייט, — אַ פּראָדוקט, וואָס וועט פאַרשווינדן, ווי נאָר די יידן וועלן אַרויס

פון זייערע אייגענע ד׳ אמות, ווי נאָר זיי וועלן אָפּרייסן זייערע פאַרבינדונגען מיט דעם צוויי־טויזנט יאָריקן עבר און וועלן זיך בלב ונפש אַנשליסן אָן דעם לעבן פון די פּראָגרעסיווע פעלקער, וואָס איז אויסגעוואַקסן אונטער באַדינ־גונגען אַ סך גינסטיקערע פאַר דער מענטשלעכער קולטור און לויט אַ גאַנץ אַנדערן, פיל־העכערן טיפּ.

אַט די צווייטע „הנה ידועס״, אַז די יידישע איזאָלירטקייט שטאַמט פון די פאַרפאָלגונגען און אַז די פאַרפאָלגונגען שטאַמען פון דער יידישער איזאָ־לירטקייט, זיינען ניט קיין כישוף־קרייז, ווי דאָס דוכט זיך אויף דעם ערשטן בליק, נאָר שטעלן מיט זיך פאָר, אַזוי צו זאָגן, אַ לאָגישע ספּיראַל וואָס דרייט זיך אין אָן אַלץ גרעסערן פאַרנעם אַרום איין און דעמזעלביקן צענטראַל־פּונקט: די פאַרפאָלגונגען האָבן אַרויסגערופן די איזאָלירטקייט; די איזאָלירטקייט האָט פאַרשטאַרקט די פאַרפאָלגונגען; די פאַרשטאַרקטע פאַרפאָלגונגען האָבן ענ־גער געמאַכט די איזאָלירקייט; די פאַרענגערטע איזאָלירטקייט האָט נאָך מער פאַרשאַרפט די פאַרפאָלגונגען; און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער, אין אָן אַלץ שנעלערן און אינטענסיווערן טעמפּאָ.

דער איינציקער אויסוועג פון דעם כישוף־ספּיראַל איז, אַז דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן, זאָל זיין אויך דער ערשטער, וואָס וועט אויפהערן; זאָל מען אָפּשטעלן די פאַרפאָלגונגען, וועלן מיר זיך נעמען דרייען צוריק און זיך אָפּזאָגן פון אונדזער איזאָלירטקייט און אונדזער נאַציאָנאַלן זיין בכלל.

מיט דעם צווייטן „הנה ידוע״, — אַז די פאַרפאָלגונגען ווערן אַרויסגע־רופן פון דער יידישער אָפּגעשלאָסנקייט, — קומט מען צו דעם יידישן פאָלק, כדי פאַרצוגרייטן אים פאַר דער אויפגאַבע, וואָס אים שטייט פאָר, אין אַ צייט, ווען די פאַרפאָלגונגען האַלטן שוין, ווי מען האָט געגלייבט, ביים פאַר־שווינדן. אָבער מיט דעם ערשטן „הנה ידוע״, —אַז די יידישע איזאָלירטקייט איז אַ פּסיכאָלאָגישע רעאַקציע פון דעם יידישן פאָלק אויף די פאַרפאָלגונגען מצד דער פיינטלעכער סביבה, — ווענדט מען זיך צו די אומות העולם.

„איר באַשולדיקט אונדז, אַז מיר ווילן מיט אייך קיין מגע ומשא ניט האָבן; אַז מיר זיינען פאַרקראָכן אין אַ פינצטערער הייל פון מיטלאַלטערלעכע אָבער־גלויבנס און ווילן ניט אָנקוקן די ליכטיקע זון פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פּראָגרעס; אַז מיר זיינען פינצטערלינגען און פאַנאַטיקער. אָבער ווער איז שולדיק אין דעם? אייער אַרט באַהאַנדלען אונדז, אייערע גזירות און רדיפות אויף אונדז האָבן אונדז פאַרטריבן אַהין״. אַזוי נעמט אויף דעם ענין די פאַראינטערעסירטע פּובליציסטיק פון דעם אַסימילאַטאָרישן לאַגער.

אַן אָביעקטיווער פאָרשער אָבער דאַרף זיין פריי פון דער אָדער יענער פובליציסטישער טענדענץ. ער דאַרף זען אויסגעפינען די אמתע אורזאַכן, וואָס האָבן געפירט צו דעם שטענדיקן אַנוואַקסן אין דער הייך און אין דער דיק פון יענער וואַנט, וועלכע האָט אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן דאָס יידישע פאָלק און האָט עס איזאָלירט פון דער איבעריקער מענטשהייט. אַזאַ פאָרשער וועט זיך מוזן זייער פאָרזיכטיק באַגיין מיט דעם געדאַנק, אַז די גאַנצע אַנט־וויקלונג פון דער יידישער געזעצגעבונג איז געווען אַ פּראָדוקט נאָר פון די אויסערלעכע פאַרפאָלגונגען.

געוויס מוז מען צוגעבן, אַז די רדיפות און אָפּטמאָל שחיטות, וואָס זיינען אויסגעפאַלן אויף דעם גורל פון אונדזער פאָלק פאַר זיין יידישן גלויבן, האָבן געמוזט נאָך שטאַרקער מאַכן די איבערגעבנקייט צו אים ביי יענע מענטשן, וואָס האָבן אין אים געזען דעם אַבסאָלוטן געטלעכן אמת און דעם העכסטן אידעאַל פון אַ מענטשלעך לעבן. מיינונגען און איבערצייגונגען האָבן אַ חוץ זייער לאָגישן אָביעקטיוון ווערט, נאָך אַ סוביעקטיוון פּרייז, און אַן איבער־צייגונג ווערט איינעם אַלץ טייערער, וואָס מער ער דאַרף צאָלן פאַר איר, וואָס מער קרבנות ער דאַרף ברענגען אין איר נאָמען.

אָבער על־כל־פנים האָט דאָך יענע איבערצייגונג געמוזט באַקומען אַ געוויסן ווערט, נאָך איידער מען האָט געגומען רודף זיין פאַר איר. איז וואו איז די גאַראַנטיע, אַז ווען מען וואָלט זי געלאָזן צורו, וואָלט זי פאַרשוואונדן פון זיך אַליין?

צוויי זאַכן טאָר מען דערביי ניט אַרויסלאָזן פון אויג.

עס איז גאַנץ קלאָר, אַז ווען מען פאַרגלייכט די שולחן־ערוך־פאַרשריפטן וואָס רעגולירן דאָס יידישע לעבן, מיט די פאָדערונגען פון אַ געזונטן אויפגע־קלערטן ראַציאָנאַליזם, פאַרלירן זיי כמעט אַלע יעדן שכלדיקן זין. כדי צו לעבן אַ קלוגן, חשובן, ריין־מענטשלעכן לעבן איז אַבסאָלוט ניט נייטיק אָפּ־צוהיטן די דינים פון דער יידישער רבנישער רעליגיע. אָבער ווען און וואו האָט דאָס יידישע פאָלק געזען אין דעם אַרום אַ פאָלקס־לעבן, וואָס זאָל זיין געגרינדעט אויף די פאָדערונגען פון דעם ריינעם מענטשלעכן שכל?

אויך די איבעריקע פעלקער האָבן געלעבט און לעבן נאָך עד־היום — אַ רעליגיעז לעבן, וואָס איז נאַרמירט מיט אַ סך אומגעלומפּערטע גלייבונגען, מנהגים און דינים, וועלכע פּאַטשן אין פנים דעם קלאָרן געדאַנק פון דעם מענטשן. אין פאַרגלייך מיט זיי איז דער יידישער „שולחן־ערוך" ניט אַ ברעקל מער אומגעלומפּערט און פאַרדרייט. פון אַ לאָגיש־ראַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט האָט סיי די רעליגיע פון דעם יידישן רב, סיי די רעליגיע פון דעם קאַטוילישן

גלח דעם זעלביקן טעם און ריח, ווי דאָס האָט שוין אויסגעפונען די שיינע דאָנאַ אין היינריך היינעס באַרימטער פּאָעמע „דער וויכוח".

אין דעם פּרט פון ראַציאָנעלער לאָגיק באַשטייט דער גאַנצער חילוק צווישן דער יידישער רעליגיעזער געזעצגעבונג און דער קריסטלעכער, — אָדער דער מאַכמעדאַנישער, — אין דעם, וואָס דער ייד האָט אַ סך מער אַזעלכע אומגעלומפּערטקייטן, איידער יענע. עס איז אַ ריין־קוואַנטיטאַטיווער אונטער־שייד. און אויב מען שטעלט זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט, אויף וועלכן די גאַנצע רעליגיעז־לעבנדיקע מענטשהייט שטייט, אַז דער רבונו־של־עולם פאַר־לאַנגט פון דעם מענטשן אַזעלכע מעשים, וואָס האָבן קיין ברעקל מענטש־לעכן זין ניט, דאַרף די יידישע רעליגיע אין די יידישע פרומע אויגן שטיין נאָר אויף אַ העכערער מדרגה, איידער זיי, ווייל זי פאַרקערפּערט אין זיך אַ סך מער גאָט־געפעליקן אומזין, איידער זיי.

און אַ צווייטע זאַך טאָר מען דערביי ניט אַרויסלאָזן פון אויג. ביי אָט די אַלע באַשולדיקונגען וועגן דער יידישער אָפּגעשלאָסנקייט און דעם יידישן רעליגיעזן פאַנאַטיזם באַהאַנדלט מען אונדזער פאָלק, ווי אַן איינגעעקשנטע פאַרפינצטערטע סעקטע, וואָס שטייט מחוץ דער גייסטיקער באַוועגונג פון דער מענטשהייט: לאָמיר זאָגן, ווי די רוסישע „ראַסקאָלניקעס", וואָס האָבן זיך אָפּגעשיידט פון דער וועלט און געלעבט אין די טיפע וועלדער, ווייט פון אַ מענטשלעכן ישוב, אָדער ווי אַ באַוועגונג ביי אַן אומוויסנדיקן שבט ערגעץ־וואו אין די קאַווקאַזער בערג, אָדער אין די אַראַבישע מדבריות.

מען פאַרגעסט, אַז מען האָט דאָ צו טאָן ניט מיט קיין סעקטע, נאָר מיט אַ פאָלק, און מיט אַזאַ פאָלק, וואָס איז דורך זיינע געלערנטע און זיינע דענ־קער געשטאַנען, מיט דעם אויסנאַם פון אַ פּאָר קורצע עפּאָכן, אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דעם פּראָגרעסירנדיקן פרייען גייסט פון דער מענטשהייט, — געלערנטע, וואָס האָבן אַליין ניט ווייניק געהאָלפן דעם גאַנג פון דער מענטש־לעכער גייסטיקער אַנטוויקלונג; אַז אין דעם יידישן לעבן גופא האָבן ניט איין מאָל אויסגעבראָכן העפטיקע פּראָטעסטן אַנטקעגן דער אַלץ וואַקסנדיקער רעליגיעזער איזאָלירונג פון דעם אָרום, — פּראָטעסטן און פריי־גייסטיקע באַוועגונגען, וואָס האָבן געוואָלט אונטערגראָבן די יסודות גופא פון דעם יידישן גלויבן אין דעם נאָמען פון דעם פרייען מענטשלעכן פאָרשן, — און אַז די אַלע פּראָטעסטאַנטישע באַוועגונגען אין דעם יידנטום, האָבן ביז דעם ניינצנטן יאָרהונדערט געהאַט איין און דעם זעלביקן אָפּשניט: זיי זיינען אַרויסגעשליידערט געוואָרן פון דער יידישער מחנה און זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן אין דעם ניט־יידישן דרויסן און — וואָס עס איז נאָך וויכטיקער — מען

טאָר קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז דער טריאומף פון דעם רבנישן יידנטום איבער אַלע פריי־גייסטיקע באַוועגונגען איז אַלע מאָל דור׳כגעפירט געוואָרן אַ דאַנק דער גייסטיקער אַרבעט גראָד פון יענע געלערנטע און דענקער, וואָס זיינען געשטאַנען אין דעם נאָענטסטן קאָנטאַקט מיט דער פּראָגרעסירנ־דיקער מענטשהייט.

דער גאַנצער ענין דערקלערט זיך אָבער זייער פשוט, ווען מען זעט איין, אַז די אַנטוויקלונג פון דעם רבנישן יידנטום איז געווען דער איינציקער מיטל, ווי אַזוי צו דערהאַלטן די יידישע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ. אָט פאַרוואָס עס האָט ביז צו דעם מיטן פון דעם ניינצטן יאָרהונדערט, — ביז צו דעם פולן טריאומף פון דעם פרייען געדאַנק, גאַרניט געקאָנט געמאָלט זיין, דאָס יידישע פאָלק זאָל אַרויסגיין פון הינטער זיין רעליגיעזער פעסטונג, אָדער אויפהערן ווייטער אויסצובויען זי און צו פאַרשטאַרקן זי, — יע פאַרפאָלגונגען אָדער ניט פאַרפאָלגונגען.

אָבער אָט דער פונקט — די ווירקונג פון די פאַרפאָלגונגען אויף דעם אויפבוי פון דער יידישער רעליגיעזער געזעצגעבונג — איז פאַר דער פאַר־שטענדעניש פון דער יידישער געשיכטע פון אַזאַ פונדאַמענטאַלן באַדייט, אַז מיר מוזן אים באַטראַכטן באריכות ניט נאָר פון אַן אַפּריאָרישן שטאַנדפונקט, נאָר אויך אין דעם ליכט פון די היסטאָרישע פאַקטן און פון יענע טיילווייזע אויספירן, וועלכע די יידישע געשיכטס־שרייבער האָבן געמאַכט אויפן סמך פון די ווירקלעכע פאַסירונגען אין דעם לעבן פון אונדזער פאָלק. וואָס דער־ציילן אונדז יענע פאַקטן און יענע אויספירונגען?

## די אמוראים און די רבנן סבוראי

לאָמיר אָנהייבן גאָר פון אָנהייב, מיט דער צייט פון בר־כוכבאס אויפ־שטאַנד וואָס זיין דערשטיקט־ווערן האָט געמאַכט אַ פאַקטישן סוף צו דער יידישער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט.

אַ יאָר פינף נאָך יענעם אויפשטאַנד, אין דעם יאָר 138 נ. ק., האָט די רוימישע קיסר־קרוין אָנגעטאָן אויף זיין קאָפּ אַנטאָנינוס — „דער גערעכט־שאַפענער״, וואָס איז געווען זייער פריינטלעך צו דעם יידישן פאָלק, און וואָס האָט אָפּגעפּנט מיט זיך אַ סדר פון רוימישע קיסרים, וועלכע האָבן זיך ווייניק וואָס אַריינגעמישט אין דעם אינעווייניקסטן לעבן פון אונדזער פאָלק. אַזאַ זייער גינסטיקע לאַגע האָט אָנגעהאַלטן אַ פאַר יאָרהונדערט נאָכאַנאַנד, ביז צו דעם ערשטן קריסטלעכן אימפּעראַטאָר קאָנסטאַנטין (315), וואָס האָט

שוין גענומען באַשרענקען די יידן אין אייניקע זייערע רעכט. פון קאָנסטאַנטינס צייטן אָן ווערט די יידישע לאַגע ניט אַזאַ תמיד גינסטיקע, ווי פריער. זי הייבט אָן אָפּצוהענגען פון די קאַפּריזן און שטימונגען פון די רוימישע הערשער: די מילדע געזעצן ווערן פאַרביטן אויף שטרענגערע, די שטרענגע טרעטן ווידער אָפּ זייער פּלאַץ פאַר מילדערע, און אַזוי כסדר (126).

אָבער אויך די שטרענגסטע געזעצן אָנטקעגן די יידן זיינען ניט גע־גאַנגען ווייטער, ווי ביז צו געוויסע באַגרענעצונגען, וואָס האָבן געטראָגן אַ גאַנץ ספּעציעלן כאַראַקטער. זיי האָבן אָנגערירט נאָר אַ קליינע יידישע מינאָריטעט און האָבן בשום אופן ניט געהאַט צו טאָן ניט מיט די סאָציאַלע און ניט מיט די רעליגיעזע אינטערעסן פון דעם יידישן פאָלק (די פּאָליטי־שע אינטערעסן זיינען האָבן שוין צו יענער צייט אינגאַנצן געדאַרפט אַרויס־פאַלן פון דעם חשבון).

אַזוי איז אינעם יאָר 336 פאַרוועררט געוואָרן מגייר צו זיין קריסטלעכע שקלאַפן, אונטער דער שטראָף פון זייער באַפרייאונג. שפּעטער האָט מען אינגאַנצן פאַרבאָטן צו באַזיצן קריסטלעכע שקלאַפן, אָבער האַנדלען מיט שקלאַפערײַ, — אפילו מיט קריסטלעכע שקלאַפן, — האָט מען געמעגט. קריסטן, וואָס פלעגן אַריבערגיין צו דעם יידישן גלויבן, פלעגן באַשטראָפט ווערן דערפאַר מיט קאָנפיסקאַציע פון זייער גאַנצן אייגנס, — אַ גזירה, וואָס האָט אייגנטלעך גאָרניט צו טאָן מיט דעם יידישן פאָלק.

בדרך כלל איז די יידישע רעליגיע געשטאַנען אונטער דעם שוץ פון דעם געזעץ, וואָס האָט געהאַלטן אין צוים די פאַנאַטישע קריסטלעכע גייסט־לעכקייט.

אין דעם יאָר 418 האָט דער קיסר האָנאָריוס אויסגעשלאָסן די יידן פון דער מיליטער־דינסט און דעם שטאַטס־דינסט. מען האָט אָבער ניט אָנגעגריפן זייערע איבעריקע בירגערלעכע רעכט, און זיי האָבן זיך געקאָנט באַטייליקן אין דער אַדוואָקאַטור און דער אַלגעמיינער זעלבסט־פאַרוואַלטונג — אַ לאַגע וואָס איז על־כל־פנים ניט אַזאַ שווערע (איך רייד דאָ אפשר פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַן אַמאָליקן רוסישן יידן), אַז דאָס פאָלק זאָל דאַרפן רעאַגירן אויף איר מיט איינגעשלאָסנקייט און אָפּגעזונדערטקייט.

און פונדעסטוועגן איז גראָד אָט דער פּעריאָד, — און דער עיקר, די זייער גינסטיקע צייט ביז צו קאָנסטאַנטינען, געווען פון די רייכסטע אין דער אַנט־וויקלונג פון דער תלמודישער געזעצגעבונג.

אין דעם יאָר 189 איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן די משנה. דער פונדאַמענט אויף וועלכן די אמוראים האָבן אויסגעפירט דעם ווייטערדיקן אויפבוי פון

דעם תלמודישן בנין, און די בעסטע פאָרשטייער זייערע, ווי רב שמואל, רב הונא, רב חסדא (חסדא איז געשטאָרבן אין 309) געהערן צו דער צייט פון פאַר די קריסטלעכע אימפּעראַטאָרן.

צו וואָס האָבן דען געפירט די פאַרפאָלגונגען, אויף וויפל זיי פלעגן פאָרקומען, און אין די איינצלנע פלעצער וואו זיי פלעגן פאָרקומען?

לאָמיר שוין דאָ אַרויסהייבן אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דעם אונדז אינטערעסירנדיקן ענין, וואָס טרעטן אַזוי אָפט אַרויס אין דעם גאַנצן פאַרלויף פון דער יידישער געשיכטע.

עס פלעגט טרעפן, אַז די פאַנאַטישע קריסטלעכע גייסטלעכקייט, דער עיקר פון דער פּראָווינץ, — פלעגט ניט קוקן אויף אַלע געזעצן און זיך מיען צו פאַרוואַנדלען דאָס יידישע לעבן אין אַ ריינעם גיהנום, כדי דורכדעם צו טרייבן די יידן אין שמד אַריין. אין אַט דעם פּרט האָט זיך אין דעם יאָר 415 שטאַרק אויסגעצייכנט אַ געוויסער סעווערוס, דער בישאָף פון מאַהאָן, אויף דעם אינדזל מינאַרקאַ. די יידישע איינוואוינער פון יענער שטאָט, מיט זייער רייכן געלערנטן ראש־הקהל, טעאָדאָרוס, אויף דער שפּיץ, האָבן לאַנג און פאַרעקשנט געקעמפט אַנטקעגן דער אַנשטרענגונג פון דעם בישאָף. אָבער אַט איז טעאָדאָרוס געוואָרן איינגעמאַטערט און האָט זיך אונטערגעגעבן. ער איז אַריבער צום קריסטנטום, און דאָס רוב פון זיין קהילה האָט געמאַכט דעם זעלביקן שריט[27].

אַביסל פריער פאַר אַט דער פאַרפאָלגונג, אין דעם יאָר 400 (אין רב אַשיס צייטן), האָט מען זיך אויף דעם אינדזל קריט (קרעט) אויף דעם זעלביקן אופן אָנגעזעצט אויף די יידישע איינוואוינער. דאָס האָט געפירט צו אַ משיח־באַוועגונג, און ווען די האָפענונג אויף אַ וואונדערלעכער גאולה האָט גע־פלאַצט, האָבן אַ סך יידן אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, „אויס בושה", ווי די קריסטלעכע קוואַלן פאַרזיכערן[28].

אַזעלכע צייטווייליקע אָרטיקע פאַרפאָלגונגען זיינען אין דעם פינפטן ביז דעם זיבעטן יאָרהונדערט ניט געווען קיין זעלטנהייט אויך אין בבל. (זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אין דעם יאָר 415 און האָבן געדויערט ספּאָראַדיש אַ צוויי הונדערט יאָר, ביז 632). זיי פלעגן אָבער פירן דערצו, וואָס וואו זיי פלעגן אויסברעכן, פלעגן די יידן פאַרלאָזן זייער לאַנד און זיך אַריבערפעקלען קיין אַראַביע, וואו עס זיינען דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן עטלעכע זעלבסטשטענ־דיקע יידישע רעפּובליקן. ווען די פאַרפאָלגונגען פלעגן אויפהערן, פלעגן זיי זיך אומקערן צוריק קיין בבל, ווידער עפענען זייערע ישיבות און שולן און פירן זייער פריערדיקן לעבן[29].

אויף אַזאַ אופן זעען מיר אַז דער תלמוד, דער פונדאַמענט פון דעם גאַנצן צוקונפטיקן רעליגיעזן לעבן אונדזערן, איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין אַזאַ צייט, ווען די פאַרפאָלגונגען זיינען נאָך ניט געווען אַזוי העפטיק און דויערנ־דיק, זיי זאָלן קאָנען אַרויסרופן אַן אומבאַוואוסטע פסיכישע רעאַקציע ביי דעם פאָלק, ער זאָל אויס שנאה און נקמה וועלן פאַרקריכן אין זיינע ענגע פיר ווינ־קעלעך. און אגב דאַרף מען טאַקע דערביי אויך געדענקען, אַז די יידן זיינען אין יענער צייט נאָך ניט געווען יענע הילפלאָזע שעפעלעך און לעמעלעך, ווי מיר קאָנען זיי פון דעם מיטלאַלטער און פון אונדזערע טעג. אויף באַפאַנטע אָנפאַלן פלעגן די יידן דאָס רוב ענטפערן מיט באַוואָפנטן זעלבסטשוץ און, אָפטמאָל, אויך מיט אויפשטאַנדן און קעגן־אָנפאַלן. די שנאה און נקמה געפילן האָבן געהאַט נאַטירלעכערע קאַנאַלן, וואוהין אויסצוגיסן זיך, איידער דעם ברוגז־טאָנץ פון אַן אָפּגעזונדערטער געזעצגעבונג. און אויב אַזאַ געזעצגעבונג האָט זיך אַנטוויקלט, איז דאָס געווען מחמת גאָנץ אַנדערע טעמים.

פון דער אַנדערער זייט זעען מיר, אַז די פאַרפאָלגונגען דאָרטן, וואו מען פלעגט זיי ניט קאָנען בייקומען, האָבן פון זייער זייט געפירט צו די פאָלגנ־דיקע דריי כאַראַקטעריסטישע דערשיינונגען. ערשטנס: שמד (דער שפּעטע־רער מאַראַניזם אין שפּאַניע און די גרויסע יידישע שמד־באַוועגונג אין רוס־לאַנד אין אונדזער יאָרהונדערט), צווייטנס: משיח־באַוועגונגען, אויפרודערונ־גען און האָפענונגען (ביז און מיט דעם איצטיקן ציוניזם) און דריטנס: עמי־גראַציע אין גינסטיקערע לענדער, וואָס האַלט נאָך אַן ביז אויף דעם היינטיקן טאָג.

דער תלמוד, ד״ה, די גמרא צו דער משנה, איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אין דעם סוף פון דעם פינפטן יאָרהונדערט, אָבער נאָך אין דעם גאַנצן זעקסטן יאָרהונדערט האָט ער ניט דערגרייכט די מדרגה פון אַן אומעטום אָנדערקענטן אויטאָריטעט אין רעליגיעזע ענינים.

אַ סך פראַגן, — דער עיקר אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט דעם טאָג־טעגלעכן לעבן: ווי שפּייז־געזעצן, מנהגים, תפילות און ברכות, — האָבן נאָך ניט געפונען קיין אָפּגעשלאָסענעם ענטפער און וועגן זיי האָט געהערשט די פיל־שטימיקייט פון די אמוראים. פאַרשיידענע קהילות האָבן זיך געהאַלטן אַן פאַרשיידענע אויטאָריטעטן, — זיי פלעגן פאָלגן נאָר יענע דינים, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אין דער צענטראַלער ישיבה פון זייערע מקומות.

עס איז געווען זייער וויכטיק אַריינצוברענגען אַן אַבסאָלוטע איינהייט־לעכקייט אין דער פּראַקטיקע פון דעם רעליגיעזן לעבן, אין יענער ריכטונג, וועלכע איז שוין אָנגעדייט געוואָרן אין דער טעטיקייט פון די אמוראים. מען

האָט געדאַרפט ווייטער פונאַנדערשפּינען זייערע דינים, און אויסקלייבן פון זיי די פּאַסיקסטע און איזאָלירנדיקסטע, — פונקט אויף דעם זעלביקן שטייגער, ווי די אמוראים האָבן זיך באַגאַנגען מיט די הלכות פון די תנאים. דאָס איז ניט געווען קיין שווערע אויפגאַבע, ווייל אַלע מעטאָדן און וועגן פאַר איר דורכפירונג זיינען שוין געווען אויסגעאַרבעט און אויסגעטראָטן פון די פריערדיקע דורות.

אָבער אויך אָט די לפי־ערך גרינגע אַרבעט האָבן ניט געקאָנט דורכפירן ניט דער זעקסטער יאָרהונדערט, ניט דער אָנהייב פון זיבעטן.

אין די מזרח־לענדער, — סיי אונטער דער ביזאַנטישער, סיי אונטער דער פּערסישער הערשאַפט, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשאַרפטע פאַרפאָלגונגען. די ווייטערע אויסבילדונג פון דער יידישער רעליגיעזער געזעצגעבונג איז ניט געלעגן אין זינען. מען האָט אַנדערע דאגות געהאַט אויפן קאָפּ: אָרגאַניזירן זעלבסט־הילף, אַרויסוואַנדערן און זיך איינאָרדענען אין נייע ערטער. עס האָבן ניט געפעלט קיין פּרוּוון פון מרידות, מיט כלי־זין אין די הענט, וואָס האָבן אָפטמאָל געדויערט עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד.

אַזוי האָט, צ״ב, דער אויפשטאַנד פון דעם ריש־גלותא מר זוטרא געדויערט זיבן יאָר (פון 511 ביז 518), בעת דער באַוואָפנטער פרידן מיט הערואקליוס, די קריגערישע פאַרגרייטונגען אַנטקעגן אים און דער בונד מיט די פּערסער האָבן אַוועקגענומען גאַנצע פופצן יאָר.

די ווייטערע שפּינונג פון דער רעליגיעזער תלמודישער נעץ האָט זיך, אונטער דעם דרוק פון די ליידן אָפּגעשטעלט. דאָס לערנען אין די ישיבות האָט געמוזט אָפט איבערגעריסן ווערן. די ישיבות גופא האָבן זיך ניט געקאָנט אויפהאַלטן לאַנג. די חכמים פון יענער צייט, וואָס האָבן איבערגענומען די ירושה פון די אמוראים (זיי רופן זיך: רבנן סבוראי) זיינען געווען צופרידן ווען זיי האָבן געקאָנט אָפּהיטן די דאָזיקע ירושה: רעדאַגירן די קלענערע מסכתות, וואָס זיינען נאָך ניט רעדאַגירט געוואָרן פון די אמוראים, וועלכע האָבן אָפּגעשלאָסן דעם תלמוד, צונויפזאַמלען אַלטע לעגענדעס און רעליגיעזע טראַדיציעס.

דער שאַפערישער גייסט פון די „רבנן סבוראי״ האָט אין דעם גאַנצן פּעריאָד פון זייער טעטיקייט (פון 500 ביז 650) פאַרלאָזן די פעלדער פון דער שווערער „הלכה״ און האָט זיך אַרומגעטראָגן אין די בלויע הימלען פון דער פּאָעטישער „אגדתא״: די וויכטיקסטע מדרשים שטאַמען פון יענער צייט.

אין איינעם פון יענע מדרשים ווערן אויך אָנגעגעבן די עקאָנאָמישע און

פּאָליטישע אורזאַכן, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַזאַ איבערבייט אין דער ריכטונג אין דעם שאַפערישן גייסט. „אין די פריערע צייטן", זאָגט דער מדרש, „ווען געלט איז געווען אַ סך, האָט מען זיך אָפּגעגעבן מיט דער הלכה. איצטער אָבער, ווען געלט איז געוואָרן קנאַפּ און מען פילט זיך אָפּגעשוואַכט פון די יסורים וויל מען הערן נאָר וועגן תשועות און נחמות פון דער אגדה"30). קיין רייכע חכמים, ווי אַ רב אשי פון דעם פריערדיקן דור, זיינען שוין ניט געווען, אין די בעלי הלכה האָט מען זיך ניט געניטיקט, האָט זייער פּלאַץ פאַרנומען דער בעל־אגדה.

דער זעלביקער מדרש באַקלאָגט זיך: „דער געלערנטער אין תלמוד איז געגליכן צו אַ מאַן וואָס האָט אַ שטיק גאָלד. אָפּטמאָל מוז ער הונגערן, וויל ער קאָן גאָרנישט ניט אויסגעבן פון אים. דער בעל־אגדה אָבער איז געגליכן צו איינעם, וואָס האָט אַ סך קליינגעלט. ער קאָן אַלע וויילע קויפן דערפאַר לעבנס־מיטלען" 31).

זאָלן מיר פונדעסטוועגן ניט האָבן דערפון קיין גרויס עגמת־נפש! די אגדה־אוצרות פון די מדרשים זיינען ווערט דעם גרויסן פּרייז, וועלכן אונדזער פאָלק האָט באַצאָלט דערפאַר מיט אָנדערהאַלבן הונדערט יאָר קעמפן, יסורים און דלות! אָבער די שיצנדיקע וואַנט פון דער תלמודישער געזעצגעבונג האָט פאָרט ניט געקאָנט ווייטער געבויט ווערן, און מיט די פאַרשטאַרקטע פאַר־פאָלגונגען האָט אויך דער קוואַל פון רעליגיעז־פּאָעטישן שאַפן געמוזט אויפ־הערן שלאָגן. אין דעם אָנהייב פון דעם זיבעטן יאָרהונדערט איז אויך די אַגאַ־דיסטן־שאַפונג איינגאַנצן אַנשטומט געוואָרן. פון יענער צייט, — פאַרזיכערט אונדז דער היסטאָריקער א. גייגער, — איז צו אונדז ניט אַריבערגעקומען קיין איין־איינציקע שטים, קיין איין־איינציקע ליטעראַרישע דערשיינונג.

עס האָט געדאַרפט נעמען אַ גאַנצן יאָרהונדערט אויסערלעכע רו און אי־נעווייניקסטע באַפעסטיקונג פון דעם יידישן לעבן, איידער דער „ראַביניזם", — ווי עס ווערט אָנגערופן די ווייטערדיקע אויסשפּינונג פון דער יידיש־רעלי־גיעזער שטאָלענער נעץ, — האָט זיך ווידער געקאָנט שטעלן אויף זיינע איי־גענע פיס און זיך אָנהייבן ווייטער צו אַנטוויקלען.

אַזאַ גינסטיקע צייט פאַרן יידישן פאָלק איז אַריינגעטראָטן אונטער דער הערשאַפט פון די אַראַבער, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אויך איבער בבל און סיריע. די לעצטע פאַרפאָלגונגען מצד די מאַכמעדאַנער איז געווען אין דעם יאָר 642, און פון דעמאָלט אָן האָט אָנגעהויבן הערשן אַ לאַנגע עפּאָכע פון אויסערלעכער מנוחה ושלווה, און גראָד אין אָט דער עפּאָכע איז צייטיק גע־

וואָרן דער וויכטיקסטער פּעריאָד פון דעם ראַביניזם, דער פּעריאָד פון די גאונים (דעם גאַאָנאַט), וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ פיר הונדערט יאָר, (648־1038).

## דער צווייטער פּעריאָד

# די גאונים

באַלד נאָך דער באַפעסטיקונג פון דער מאַכמעדאַנישער הערשאַפט און ווי נאָר עס האָבן זיך געענדיקט די רייבונגען, — אָפטמאָל רעכט קריגערישע, — צווישן די יידן און די אָנהענגער פון דעם נייעם גלויבן, האָבן אין מזרח, — דער עיקר אין בבל, — ווידער אויפגעבליט די יידישע קהילות.

דער יידישער גייסטיקער שאַפן האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פּאַרטרוי־ערטע פאַרחלומטקייט פון די פריערדיקע דורות און האָט זיך אַ נעם געטאָן פאַר דעם טיפערן שטודיום פון דער יידישער וויסנשאַפט, — דער משנה און דער גמרא. עס זיינען אויפגעבויט געוואָרן צענטראַלע ישיבות אין סורא און פומפּדיתא, וואו די פראַגן פון דער יידישער געזעצגעבונג זיינען אַוועקגע־שטעלט געוואָרן אויף דעם ערשטן פּלאַן, פּונקט ווי דאָס איז געווען אַמאָל אין סנהדרין, — בעת די יידן האָבן נאָך געהאַט זייער אייגן לאַנד, און שפּעטער אין די צענטראַלע ישיבות פון די תנאים און די אמוראים.

בראש פון די דאָזיקע ישיבות זיינען איצטער געשטאַנען די איינצלנע גאונים. די צאָל זייערע אין סורא און פומפּדיתא זאָל האָבן דערגרייכט ביז ניין־ציק, און אַ דאַנק זייער ענערגישער טעטיקייט, האָט זיך זיי, ניט אָן אַ העפ־טיקן קאַמף, איינגעגעבן אַריבערצונעמען אין זייערע הענט די גייסטיקע פי־רערשאַפט איבער אַלע יידן פון דער גאַנצער וועלט.

זייער זעלבסטשטענדיקייט, — שרייבט דער היסטאָריקער יאַסט, — איז געווען אַזוי דויערהאַפטיק, זייער הערשאַפט — אַזוי אָפגעזונדערט, אַז זיי האָבן אין אַ משך פון הונדערטער יאָרן ניט געהאַט קיין ברעקל ידיעה וועגן די גרויסע וועלט־פּאַסירונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין זייער צייט. אין זייערע שריפטן ווערט ניט דערמאָנט קיין איין מאַכמעדאַנישער הערשער, קיין איין געשיכטלעכע פּאַסירונג, פּונקט ווי אַרום זייער סביבה וואָלט געווען אָפּ־געשטאָרבן יעדע באַוועגונג32).

די גרעסטע צאָל יידן פון אַלע לענדער האָט אין אַ משך פון דריי הונדערט און פופציק יאָר זיך געווענדט צו זיי נאָך „תשובות״ אויף אַלע „שאלות״, וואָס

פלעגן אויסוואַקסן אין זייער לעבן. זייער געזעצגעבערישע טעטיקייט, וואָס איז געווען געבויט אויף דעם תלמוד, האָבן זיי אַנטוויקלט אויף נאָך אַ גרע־סערן מאַסשטאַב אײדער דער סנהדרין33). צו זייער צייט געהערט די אויסאַר־בעטונג פון אַלע דינים און פאָרמען פאַר דעם יידישן גאָט־דינסט, די באַפעס־טיקונג פון די אַלטע מנהגים און די אַריינפירונג פון נייע. דער עיקר האָבן זיך די גאונים געמיט איינצופלאַנצן אין פאָלק יענע דינים, וואָס זיינען שוין געווען אָנגענומען אין תלמוד, וואָס האָבן זיך אָבער נאָך ניט צוגענומען אין דעם לעבן פון פאָלק, און דער קלאָרער ציל פון זייער טעטיקייט איז געווען, ווי יאָסט זאָגט, „מקרב צו זיין דאָס פאָלק צו דער משנה און דער גמרא״34).

יאָסטס כאַראַקטעריסטיק גיט דאָ איבער זייער שוואַך דעם אמתן זין פון זייער אויפטו. פיל שאַרפער און בעענטער צום אמת ווערט אָט דער זין אַרויס־געבראַכט אין אַ נייערער אונטערזוכונג פון דר. חיים טשערנאָוויץ, אין זיין אַר־טיקל „לתקופת הגאונים״.

„די אַרבעט פון די גאונים״, זאָגט ער, „איז ניט געווען נאָר אַ וויסנשאַפט־לעך־טעכנישע, נאָר אַ גרויסע און חשובע נאַציאָנאַל־היסטאָרישע אַרבעט, אַן אַרבעט, וואָס האָט געפירט צו אַ שטאַרקן איבערקער אין דעם לעבן פון דעם פאָלק. אויב מען זאָל ריכטיק אָפּשאַצן זייער ווירקונג, קאָן מען זאָגן, אַז די גאונים האָבן אויפגעהויבן דעם תלמוד צו דער מדרגה פון די הייליקע שריפטן און האָבן אים צוגערעכנט צו זייער צאָל. און דאָס איז געווען ניט קיין גרינגע זאַך. וויפל צאָמען האָט מען אויפגעבויט, וויפל גזירות אַרויסגעלאָזן, כדי אָפּ־צושיידן די געשריבענע תורה (תורה שבכתב) פון דער געזאָגטער (תורת שבעל פה); וויפל הלכות זיינען פאַרגעסן געוואָרן מחמת דעם, וואָס בעל־פה־זאַכן האָבן ניט געטאָרט פאַרשריבן ווערן: און פלוצים איז דאָס קניפּל פונאַנדער־געבונדן געוואָרן: ניטאָ מער קיין „ספרים חצונים״ און קיין „מגלות סתרים״, נאָר, אדרבה, עס ווערט אויסגערופן אויף אַ ספר, וואָס איז צוואַנציק אָדער דרייסיק מאָל אַזוי די גרייס ווי דער תנ״ך, אַז זיין הייליקייט איז ניט קלענער, אײדער די הייליקייט פון די הייליקע שריפטן. און ניט נאָר דאָס: אַז ער און נאָר ער איז דאָס בוך פון לעבן, אַז די הלכה איז אַלע מאָל, ווי ער פסקנט, און אַז די הייליקע שריפטן גופא ווערן אָפּגעשאַרט אין אַ ווינקל אין דעם פרט פון הלכה״35).

אַ דאַנק די גאונים איז „די תורה שבעל פה״ געוואָרן אַ תורה שבכתב, אַ נייער ספר אין די הייליקע שריפטן, וועמעס אַלע רייד זיינען פונקט אַזוי הייליק ווי די תורה אַליין36). אויף דעם סמך פון די תלמודישע הלכות און די תשובות פון די גאונים איז אין דעם יאָר 900 אויסגעאַרבעט געוואָרן דער ער־שטער ראַבאַנישער קאָדעקס: די „הלכות גדולות״ פון שמעון פון קאַהירא,

וואָס האָט צום ערשטן מאָל געפּרואווט אויסרעכענען אַלע יידישע „תרי״ג מצוות״ (די 613 פאַרבאָטן און באַפעלן)37).

אָט די גאַנצע איזאָלירטע און איזאָלירנדיקע אַרבעט פון די גאונים איז געווען ניט אַרויסגעוואָרפן. זי האָט דורכגעפירט די רעליגיעזע פאַראייניקונג פון אַלע יידן אויף דער גאַנצער וועלט, און האָט זיי געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אַלע איבעריקע פעלקער, ביז די אַראַבישע אויפקלערונג האָט גענומען אַריינ־דרינגען אויך אין יידישע קרייזן.

אין די גרענעצן פון אונדזער איצטיקער אַרבעט קאָנען מיר ניט שילדערן דעם אויפרודער פון דעם יידישן גייסט, וועלכע אָט די אויפקלערונג האָט אַרויסגערופן, דעם אַנטאַגאָניזם, וואָס איז אויסגעוואָקסן צווישן דעם שכל און דעם גלויבן, צווישן דעם פריידענקענדיקן יחיד און די אינטערעסן פון דעם קיום הלאום.

דאָ ווילן מיר נאָר דערמאָנען, אַז דער גרעסטער דענקער פון אונדזער פּע־ריאָד, סעדיה גאון (892־942), וואָס האָט מיטן גאַנצן האַרצן געגלייבט, אַז די יידישע רעליגיע קאָן דורכאויס פאַראייניקט ווערן מיט דעם פילאָסאָפישן געדאַנק, איז איינגאַנצן געשטאַנען אויף דעם באָדן פון יענעם ראַבאָנישן יידנטום, וועלכן די גאונים האָבן געפעסטיקט אין לעבן.

די ערשטע שריפט, וואָס האָט באַקאַנט געמאַכט זיין נאָמען איז געווען זיין פּאָלעמיק אַנטקעגן די „קראים״ (קאַראַאימען), וואָס האָבן געלייקנט די הייליקייט פון דעם תלמוד, האָבן געפאָדערט, אַז דער יחיד זאָל האָבן אַ רעכט אויסצוטייטשן די תורה אַזוי ווי ער פאַרשטייט זי, און צווישן וועלכן עס האָבן זיך געפונען פיל אמתע טאָלעראַנט־דענקענדיקע פריי־גייסטער.

טיף איינגעוואָרצלט אין דער ראַבאָנישער יידישקייט, האָט סעדיה אויך באַזונגען אין אַ פּאָעמע די תרי״ג מצוות, און, אַנשטאָט אַנצודערקענען אַז די תורה שבעל פה איז ניט קיין אַבסאָלוטער חיוב און אין דעם פּונקט נאָכגעבן די „קראים״, ווי דאָס האָט זיך געוואָלט זיין סניגור, דעם היסטאָריקער ווייס, דער מחבר פון „דור דור ודורשיו״, „האָט ער נאָך מער באַקרעפטיקט איר אומפעלערהאַפטיקייט״38). ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז סעדיה האָט ניט געהאַט קיין ברעקל ספק אין דעם משיח־גלויבן, וועלכן ער האָט זיך געמיט צו באַפעסטיקן מיט דער הילף פון דעם פילאָסאָפישן געדאַנק. לויט זיינע מיס־טישע אויסרעכענונגען האָט מען משיחן געדאַרפט דערוואַרטן ניט מער, ווי אין אַ פּאָר הונדערט יאָר אַרום (אין דעם יאָר 1123). זייענדיק זיכער אין אַזאַ גלויבן, האָט ער געוויס געהאַט אַ רעכט צו פאָדערן פון יעדן יידן געדולד, זעלבסט־באַהערשונג און איינגעהאַלטנקייט39).

אַ סך קאָנסעקווענטער, איידער סעדיה, איז געווען דער לעצטער פאַר־

שטייער פון דעם גאאנאט, רב האי גאון (געשטאָרבן אין יאָר 1038), וואָס האָט געלעבט אין אַ צייט, ווען דער יידישער גייסט האָט צום ערשטן מאָל גענומען באַקאַנט ווערן מיט דער ראַדיקאַלער אַריסטאָטעלישער פילאָסאָפיע.

רב האי גאון האָט זיך אָפן מודה געווען, אַז ניט אים און ניט זיין פאָטער האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרענטפערן יענע סתירות, וואָס עקזיסטירן צווישן דעם פרומען גלויבן אין דער יידישער טראַדיציע און דעם באַשטרעבן „אַלץ צו דערקלערן אויס נאַטירלעכע אורזאַכן". אין דעם קאַמף צווישן פילאָסאָפיע און גלויבן מוז מען זיך דורכאויס אָוועקשטעלן אויף דער זייט פון דעם גלויבן. און דאָס האָט רב האי גאון געטאָן. אַ פילאָסאָפיש געבילדעטער קאָפּ, האָט ער דערשטיקט אין זיך יעדן ריר פון דעם פרייען שכל. אין די משיחס צייטן האָט ער געגלייבט, ווי אין אַ היסטאָרישער אומפאַרמיידלעכקייט און האָט זיי באַשריבן לויט די פאַנטאַסטישע חלומות פון די רבנן־סבוראי.

סעדיה גאון האָט קיין מורא ניט געהאַט פאַר דעם פרייען דענקען. ער האָט נאָר גערופן צו זעלבסט־באַהערשונג און איינגעהאַלטנקייט. רב האי גאון ציטערט פאַר דער צעשטערנדיקער מאַכט פון דעם שכל און וואָרנט אַלעמען פאַר די „נעצן פון דער לאָגיק"(40).

אַזוי אַרום איז אויך דער צווייטער אַנטוויקלונגס־פאַזיס פון דעם ראַבאָניזם, די עפּאָכע פון די גאונים, אַריבער אונטער די העכסט־גינסטיקע דרויסנדיקע אומשטאַנדן.

## דער דריטער פּעריאָד

# פון רבינו גרשם ביז נאָך דעם רמב"ן

גייען מיר איבער צו דעם דריטן פאַזיס.

מיט דעם אויפהער פון דער גאונים־תקופה, זיינען די צענטערן פון דעם יידיש־גייסטיקן לעבן אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין אייראָפּע: קיין איטאַליע, דייטשלאַנד, דרום־פראַנקרייך און דעם פּירענייאישן האַלב־אינדזל, — שפּאַניע און פּאָרטוגאַל.

אויך אין אָט די לענדער האָבן זיך די יידן נאָך ניט געטאָרט באַקלאָגן אויף פאַרפאָלגונגען און גירושים.

געוויס, די גייסטלעכקייט און די פאַנאַטיש־קריסטלעכע הערשער האָבן קיין מאָל ניט אויפגעגעבן זייער האָפענונג, אַז יידן וועלן ווען עס איז אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. אָפטמאָל, ווען זיי פלעגן זיך מיאש זיין צו געווינען

דאָס יידישע פאָלק אויף אַ פרידלעכן וועג פון פּראָפּאַגאַנדע, פלעגן זיי זיך ניט אָפּשטעלן אויף פאַר די מיטלען פון צוואַנג און געוואַלט, וואָס האָבן זייער זעלטן געפירט צו די געוואונטשענע רעזולטאַטן.

אַזוי האָט אינמיטן פון זיבעטן יאָרהונדערט, וואָס איז, ווי מיר האָבן געזען, ניט גאָר קיין רואיקער אויך פאַר די מזרח־יידן, דער פאַנאַטישער קעניג כינטילא אַרויסגעלאָזן אַ שמד־גזירה אויף די שפּאַנישע יידן. אַ סך פון זיי האָבן זיך געלאָזט שמדן, האָבן זיך אָבער באַלד ווידער אומגעקערט צו זייער גלויבן, ווי נאָר כינטילא איז געשטאָרבן.

די יידן אין טאָלעדאָ האָבן אַזאַ פּראָצעס דורכגעמאַכט אַ פּאָר מאָל. זיי האָבן געגנומען אויף זיך די האַרבסטע שבועה, — „אין דעם נאָמען פון דער הייליקער דריי־איינִיקייט“, — אָפּצוזאָגן זיך פון דעם יידישן אָרט לעבן, פון די תעניתים, מנהגים און שפּייז־געזעצן. אַזעלכע שבועות זיינען אויך געגעבן געוואָרן אין אַ סך אַנדערע שטעט — און זיינען נאַטירלעך תיכף געבראָכן געוואָרן, ווי נאָר עס פלעגן אַריינטרעטן טאָלעראַנטערע צייטן.

אָבער אַזעלכע צוואַנגס־מיטלען זיינען אין יענע צייטן נאָך געווען זעלטענע אויסנאַמען. מען מוז אין דעם פּרט צושטימען צו דעם רוסישן היסטאָריקער לעאָנטאָוויטש, וואָס זאָגט, אַז „בדרך כלל האָבן די יידן פון דעם זיבעטן ביז צו דעם צענטן און עלפטן יאָרהונדערט ניט דערוועקט קיין שום האַס ניט ביי דעם פאָלק און ניט ביי דער רעגירונג. און ביז צו דער צייט פון די קרייץ־פאָרער (סוף עלפטן ביז סוף צוועלפטן יאָרהונדערט) האָבן די יידן ניט געליטן פון וועלכע עס איז אויסנאַמען אין זייער רעכטלעכער לאַגע“41).

אין אַזאַ בדרך־כלל פרידלעכער צייט פאַר די אייראָפּייאישע יידן האָט געלעבט און געווירקט דער באַרימטער „רבינו גרשם“ (960־1040), וואָס האָט געגרינדעט אין מאַינץ אַ צענטראַלע ישיבה פאַר די פראַנצויזישע און דייטשע יידן. די הויפּט־באַשעפטיקונג אין דער ישיבה איז געווען דער תלמוד און די שטרענג־רעליגיעזע וויסנשאַפטן. „און אַלע סימנים ווייזן אָן“, זאָגט גייגער, „אַז די תלמודישע וויסנשאַפט איז אַריבער קיין דייטשלאַנד און פראַנקרייך דירעקט פון די באַבילאָנישע גאונים“42).

אין איטאַליע האָט זיך די יידישע לומדות לכתחילה אַנטוויקלט אויף אַ ריין תלמודישן פעלד און איז געבליבן אויף דער זעלביקער מדרגה ביז צו דעם סוף פון דעם זיבעטן יאָרהונדערט43).

דער ערשטער גרויסער קאָמענטאַטאָר פון דעם תלמוד, דער רופא יצחקי (רש״י, 1064־1105) האָט געלעבט אין דרום־פראַנקרייך. און אים האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די באַשאַפונג פון יענער „וויסנשאַפטלעכער ריכטונג“ אין דעם שטודיום פון דעם תלמוד, וואָס לאָזט ניט צו אפילו דעם קלענסטן פאַרזוך צו

דערקלערן אים אויף אַ מער אָדער ווייניקער ראַציאָנאַליסטישן אופן. יעדער וואָרט אין משנה און גמרא איז פאַר רש״י אַקוראַט אַזוי הייליק ווי די תורת משה. זיינע תלמידים, די „בעלי התוספות״, האָבן אָט די ריכטונג דערפירט ביז צום העכסטן עקסטרעם.

אין און דער זעלביקער גייסט, שרייבט יאַסט, האָט באַהערשט די איטאַ־ליענישע, דייטשע און פראַנצויזישע לערער. דער ציל איז געווען טיפער באַ־קאַנט צו ווערן מיט די קוואַלן פון דעם געזעץ, מיט דעם תנ״ך און דעם תלמוד: מען האָט זיך געמיט אָפּצושאַפן אַלע מניעות, וואָס האָבן געשטערט דעם אַריינפיר פון די תלמודישע דינים אינעם לעבן. מען האָט פּאָפּולאַריזירט דעם תלמוד אין פּיוטים און תפילות, כדי צו הייבן דורכדעם דעם רעליגיעזן זעלבסט־באַוואוסטזיין פון דעם פאָלק(44). די פילאָסאָפיע און דער מיסטיציזם, וואָס האָבן גענומען בליען אין דער אַראַביזירטער שפּאַניע, האָבן נאָך ניט געהאַט קיין פּלאַץ אין יענע מיטל־אייראָפּיאישע ישיבות און דורינגען אַהינצו אַריין ערשט אַ סך שפּעטער.

אין דעם אָנהייב פון דעם אַכטן יאָרהונדערט האָבן די אַראַבער איינגע־נומען אַנדאַלוזיע, ניט אָן דער הילף פון די שפּאַנישע יידן, וואָס זיינען געווען פיינטלעך צו דער וועסט־גאָטישער הערשאַפט (711). זינט יענער צייט האָט זיך זייער לאַגע אינגאַנצן איבערגעביטן צום גוטן.

די אַראַבער האָבן באַטראַכט די יידן ווי אַ באַזונדער פאָלק און האָבן דורכאויס רעספּעקטירט זייער רעכט צו פירן זייער אינעווייניקסטן לעבן לויט זייערע אייגענע געזעצן. אַ דאַנק דעם, וואָס די אַראַבער זיינען געווען אויסגעבונדן מיט די מזרח־לענדער, האָבן אויך די יידן אויסגענוצט די גע־לעגנהייט אַריינצוטרעטן אין אַ לעבעדיקן און שטענדיקן פאַרקער מיט די צענטערן פון דעם גאַאָנאַט, און ביז דעם אָנהייב פון דעם צענטן יאָרהונדערט זיינען זיי גייסטיק געשטאַנען אינגאַנצן אונטער זיין השפּעה.

דער אָנהייב פון אָט דעם צענטן יאָרהונדערט ווערט פון די היסטאָרי־קער באַטראַכט, ווי דער אָנהייב פון אַ גן־עדן צייט פאַר די שפּאַנישע יידן און באַלד ווערט אויך שפּאַניע דער צענטער פון יידישער לומדות פאַר גאַנץ אייראָפּע. ביז צו דעם סוף פון דעם יאָרהונדערט ווערן אַהינצו אַריבערגע־טראָגן „די לומדות פון די איטאַליענער און די תלמודישע יסודות פון די פראַנצויזישע ישיבות״(45).

עס האָט ניט גענומען לאַנג, און די שפּאַנישע יידן האָבן זיך אויך באַפרייט פון דער גייסטיקער אויבערהערשאַפט, וועלכע דער מזרח מיט זיינע גאונים האָט געהאַט איבער זיי.

מען דערציילט, אַז אַמאָל זיינען דריי באַבילאָנישע אָדער אייראָפּייאישע לומדים אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו ים־רויבער. איינעם פון זיי, משה בן־חנוך, האָט זיך איינגעגעבן צו באַפרייען זיך אין דער שטאָט קאָר־דאָווא. דאָ איז ער געקומען אין דער בית־דין שטוב פון דעם דיין נתן, וואָס האָט געהאַט דעם ׳מנהג צו זאָגן אַ שיעור אין גמרא, איידער ער פלעגט צו־טרעטן אויסצוהערן די דין־תורהס. ביי דעם שיעור האָט יעדער איינער געקאָנט פרעגן שאלות און נעמען אָן אַנטייל אין די דיסקוסיעס.

משה האָט זיך אַריינגעמישט אין דעם וויכוח און האָט אַלעמען באַזיגט מיט זיין אויסערגעוויינלעכער בקיאות און חריפות. דאָס איז באַקאַנט געוואָרן דעם ראש־הקהל, דעם באַרימטן חסדאַי איבן־שאפּרוט, וואָס איז אויך געווען אַ מיניסטער און אַ דיפּלאָמאַט אין דעם קאַליפס הויף, און ער האָט משהן באַשטימט פאַר דעם ראש־הישיבה אין קאָרדאָווא. עס ווערט אָנגענומען, אַז זיין ציל איז דערביי געווען, צו ווערן אומאָפּהענגיק פון דעם גאָאָנאַט46), און אַז די רעגירונג האָט אים שטאַרק אונטערשטיצט אין אָט דעם באַשטרעבן, ווייל אויך איר האָט זיך געלוינט, יידן זאָלן אויפהערן צו שיקן זייער געלט אין אַ פרעמדער מדינה, אויף אויסצוהאַלטן דאָרטן דעם גאָאָנאַט47). קאָרדאָווא איז פאַר אַ לאַנגער צייט געוואָרן דער מיטלפונקט פון דעם גייסטיקן יידישן **לעבן.**

אָן ענלעכע ווירקונג האָבן געהאַט די איבעריקע חברים משהס, וואו זיי האָט זיך איינגעגעבן צו באַפרייען. זיי האָבן אומעטום געגרינדעט ישיבות, וואו דער שטודיום פון דעם תלמוד האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין די לימודים.

פון יענע ישיבות, וואָס האָבן געבליט אין דער פאַר יידן רואיקסטער צייט, איז דאָס אַרויסגעוואַקסן די נייע זייל פון דעם ראַבאָנישן יידנטום, יצחק אַלפאַסי (דער „אלפס״ אָדער דער „רי״ף״), וועמעס ווערק „הלכות״ איז געוואָרן דער באַזיס פאַר דעם גאַנצן יידישן רעליגיעזן לעבן (1103־1013). די אויטאָריטעט פון דעם רי״ף איז געוואָרן כמעט אַזוי גרויס, ווי די אויטאָ־ריטעט פון דעם תלמוד גופא און אין אַ סך פרטים האָט ער אַריבערגעשיינט די גאונים.

אין די שפּאַנישע ישיבות — באַהויפּטן אַ סך היסטאָריקער — האָט דער פרומער יידישער עלעמענט זיך פרידלעך אויסגעאיינט מיט דעם אַראַביש־פילאָסאָפישן. מיר קאָנען דאָ ניט אַרומרעדן אָט די האַרמאָניע, וואָס האָט געהערשט צווישן דעם יידישן גלויבן און דער פילאָסאָפיע אין דעם פעריאָד מיט וועלכן מיר האָבן איצטער צו טאָן, — אַ פעריאָד, וואָס טראָגט דעם נאָ־מען: „דער אויפבליי פון דער יידיש־שפּאַנישער קולטור״.

דאָ מוזן מיר נאָר אָנווייזן, אַז די „פילאָסאָפיע", וועגן וועלכער עס רעדט זיך איצטער, איז, חלילה, ניט געווען פון אַ זייער געפערלעכער אַרט, און אַז ווי נאָר זי פלעגט ווערן געפערלעך, פלעגן אויפשטיין גרויסע יידישע דענקער, וואָס פלעגן איר אָרונטערהאַקן די אָדלער־פליגלען און זי לאָזן אומגיין אין שטוב און הויף אינאיינעם מיט די פרומע הינער און גענדז.

אַזאַ גרויסער יידישער דענקער איז געווען דער רמב"ם (משה בן מימון, 1135־1204), וואָס האָט אויך דירעקט געהאָלפן דער באַפעסטיקונג פון דעם תלמודישן יידנטום דורך דער אויסאַרבעטונג פון אַ נייעם קאָדעקס, דער „משנה תורה", וואָס האָט נאָך לייכטער געמאַכט פונאַנדערצוקלייבן זיך אין די דינים פון דער גמרא.

צו דער צייט פון דעם רמב"ם געפינען מיר דאָס יידנטום כמעט ווי דיפע־רענצירט אין צוויי ריכטונגען: אַ פּראַקטישע און אַ טעאָרעטישע. די ערשטע האָט געהאַט צו איר ציל — אויסאַרבעטן און ווייטער שפּינען די נעץ פון געזעצן. די אַנדערע האָט געוואָלט אויסגעפינען דעם אינעווייניקסטן גייסט, וואָס באַהערשט זיי, און די שכלדיקע טעמים, פאַרוואָס אַ ייד דאַרף זיך אונ־טערוואַרפן אונטער זייער געבאָט. די ערשטע האָט געהערשט אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך (די בעלי התוספות), די אַנדערע — אין שפּאַניע. אָבער נאָך דעם רמב"מס טויט זיינען די צייטן געוואָרן אומרואיקער.

די דייטש־פראַנצויזישע ריכטונג האָט אין דעם דרייצנטן יאָרהונדערט געהאַט אויסצושטיין שווערע צייטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרפאָלגונגען, דער עיקר אונטער דער פראַנצויזישער הערשאַפט פון לודוויג דעם הייליקן (1250־1270). ווי אַלע רדיפות האָבן אויך זיי געפירט צו פאַרשטאַרקטע שמד־באַוועגונגען, עמיגראַציעס און משיחישע חלומות. דאָס האָט געמאַכט אַ סוף צו די ישיבות פון די בעלי־תוספות.

ענלעכע רדיפות אין דייטשלאַנד (1298) האָבן אָפּגעשוואַכט די דייטשע תלמודישע טעטיקייט אַזוי, אַז צו דעם אָנהייב פון דעם פערצנטן יאָרהונדערט האָבן די אויסער שפּאַנישע יידן אויפגעהערט צו שפּילן אַ וועלכע עס איז ראָלע אין דער אויסאַרבעטונג פון דער תלמודישער געזעצגעבונג.

אין שפּאַניע ווידער האָט די גאַנצע צייט געפלאַקערט אַן אינעווייניקסטער קאַמף צווישן אָרטאָדאָקסישע אַלט־גלייביקע און פריי־געזאָנענע, וועלכע מען קאָן אָנרופן די „משכילים" פון יענער צייט, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם רמב"מס „מורה נבוכים" און האָבן אַרויסגעבראַכט פון זיך אַ ראַדיקאַלן פליגל, — די „אַלעגאָריסטן", וועמעס לערן עס האָבן געטראָגן אין זיך די סכנה אונטערצוגראָבן דעם גאַנצן בנין פון דער יידישער פרומקייט.

מנצח געווען די אַלעגאָריסטישע ריכטונג, ווי דעם מאַימאָניזם בכלל, האָט די קבלה, אַ נייע גייסטיקע שטרעמונג, וואָס האָט געזוכט אויפצובויען די טעאָריע פון דעם יידישן גלויבן און דעם יידישן רעליגיעזן לעבן אויף אַ גאַנץ אַנדער יסוד, איידער די געפערלעך־געוואָרענע פילאָסאָפיע. איבער־ברעכן דעם מאַימאָניזם אין לעבן און ווידער איינפלאַנצן דעם אויטאָריטעט פון דעם תלמוד און דער ראַבאַנישער געזעצגעבונג — דאָס האָט זיך איינגע־געבן צוויי באַרימטע רבנים: אשערי אין קאַסטיליע, און בן אדרת אין פּאָרטוגאַל.

די צוויי רבנים האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט דעם, וואָס זיי האָבן מנצח געווען די השכלה פון זייער צייט און האָבן ווידער איינגענומען די אַלטע פּאָזי־ציעס פון דער תלמודישער אָרטאָדאָקסיע. זיי האָבן אָנגעווענדט זייערע כוחות נאָך ווייטער אויסצושפּרייטן די גרענעצן פון דער יידישער תלמודיש־ראַבאָ־נישער איינגעשלאָסנקייט, נאָך העכער און דיקער צו מאַכן די ווענט, וואָס טיילן אָפּ דעם יידן פון דעם ניט־יידן. און דאָס האָבן זיי דורכגעפירט אין אַזאַ הויכן גראַד, אַז דערמיט איז דורכאויס געזיכערט געוואָרן די צוקונפט פון דער ראַבאָנישער אויבערהערשאַפט איבער דעם יידישן גייסט פאַר אַ לאַנגער שורה פון דורות.

אַ דאַנק אַט דער טעטיקייט זייערער, בילדן זיי אַ נייעם פּעריאָד אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידיש־רעליגיעזער געזעצגעבונג. לאָמיר זען, אונטער וועלכע דרויסנדיקע באַדינגונגען האָבן געלעבט און געווירקט אָט די נייע העלדן פון דעם ראַבאָניזם.

## דער פערטער פּעריאָד

## ביז צום „בית יוסף"

אין פאַרגלייך מיט דער לאַגע פון די יידן אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד, האָבן די שפּאַנישע יידן אין יענער צייט געלעבט ווי אין אַ גן־עדן. דער קעניג אַלפאָנס דער צענטער (1252־1284), וואָס האָט באמת ליב געהאַט די וויסנשאַפט און די געלערנטע (מען האָט אים גערופן „דער קלוגשאַפענער") האָט ניט געמאַכט קיין ברעקל חילוק צווישן די בירגער פון זיין לאַנד.

בעת דער דעראָבערונג פון סעווילִיע האָבן זיך אין זיין אַרמיי געפונען אויך יידישע קריגער, און ער האָט אויך זיי ניט פאַרגעסן ביי דעם פונאַנ־

דערטיילן די איינגעענומענע לענדער. ער האָט זיי אָוועקגעשענקט אַ סך פּעל־דער, אויף צו גרינדן אַן אייגענעם יידישן דאָרף.

אמת, שפּעטער איז זיין טאָלעראַנץ אַביסל מכולה געוואָרן. אייניקע געזעצן זיינען שוין געווען געצילט דירעקט אַנטקעגן יידן. אָבער דאָס האָט ניט אומגעביטן זייער לאַגע, ווייל די געזעצן זיינען געבליבן אויפן פּאַפּיר: די שטעט און די קאָרטעסן האָבן זיך נאָך פעסט געהאַלטן ביי זייערע אַר־טיקע, טאָלעראַנטע טראַדיציעס. אויך אונטער אַלפאָנס דעם עלפטן (געקרוינט 1325) האָבן די יידן געלעבט במנוחה ושלווה, אַזוי אַז אָט די גאַנצע צייט האָט געקאָנט אָנגערופן ווערן „דער גילדערנער פּעריאָד" פון זייער רעכטלעכער לאַגע.

אָבער אויך די פּאָרטוגאַלישע יידן האָבן ניט געהאַט וואָס מקנא צו זיין די שפּאַנישע. באַזונדערס גינסטיק איז געוואָרן זייער לאַגע אונטער אַלפאָנס דעם דריטן (1248־1279) און אונטער דיניטצן.

על־פּי־שכל וואָלט אָט דער פּעריאָד באַדאַרפט זיין דער רייכסטער אין דער אַנטוויקלונג פון דעם פרייען יידישן געדאַנק, אין זיין באַטייליקונג אויף אַלע פעלדער פון דעם מענטשלעכן וויסן, אין דער ווייטער אויסבילדונג פון יענע פרייזיניקע טראַדיציעס, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דער מאַימאָני־דישער אויפקלערונג און איז זיך פונאַנדערגעוואָקסן אונטער די הענט פון זיינע תלמידים.

אָנשטאָט דעם זעען מיר, אַז שפּאַניע בכלל און אפילו קאַסטיליע בפרט איז געוואָרן זייער אָרעם אין אַזעלכע אַלגעמיין־מענטשלעכע שאַפנדיקע קרעפטן. דער תלמוד, און ווידעראַמאָל דער תלמוד, — דאָס איז געוואָרן די איינציקע ספּעציאַליטעט, וואָס האָט אינטערעסירט דעם יידישן מוח. און אין פּאָרטוגאַל האָט מען זיך שוין ניט באַנוגנט מיט לערנען גמרא. מען האָט זיך אַ נעם געטאָן אויסצואַרבעטן נייע רעליגיעזע דינים.

איינעם פון די אויבן־דערמאָנטע צוויי רבנים דאַרפן מיר פאַרדאַנקען, וואָס שפּאַניע איז ווידער געוואָרן דער צענטער פון דעם יידנטום, ווי אין דער צייט פון דעם רמב"ם. מיר האָבן דאָ אין זין דעם רב, שלמה בן אדרת (דער רשב"א, 1235־1310), „פּאַר וועמען עס איז געווען אָפן דער תלמודישער לאַבירינט מיט די באַרייכערונגען פון די בעלי התוספות". ער איז געווען דער ערשטער נאָך דעם רמב"ם, וואָס האָט געוואונען די אַכטונג פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק. איז ערגעץ־וואו פאָרגעקומען אַ באַדייטנדיקע פּאַסירונג, האָט מען עס גלייך געלאָזט וויסן דעם רשב"א, און צו אים האָט מען זיך געווענדט נאָך עצות אָדער הילף.

אין זיין צייט און אין זיין לאַנד זיינען געווען גאָר אַנדערע גרויסע מענטשן, הויכגעאַכטעטע רבנים, וואָס וואָלטן זיך געקאָנט אַ מעסט טאָן מיט דעם רשב״א אין יידישער לומדות און אויך אין וועלטלעכע וויסנשאַפטן, וואָס זיינען ניט פרעמד געווען דעם גרויסן רב. אָבער זיי אַלע האָבן זיך אָפּ־געדרוקט פאַר אים אָן אַ זייט, האָבן געבויגן זייערע קעפּ פאַר אים, ווייל ער איז שטענדיק געשטאַנען אויף דער וואַך פון דעם פאָלק און האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו באַשיצן אים פון זיינע אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע פיינט.

אין וואָס איז באַשטאַנען זייער הויפּט־פאַרדינסט פאַר דעם יידנטום ? ער איז באַשטאַנען — דערציילן אונדז די היסטאָריקער — אָט אין וואָס :

נאָך דעם רמב״מס „משנה תורה״ זיינען אַריבער אַ פּאָר הונדערט יאָר. פאַר אָט דער צייט זיינען די בעלי התוספות און די שפּאַנישע תלמודיסטן ניט געזעסן שטיל. עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ נייער געזעצגעבערישער מאַ־טעריאַל ; דער יחיד איז נאָך ניט אַרומגעשנירלט געוואָרן פון אַלע זייטן אין דעם קאָרסעט פון אַלערליי מעגלעכע און אוממעגלעכע דינים. פון דעם נייעם מאַטעריאַל האָט מען געדאַרפט אויסשפּינען נייע נעצן און אָט די אויפ־גאַבע האָט גענומען אויף זיך דער רשב״א.

ער האָט צונויפגעזאַמלט און סיסטעמאַטיש צונויפגעשטעלט אַלע ניי־אָנגעקליבענע דינים וועגן כשר און טריפה, וועגן יום־טובים און הלכות נשים און האָט אָנגעגעבן אַלע טעמים סיי פאַר די נייע דינים, סיי קעגן זיי. דורך דעם האָט ער באַשאַפן די מעגלעכקייט, אַז אָן אייניקל פון זיין מיטשטרייטער אשערי, יעקב בן אשערי, דער באַרימטער בעל־הטורים (1280־1340) זאָל אויסאַרבעטן אַ נייעם קאָדעקס, וואָס איז געוואָרן דער יסוד פאַר דעם רעלי־גיעזן יידנטום אויף גאַנצע פיר הונדערט יאָר.

„ר׳ יעקבס רעליגיאָנס־קאָדעקס״, שרייבט גרעץ, „קאָן דינען פאַר אַ גראַד־מעסטער, כדי צו דערקענען ווי טיף דער אָפּיציעלער יידנטום איז גע־זונקען זינט דעם רמב״ם. אין מאַימאָנידס געזעצבוך איז דער געדאַנק דער אויבערהאַר ; יעדער ווילד־משונהדיקער מנהג ווערט דאָרטן פאַרבונדן — גוט אָדער שלעכט — מיט דעם עיקר פון דער רעליגיע און אַרויסגעשטעלט כמעט ווי אַ פּועל־יוצא פון יענעם עיקר. ר׳ יעקבס קאָדעקס אָבער זאָגט זיך לחלוטין אָפּ פון דענקען. די רעליגיעזע קפדנות, ווי זי האָט געהערשט אין די יידיש־דייטשע קהילות, זיצט דאָ, ווי אַ געזעצגעבערין און לייגט אַרויף חומרות און סגופים״...48)

ניט קוקנדיק דערויף, אָדער דווקא מחמת דעם, האָט זיך מיט די „טורים״ אָנגעהויבן אַ נייער פּעריאָד פון ראַבאַנישער טעטיקייט. דער נייער קאָדעקס

האָט אַריינגעבראַכט האַרמאָניע און אָרדענונג אין דעם כאַאָס פון דער תלמודי־שער לומדות — פאַרשטייט זיך, פון דער ניי־אַנגעקליבענער. „רבנים און דיינים האָבן תיכף איינגעזען זיינע מעלות לגבי דעם מאַימאָנידישן קאָדעקס, ווייל ער האָט אַרומגענומען אַ סך מער פּרטים און איז געווען אַ סך שטרענ־גער".

„אַ נייע פּעריאָדע" — עס רעדט זיך נאָר אַזוי — האָט בן־אשרי ניט געמאַכט, ווייל אַלע פּעריאָדן פון דעם ראַבאָניזם האָבן געהאַט נאָר איין־איינציקן עסק, אויסצואַרבעטן נייע דינים, אויסצושפּינען פון זיי נייע געצן, אַריינ־ברענגען זיי אין דער פאָרם פון אַ קאָדעקס, כדי עס זאָל לייכטער זיין אַריינ־צופירן יענע געזעצן אין לעבן. יעדער קאָדעקס אַזאַ קומט אַרויס ווי אַ רע־זולטאַט פון איין עפּאָכע און ווי אַ מאַטעריאַל פאַר געזעצגעברישע אָפּעראַ־ציעס פון דער נאָכקומענדיקער. יעדער קאָדעקס אַזאַ שיידט זיך אָפּ פון דעם פריערדיקן נאָר דערמיט, וואָס ער איז שטרענגער און קליינלעכער, איידער יענע, ווייל פאַר דער עפּאָכע וואָס האָט אים באַשאַפן, איז דער פריערדיקער געווען ניט מער ווי אַן אויסגאַנגס־פּונקט, ווי אַ התחלה פון אַ נייעם געוועב.

אָט אין דערין איז באַשטאַנען די צענטראַלע גייסטיקע טעטיקייט פון די יידן אין שפּאַניע אין די לעצטע שיינע טעג פון זייער זיין אין לאַנד.

אַכט יאָר נאָך דער דערשיינונג פון די „טורים", האָט זיך אין אייראָפּע באַוויזן דער „שוואַרצער טויט", און די יידן זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרן, אַז זיי פאַרגיפטן די ברונעמער און רופן דערמיט אַרויס די עפּידעמיע.

מען הייבט אָן סיסטעמאַטיש אויסצוואָרצלען אונדזער פאָלק: מאַטער־נישן, הריגות, פאַרברענען אויף די פלאַקערס, גירושים. צום סוף פון דעמאָל־טיקן יאָרהונדערט פאַלט־אונטער שפּאַניע אונטער דעם גייסטיקן יאָך פון די פאַנאַטישע דאָמיניקאַנער. עס פלאַמט פונאַנדער די רעליגיעזע שנאה, און אויך דאָס לאַנד פון טאָלעראַנץ ווערט דער עדות פון די זעלביקע אכזריות און רציחות, וואָס האָבן זיך ווי אַ שטורעם געטראָגן איבער גאַנץ אייראָפּע.

אין דעם משך פון דעם גאַנצן פופצנטן יאָרהונדערט ווערן אַלץ אָפטער און אינטענסיווער די רדיפות אויף יידן. אַזוי ווערן די יידן אַרויסגעטריבן אין 1420 פון פרייבורג און ציוריך, 1426 פון קעלן („אַד מאַיאָרעם דעאי אַטקווע פּרעסאַנקטע ווירגיניס גלאָריאַם" — צו דעם גרעסטן רום פון גאָט און דער גאָר הייליקער יונגפרוי), 1433 פון טאָרגאָו און די איבעריקע סאַקסאָ־נישע שטעט, 1435... 1439... 1450 פון באַוואַריע — — — 1454 פון באָן און אָלמיץ, אאַז"וו, אאַז"וו, אאַז"וו.49)

אין שפּאַניע ווערן די יידן אַלץ מער און מער באַדריקט פון דער קריסט־לעכער גייסטלעכקייט. זי צווינגט זיי צו שמד, און דאָס מאָל מיט גאָר אַן

אומדערהערטן דערפאָלג. שוין ניט רעדנדיק וועגן די מאַראַנען, די „אַנוסים", וואָס זייער צאָל האָט דערגרייכט איבער צוויי מאָל הונדערט טויזנט, באַגע־גענען מיר איצטער אויך פּריווילעגירטע רענעגאַטן, רייכע, וועלטלעכע סוחרים, סקעפּטישע פילאָסאָפן, רופאים, פּאָעטן, — „די גאַנצע פּער פון פאָלק ישראל". דער רופא און רב אסטריוק, וואָס האָט בייגעוואוינט אַ וויכוח צווישן יידן און דאָמיניקאַנער, זאָגט זיך היילק אָפּ פון דעם תלמוד און גייט אַריבער צום קריסטנטום (1414); מיט אים שמדן זיך דריי טויזנט יידן פון די שענסטע פאַמיליעס50).

נאַטירלעך האָט די תלמודיש־ראַבאַנישע געזעצגעבונג זיך ניט געקאָנט אַנטוויקלען אין אַזאַ צייט. אין דעם משך פון דעם 15טן יאָרהונדערט הייבט מען אָן צו פאַרגעסן די געוויינלעכסטע דינים. מען דערגייט אַזוי ווייט, אַז מען קויפט גויאיש ברויט, געבאַקן אום שבת און מען טוט כדומה אַזעלכע שווערע עבירות. די רבנים באַשעפטיקן זיך נאָר מיט איין זאַך — אַרויסצו־געבן זאַמלונגען פון מנהגים.

ווי אין דער צייט פון די רבנן סבוראי, ווערט די יידישע נעץ געריסן און געפליקט פון אַלע זייטן.

### דער פינפטער פּעריאָד

## יוסף קאַראָ (דער „בית יוסף")

צום גליק פאַר דעם ראַבאַניזם האָט זיך נאָך געפונען אויף דער וועלט אַ שטיל, פאַרוואָרפן ווינקעלע, וואָס איז געבליבן פאַרשוינט פון די שטורעמ־דיקע וואַלן, וועלכע דער אַנטיסעמיטיזם האָט אויפגעברויזט. דאָס איז געווען ארץ־ישראל.

אַ לאַנגע צייט איז דאָס יידישע לאַנד געווען פאַרשלאָסן פאַר דעם יידישן פאָלק. ערשט צום סוף פון דעם דרייצנטן יאָרהונדערט, אין די צייטן פון דעם סולטאַן נאַסיר מאָהאַמעט, האָט פּאַלעסטינע זיך ווידער געעפנט פאַר יידישע פּיליגרימען. אַ דאַנק דער רעליגיעזער טאָלעראַנץ, וואָס איז דאָרטן אויסגע־פאַלן אויף זייער גורל, האָט זיך ביי דעם פאָלק אין גלות גענומען מערן די צאָל פון יענע, וואָס די בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים האָט זיי געצוואונגען צו נעמען זיך פאַר דעם וואַנדער־שטאָק און אַוועקפאָרן אַהין. די צאָל פון די איינגעוואַנדערטע יידן האָט זיך גענומען פאַרגרעסערן פון יאָר צו יאָר.

אין דער ערשטער צייט האָבן די ארץ־ישראל־יידן געהאַט זייער אַ קליינע מגע ומשא מיט זייערע אייראָפּיאישע ברידער. ערשט אין די דרייסיקער יאָרן פון דעם פערצנטן יאָרהונדערט האָט איינער אַ מקובל, וואָס איז אַריבער־געפאָרן אַהין פון אַראַגאָניע, צוגעשיקט קיין אייראָפּע אַ באַריכט וועגן דער לאַגע פון די יידן אין ארץ־ישראל. פון דעם באַריכט האָט מען זיך דערוואוסט, אַז אין ירושלים איז שוין פאַראַן אַ היפּשע יידישע קהילה, און אַז די ראַבאַ־ניטן (עס זיינען אין ירושלים געוועזן אַ סך קאַראַאימען) פירן דאָרטן אַ רואיקן גאַטספאָרכטיקן לעבן. מען זיצט על התורה ועל העבודה און מען לערנט טאָג ווי נאַכט גמרא און קבלה51).

מען האָט אָבער ניט נאָר געלערנט און אָפּגעהיט יענע מצוות און עבירות, וועלכע די רעליגיעזע געזעצגעבונג האָט שוין אַרויסגעבראַכט. פאַר אַ ווייטערשפּינען פון אַ רעליגיעזער נעץ איז נאָך געווען גענוג אָרט. אַ סך קליינ־קייטן פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן זיינען נאָך ניט געווען אַרומגעשנירלט און האָבן געקאָנט זיך פריי אַרויסגליטשן פון די צו ברייטע אייגעלעך אין דער נעץ.

יענע אייגעלעך האָבן געמוזט נאָך ענגער געמאַכט ווערן, און וועגן צאָל־רייכע קלייניקייטן הייבט זיך אָן אַ סדרה פון וויכוחים, דערקלערונגען, פּירושים, שאלות ותשובות, — הכלל, אַ לעבעדיקער שטראָם פון געדאַנקען, אָנגעזאָפּט מיט תלמודישער בקיאות און חריפות.

אין די פופציקער יאָרן פון דעם פופצנטן יאָרהונדערט ווערט די יידישע לאַגע אין ארץ־ישראל געזעצלעך גערעגלט און געזיכערט. די קהילות און זייער אָרגאַניזאַציע ווערן אָנדערקענט פון דער ממשלה. אויף דער שפּיץ פון די קהילות ווערט אַוועקגעשטעלט אַן אויבער־רב, דער „חאַכאַם באַשי״, וואָס ווערט באַשטעטיקט פון דער רעגירונג.

שפּעטער הייבן אָן צו עמיגרירן קיין ארץ־ישראל אַ סך פון יענע שפּאַ־ניש־יידישע דענקער און געלערנטע, וואָס דאַרפן זיך ראַטעווען פון קירכ־לעכע פאַרפאָלגונגען. אַזוי איז אין 1514 געקומען קיין ארץ־ישראל ר׳ יעקב בן חביב, דער מחבר פון דעם באַלד אַזוי פּאָפּולער־געוואָרענעם „עין־יעקב״. ער האָט געבראַכט מיט זיך זיין זון לוי, וואָס איז שוין געווען אויפגעצויגן אין קריסטנטום.

מען זעט: אין פּרט פון זיכערקייט ווערט ארץ־ישראל אַ קליינער יידישער אָאַזיס; פון פאַרפאָלגונגען ניט קיין שפּור; און די רואיקע געזי־כערטע לאַגע האַלט דאָרטן אָן אַ משך פון עטלעכע יאָרהונדערט. אונטער אַזעלכע גינסטיקע אַרומיקע באַדינגונגען ווערט אַרויסגעבראַכט דער שלוס־

אַקאָרד פון דעם ראַבאָניזם פאַר מערב־אייראָפּע, דער „שולחן־ערוך״ פון יוסף קאַרו (קאַראָ, 1488־1575).

יוסף קאַרו, אָדער, ווי ער איז באַקאַנט אין דער ראַבאָנישער וועלט, דער „בית יוסף״, איז גאַנץ זיכער געווען אַ מערקווירדיקער מענטש, מיט אַ רייכער נשמה און אַ קלאָרן סיסטעמאַטישן קאָפּ.

דער היסטאָריקער יאָסט רופט אים „דער מאַימאָניד״ (דער רמב״ם) פון די שפּעטערע דורות: ער באַשאַפט אַ באַזונדערע אָפּטיילונג אין דער יידישער געשיכטע, און אַט די געשיכטע מוז בלי שום ספק אָנדערקענען זיין הויכן באַטייט ביז צום סוף פון דעם אַכצנטן יאָרהונדערט52).

אין וואָס איז באַשטאַנען זיין הויכער באַטייט? זיין הויפּט ווערק, דער „בית יוסף״, אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט איבער צוואַנציק יאָר, און וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַזאַ אויסערגעוויינלעכן אָרט אין דער געשיכטע פון דער ראַבאָנישער געזעצגעבונג, איז געווען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ „פּירוש״, אַ דעטאַלירטע פּרטיותדיקע דערקלערונג פון די אויבן־דערמאָנטע פיר „טורים״ פון ר׳ יעקב בן אשערי. און דער „שולחן־ערוך״ וואָס איז באַלד געוואָרן דער פירער אין לעבן פאַר יעדן יידן, איז אויך געווען ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַ קיצור פון יענעם פּירוש אויף די „טורים״.

דער הויפּט־צוועק פון ביידע ווערק איז אַרויסברענגען אויף קלאָר וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט אין אַזעלכע דינים, וועגן וועלכע עס זיינען נאָך געווען חילוקי־דעות ביי די „פּוסקים״ (די וואָס פּסקענען אָפּ, ווי דער דין זאָל זיין). קאַרו רעכנט זיך מיט די דריי פּוסקים: דעם אלפס, דעם רמב״ם און דעם „בעל הטורים״. דאָרטן וואו די דריי גייען זיך פונאַנדער אין זייערע מיינונגען, פּסקנט ער דעם דין לויט דעם פּרינציפּ פון „אחרי רבים״.

אויף דעם „בית יוסף״ האָט מען גענומען קוקן ווי אויף אַ נייער אַנט־פּלעקונג, און אַ „באַזונדער אָפּשניט אין דער יידישער געשיכטע״ האָט ער געשאַפן דורך דעם, וואָס אַלע שפּעטערע זאַמלונגען פון יידישע דינים האָבן זיך געמוזט גרינדן אויף אים.

## דער זעקסטער פּעריאָד

נאָך דעם „בית יוסף״ האָט די אויסשפּינונג פון דעם תלמודישן נעץ זיך בשום אופן ניט אָפּגעשטעלט אָדער, ריכטיקער, זי האָט זיך יע אָפּגע־שטעלט פאַר מערב־אייראָפּע; זי איז אָבער ווייטער געפירט געוואָרן אין

אַן אַנדער לאַנד, וואָס האָט באַשאַפן אַ מקום מקלט פאַר די פאַרפאָלגטע יידן, אַ לאַנד, אין וועלכן די יידן האָבן בדרך כלל געזען אויך אַ סך ליכטיקע טעג. מיר מיינען דאָ פוילן.

ווען די פאַרפאָלגטע יידן פון דייטשלאַנד האָבן זיך אַריבערגעקליבן קיין פוילן, האָבן זיי באַלד פאַרוואַנדלט זייער נייע היים אין אַ צענטער פון תלמודישער למדנות; און ווי אַ פועל־יוצא דערפון איז געקומען אַ היפש ביסל נייע מצוות און מנהגים.

מען קאָן אָבער ניט זאָגן, אַז די ריין געזעצגעבערישע אַנטוויקלונג איז אין אָט דעם לעצטן פעריאָד געשטאַנען אויף דער זעלביקער הייך, ווי אין די פריערדיקע פעריאָדן.

איינמאָל איז שוין די נעץ געווען פאַרפולט און עס איז פשוט שווער געווען צו געפינען נייע ערטער, וואו מען זאָל האָבן געקאָנט צושטריקן נייע אייגלעך. דערצו אָבער דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז דער זיבעצנטער און דער גרעסטער טייל פון דעם אַכצנטן יאָרהונדערט זיינען געווען ניט גאָר גינסטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם ראַבאַניזם, מחמת ריין אינעווייניקסטע טעמים: גראָד יענע צייטן זיינען רייך געווען אין אָפטע און לאַנג אָנהאַלטנדיקע משיח־באַוועגונגען, וואָס זיינען כמעט אַלע מאָל געווען פיינטלעך דער תלמודיש־ראַבאַנישער געזעצגעבונג.

אין ענגן צוזאַמענהאַנג מיט יענע משיח־באַוועגונגען, איז געשטאַנען אויך דער חסידיזם (די חסידות), וואָס האָט שטאַרק פאַרמינערט דעם באַטייט פון אָפּהיטן אַלע קליינע און קלייניקע (און אפילו גרעסערע) מצוות און עבירות, ווייל ער האָט אין זיי געזען ניט מער ווי סימבאָלן פון טיפערע געדאַנקען, וואָס זיינען געווען דער עיקר.

פונדעסטוועגן קאָן מען ניט פאַרבייגיין פאַרביי אַ פאָר באַדייטנדיקע עפּיזאָדן, וואָס האָבן געבראַכט אַ פאָר שריט ווייטער די זעלביקע „שולחן־ערוך״־פרומקייט, אויף וועלכער כמעט אַלע פריערדיקע דורות האָבן מיט אַזאַ התמדה געאַרבעט.

אין דעם מיטן פון דעם זיבעצנטן יאָרהונדערט האָט ר׳ משה ריווקעס, אָדער ר׳ משה חסיד, אָנגעשריבן אַ פירוש אויף דעם „שולחן־ערוך״, „באר הגולה״, וואָס האָט קלאָרער געמאַכט געוויסע פונקטן אין אים, וועלכע זיינען ניט געווען אינגאַנצן קלאָר. אין אייניקע פונקטן איז דער „באר הגולה״ געווען אַ „מקיל״, אָבער ניט אַזוי לגבי דעם „בית יוסף״, ווי לגבי יענע שפּעטערדיקע רבנים וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט נאָך נייע חומרות און פאַרווערונגען.

אָט די מער ליבעראַלע טענדענץ איז אָבער געווען גאָרנישט ניט צום האַרצן דעם הויפּט־העלד פון דעם פּעריאָד, דעם „ווילנער גאון״ (1720־1797).

דער ווילנער גאון, אליהו, וואָס האָט אין אַ דירעקטער ליניע אָפּגע־שטאַמט פון דעם נאָר וואָס דערמאָנטן משה חסיד, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט זיצנדיק אין אַ טלית און תפילין און לערנענדיק די הייליקע יידישע ספרים, וואָס איז אויך געשטאָרבן (אין אַ סוכות טאָג) מיט אַ לולב און אַן אתרוג אין די הענט, איז געווען די לעצטע פרוכט פון דעם תלמודיש־ראַבאַנישן בוים און די פאַרקערפּערונג פון זיין גאַנצן מהות.

אַנטקעגן זיין אייגענעם עלטער־עלטער־זיידן, דעם „באר הגולה״, איז אליהו גאון אַרויסגעטראָטן אין זייער שניידנדיקע אויסדרוקן פאַר זיין טענ־דענץ מקיל צו זיין. ער האָט אויפן שאַרפסטן אופן אָפּגעוואָרפן יענע „קולאָס״ וואָס רבנים בר־סמכאס האָבן אַריינגעטראָגן אין דעם פרט פון אָפּהיטן שבת אָדער אין די דינים פון פסח, אאַז״וו, אאַז״וו. ער האָט אפילו געפּרואווט ווידער איינפירן די מנהגים פון דער תלמודישער עפּאָכע, וואָס זיינען אין דעם משך פון דער צייט פון זיך גופא אָפּגעפאַלן מחמת די פאַרענדערטע לעבנס־באַדינגונגען. ניט דער דין דאַרף זיך אונטערוואַרפן אונטער די פאָדערונגען פון דעם לעבן, נאָר דאָס לעבן דאַרף זיין אונטערגע־יאָכט צו די אומפאַרענדערלעכע, אומצעשטערלעכע געזעצן. זיי אויסצופאָרשן און מקיים צו זיין, — אָט דאָס איז לויט דער מיינונג פון אליהו גאון דער הויפּט־זין פון דעם לעבן53).

אָט די אַבסאָלוטע איבערגעגעבנקייט צו די „מצוות מעשיות״, צו דער „שולחן־ערוך״־פרומקייט, דערקלערט אויך זיין ברענענדיקע שנאה צו די חסידים, וועלכע ער האָט תמיד רודף געווען און פאַרזאָגט אויף אייביק רודף צו זיין ווי די ערגסטע אפיקורסים און שונאים פון דעם יידישע גלויבן, — רודף צו זיין פאַר זייער קריטיק פון די „לומדים״ און „רבנים״ און פאַר זייער ניט גענוג שטרענגן אָפּהיטן פון אַלע שולחן־ערוך־דינים.

אָבער אויך די חסידים דאַרף מען זיך ניט פאָרשטעלן ווי פריי־גייסטער, וואָס האָבן אויפגעהויבן זייער האַנט אַנטקעגן אַלע מצוות און עבירות פון דער יידישער פרומקייט. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען די טעטיקייט פון די „רייסישע״ אָדער ווייס־רוסישע חסידים, פון אַ „רב זלמנקע״, דעם מחבר פון אַ „שולחן־ערוך״, וואָס איבערשטייגט אין זיין שטרענגקייט און פרומקייט דעם פריערדיקן קאָדעקס, כדי איינצוזען ווי אומגערעכט דער ווילנער גאון איז געווען, ווען ער האָט זיי פאָרגעוואָרפן ניט גענוג פרומקייט.

די טעטיקייט פון דעם ווילנער גאון און דעם ליאַדיער צדיק, „רב זלמנקע״ (1747־1812) וואָלט אפשר געווען דער אָנהייב פון אַ נייעם אויפבלי

אין ראַבאַנישן שאַפן, ווען עס וואָלט זיך ניט אונטערגערוקט יענע באַווע־גונג, וואָס איז אויסגעוואַקסן ביי דער יידישער אינטעליגענץ אין דעם סוף פון דעם אַכצנטן און האָט זיך פונאַנדערגעבליט אין דער ערשטער העלפט פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט, — די השכלה־באַוועגונג, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער טעטיקייט פון משה מענדעלסאָן (1728־1786) און זיינע תלמידים.

די השכלה־באַוועגונג האָט פונאַנדערגעוויקלט די פאָן פון פרייען דענקען אונטער גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען, איידער אין דער צייט פון דעם רמב״ם און זיינע ראַדיקאַלע נאָכגייער, און האָט דערלאַנגט דעם ראַבאַניזם דעם לעצטן טויט־קלאַפּ.

## שלוס באַמערקונג

און אַזוי אַרום האָבן מיר פאַר זיך אַן איבערבליק איבער דעם גאַנצן סקעלעט פון דעם ראַבאַניזם, ווען אפילו מיר האָבן זיך ניט געקענט אָפּשטעלן ביי יעדן וויכטיקן טרוקענעם ביין זיינעם. מיר האָבן זיך אָבער צוגעקוקט צו יעדן אַרויסגערוקטן, עפּאָכע־מאַכנדיקן מאָמענט פון זיין וואַקסן און אַנט־וויקלען זיך און מיר האָבן געפונען, אַז אַלע אַזעלכע מאָמענטן זיינען תמיד אויסגעפאַלן אין אַזאַ צייט, ווען די דרויסנדיקע לאַגע פון דעם יידישן פאָלק איז געווען אַ זייער גינסטיקע און ווען זי האָט אָנגעהאַלטן יאָרהונדערטער לאַנג.

די דערקלערונג דערצו איז ניט שווער צו געפינען.

די קרעפטן וואָס האָבן אָנגעטריבן די אַנטוויקלונג פון דער תלמודיש־ראַבאַנישער געזעצגעבונג, — אָדער וואָס איז איין און די זעלביקע זאַך, — אונדזער פאַרמענדעלסאָנישע אָפּגעשלאָסנקייט, — דאַרפן ניט געזוכט ווערן אין די דרויסנדיקע פאַרפאָלגונגען און דאַרפן ניט באַטראַכט ווערן, — אינאיינעם מיט די אַסימילאַטאָרישע טעאָרעטיקער, — ווי אַן אומבאַ־וואוסטזיניקע פּסיכאָלאָגישע רעאַקציע אויף יענע פאַרפאָלגונגען.

יענע קרעפטן דאַרפן געזוכט ווערן אין דעם יודאַאיזם גופא, אין דעם אינעווייניקסטן גייסטיקן לעבן פון אונדזער פאָלק. זיי מוזן זיין אַ לאָגישע קאָנסעקווענץ פון יענע אורזאַכן, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט דעם פּעריאָד פון די תנאים און די משנה.

אין דער אמתן! די גאַנצע יידישע געשיכטע פון בר־כוכבאס מפּלה ביז צו דעם מענדעלסאָנישן פּעריאָד שטעלט מיט זיך פאָר איין־איינציקע עפּאָכע, וואָס אַרבעט נאָר אויף איין־איינציקן ציל: אונטערצודריקן און גייסטיק

איינצופּעננטן דעם יידישן אינדיווידו צוליב די צילן און דער דערהאַלטונג פון דער יידישער נאַציע.

און אַט די גאַנצע עפּאָכע גופא מוז באַטראַכט ווערן ווי אַ נאַטירלעכע אַנטוויקלונג פון געוויסע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן אויס יענעם באַשלוס, וועלכע אונדזער נאַציאָנאַלער ווילן האָט אָנגענומען אין דער צייט פון דער העכסטער נאַציאָנאַלער געפאַר.

אַזוי אויסגעטייטשט אָדער אַנדערש; אַריינגעלייגט אַזאַ זין אָדער אַן אַנדערן אין די אומצייליקע דינים פון זיין רעליגיעזן לעבן, — אָבער דער פאַקט איז, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט תמיד אויפגעבויט און אָפּגעהיט יענע דינים און אַז יענע דינים האָבן טאַקע אויסגעהיט, און זיכער אָפּגעהיט דאָס יידישע פאָלק פון פאַרשווינדן צווישן אַנדערע פעלקער.

צוליב וואָס אָפּגעהיט?

אויף דער שאלה קאָן ניט געבן קיין ענטפער דער יידישער היסטאָריקער, ווייל די יידישע געשיכטע גיט ניט קיין ענטפער אויף איר.

דעם „צוליב וואָס”, מוזן מיר, לעבעדיקע יידן, וואָס האָבן זיך דערהאַלטן ביז אַהער ווי יידן, אַ דאַנק דער תלמודיש־ראַבאָנישער געזעצגעבונג, אַליין אַריינטראָגן אין אונדזער עקזיסטענץ, לויט אונדזער איצטיקן שכל און אונדזער איצטיקן יושר. און אויב דער „צוליב וואָס” איז אונדז קלאָר, און אויב ער איז אונדז טייער, און אויב מיר קאָנען טראַכטן וועגן אים, אַ דאַנק אונדזער עבר, קומט יענעם עבר אונדזער טיפסטער, אונדזער ערפורכטספולער דאַנק.

# דער אויפקום פון דעם אַריסטאָקראַטישן פעריאָד אין דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע

## הקדמה

דער אַריסטאָקראַטישער פעריאָד אין דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע האָט, ווי באַקאַנט, געשפּילט אַ געוויסע ראָליע אין דער אַנטוויקלונג פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן פילאָסאָפישן געדאַנק, און דעם באַטייט פון יענער ראָליע האָט די וויסנשאַפט שוין לאַנג צוריק אָפּגעשאַצט. אמת, ניט אומעטום באַגעגענען מיר אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג פון דעם דאָזיקן באַטייט. דאָס טיפערע אויסשטודירן די דענקער פון אָט דעם פעריאָד וועט, אָן ספק, אַריינטראָגן ערנסטע תיקונים אין די איינגעשטעלטע בליקן אויף דער קראַפט, אויף דער טיפקייט און אויף דער אָריגינאַליטעט פון געדאַנק ביי דעם אָדער יענעם פאָרשטייער פון דאָזיקן פעריאָד, אָדער אויף דער מאָס פון זיין אומדירעקטער אָדער דירעקטער השפעה אויף דעם אָדער יענעם פון די אייראָפּייאישע דענקער. — אָבער, בכל אופן, איז קיינער ניט מחולק דערין, אַז דער יידישער אַריסטאָטעליזם איז אַ וויכטיקער רינג אין דער אַנטוויקלונגסקייט פון דער וועלט־היסטאָרישער קולטור, און אַז מען מוז אים אויסשטודירן, כדי צו קריגן אַ ריכטיקן בליק אויף דער גאַנצער קייט פון דער גייסטיקער אַנטוויקלונג אין אייראָפּע.

אָבער דער באַטייט פון דעם יידישן אַריסטאָטעליזם ווערט ניט אויסגעשעפּט מיט דער ראָליע פון אַן עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער אַנטוויקלונג, — אַן עפּיזאָד אפילו אַ וויכטיקן, אָבער לפי־ערך דאָך אַ קליינעם. פאַר אונדז, יידן, האָט דער דאָזיקער פעריאָד אַן אומגעהייערן באַטייט ניט נאָר דערפאַר, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר אַן עפּאָכע, ווען אונדזער פאָלק האָט געשאַפן אויפן פילאָסאָפישן געביט מער ווי אין וואָסער עס איז אַנדער צייט,—ביז צו דעם נייַנצנטן יאָרהונדערט,— נאָר אויך דערפאַר, וואָס אין אָט דעם פעריאָד האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן ווי אין אַ קנופּן־צענטער, אַלע נערוון, וואָס האָבן געבראַכט אין באַוועגונג

די געשיכטע פון יידן אין גלות; דערפאַר, וואָס אין אים זיינען זיך צונויפ־געלאָפן אַלע סתירותדיקע טענדענצן, וועלכע האָבן געהערשט און הערשן נאָך עד־היום אין דעם היסטאָרישן לעבן פון יידישן פאָלק: די צענטראַלע פראַגע, וואָס האָט צוגעצויגן צו זיך די דענקער פון יענעם פעריאָד, איז נאָך עד־היום ניט אַראָפּגענומען פון טאָג־אָרדענונג, אָדער ריכטיקער, ווערט ערשט איצט ווידעראַמאָל ערנסט געשטעלט אויף אונדזער היסטאָרישן סדר־היום.

די דאָזיקע פראַגע לייענט זיך אַזוי: צי איז מעגלעך און ווי אַזוי איז מעגלעך דער קיום פון יידישן פאָלק אין גלות אויף אַזעלכע יסודות, וואָס זאָלן ניט גיין להיפוך צו דער אַנטוויקלונג פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור?

די דאָזיקע פראַגע איז ניט אַלעמאָל פאָרמולירט געוואָרן דירעקט דורך די דענקער, וואָס אינטערעסירן אונדז, אָבער זי איז אומעטום געווען יענע באַהאַלטענע שוואונג־ראָד, וואָס האָט געבראַכט אין באַוועגונג דעם גאַנצן סכום קאָמפּליצירטע און פאַרפּלאָנטערטע, רעליגיעזע און פילאָסאָפישע פּראָבלעמען.

אגב איז נייטיק צו באַמערקן, אַז זי איז געווען און געבליבן די צענט־ראַלע פראַגע פון גאַנצן היסטאָרישן לעבן פונעם יידישן פאָלק, אָנגעהויבן פון דער עפּאָכע, ווען מיר האָבן זיך צונויפגעשטויסן מיט דער גריכיש־רוימישער וועלט, ביז אין אונדזערע טעג. אַלע פּאַסירונגען און שינויים אין דער יידישער גייסטיקער געשיכטע זינט דעם צוזאַמענשטויס מיט דער גריכיש־רוימישער ציוויליזאַציע זיינען נאָר איינצלנע עפּיזאָדן פון איין־און־איינציקער דראַמע: דעם גראַנגל פון יידישן פאָלק פאַר זיין נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג און ווייטערדיקער אַנטוויקלונג.

דאָ איז ניט דער אָרט בפרטיות פונאַנדערצואוויקלען, דערקלערן און דערווייזן די דאָזיקע גרונט־הנחה פון דער געשיכטס־פילאָסאָפיע פון יידישן פאָלק אין דער דיאַספּאָראַ. אַ בפרטיותדיקע שילדערונג פון דעם ענין קאָן דער לייענער געפינען אין מיין רוסיש ווערק: „געדאַנקען וועגן דעם היס־טאָרישן גורל פון יידישן פאָלק", וואָס איז אַרויס מיט איבער אַ האַלב יאָרהונ־דערט צוריק54). ווי פאַרעלטערט און ווי נאַאיוו עס זיינען ניט געווען געוויסע פּרטים אין די דאָזיקע „געדאַנקען", איז זייער גרונט־הנחה, דוכט זיך מיר, ריכ־טיק נאָך ביז אויף דעם היינטיקן טאָג: דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אָנדערקענט פאַר אַ גרויס פאָלק, וואָס האָט געפונען דעם אמת פון לעבן, און מיט אַלע מיטלען און כוחות, טיילוויז אומבאַוואוסטזיניק, אָבער נאָך מער באַוואוסטזיניק, ראַנגלט עס זיך פאַר זיין קיום. אין אָנהייב ווענדט עס זיך צו דער הילף פון

פיזישער קראַפט, אין דער האָפענונג דורך אַ ריי אויפשטאַנדן אַראָפּצו־וואַרפן דעם פרעמדלענדישן יאָך. אָבער, געליטן אַ מפלה אין פיזישן קאַמף, רינגלט זיך דאָס יידישע פאָלק אַרום מיט אַ גייסטיקער אַטמאָספערע פון תלמודיזם און רבניזם, בינדט צונויף זיין היסטאָרישן גורל מיט אַ באַשטימטן גלויבן אין אַ ניסים־ונפלאותדיקער גאולה מיט דער הילף פון אַן איבער־נאַטירלעכן משיח און בכן מיט אַ וועלט־באַנעם, וואָס האַלט בכלל, אַז ניסים זיינען מעגלעך. עס פאַרשליסט זיך אין דעם דאָזיקן גייסטיקן שאָלעכץ זיינעם, וואָס אַ פרייער און קריטיש־דענקענדיקער פערזענלעכקייט איז שווער אין אים צו אָטעמען. די דאָזיקע פערזענלעכקייט שטרעבט אַרויסצורייסן זיך פון אָט דער פאַרשטיקטער אַטמאָספערע פון תלמודישע און רבניסטישע תקנות אַמאָל דורך משיחישע באַוועגונגען, וואָס וואַרפן פון זיך אַראָפּ די קייטן פון תלמוד, ווי אַ מיטל, וואָס האָט אָפּגעדינט זיין דינסט און איז איבע־ריק געוואָרן; אַמאָל דורך פשרות מיטן פראָגרעסירנדיקן געדאַנק פון דער מענטשהייט, וואָס ענדיקן זיך אַלע מאָל מיט אַ מפלה, וואָס רופן אַלע מאָל אַרויס אַ שטאַרקע רעאַקציע מצד דעם פאָלק. דאָס פאָלק פילט, אַז אַן פעסטע גאַראַנטיעס פון אַ פרייען און זעלבסטשטענדיקן נאַציאָנאַלן לעבן וועט עס אָן דעם תלמוד און דעם „שולחן־ערוך" ניט קאָנען בלייבן לעבן אין גלות, ווי אַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזם. אַלע אַזעלכע פשרות האָבן געפירט מער ניט דערצו, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך נאָך שטיפער איינציען אין דעם שטאָלענעם קאָרסעט פון זיינע רעליגיעזע תקנות און מנהגים; עס זאָל נאָך מער פאַרקריכן אין דער פאַנטאַסטישער וועלט פון איבערנאַטיר־לעכע מיסיעס און האָפענונגען; זאָל נאָך מער פאַרנעפּלען דעם פאַרשנדיקן געדאַנק מיט טעאָסאָפישע פילפּולים און פאַרטעמפּן דאָס אומרואיקע האַרץ מיט רעליגיעזן עקסטאַז. און ווער עס האָט ניט געקאָנט איבערטראָגן אַזאַ לעבן, יענער האָט געמוזט זיך אינגאַנצן אָפּרייסן פון זיין פאָלק.

כל־זמן פאַרן יידישן געדאַנק איז נאָך פאַרבליבן אַ האָפענונג אויף ניסים און אויף אַן איבערנאַטירלעכער גאולה, האָט ער כסדר פאַרטיידיקט די נאַ־ציאָנאַלע יסודות פון זיין לעבן. אָבער זינט דער אויפקלערונג פון 18טן און 19טן יאָרהונדערט זיינען די האָפענונגען אויף משיחן און דאָס לעבן אונטערן תלמודישן פּרעס געוואָרן אוממעגלעך פאַר מענטשן, וואָס שטייען אויף דער הייך פון דער בילדונג פון זייער צייט. און מיט דעם פאַרשווינדן פון יענער האָפענונג זיינען באַלד געשטעלט געוואָרן די פראַגעס וועגן צונויפגיסן דאָס יידישע פאָלק מיט די אַנדערע פעלקער, וועגן ליקווידירן איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיין היסטאָריש לעבן, ווייל ער איז ניט ביכולת ניט אומקערן זיך צוריק אין זיין לאַנד, דאָס הייסט, פאַרווירקלעכן זיין משיחישן אידעאַל מיט זיינע

אייגענע כוחות, ניט געפינענדיק קיין אַנדערע, ראַציאָנאַלערע יסודות פון נאַציאָ־נאַלן לעבן אין גלות, — יסודות, וועלכע זאָלן ניט גיין להיפוך צום שכל און צו יענעם אמת פון לעבן, וואָס מיט אים איז אונדזער פאָלק אַוועק אין גלות און אים איינגעאַנצן אויסגעבראַכט אין גערעַנגל פאַר זיין קיום.

„אויב די אַכצנהונדערטיאָריקע עפּאָכע פון תלמוד האָט אויסגעאַרבעט אַן איבערצייגונג, אַז דאָס נאַציאָנאַלע לעבן פון די יידן אין גלות איז מעגלעך בלויז אויפן יסוד פון רעליגיעזער איינגעשלאָסנקייט און אָפּגעזונדערטקייט, איז דער סך־הכל פון דער גאַנצער טעטיקייט פון די אַזוי גערופענע בער־לינער משכילים באַשטאַנען אין איין הוספה צו דער אויבנדערמאָנטער אי־בערצייגונג, אַז דאָס פּראָגרעסיווע לעבן פון יידן פאַרלאַנגט, זיי זאָלן זיך צונויפגיסן מיט די אַרומיקע פּראָגרעסירנדיקע פעלקער״55).

זינט יענע שורות זיינען אָנגעשריבן געוואָרן, האָט זיך אַ סך געענדערט אין יידישן לעבן. וועגן אַ פולער ליקווידאַציע פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן זיין איז שוין איצטער שווערלעך צו רעדן. אין דער צווייטער העלפט פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט איז די העגעמאָניע איבער דעם היסטאָרישן גורל פון יידישן פאָלק אַריבערגעגאַנגען צו דער רוסיש־יידישער אינטעליגענציע, און דער שאַרפער איבערברוך אין איר גייסטיקן לעבן, וואָס זי האָט דורכ־געמאַכט סוף אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, לאָזט מער ניט איבער קיין שום ספק, אַז איר דעוויז איז געוואָרן — די היסטאָרישע זעלבסטטעטי־קייט פון יידישן פאָלק. אין וואָס פאַר אַ פאָרמען עס זאָל זיך ניט אויסגיסן די ערא פון זעלבסטטעטיקייט, ווי פאַרשיידנאַרטיק עס זאָלן אויך ניט זיין די ענד־צילן, וואָס שטעלן זיך פאַר איר, — איינס איז קלאָר: מהיום והלאה קאָן מען שוין מער ניט רעדן וועגן דער ליקווידאַציע פון יידישן היסטאָרישן לעבן, נאָר וועגן דער ליקווידאַציע פון דעם ניינצנהונדערט־יאָריקן פעריאָד זיינעם, וואָס קאָן אָנגערופן ווערן: „דער תלמודיש־משיחישער״.

דער אַריסטאָטעלישער פעריאָד פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָ־סאָפיע איז טאַקע יענער פעריאָד אין דער תלמודיש־משיחישער עפּאָכע, ווען די יידישע אינטעליגענציע מאַכט דעם לעצטן און גראַנדיעזסטן פרואוו — גובר צו זיין דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק פון דער צייט, וואָס איז אַזוי פיינטלעך צום תלמודישן משיחיזם, איינצונעמען אים, אַנטוואָפענען, אַנטאָן אַ צוים אויף אים און צווינגען אים צו דינען דעם זעלביקן תלמודישן משיחיזם.

דער דאָזיקער פרואוו האָט זיך געענדיקט, ווי באַוואוסט, מיט דעם דורכפאַל פון דעם אַריסטאָטעליזם און מיט דעם נצחון פון דער קבלה...

אַט דאָס איז, לויט מיין מיינונג, דער שטאַנדפּונקט, וואָס אויף אים דאַרף מען זיך שטעלן, כדי פּולקום זיך צו אָריענטירן אין יענער אידייען־שטרעמונג, וואָס איז פאַרבונדן דער עיקר מיטן נאָמען פון רמב״ם, און אין יענעם אידייען־געראַנגל, וואָס אַט די שטרעמונג האָט אַרויסגערופן אין יידישן פאָלק.

## 1.

די היינטצייטיקע און די מיטלאַלטערלעכע רעליגיעזע פילאָסאָפיע. — יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע. — קאָנסערוואַטיווע און פּראָגרעסיווע רעליגיעז־פילאָסאָפישע שטרעמונגען. — אַריסטאָטעליזם און יהדות. — דער רמב״ם וועגן זיין שייכות צו זיינע פאָרגייער. — אַ היסטאָרישער פּאַראַדאָקס.

ווער עס נעמט זיך שטודירן דעם אַריסטאָטעלישן פּעריאָד פון דעם אָנגעוויזענעם שטאַנדפּונקט, מוז קודם־כל זוכן אַן ענטפער אויף דער פראַגע: פאַרוואָס האָט דער יידישער רעליגיעז־פילאָסאָפישער געדאַנק מיטאַמאָל דערפילט אַזאַ סימפּאַטיע צו אַריסטאָטעלס פילאָסאָפישער שיטה, וואָס איז אַזוי פרעמד דעם יידישן גייסט?

מען דאַרף דאָך ניט פאַרגעסן, אַז דער יידישער אַריסטאָטעליזם איז ניט געווען די איינציקע פאָרם, וואָס אין איר האָט זיך אויסגעגאָסן דער פילאָסאָפישער געדאַנק פון דער יהדות. נאָך פריער, איידער אַריסטאָטעל איז געוואָרן פאַר אונדז דער אַבסאָלוטער אויטאָריטעט אין ריין פילאָסאָפישע ענינים, זיינען שוין ביי די אַראַבישע און שפּאַנישע יידן געווען דענקער, וואָס האָבן געפּרואווט צונויפגיסן די יידישע רעליגיע מיט די פילאָסאָפישע סיסטעמען, וועלכע האָבן צו איר בעסער געפּאַסט, און זייער פּרואוו איז געווען אַ גאַנץ געראָטענער.

אונטער דער השפּעה פון די ווערק פונעם קאַראַאימישן דענקער, בנימין נהונדי (נאַהאַווענדי), האָב רב סעדיה גאון דער ערשטער געפּרואווט פאַראייניקן די רעליגיעזע עיקרים און די גרונט־הנחות פון דער יהדות מיט די אָדער מיט יענע פילאָסאָפישע אָנשויאונגען, — דער עיקר, מיט די טעאָריעס פון די נעאָ־פּלאַטאָניקער. דערמיט האָט ער געמאַכט אַ התחלה פאַר אַ גאַנצער צאָל יידישע דענקער, וואָס זיינען געגאַנגען אין זיינע טריט און האָבן אויף לאַנג פאַרזיכערט די ממשלה פון די נעאָ־פּלאַטאָנישע אידייען איבער דעם יידישן געדאַנק. סך־הכל אַ וואָסערע פופצן יאָר פריער איידער

עס באַווייזט זיך דער ערשטער אַריסטאָטעליקער, ר׳ אַברהם אבן־דאוד דער עלטערער (הראב״ד הראשון), האָט דער רב פון סאַראַגאָסע, ר׳ יוסף אבן־צדיק, אין זיין ספר „עולם קטן״ (מיקראָקאָסמאָס) פאַרענטפערט די געוויכ־טיקע פּראָבלעמען פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע דורכאויס אין גייסט פונעם נעאָ־פלאַטאָניזם, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט איבער אונדזער געדאַנק. און אין משך פון די צוויי יאָרהונדערטער, וואָס זיינען אַוועק פון רב סעדיה גאון ביז רבי יהודה הלוי, האָבן די נעאָ־פלאַטאָנישע אידייען, ווי עס האָט געדוכט, זיך אַזוי צונויפגעשמאָלצן מיט דער יידישער רעליגיע, אַז הלוי, אָט דער שאַרפסטער דענקער פון דער פאַר־אַריסטאָטעלישער צייט, וואָס האָט פאַרענדיקט יענעם פעריאָד מיט קאַמף אַנטקעגן אַריסטאָטעלן, — רופט אָן נאָר אַריסטוס שיטה „פילאָסאָפיע״, בעת דעם נעאָ־פלאַטאָניזם פון זיין צייט האַלט ער שוין פשוט פאַר אַ יידישער רעליגיעזער טראַדיציע.

און אָט, אין אַ וואָסערן פערטל יאָרהונדערט אַרום, נאָכן דערשיינען פון הלויס פילאָסאָפישן חיבור „כוזרי״, טרעט אַרויף אויף דער סצענע ר׳ אברהם אבן־דאוד מיט זיין „אמונה רמה״, וואָס רייסט שאַרף איבער מיט דער גאַנצער נעאָ־פלאַטאָנישער ריכטונג: בייסיק און אָן רחמנות פּאָלע־מיזירט ער קעגן דעם קאָנסעקוועטסטן דענקער פון יידישן נעאָ־פלאַטאָניזם, ר׳ שלמה אבן־גבירול, פּראָקלאַמירט אַריסטון פאַרן איינציקן אויטאָריטעט פונעם פילאָסאָפישן געדאַנק און לייגט אַוועק דעם יסוד פאַר אַ נייער שיטה.

ס׳איז קלאָר, אַז דער נעאָ־פלאַטאָניזם האָט שוין מער ניט באַפרידיקט די גייסטיקע פאָדערונגען פון דענקענדיקן יידנטום. וואָס איז אָבער געווען די סיבה דערפון, וואָס מען איז ניט געווען באַפרידיקט מיט די גרויסע אויפטועס פון דער פריערדיקער תקופה? פון וואַנען האָט זיך מיטאַמאָל גענומען אָט די אומגערעכטע און אין פלוג אומפאַרשטענדלעכע ליבשאַפט צו אַריסטוס פילאָסאָפיע?

כדי טיפער אַריינצודרינגען אין דער דאָזיקער פראַגע, איז נייטיק צו האָבן אין זינען נאָך אָט וואָס:

די יידישע פילאָסאָפיע איז דורכאויס אַ רעליגיעזע פילאָסאָפיע, נאָך מער: זי איז — אַ מיטלאַלטערלעכע רעליגיעזע פילאָסאָפיע. די מיטלאַל־טערלעכע רעליגיעזע פילאָסאָפיע אונטערשיידט זיך אין תוך פון דער רעלי־גיעזער פילאָסאָפיע פון דער היינטיקער צייט, הגם אין אַלע רעליגיעז־פי־לאָסאָפישע שיטות, סיי פון דער אַלטער, סיי פון דער נייער צייט, גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם איין־און־די־זעלביקע טענדענץ. זי קאָן אויסגעדריקט ווערן מיט די ווערטער פון קאַנט: אַרומגרענעצן דאָס פעלד פון וויסן, כדי צו געפינען אָן אָרט פאַרן גלויבן: דערצו נאָך האָט דער עצם באַגריף:

„גלויבן" פאַרן היינטצייטיקן געדאַנק אַ לגמרי אַנדער טייטש, איידער יענער, וואָס די דענקער פון מיטלאַלטער האָבן אַריינגעלייגט אין דעם דאָזיקן וואָרט.

די היינטצייטיקע רעליגיעזע פילאָסאָפיע פאַרשטייט אונטערן וואָרט „גלויבן" — אַ פרייע אינדיווידועלע רעליגיעזע השגה, וואָס הייבט זיך אויף אַזוי הויך איבער דער וועלט פון עמפּירישן זיין און דער עמפּירישער דער־קענטעניש, אַז זי קאָן קיינמאָל ניט קומען אין קיין קאָנפליקט מיט דעם אָדער יענעם געזעץ אָדער דערשיינונג פון דערווירקלעכער, רעאַלער וועלט, ד"ה, פון דער וועלט, וואָס איז צוטריטלעך פאַר אָבסערוואַציע און דער־פאַרונג.

דער גאַנצער אויפגעזאַמלטער און וויסנשאַפטלעך־באַאַרבעטער מאַטע־ריאַל פון פּאַקטישן וויסן, אַלע נאַטור־וויסנשאַפטן, גייען אינגאַנצן אַריין אין דער דאָזיקער השגה, באַקומען אַ נייע פּאָעטישע באַלייכטונג, וואָס דערהייבט די נשמה, אָבער אויף קיין איין אַטאָם פון דער וויסנשאַפט וויל מען ניט מוותר זיין צוליב דער דאָזיקער השגה; פּרינציפּיעל, לכל הפחות, טאָר מען ניט מוותר זיין. דאָס איז דער טיף רעליגיעזע פילאָסאָפיע, וואָס קאָנט האָט דער ערשטער אַריינגעבראַכט אין דעם היינטוועלטיקן געדאַנק.

די מיטלאַלטערלעכע רעליגיעזע פילאָסאָפיע אָבער פאַרשטייט אונטער „גלויבן" ניט דעם אינדיווידועלן רעליגיעז־פילאָסאָפישן געבוי, וואָס שוועבט איבער דער וועלט און באַלייכט זי מיט זיינע שטראַלן, באַפאַרבענע אין אַ באַשטימטן קאָליר, נאָר אַ סיסטעם פון גלייבונגען, וואָס איז איבערגענומען געוואָרן בירושה פון די אבות, ווי אַ צוואה, — אַ סיסטעם פון גלייבונגען, וואָס מישן זיך אַריין אויף יעדן שריט און טריט אין עמפּירישן לעבן: אַ גאַנצן דיקטאַטאָרישן סיסטעם פון צערעמאָניעס, מנהגים און דינים, וואָס רעגולירן דעם טאָג־טעגלעכן לעבנס־שטייגער. אָט דער סיסטעם טרעט אַריין אַזוי אַרום צו אָפט אין אַ קאָנפליקט מיט די עמפּירישע אָבסערוואַציעס, מיט דער רעאַלער דערפאַרונג און מיט די דירעקטע באַדערפענישן פון די מענטשן. ער שטערט דער פרייער, אָביעקטיווער אויספאָרשונג פון די ערשטע און דער נאַטירלעכער באַפרידיקונג פון די לעצטע. די מיטלאַלטערלעכע רעליגיעזע פילאָסאָפיע דאַרף מען ריכטיקער אָנרופן קאָנפעסיאָנעלע פילאָ־סאָפיע.

אין דער היינטיקער רעליגיעזער פילאָסאָפיע איז די עובדא פון קריטישן געדאַנק קודם־כל צו דערווייזן די מעגלעכקייט פון אַן איבערחושימדיקער טראַנסצענדענטער וועלט, די מעגלעכקייט פון אַ געטלעכן יסוד אין די וועלט־דערשיינונגען. דערביי דאַרף דאָס „וויסן" זיין באַגרענעצט נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפל עס טרעט אַליין אַריבער די אייגענע נאַטירלעכע גרע־

נעצן פון דערפאַרונג און אָבסערוואַציע. ניט דאָס עמפּירישע וויסן, און אפילו ניט יענס וויסן, וואָס איז וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט, ווערט אַרומגעשניטן, נאָר בלויז יענע מעטאַפיזישע אַנוואַקסן זיינע, וואָס אין באַשטימטע תקופות באַשטייען זיי פון מאַטעריאַליסטישע אָדער פאַנטעאיסטישע טעאָריעס. די היינטיקע רעליגיעזע פילאָסאָפיע שניידט אָפּ בלויז די דאָזיקע אַנוואַקסן, שאָבט אַראָפּ פון דער וויסנשאַפט אַלע שפּורן זייערע, כדי אויף זייער אָרט אַוועקצושטעלן אַן אַנדער מעטאַפיזיק, וואָס טרעט באַוואוסטזיניק אַרויס דווקא ווי אַ מעטאַפיזיק, וואָס איז נויטווענדיק ווי אַ צוגאָב צו דעם באַשיידענעם, ווייט ניט אַלץ אַרומנעמענדיקן, קרייז פון שטרענג קאָנטראָלירטן וויסן.

אין מיטלאַלטער אָבער האָט אפילו דעם ערנסטן דענקער קוים געקאָנט איינפאַלן, מסופק צו זיין אין דער רעאַלער עקזיסטענץ פון אַן איבערחושימדיקער וועלט, און, בהסכם דערמיט, האָט מען אונטער „גלויבן" פאַרשטאַנען ניט די היפּאָטעטישע מעגלעכקייט פון אַ געטלעכן וועלט־סדר בכלל, נאָר די לערע וועגן אַן אַפּאָדיקטיש־בלי־ספקדיקער עקזיסטענץ פון אַ באַשטימטן גאָט, פון אַ באַשטימטן געטלעכן וועלט־סדר, פון אַ באַשטימטן סיסטעם עיקרים, פון אַ באַשטימטער רעליגיעזער פּראַקטיק. אַזאַ „גלויבן", וואָס איז מער אַן אילוזאָרישער וויסן, איידער אַ גלויבן און — וואָס איז שווער באַלאָדן מיט אַן אַ שיר גלייבונגען און מצוות, — שטיקט אין זיינע אָרעמס דאָס גאַנצע מענטשלעך־מעגלעכע וויסן דאָרט, וואו אָט דעם „גלויבן" איז געגעבן אַן אומבאַגרענעצטע הערשאַפט איבער דעם מענטשלעכן שכל. אָט פאַרוואָס די רעליגיעזע פילאָסאָפיע פון מיטלאַלטער איז דורכגעדרונגען מיטן שטרעבן ניט נאָר אָפּצורייניקן אין „וויסן" אַן אָרט פאַר רעליגיע, נאָר נאָך מער אויך מיט אַ פאַרקערטן שטרעבן, כאָטש אַ האָרעלע צו באַגרענעצן די אמונה, כדי איינצונעמען פאַר דער פרייער פאָרשונג און וויסן כאָטש אַ ברעקל אָרט לעבן דער אמונה און אונטער איר אויבערהערשאַפט.

די דאָזיקע צוויי טענדענצן פון דער רעליגיעזער פילאָסאָפיע פון מיטלאַלטער, — די טענדענץ צו פאַרטיידיקן דעם גלויבן און פאַרט צו באַגרענעצן דעם גלויבן צוליב דעם ראַציאָנאַלן דענקען, ווי ווידעראַנאַנדיק זיי זאָלן אויך ניט זיין לויט זייער מהות, קאָנען פונדעסטוועגן אַרומגענומען ווערן מיט איין־און־דער־זעלביקער פאָרמולע: מאַכן שלום צווישן שכל און דת.

אין דער זעלביקער רעליגיעזער פילאָסאָפיע אָדער, ריכטיקער, קאָנפעססיאָנעלער פילאָסאָפיע — איז פאַראַן אָבער נאָך אַ דריטע טענדענץ, וואָס איז אין סתירה צו אָט די צוויי. דאָס איז — יענע ריכטונג פון געדאַנק, וואָס איז פיינטלעך קעגן יעטוועדער פילאָסאָפיע, קעגן יעדן פּרוּוו צו לעבן און

דענקען לויטן אייגענעם שכל. אַזאַ קאָנפעסיאָנעלע פילאָסאָפיע וויל מיט די געצייג פונעם שכל גראָבן אַ קבר פאַר אים גופא. דער טיפסטער און טאַלאַנטפולסטער פאַרשטייער פון דער דאָזיקער ריכטונג אין דעם מיטלאַל־טער איז אפשר געווען דער אַראַבישער דענקער אַל־גאַזאַלי (1059־1111), וואָס וועגן אים האָט איבן־ראָשד געזאָגט, אַז אַלע זיינע פילאָסאָפישע ידיעות האָט ער אָנגעווענדט דערויף, כדי „אַ קער צו טאָן די כלי־זין אַנטקעגן די, ביי וועמען ער האָט זיי געגנומען"56). אין זיין אָנפאַל אויף אַל־גאַזאַלין קאַרגט ניט איבן־ראָשד מיט קיין מער אָדער ווייניקער באַליידיקנדיקע עפיטעטן. עס לאָזט זיך אַרויסהערן פון זיי אַ גאווהדיקער ראַציאָנאַליזם, וואָס האָט כלומרשט אין קעשענע דעם אַבסאָלוטן אמת און וואָס קאָן זיך גאַרניט פאָר־שטעלן, אַז מענטשן מיט איין־און־די־זעלביקע ידיעות ווי ער, באַשאָנקען מיט דער זעלביקער ליבשאַפט צום אמת ווי ער, זאָלן קאָנען מסופק זיין אין דער קראַפט פון שכל צו פאַרענטפערן די אייביקע פראָבלעמען פון מענטש־לעכן געדאַנק, בעת זיי זיינען שוין פאַרענטפערט, און איטלעכער, וואָס איז נאָר מסוגל צו דענקען, קאָן נעמען די דאָזיקע אַבסאָלוט־ריכטיקע ענטפערס און באַנוצן זיי, אַזוי ווי אים איז וואויל געפעלן.

אַל־גאַזאַלי האָט געהאַט אַן אומגעהייערע השפעה אויף די יידישע דענ־קער: ניט בלויז אויף יהודה הלוי און אַ סך שפעטער אויף חסדאי קרשקש (קרעסקאַס), וואָס זייערע טענדענצן זיינען מער אָדער ווייניקער נאָענט דעם עצם גייסט פון אַל־גאַזאַליס דענקען, דעם גייסט בנוגע דער טראַדיציע, — נאָר אפילו אויף די פאַרשטייער פונעם יידישן אַריסטאָטעליזם.

שוין דער דאָזיקער פאַקט אַליין באַווייזט, אַז די פאָרמולע: „שלום מאַכן צווישן שכל און רעליגיע" דאַרף בנוגע דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע ניט פאַרשטאַנען ווערן צו אידיליש. וויבאַלד די רעליגיעזע פילאָ־סאָפיע נעמט אַרום צוויי ווידעראַנאַנדיקע שטרעבונגען, — באַגרענעצן די טראַדיציע, כדי צו געבן אַן אָרט דער פרייער פאָרשונג, און באַגרענעצן די רעכט פון שכל, כדי צו ראַטעווען די דאָגמעס, — קאָן זי, פאַרשטייט זיך, ניט ציען זיך צו אירעביידע צענטערס מיט דעם גלייכן אימפעט. אין איין־און־דעם־זעלביקן רעליגיעז־פילאָסאָפישן סיסטעם, אָדער אפילו אין דער גאַנצער רעליגיעז־פילאָסאָפישער ריכטונג, וועט מוזן האָבן די אויבערמאַכט אָדער די איינע אָדער די אַנדערע פון די דאָזיקע טענדענצן. לויט דעם גראַד, אין וועלכן דער שכל אָדער גלויבן שפילט די ערשטע פידל, דאַרפן די רעליגיעז־פילאָסאָפישע סיסטעמען אָדער ריכטונגען שטרענג איינגעטיילט ווערן אין קאָנסערוואַטיווע און פּראָגרעסיווע, וואָס אונטערשיידן זיך איינע פון די אַנ־

דערע, סיי לויט זייער גרונט־טענדענץ, סיי לויט זייער השפּעה אויפן געזעל־שאַפטלעכן געדאַנק אין דעם געגעבענעם פּעריאָד.

צום באַדויערן אָדער צום גליק, האָט דער יידישער רעליגיעז־פילאָסאָפישער געדאַנק פון מיטלאַלטער ניט געהערט צו דעם טיפּ פּראָגרעסיווער ריכטונג. אָנגעהויבן מיט רב סעדיה גאון און געענדיקט מיט ר׳ יוסף אַלבו, געפינען מיר ניט קיין איין יידישן רעליגיעזן פילאָסאָף, וואָס זאָל זיך האָבן פאַרטיפט אין די פילאָסאָפישע פּראָבלעמען פון זיין צייט מיט אַ וואָסער עס איז אַנדער צוועק, אַ חוץ דעם איינציקן: געפינען אַ נייע פאַרענטפערונג פאַר דער רבניסטישער יהדות און אויף אַזאַ אופן דערגרייכן צוויי צילן, וואָס זיינען גלייך טייער פאַר יעדן פאַרשטייער פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע: ערשטנס, באַרעכטיקן די הערשנדיקע רעליגיעזע פּראַקטיק, שילדערן אַלע אירע הנחות, ווי אומפאַרמיידלעכע מסקנות פון יענע גרונט־יסודות, וואָס אויך דער שכל איז געצוואונגען צו רעכענען זיי פאַר אַן אַבסאָלוטן אמת. צווייטנס, באַרעכטיקן און באַפעסטיקן די האָפענונגען פון יידישן פאָלק אויף זיין ליכטיקער צוקונפט, ווייל מען מעג זיך על־פּי־שכל ריכטן, אַז משיח וועט קומען. יענע האָפענונגען זיינען אָבער ענג פאַרבונדן מיט אָפּהיטן אַלע רבנישע דינים, און ממילא איז דער שכל מחייב, אַז מען דאַרף זיך אונטערוואַרפן אונטער זייער געבאָט.

אפילו אבן־גבירול, וואָס דער ערשטער יידישער אַריסטאָטעליקער, ר׳ אברהם אבן־דאוד, האָט תרעומות צו אים, פאַרוואָס ער האָט געפילאָסאָפירט אָן אַ שום אָנווענדונג פון זיינע אידייען אויף דעם גורל פונעם יידישן פאָלק, — אפילו ער איז ניט קיין אויסנאָם פון דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם כלל: ווען מען רעדט וועגן אבן־גבירולס וועלט־באַנעם און לעבנס־בליק, דאַרף מען זיך ניט באַגרענעצן מיט זיין „מקור חיים״, וואָס אים האָט דאָס געהאַט אין זינען אבן־דאוד. מען מוז דעם אינהאַלט פון זיין הויפּט־ווערק ברענגען אין פאַרבינדונג מיט די אידייען, וואָס ער האָט באַזונגען אין זיין פילאָסאָפישער און נאַציאָנאַלער פּאָעזיע, און דעמאָלט וועט זיך אַרויסווייזן, אַז זיי אַלע פליסן אַרויס פון אייך־און־דעם־זעלביקן „לעבנס־קוואַל״ אבן גבירולס; פון זיין הייסן גלויבן אין דער יהדות און פון זיין אומענדלעכער בעקנשאַפט נאָך משיחן — דעם אויסלייזער פון גלות.

די יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע, סיי פון דער נעאָ־פּלאַטאָנישער, סיי פון דער אַריסטאָטעלישער ריכטונג, האָט אויף אַזאַ אופן שטענדיק געהאַט פאַר די אויגן נאָר איין־און־דעם־זעלביקן קאָנסערוואַטיוון ציל. די אויפגאַבע איז געווען גלייך פאַרביידע ריכטונגען; דער פּועל־יוצא, וואָס מ׳האָט גע־שטרעבט צו דערגרייכן אים, איז געווען אָנגעצייכנט פון פריער: די באַרעכ־

טיקונג פון די גלייבונגען און האָפענונגען פון יידישן טראַדיציאָנעלן געדאַנק. עס איז געגאַנגען נאָר אין דעם, ווי צו געפינען דעם באַקוועמסטן וועג צו דערגרייכן אָט די אָנגעצייכנטע לכתחילה געגעבענע צילן. אָדער ריכטיקער: — די גאַנצע יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע האָט זיך געדרייט אַרום דער ריין היפּאָטעטישער פראַגע: מיט וועלכע וועגן וואָלט דער מענטשלעכער שכל געקאָנט מיט זיינע אייגענע כוחות דערגיין צו יענע הייס־געגלייבטע רעזולטאַטן, ווען דאָס יידישע פאָלק וואָלט זיי ניט געהאַט באַקומען אומזיסט פונעם בורא־עולם, ווי אַ באַזונדער מתנה פון זיין ליבן נאָמען?

אין דעם דאָזיקן גרונט־שטריך פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע ליגט טאַקע די גאַנצע שווערקייט פון דער אויבנגעשטעלטער פראַגע: פאַרוואָס האָבן ר׳ אברהם אבן־דאוד און זיינע נאָכגייער געהאַלטן, אַז די נעאָ־פּלאַטאָנישע דרכים טייגן ניט פאַר זייערע צוועקן? דער ניכטערער אַריסטאָטעליזם איז דאָך אַ סך וויניקער צוגעפּאַסט פאַר דער פילאָסאָפישער באַגרינדונג פון דער יידישער טראַדיציע, איידער דער נעפּלהאַפטער מיסטיציזם פון די נעאָ־פּלאַטאָניקער. איז פאַרוואָס איז עס די יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אַריסטאָטעלישן שטראָם?

די פראַגע, פאַרוואָס די יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע איז אַריבערגעגאַנגען פון נעאָ־פּלאַטאָניזם צום אַריסטאָטעליזם, האָט באַשעפטיקט אַ סך פאָרשער, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט יענער תקופה, און האָט זיי געבראַכט צו פאַרשיידענע ענטפערס.

אייניקע זיינען זיך משער, אַז די ריין מעטאַדאָלאָגישע מעלות פון דעם אַריסטאָטעליזם לגבי די סיסטעמען פון די נעאָ־פּלאַטאָניקער און פון די נעאָ־פּלאַטאָניזירנדיקע יידישע דענקער האָבן געצוואונגען די ניכטערע מוחות אינעם יידישן פאָלק, צו ווענדן זיך צו אַריסטאָטעלן, ביי וועמען זיי האָבן געזוכט, ווי מיר וואָלטן איצטער געזאָגט, „אַ וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונג פון זייער פּראָגראַם".

אַנדערע ווידער געפינען אין אַריסטוס שיטה געוויסע עלעמענטן, געוויסע פילאָסאָפישע הנחות, וואָס האָבן, לויט זייער מיינונג, געדאַרפט צוציען צו זיך מיט אַ באַזונדער קראַפט דעם יידישן, דערהויפּט, דעם טעאָלאָגישן געדאַנק.

וואָס איז שייך דער ערשטער מיינונג, איז זי ריכטיק נאָר אין זייער ענגע גרענעצן. די יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע פון דער אַריסטאָטעלישער ריכטונג איז טאַקע געווען פאַרשיידן אין פאָרמעל־מעטאָדאָלאָגישן פּרט פון די פריערדיקע שיטות כמעט אין אַלע טעאָלאָגישע פּראָבלעמען. זי איז

דאָך אָבער נאָך שאַרפער געווען פאַרשיידן פון זיי ניט נאָר אין פּרט פון פאַרמולירונג און באַווייז־פירונג, נאָר אויך אין דעם עצם אויספיר און אינ־האַלט אומעטום, וואו עס האָט זיך גערעדט וועגן די פּראָבלעמען פון דער ריינער פילאָסאָפיע און פון דער נאַטור־פילאָסאָפיע.

די פראַגע וועגן דער מעטאָדע פון דער באַווייז־פירונג האָט, אָן ספק, געשפילט זייער אַ וויכטיקע ראָליעביים אויסקלייבן אַ נייע ריכטונג, אָבער ניט די מעטאָדע אַליין האָט געקאָנט פסקענען, ווי אַזוי מען דאַרף אָפּשאַצן יענע דרכים, וואָס דורך זיי האָט דער יידישער געדאַנק געזוכט אַ פילאָסאָפישע באַגרינדונג פאַר זיינע באַליבטע עיקרים און גלייבונגען. אַנדערע, טיפערע, איידער ריין־מעטאָדאָלאָגישע סברות האָבן געדאַרפט אַרויסרופן זייער השפעה לטובת אַריסטאָטעלן דאַרטן, וואו צווישן דעם אַריסטאָטעליזם און דעם נעאָ־פלאַטאָניזם האָבן זיך באַוויזן חילוקי־דעות ניט בלויז פון פאַרמעלן כאַראַק־טער, נאָר אויך פון מאַטעריעלן.

די צווייטע מיינונג, וואָס זעט אין אין דעם באַשטימטן אינהאַלט פון אַריסטאָטעלס פילאָסאָפיע דעם טעם מספיק פאַר זיין נצחון איבער דעם נעאָ־פלאַטאָניזם, — אַ נצחון, ווי באַוואוסט, אַ צייטווייליקן: דער יידישער געדאַנק האָט זיך שפּעטער אָפּגעטרייסלט פון אַריסטון, — אָט די מיינונג פאַר־טיידיקט דערהויפּט ד״ר א. שמיעדל אין זיינע „שטודיעס וועגן דער יידישער און באַזונדערס וועגן דער יידיש־אַראַבישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע״57).

שמיעדל גיט אָפּ אונדזער פראַגע אַ באַזונדער שטודיע: „וואָס האָט דעם אַריסטאָטעליזם אַזוי פּאָפּולער געמאַכט אין דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע?״ און די גאַנצע פאַרשונג זיינע איז אויסן צו דערווייזן, אַז אַריסטאָטעלס טעאָלאָגישע מיינונגען זיינען געווען די הויפּט־אורזאַך פון זיין השפעה אויף דעם יידישן רעליגיעז־פילאָסאָפישן געדאַנק.

„שוין דאָס אַליין, וואָס די פילאָסאָפיע האָט ביי אַריסטאָטעלן געהייסן „טעאָלאָגיע״, „חקירה וועגן גאָט״, — שרייבט שמיעדל, — האָט ביי אַ רעליגיעזן דענקער געדאַרפט אַרויסרופן אַן אמתן כורעים־פאַלן פאַר אַריס־טאָטעלן און זיין שיטה״58).

און ווייטער: „צי האָט דען אַזאַ פילאָסאָפיע, וואָס איר שפּיץ ענדיקט זיך מיט דער אנטשיידנסטער התפעלות פאַר גאָט ("Gottesbewunderung") געקאָנט ניט אַרויסווייזן אַ סימפּאַטישע השפעה אויף אַ יידישן דענקער?״59).

ווי שמיעדלס מיינונג זאָל, אין פלוג, ניט אויסווייזן צו זיין קרוב לאמת, מוזן מיר זיך לגמרי אָפּזאָגן פון איר מחמת דעם, וואָס זי שטימט לחלוטין ניט מיט די היסטאָרישע פאַקטן.

דער גאָט פון אַריסטו, וואָס האָט די וועלט ניט באַשאַפן, ווייל די וועלט און די „ערשטע מאַטעריע" זיינען פונקט אַזוי אייביק, ווי ער אַליין; וואָס זאָרגט גאָרניט וועגן דער וועלט, ווייל ער איז פאַרטיפט אין באַטראַכטן, ריכטיקער: אין דענקען — זיך אַליין; וואָס ווייסט אפילו ניט פון קיינע איינציקע וועלט־דערשיינונגען, ווייל אַנדערש וואָלטן זיי געווירקט אויף זיין וויסן, אויף זיין געדאַנק און ער וואָלט אויפגעהערט זיין דער פּרינציפּ פון אַבסאָלוטער „ענערגיע", פון אַבסאָלוטער זעלבסטטעטיקייט, ווי ער דער־שיינט אין פילאָסאָפישן געבוי פון דעם אַריסטאָטעליזם, — אַזאַ גאָט, לא די וואָס ער קאָן ניט צוציען צו זיך די הערצער פון רעליגיעזע דענקער, נאָר ער מוז ווירקן און האָט באמת געווירקט אויף זיי אויפן אָפּשטויסנדיקסטן אופן.

מען דאַרף נאָר דורכלייענען דעם „כוזרי" פון רבי יהודה הלוי, דעם דאָזיקן צום מערסטן רעליגיעז־געשטימטן פון אַלע דענקער, בכדי צו איבער־צייגן זיך אין דער ריכטיקייט פון אונדזער הנחה. דער גאַנצער „כוזרי" איז דורכגעדרונגען מיט אַנטיפּאַטיע צו אַריסטוס „טעאָלאָגיע" דווקא דערפאַר, ווייל דער מחבר האָט געפילט די גאַנצע „אומרעליגיעזקייט", אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, פון אַריטאָטעלס גאָט־באַגריף. ס'איז ניטאָ קיין איין טעזיס אין „כוזרי", וואָס זאָל ניט זיין דורכגעזאַפּט מיט דעם דאָזיקן בפירושן עקל צום אַריסטאָטעלישן גאָט און מיטן שטאָלצן באַוואוסטזיין, אַז דער יידישער גאָט שטייט ניט אין אַן ערך העכער איבער אים. „און אָט איצט זע איך", — זאָגט ער אין איין אָרט, נאָכדעם ווי ער האָט פון דעם אַריסטאָטעליזם געמאַכט אַ בארג אַש, — „וואָס פאַר אַ חילוק עס איז צווישן דעם גאָט פון אברהם און דעם גאָט פון אַריסטו" (60)!.

אָבער רבי יהודה הלוי איז אַ נעאָ־פּלאַטאָניקער. לאָמיר הערן, וואָס עס זאָגט אַן אַריסטאָטעליקער. מיר וועלן ברענגען אַ גרויסע ציטאַטע פונעם רמב"ם אַליין, פון יענעם פרק ע"א פון ערשטן חלק פון זיין „מורה נבוכים", וואָס אויף אים פאַררופט מען זיך אָפּט און וואָס אין אים רעדט ער מכוח דער שייכות פון זיין שיטה צו די געדאַנקען פון די פאָרגייער.

מיימוני זאָגט: „יענס ביסל, וואָס דו וועסט געפינען מכוח דער שאלה וועגן אחדות (הבורא), און אַלץ, וואָס עס איז אין דעם פרט געווען באַוואוסט צו אַ טייל פון די גאונים און די קראים, איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון דעם אַראַבישן כאַלאַם (הם ענינים לקחום מהמדברים מן הישמעלים)(61)... אָבער די שפּאַניער, אַנדאַלוזיער פון אונדזער פאָלק, —זיי אַלע האָבן זיך געהאַלטן פאַר די רייד פון די פילאָסאָפן און זיינען נוטה געווען צו זייערע מיינונגען דאָרטן, וואו זיי האָבן ניט צעשטערט די יסודות פון אונדזער רעליגיע (מה שלא היה

סותר פנת דתנו), און דו וועסט ניט געפינען, אַז זיי זיינען אין אַ וואָסער עס איז פראַגע געגאַנגען אין די וועגן פון די „מותאַכאַלימון" (ולא תמצאם שילכו בדבר מדרכי המדברים)... דער „מותעזיליזם" און דער „אשאריאיזם"62),—דאָס זיינען אַלץ מיינונגען געבויט אויף די טעאָריעס און פאַר־הנחות, וואָס זיינען גענומען ביי די גריכן און ביי די סירער און וואָס זיינען אויסן געווען אָפּצו־פרעגן די מיינונגען פון די פילאָסאָפן און מבטל צו זיין זייערע ריידן63)... פון די מיינונגען פון די ערשטע פילאָסאָפן האָבן זיי אויסגעקליבן אַלץ, וואָס דער אויסקלייבער האָט געפונען פאַר ניצלעך צוליב זיין ציל, כאָטש די שפּע־טערדיקע פילאָסאָפן האָבן שוין געהאַט דערוויזן, אַז דאָס איז פאַלש... די פאַר־הנחות, וואָס די „שרשיים", ד"ה, די מותאַכאַלימון, האָבן אויפגעשטעלט און באַגרינדעט, כדי צו דערווייזן, אַז די וועלט איז אַ געשאַפענע, פאַרדרייען דעם סדר פון דער וועלט און זיינען סותר די געזעצן פון דער נאַטור...64)איך וועל דיר ברענגען אין דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג אַ פּרק וועגן דעם, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן; איך וועל דיר קלאָר מאַכן געוויסע ראיות, אַז די וועלט איז ניט קיין קדמון, און איך וועל דערגרייכן דעם ציל, וואָס איטלעכער „מותאַכאַלימון" האָט צו אים געשטרעבט, און איך וועל דערביי גאָר ניט מבטל זיין די נאַטור פון דער מציאות און מחולק זיין אויף אַריסטון אין אַלץ, אויף וואָס ער האָט געבראַכט אַ ראיה... און איך וועל ניט זיין געצוואונגען אַריינצוטרעטן אין אַ געראַנגל מיט די עדות פון אונדזערע חושים65). איך וועל אויך דערמאָנען די פאַר־הנחות פון די מותאַכאַלימון, וואָס מיט זייער הילף האָבן זיי געוואָלט באַגרינדן די באַשאַפנקייט פון דער וועלט, די עקזיסטענץ פון גאָט, אַז ער איז אַן איינציקער, אַז ער איז ניט קיין גוף... דערנאָך וועל איך ברענגען ענלעכע פילאָסאָפישע פאַר־הנחות (הקרובות בזה) און וועל אויפווייזן זייערע וועגן. אָבער דו דאַרפסט פון מיר ניט פאַר־לאַנגען, איך זאָל אין אָט דער אָפּטיילונג דערווייזן דעם אמת פון די דאָזיקע בקיצור־געבראַכטע פילאָסאָפישע פאַר־הנחות, ווייל דאָס איז דער גרעסטער טייל פון די נאַטור־וויסנשאַפטן און פון דער טעאָלאָגיע"66).

יעדער, וואָס וועט מיט אויפמערקזאַמקייט דורכלייענען די דאָזיקע ציטאַטן, מוז קומען אָט צו וועלכע זיכערע מסקנות:

ראשית, שטרעבט דער רמב"ם אין אַלע הויפּט־ענינים פון דער רע־ליגיעזער פילאָסאָפיע צו קומען צו די זעלביקע מסקנות, וואָס צו זיי זיינען געקומען די מותאַכאַלימון: הן אין דער פראַגע וועגן בריאת־העולם, הן אין דער פראַגע וועגן דער עקזיסטענץ, איין־איינציקייט און אַנגופיקייט פון גאָט.

והשנית, איז ער מחולק נאָר אויף די פילאָסאָפישע באַגרינדונגען פון די דאָזיקע ענינים סיי דערפאַר, ווייל זיי זיינען אָן אַ סיסטעם און עקלעקטיש

צונויפגעשטעלט פון באַזונדערע הנחות פון די „פּאַרעלטערטע", ד"ה, פון די פּאַראַריסטאָטעלישע פילאָסאָפישע סיסטעמעס, סיי דערפאַר, ווייל זיי געפינען זיך אין אַ סתירה צו אַריסטוס שיטה און צו די ראיות פון די נאַטור־וויסנ־שאַפטן.

דערפון איז געדרונגען, אַז מיימונין האָט צוגעצויגן ניט דער טעאָלאָגי־שער שפּיץ פון אַריסטאָטעלס פילאָסאָפיע, נאָר איר נאַטור־וויסנשאַפטלעכער באַזיס און די מעטאָדישע איינהייט אין בוי פון דער גאַנצער שיטה. און דאָס אייגענע איז אמת פאַר אַלע דענקער פון יידישן אַריסטאָטעליזם(67).

עס באַקומט זיך אויף אַזאַ אופן אַזאַ מין אינטערעסאַנטער פּאַראַדאָקס: די לויט אירע טענדענצן קאָנסערוואַטיווע יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע כאַפּט זיך אָן דווקא פאַר דער פּראָגרעסיוויסטער זייט פון אַריסטאָטעלס שיטה, פאַר איר נאַטור־וויסנשאַפטלעכער טענדענץ. אַ דאַנק דעם, גרייט זי צו די גרונט־הנחות פון דער מיטלאַלטערלעכער אייראָפּייאישער סכאָלאַסטיק, וואָס איז לויט איר עצם מהות פיינטלעך דעם פרייען שטודיום פון נאַטור־וויסנשאַפטן...

כדי צו פאַרשטיין די דאָזיקע פּאַראַדאָקסאַלע דערשיינונג, מוזן מיר אַביסל טיפער אַריינדרינגען אין יענע אידייאישע קרעפטן, וואָס האָבן באַ־הערשט די גאַנצע גייסטיקע אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק אין גלות און וואָס האָבן אויפן בולטסטן אופן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע, סיי פון דער נעאָ־פּלאַטאָנישער, סיי פון דער אַריסטאָטעלישער ריכטונג.

## 2.

די אָפּגעשטאַנענקייט פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע אין פאַרגלייך מיט דער אַראַבישער. — די סיבות פון אָט דער אָפּגעשטאַנענקייט. — דער טראַגיזם פון דעם יידישן פילאָסאָפישן געדאַנק. — פילאָסאָפיע און רעליגיע אין גריכנלאַנד און ביי די יידן. — די השפעה פון דעם נאַציאָנאַליזם. — דער „קיום הלאום", דער ראַבאַניזם און די משיחימשע באַוועגונגען. — דער וועלטלעכער געדאַנק ביז רב סעדיה גאון. — די נעאָ־פּלאַטאָנישע ריכטונגען אין דער יידישער פילאָסאָפיע.

ווען מיר באַטראַכטן די רעליגיעזע פילאָסאָפיע פון דעם יידיש־אַראַבישן פּעריאָד אין איר פאַרבינדונג מיט דער געשיכטע פון דעם פילאָסאָפישן גע־דאַנק ביי די אַראַבער, שטויסן מיר זיך אָן, ביים סאַמע אָנהייב, אויף אַזאַ מין אינטערעסאַנטן פאַקט: די רעליגיעזע פילאָסאָפיע ביי די יידן אַנטוויקלט

זיך ביז אַ געוויסער מדרגה פּאַראַלעל מיטן אַראַבישן פילאָסאָפישן געדאַנק, אָבער זי שטייט אָפּ פון אים לפי־ערך אויף אַ גאַנצן יאָרהונדערט.

אַזוי זיינען די טעאָריעס פונעם מותעזיליזם כמעט אינגאַנצן אויסגע־אַרבעט געוואָרן אין אָנהייב ניינטן יאָרהונדערט. זייערע אָנהייבן געהערן אפילו צום אַכטן יאָרהונדערט. אָבער דער ערשטער פּרואוו מצד דעם רבניסטישן געדאַנק, אויסצובויען אונטער דעם רעליגיעזן סיסטעם פון דער יהדות אַ מותעזיליטישן פונדאַמענט, איז געמאַכט געוואָרן ערשט אין צענטן יאָר־הונדערט.

ניט אַנדערש איז אויך געווען מיטן אַריסטאָטעליזם. אויב מ׳זאָל אפילו זיי ניט רעכענען מיט אַזאַ דערשיינונג, ווי דער ערשטער אַראַבישער אַריס־טאָטעליקער אַל־קינדי, וואָס זיין השפעה איז תחילת געווען בלויז אַ פאַרביי־גייענדיקע און האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע רעאַקציע אַנטקעגן זיך; אויב מ׳זאָל אין אַראַבישן געדאַנק רעכענען פאַרן אָנהייב פון נאַטור־פילאָסאָפישן און מעטאַפיזישן אַריסטאָטעליזם די ווערק פון אַל־פאַראַבי, איז דער דאָזיקער אָנהייב געווען אין צענטן יאָרהונדערט, און דער אויפבלי פון אַריסטאָטעליזם (אבן־סינא) געהערט צום עלפטן יאָרהונדערט. אָבער דער ערשטער פּרואוו מצד דעם יידישן געדאַנק, שלום צו מאַכן צווישן יהדות און דעם אַראַבישן אַריסטאָטעליזם, ווערט געמאַכט ערשט צום סוף פון צוועלפטן יאָרהונדערט.

דאָס דערקלערט זיך מיט דעם אומשטאַנד, אויף וועלכן מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז פאַר די יידן איז דער פילאָסאָפישער געדאַנק קיינמאָל ניט געווען קיין ציל פאַר זיך, נאָר מער ניט ווי אַ מיטל צוליב אַ רעליגיעזן ציל. דער עיקר אינטערעס פאַר דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע באַ־שטייט ניט אין דער אויפגאַבע צו דערווייזן, אַז עס איז מעגלעך רעליגיעז צו גלייבן אין גאָט און אין דער זעלביקער צייט איינצוהיטן די פולע פריי־הייט פון פילאָסאָפישער און וויסנשאַפטלעכער אויספאָרשונג פון דער וועלט. די יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע שטרעבט אַלע מאָל צו איין באַשטימטן ציל: פאַראייניקן די דורכאויס באַשטימטע קאָנפעסיאָנעלע דאָגמעס און האָפענונגען מיט די גרונט־הנחות פון דער דורכאויס באַשטימטער הערשנ־דיקער פילאָסאָפישער ריכטונג.

און דעריבער באַשטייט דער צוועק פון אַזאַ קאָנפעסיאָנעלער סינאַגאָ־גאַלער רעליגיעזער פילאָסאָפיע ניט אין דעם, מען זאָל מיט א ריכטיקער מע־טאָדע דערגיין צו געוויסע טעאָרעטישע און פּאַקטישע אויספירן און מסקנות. די העכסטע און וויכטיקסטע מסקנות, די ענדגילטיקע ענטפערס דערויף, וואָס איז אַזוינס גוט און אמת, ווייסט זי שוין לכתחילה און איז גאָרניט מסופק אין זייער ווערט. איר אויפגאַבע איז — זיך פונאַנדערצוקלייבן אין יענע

וועגן, ווי אַזוי מען וואָלט צו די דאָזיקע רעליגיעז־זיכערע מסקנות געקאָנט קומען אויך מיט דעם פּילאָסאָפישן געדאַנק. פונאַנדערקלייבן זיך אין די וועגן פון דעם פרייען שכל איז אַזאַ רעליגיעזע פילאָסאָפיע געצוואונגען דערפאַר, ווייל זי האָט תמיד אין זינען דעם פאַקט, אַז די פאַרשיידענע וועגן קאָנען ניט נאָר פירן קיין רוים, נייערט אויך אוועקפירן פון רוים. אַ „פאַל־שער" וועג קאָן חלילה פירן צום רעליגיעזן סקעפּטיציזם, אָדער אפילו צו אַ פולן אָפּלייקענען די יסודי הדת.

סקעפּטיציזם אָבער און כפירה טרייבן יעטווידע אמונה, וואָס קומט אין באַריר מיטן פילאָסאָפישן געדאַנק, אָדער דערקלערן מלחמה יעדער פילאָ־סאָפיע, אינגאַנצן מבטל זיין זי מיטן שכל — און דעמאָלט ווערט זי אָבסקו־ראַנטיזם, — אָדער, פאַרקערט, באַהערשן דעם פילאָסאָפירנדיקן שכל, גובר זיין און צעברעכן נאָר זיין צעשטערערישע השפעה. ווען אַ רעליגיעזער גלויבן שטויסט זיך צונויף מיט אַ פילאָסאָפישער שיטה, באַמיט ער זיך קודם צו געפינען יענע פונקטן אירע, וואָס ווייזן ארויס דעם קלענסטן ווי־דערשטאַנד פאַר דעם רעליגיעזן דענקען. אויף די דאָזיקע פונקטן לייגט זיך דער גלויבן אָן, פאַרברייטערט די ספערע פון זייער השפעה אויפן חשבון פון אַנדערע, מער איינגעשפּאַרטע און ניט נאָכגעביקע פונקטן, ביז וואַנען מען ווערט אינגאַנצן פּטור פון זיי. דעמאָלט באַקומט מען אַ פילאָסאָפישן סיסטעם, וואָס איז אָפּגעריייניקט פון אַלע „עקסטרעמען" און פאַרבלענדע־נישן פון אַן „אומצייטיקן שכל". כדי דאָס אַלץ דורכצופירן איז קודם־כל נויטווענדיק צייט. דער פילאָסאָפישער געדאַנק דאַרף קודם אריינדרינגען אין דער רעליגיעזער סביבה, ער דאַרף געפינען אָנהענגער, תחילת פאַר־באַהאַלטענע, אָפּגעהיטע אָדער זייער מעסיקע, און דערנאָך אַלץ מער און מער עקסטרעמע, אָפענע און עזותדיקע. ס'איז נייטיק, עס זאָל פאַרן רוב דענקענדיקע מענטשן מער אָדער ווייניקער באַשיינפּערלעך ווערן די סכנה, וואָס רוקט זיך אָן אויף דער רעליגיע מצד דער פילאָסאָפיע. ערשט דעמאָלט וועט די געגעבענע רעליגיעזע קערפּערשאַפט, — מחמת דעם אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג, וואָס ליגט אין דער טבע פון איטלעכן גייסטיקן אָרגאַניזם ניט ווייניקער, ווי פון אַ פיזישן, — אַרויסרוקן אירע אידעאָלאָגן־העלדן, וואָס וועלן זיך באַמיען אַריינצונעמען אין זיך דעם נייעם פיינטלעכן פּרינציפּ, מאַכן פאַר אַ שטוב־חיה די שלאַנג פון חכמה, אַרויסרייסנדיק פון איר שלונד די גיפטיקע ציין.

ס'איז דעריבער גאָר קיין חידוש ניט, וואָס אַ יידישע רעליגיעזע פילאָ־סאָפיע פון אַ וואָסער־עס־איז ריכטונג פלעגט זיך באַווייזן אויף דער סצענע אַ סך שפּעטער איידער די זעלביקע ריכטונג אין דער אַראַבישער פילאָסאָפיע.

די יהדות, איינגעשלאָסן אין זיך גופא, האָט תחילת כלל ניט באַמערקט די סכנה, וואָס האָט זיך באַוויזן אויפן פרעמדן קולטור־האָריזאָנט, און עס האָט געדאַרפט אַוועקגיין אַ סך צייט, איידער דער שרעקנספולער צייכן האָט זיך באַוויזן אויך אויפן יידישן הימל און צוגעשמידט צו זיך דעם אויפמערק פון די צום מיינסט שפּירעוודיקע גייסטער, איידער די רעכטגלייביקע דענקער האָבן זיך בפּרטיות באַקאַנט מיט אים; איידער זיי האָבן גענומען זוכן און געפינען מיטלען, ווי אַזוי אָפּצואָווענדן זיין פאַרדערבלעכע ווירקונג.

אין אָט דעם פּרט שטעלט דער אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע ניט פאָר מיט זיך קיין שום ספּעציפיש יידישעס. דאָס איז אַן עפּיזאָד פון „אַן אַלטער", אָבער, צום באַדויערן, „אייביק נייער געשיכטע": דער געשיכטע פון יענעם געראַנגל, וואָס „אַלט" פירט מיט „ניי", ביז „אַלט" און „ניי" איינינקן זיך אויף אַ קאָמפּראָמיס. פונדעסטוועגן איז אין דער געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן פאָלק פאַראַן נאָך אַ זייט, וואָס צווינגט אונדז אַנדערש אָפּצושאַצן די דאָזיקע עפּיזאָדן פון „דער אַלטער, אָבער אייביק נייער געשיכטע".

די געשיכטע גייט, — אָדער האָט זיך, לכל הפּחות, ביז איצט באַוועגט פאָראויס, — דורך נצחונות פון קאָמפּראָמיסן. ווי דערווידער עס זאָל ניט זיין דער דאָזיקער צעפּוילטער אַלטער בגד מיט די לאַטעס פון נייעם שטאָף, אָבער דער קאָמפּראָמיס מיט דעם „ניי" איז פאַרט אַ העכערע מדרגה, איידער דאָס אַלטע. דער קאָמפּראָמיס ווערט פאַרט אַ שטיצפּונקט פאַרן קאַמף מיט דער רעאַקציע און גרייט צו די עלעמענטן פאַר אַ ראַדיקאַלערן פּראָגרעס. אַזוי איז דאָס די מעשה מיט דער דאָזיקער „אַלטער געשיכטע" ביי אַלע פעלקער. אַנדערש איז עס אָבער ביי אונדזער פאָלק אין דעם רבניסטיש־משיחישן פּעריאָד פון זיין היסטאָרישן לעבן. דער קאָמפּראָמיס שפּילט דאָ די ראָליע ניט פון אַ העכערער שטופע, פאַר אַ ווייטערן קלעטערן אין דער הייך. ער דערשיינט דאָ נאָר ווי אַ צייטווייליקער אָפּרו פאַרן געראַנגל פון די גייסטער. באַלד ברענט זיך פונסניי פונאַנדער דער געראַנגל, און דער נצחון בלייבט ניט ביים קאָמפּראָמיס, אויך ניט ביים ווייטערדיקן פּראָגרעס, נאָר ביי דער רעאַקציע.

און דאָס וויכטיקסטע אין אָט דער גאַנצער טראַגעדיע פון דעם יידישן געדאַנקען־קאַמף איז, וואָס יעדער אָביעקטיווער היינטצייטיקער פאָרשער, ווען עס איז נאָר טייער דער היסטאָרישער גורל פון יידישן פאָלק, מוז מודה זיין, אַז אַלע זיינע סימפּאַטיעס איז ער געצוואונגען אַוועקצוגעבן די רעאַקציאָנערע עלעמענטן; אַז ער אַליין, ווען ער קוקט זיך צו צו די פּעריפּעטיעס פון דעם דאָזיקן געראַנגל און טראַכט זיך אָביעקטיוו אַריין אין אַלע

אומשטענדן פון יענער צייט, מוז זיך סאָלידאַריזירן מיט יענע פּאַרטייען, וואָס האָבן ביי די אַנדערע פעלקער מיט פולן רעכט באַקומען דעם נאָמען „סיקאָ־פאַנטן", און נעגאַטיוו פאַרהאַלטן זיך צו יענע פּאַרטייען, וואָס האָבן אָן ספק אַזוי צי אַנדערש געדינט דער אויפקלערונג און געקעמפט אַנטקעגן דער פינצטערניש.

דערין באַשטייט דער גאַנצער טראַגיזם פון דער יידישער געשיכטע אין גלות, דער טראַגיזם פון יענער תקופה פון יידישן היסטאָרישן לעבן, וואָס אָטעמט אינגאַנצן מיט דער פאָרמולע „קודשא בריך הוא ישראל ואוריתא חד הוא" (גאָט, ישראל און די תורה איז איינס), וואָס לויט איר קאָן דאָס לעבן פון יידישן פאָלק גאָר ניט געדאַכט ווערן אַנדערש, סיידן אויף דעם יסוד פון די רבניסטיש־משיחישע גלייבונגען. ביים יידישן פאָלק האָט דאָס גייסטיקע לעבן — דאָס דאָזיקע העכסטע גוטס פון יעטווידן קולטור־לעבן בכלל — ניט געקאָנט געבן קיין אָרט דער פרייער פאָרשונג, וואָס זאָל ניט זיין געשמידט אין קיין שום קייטן. עס האָט, ניט אַנדערש, געמוזט אונטער־שניידן די אייגענע פליגלען; ניט אַנדערש, געמוזט אַרומשטעלן זיין האָריזאָנט מיט באַריערן און מחיצות און וועט ניט קאָנען זיך באַפרייען פון די דאָזיקע באַריערן און מחיצות, כל־זמן עס וועט ניט ראַדיקאַל איבערבויען יענע יסודות פון נאַציאָנאַלן לעבן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אויסגעאַרבעט ביז אַהער...

לאָמיר וואַרפן אַ קורצן רעטראָספּעקטיוון בליק אויפן גורל פונעם יידישן געדאַנק אין פאַרבינדונג מיטן קאַמף פון יידישן פאָלק פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום.

אין דער אַלטער גריכנלאַנד האָט דער פילאָסאָפישער געדאַנק געקאָנט לפי־ערך גרינג אַנטוויקלען זיך אַנטקעגן די הערשנדיקע רעליגיעזע בליקן; ער האָט געקאָנט לפי־ערך גרינג אַראָפּוואַרפן די קינדערשע וויקעלעך פון דער מיטאָלאָגיע און, לגמרי אומאָפּהענגיק און אָביעקטיוו, צוטרעטן צו די גרעסטע פּראָבלעמען פון מענטשלעכן וויסן. און דאָס האָט די גריכישע פילאָסאָפיע צו פאַרדאַנקען אין אַ גלייכער מאָס סיי דער קראַפט און דעם זשעני פון העלענישן שכל, סיי דער שוואַכקייט און דער פּרימיטיווער תמימות פון די אַלט־העלענישע רעליגיעזע פאָרשטעלונגען. די פילאָסאָפישע און עטישע הנחות, וואָס האָבן געשטעקט אין דער אַלט־העלענישער רעליגיע, זיינען נאָך געווען אַזוי יונג און נאַאיוו, אַז די אַנטוויקלונג פון וויסן און מאָראַל האָבן אין אַ לפי־ערך קורצער צייט געקאָנט אַריבערוואַקסן זיי. דער פּראָגרעסיווער גריכישער פאַרשטאַנד האָט געקאָנט קוקן מיט אַ חוזק־שמייכל אויף דער גאַנצער טומלדיקער, פריילעכער און האַלב־באַרבאַרישער וועלט

פון די גריכישע געטער און געטינס. ס'איז געגוג געווען איין ברייטער שוואונג פון מאַניסטישן געדאַנק ביי די עלעאַטן, כדי צו לאָזן דעם אָלימפּ ווייט הינטער זיך און זיך לגמרי צו באַפרייען פון דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן פּאָע־טישן וועלטל פון דער פאָלקיש־גריכישער פאַנטאַזיע. „עיס טהעאָס", פאַראַן נאָר איין גאָט, האָט שוין קסענאָפאַנעס געפּריידיקט קעגן דעם הערשנדיקן פּאָליטעאיזם.

ניט אַזוי איז דאָס געווען ביי אונדז. די רעליגיעזע קאָנצעפּציע פונעם יידישן פאָלק, — וואָסערע ס'זאָלן ניט געווען זיין די סיבות, וואָס האָבן זי אַרויסגעבראַכט, — איז אַזוי מעכטיק; די פּאַראַלגעמיינערונג, וואָס ליגט אין איר יסוד, איז אַזוי ברייט; דער קרייז, וועלכן דער יידישער מאָנאָטעאיזם נעמט אַרום, איז אַזוי גרויס, אַז אפילו נאָך איצט איז דער גאַנצער סכום עמפּיריש וויסן פון דער מענטשהייט ניט ביכולת אים אויסצופילן, ווער רעדט שוין דורכצורייסן זיינע גרענעצן. קאָן מען זיך דען וואונדערן, וואָס אין אָנהייב פון זיין אַנטוויקלונג, ווען וועגן נאַטור־וויסנשאַפטן, וועגן מעטאָדיש שטודירן די נאַטור האָט נאָך אפילו קיין רייד ניט געקאָנט זיין, האָט דער יידישער שכל ניט געקאָנט אַריבערטרעטן די טעאיסטישע גרענעצן?

לאָמיר פאַרגלייכן, למשל, די איראָנישע באַמערקונגען וועגן דער גרי־כישער געטער־וועלט, וואָס מיר געפינען ביי פּלאַטאָנען און אַריסטאָטעלן, מיט דער געהויבענער רעליגיעזער און פּאָעטישער שטימונג, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן, למשל, אין דעם קאַפּיטל ק"ד פון ספר תהילים („ברכי נפשי"), וואו אַלע דערשיינונגען פון דער נאַטור און פון מענטשלעכן לעבן גיסן זיך צונויף אין איין קינסטלעריש בילד און וואו אָט דאָס אייניקע לעבן פון נאַטור און מענטש פליסט אַרויס פון זיין איינציקן אורקוואַל — פון גאָט.

דאָרטן, אין גריכנלאַנד, אַ קעגנזייטיקער געראַנגל פון באַזונדערע צע־שיידטע כוחות; דאָ, אין יהודה, אַ פּלאַנמאָסיקע האַרמאָנישע איינהייט, וואָס פליסט אַרויס פון דער חכמה עליונה און פון דעם חסד פון דעם איינציקן בורא. די גרונט־הנחות פונעם יידישן רעליגיעזן געדאַנק זיינען, ביי גאָר זייער אָנשירדיקער ברייטקייט, אויסגעוועבט פון פעסטן לאָגישן און עטישן מאַטעריאַל, וואָס איז ביכולת געווען צו באַשטיין אַנטקעגן דער ווירקונג פון יאָרהונדערטער, בעת די נעץ פון אַלט־גריכישן רעליגיעזן דענקען האָט צו ענג אַרומגענומען די דערשיינונגען פון לעבן, און זייער מענטשלעכע דערקענ־טעניש, וואָס בייטן זיך כסדר, און איז אויסגעוועבט געווען פון אַ שלעכטן לאָגישן און עטישן מאַטעריאַל. אָט פאַרוואָס אין גריכנלאַנד איז די דאָזיקע נעץ זיך צעפלויגן ווי שפּינוועבס, ווי נאָר דער מענטשלעכער שכל איז שטאַר־קער געוואָרן און האָט זיך געשטעלט אויף די אייגענע פיס, און אָט פאַרוואָס

אין יהודה וואָלט אפילו דער שטאַרקסטער פילאָסאָפישער געדאַנק ניט געווען ביכולת אַריבערצושפּרייזן די גרענעצן, וואָס דער מאָנאָטעאיזם האָט אָנגע־צייכנט.

און נאָך איין זאַך, אפשר אַ סך אַ וויכטיקערע, איז געווען די סיבה דערפון, וואָס דער פילאָסאָפישער געדאַנק פון יידישן פאָלק האָט זיך געמוזט פעסט האַלטן פאַר די רעליגיעזע יסודות, אויב ער האָט בכלל געוואָלט האָבן וואָסערע ס'איז שאַנסן אויף עקזיסטענץ און ווייטערדיקער אַנטוויקלונג אין דעם סיסטעם פון דער יידישער קולטור.

אויב דער יידישער מאָנאָטעאיזם, ווי די ברייטסטע מאָניסטישע פאַר־אַלגעמיינערונג, האָט געהאַלטן אין געפאַנגענשאַפט דאָס יידישע וויסן, האָט ער נאָך שאַרפער געדאַרפט אַרויסווייזן זיין ממשלה איבער דער פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער שטרעבונג פונעם יידישן פאָלק און ווערן דער איינציקער יסוד, וואָס אויף אים האָבן זיך געקאָנט האַלטן די נאַציאָנאַלע האָפענונגען אין גלות.

„זינט דעם ערשטן נצחון פון די רוימער האָט יהודה העלדיש געקעמפט פאַר איר פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט. דער נצחון איבער בר־כוכבא האָט אין פלוג זי לגמרי דערוואָרגן, אָבער דאָס האָט זיך בלויז געדוכט: איין אויפ־שטאַנד פלעגט אויסברעכן נאָכן אַנדערן. כל־זמן עס האָט נאָך עקזיסטירט איין טראָפּן ענערגיע, האָט ער זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אין פלאַם פון נקמה. ערשט ווען דער דאָזיקער לעצטער טראָפּן איז אויסגעלאָשן געוואָרן, האָט די אומה, אַ מידע, אַן אַפּאַטישע, וואָס האָט שוין אויסגעגעבן איר גאַנצע ענערגיע, גענומען ביסלעכווייז פאַרלאָזן די אויבערפלאַך פון דער געשיכטע. די שטענדיקע מפּלות האָבן פאַרטיליקט אין דעם פאָלק דעם גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אַ נצחון אויף אַן אַלגעמיין מענטשלעכן אופן. די דריינגע־רונגען וועגן דעם אַלטן, הייליקן לעבן פון די אבות, דאָס באַוואוסטזיין, אַז מיט זיינע אייגענע אָפּגעשוואַכטע כוחות וועט עס ניט דערגרייכן די געגאַרטע גאולה, — דאָס אַלץ האָט געשפּייזט זיינע משיחישע, לגמרי אומגעענדערטע האָפענונגען, וואָס האָבן אָנגעוואָרן יעטווידע ענלעכקייט צו רעאַליטעט, און זיינען מגולגל געוואָרן אין אַ טייערן חלום, וואָס קאָן אָבער קיינמאָל ניט מקוים ווערן: משיח — דער קריג־פירער, משיח, וואָס קומט אַרויס פון די טיפענישן פון פאָלק, וואָס לעבט מיט זיין לעבן, אַ העלד און מייסטער פון קריג און פרידן, — אַזאַ משיח האָט מער ניט באַפרידיקט דעם פאָלקס אידעאַל. אַזעלכע משיחים זיינען ביי אים געווען עטלעכע, און אַלע זיינען זיי געפאַלן אין אומגלייכן קאַמף מיטן שונא. דאָס פאָלק האָט באַדאַרפט האָבן אַ משיח אַן איבערנאַטירלעכן — ניט קיין מענטשלעכן וועזן, וואָס באַ־

זיגט מיט פיזישער מאַכט, נאָר אַ ווערן, וואָס פאַר אים זאָלן פאַלן צו דער ערד פעלקער און זאָלן זיך לאָזן בינדן, ווי שעפסן, פשוט דערפאַר, ווייל ער איז — משיח, אָדער, ריכטיקער, דערפאַר, ווייל אַזוי ווילט זיך דעם פאָלק, וואָס האָט אומזיסט אויסגעבראַכט זיינע כוחות אינעם קאַמף מיט זיי.

דער דאָזיקער גלויבן אין אַן איבערנאַטירלעכן אויסלייזער האָט נויטווענדיק געמוזט ברענגען צו דעם גלוטיקן גלויבן, אַז עס זיינען בכלל מעגלעך וואונ־דער; צום גלויבן, אַז אַלע געזעצן פון דער נאַטור זיינען אונטערגעוואָרפן דעם רצון פון גאָט, דעם באַשיצער פון ישראל. אויב פריער האָט די יידישע גבורה אויפגעטאָן וואונדער, האָבן איצט די וואונדער געדאַרפט פאַרבייטן די פאַרשוואונדענע גבורה"68).

יהודה הלוי, דער דענקער, דער דיכטער, וואָס איז געווען אינגאַנצן דורכ־געדרונגען מיטן צער פון יידישן פאָלק אין גלות, כאַראַקטעריזירט גלענצנדיק דעם דאָזיקן יסוד פון יידישן געדאַנק, אין אַט וועלכע קורצע און מוסטער־האַפטע ווערטער: מיר געפינען זיך ניט אין דער לאַגע פון אַ מת, נאָר מיר געפינען זיך אין דער לאַגע פון אַ פיבערנדיקן חולה, וואָס אַלע דאָקטוירים האָבן זיך אָפּגעזאָגט אים צו היילן און וואָס וואַרט אויף אַ רפואה פון אַ נס און דורך דער אָפּענדערונג פון די נאַטור־געזעצן69).

די גאַנצע געשיכטע פון די משיחישע באַוועגונגען אין יידישן פאָלק באַווייזט, אַז דער גלויבן אין ניסים איז געווען איינער פון די נויטווענדיקע עלעמענטן אין די נאַציאָנאַלע האָפענונגען פונעם יידנטום. אָנגעהויבן פונעם ערשטן „משיח השקר", משה, אויפן אינדזל קרעטא, אין יאָר 400, ביז דער לעצטער גרעסטער משיחישער באַוועגונג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן פון שבתאי צבי, אין דער תקופה פון ספינאָזאַ, האָט דעם יידישן פאָלק כמעט אָן אויפהער זיך געדוכט, אַז אָט האָט שוין גאָט צוגעשיקט דעם ספּע־ציעלן מיטל קעגן זיין נאַציאָנאַלער מחלה: משיחן און ניסים.

און דער גלויבן האָט אויפגעטאָן וואונדער...

פונקט ווי דער גלויבן אין דער איבערנאַטירלעכער אויסלייזונג איז גע־ווען דער הויפּט־אינהאַלט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער האָפענונג, אַזוי איז די תלמודישע און רבניסטישע געזעצגעבונג געווען דער איינציקער מיטל צום קיום הלאום אין גלות ביז משיחס קומען.

ניט דאָ איז דער אָרט צו שילדערן יענע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע סיבות, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט די תלמודישע געזעצגעבונג, און ווי אַזוי עס איז אויסגעוואַקסן און האָט זיך אַנטוויקלט די שטאַלענע נעץ פון קליינע דינים און מנהגים, וואָס מיט זייער הילף האָט דאָס יידישע פאָלק זיך אַרומ־געצאַמט פון דער אַסימילירנדיקער און פאַרשלינגענדיקער השפעה פון דער

פרעמדער געזעלשאַפטלעכער סביבה. מיר וועלן בלויז באַמערקן, אַז דאָס דאָזיקע לעבן, פאַרשנורעוועט אין תלמודישן קאַרסעט, איז ניט גרינג אָנגעקומען, און נאָר דער גלויבן אין וואונדערלעכער אויסלייזונג האָט געקאָנט באַוועגן אַ דענקענדיקן יידן שלום צו ווערן מיט אַזאַ לעבן.

דער גרונט-געדאַנק פון דער יידישער פאָלקס-נשמה וואָלט געקאָנט פאָרמולירט ווערן אַזוי:

איז מעגלעך די אויסלייזונג פון גלות דורך משיחן און דורך איבערנאַטירלעכע געשעענישן, דעמאָלט האָט אויך אַ זין די שטרעבונג צו זעלבסט-דערהאַלטונג, דעמאָלט קאָן דער שכל פאַרענטפערן, פאַרוואָס יידן מוזן זיך אונטערגעבן דעם דרוק פון דער תלמודישער און רבניסטישער געזעצגעבונג. אויב אָבער ניסים זיינען אוממעגלעך, אויב משיח איז אַ וויסטער חלום, דעמאָלט פאַלט אָפּ יעדער שכלדיקער גרונט אַרומצושניידן די אייגענע פערזענלעכקייט און צו פאַרהויקערן זי לויט די תקנות פון די רבנים. עס האָט דעמאָלט קיין ברעקל זין ניט, אָפּצוזאָגן זיך פון יעטווידע פריידן, ליידן רדיפות, נגישות און טאָג-טעגלעכע באַליידיקונגען מצד די פעלקער, וואָס צווישן זיי קומט אויס צו לעבן.

ס'איז מערקווירדיק, אַז אַלע משיחישע באַוועגונגען אין יידישן פאָלק זאָגן עדות פאַר דעם געדאַנק, אַז די רבנישע געזעצגעבונג דאַרף באַטראַכט ווערן נאָר ווי אַ צייטווייליקער מיטל אין קאַמף פונעם יידישן פאָלק פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום: כמעט אַלע זיינען זיי פיינטלעך דעם דריקנדיקן רבניזם. ווי נאָר עס פלעגט זיך באַווייזן אַ משיח, פלעגט דאָס פאָלק, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען, זיך אויפפירן אַזוי, ווי עס וואָלט שוין געוואוסט, אַז אַלע זיינע התחייבותן בנוגע דעם ענין רעליגיעזע צערעמאָניעס זיינען בטל, ווי באַלד עס איז אָנגעקומען די צייט, צוליב וועלכער עס האָט געפונען פאַר נייטיק צו קעמפן פאַר זיין עקזיסטענץ70).

אונטער דער הערשאַפט פון דער אַראַבישער קולטור האָט דאָס יידישע פאָלק שוין איבערגעלעבט עטלעכע משיחישע באַוועגונגען, וואָס האָבן אויף אַ ווייַלע פונאַנדערגעטרייסלט די תלמודישע יסודות פון זיין לעבן און אויפגעדעקט דעם אַנטאַגאָניזם צווישן די באַדערפענישן פון דער פרייער פערזענלעכקייט, וואָס אָנערקענט נאָר איר אייגענעם געזעץ, איר אייגענעם פאַרשטאַנד און איר אייגענעם געוויסן, און די אינטערעסן פון נאַציאָנאַלער זעלבסט-איינהיטונג, וואָס האָט איר דיקטירט די שווערע קייטן פונעם ריטועלן רעגלאַמענט.

ווען די אַראַבישע קולטור האָט גענומען דורכזאַפּן זיך מיט די עלעמענטן פון דער אַלט-גריכישער פילאָסאָפיע, האָבן די עלעמענטן גענומען

אַריינדרינגען אויך אין דער יידישער סביבה. די פריידענקערישע ריכטונג אין איסלאַם — דער מותעזיליזם — האָט קעגן די אַנטראָפּאָמאָרפּישע פאַרשטעלונגען וועגן גאָט, וואָס האָבן געהערשט אויך אין יידישן געדאַנק, אַרויסגעשטעלט אַ מער שכלדיקע טעאָלאָגיע, וואָס האָט געדאַרפט צוציען צו זיך אַלע אומפּאַרטייאישע גייסטער, אָבער וואָס אין איר איז אפילו מיט איין וואָרט ניט דערמאָנט געוועז וועגן דער אתה־בחרתנושאַפט פון ישראל, וועגן דעם, אַז דער בורא עולם זאָרגט ספּעציעל וועגן גורל פון דער דאָזי־קער אומה, — קיין וואָרט איז דאָרטן ניט געוועז וועגן אַ יידישן משיח און וועגן אַן איבערנאַטירלעכער אויסלייזונג פון יידישן פאָלק. דאָס אַלץ האָט געדאַרפט אָפּשוואַכן די מאַכט פון תלמודישן וועלט־באַנעם און לעבנס־קוק איבער די מוחות פון בעסטן טייל פון דער יידישער אינטעליגענציע.

עס באַווייזט זיך אַ פּרואוו פון די קראים, אַוועקצולייגן די טעאָלאָגיע פון די מותעזיליטן אין דעם יסוד פון דער יידישער רעליגיע און צו באַפרייען זי פון די קייטן פון דער תלמודישער געזעצגעבונג. אָבער די שטרעבונגען פון די קראים האָבן ניט געפונען יענע ברייטע שטיצע מצד די ברייטע שיכטן פון יידישן פאָלק, ווי מ׳וואָלט זיך געמעגט ריכטן דערויף, לויט די אומשטאַנדן פון יענער צייט. אַ דאַנק דער תלמודישער געזעצגעבונג איז דער רבניזם געוואָרן נאָך מער פאַרעקשנט און שטרענג. זיך אָפּזאָגן פונעם תלמוד און — די פילאָסאָפיע! דאָס זיינען דאָך געוועזן גראָד יענע צוויי שרעק־געשטאַלטן, וואָס האָבן אַרויפגעוואָרפן אַ מורא אויפן רבניזם און האָבן צו־גלייך אויך אַריינגעוואָרפן אין סכנה דעם נאַציאָנאַלן קיום פונעם יידישן פאָלק. די קראות איז ניט געוועזן בכוח אויסצואיינען די יידישע רעליגיע מיטן פילאָסאָפישן געדאַנק דערפאַר, ווייל זי האָט זיך אונטערגעגראָבן אונטער די עצם יסודות פון יידישן לעבן אין גלות, אונטער דעם תלמוד. אויך די עצם דורכפירונג פון דער פּראָגראַם, וואָס די קראות האָט זיך געשטעלט, ליידט פון ניט־אויסגעהאַלטנקייט און פון אומפּייאיקייט, צוצופּאַסן זיך צו דער סביבה, וואָס זי האָט געוואָלט אויף איר ווירקן. די פילאָסאָפיע פון דער קראות איז געוועזן פאַר זיך גופא פון אַ גאַנץ נידעריקער מדרגה און האָט זיך שוואַך גערעכנט מיט די פעסט־איינגעשטעלטע יידישע בליקן אויף דער וועלט. און דערצו: איר אָפּזאָג פון תלמוד האָט געהאַט אַ מער פאָרמעלן באַטייט, איידער אַ מאַטעריעלן, מחמת אויפן אָרט פון איין מין ריטועלע פּענטעס האָט מען איינגעפירט אַנדערע.

פונדעסטוועגן איז די אַנטי־תלמודישע אַגיטאַציע, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן אַ דאַנק די משיחישע באַוועגונגען און דער קראות, ניט אַוועק אַן אַ שפּור אויך פאַרן יידישן פאָלק, וואָס האָט זיך פעסט געהאַלטן אַן זיינע

רבניסטישע טראַדיציעס. דער אַליין־הערשונג פון תלמוד איז דערלאַנגט געוואָרן אַ שטאַרקער קלאַפּ. צוגלייך מיטן שטודיום פון דער טראַדיציאָנעלער יידישער ליטעראַטור האָבן זיך אויסגעקעמפט אַן אָרט אויך די וועלט־לעכע וויסנשאַפטן, דערהויפּט די מעדיצין און די נאַטור־וויסנשאַפטן. די באַשעפטיקונג מיט די דאָזיקע וויסנשאַפטן איז געווען פאַרבונדן מיט אַ פולן אינדיפערענטיזם צום תלמוד און צו דער יידישער רעליגיע, אָדער האָט באַוואוסטזיניק פאַרנומען זייער אָרט. זי איז שטענדיק געגאַנגען האַנט אין האַנט מיטן שטודיום פון פילאָסאָפיע און מיטן פרייען דיספּוטירן פילאָסאָפישע פּראָבלעמען.

דער פעריאָד צייט זינט דעם אויפבלי פון דער אַראַבישער אויפקלערונג אין זיבעטן יאָרהונדערט ביז רב סעדיה גאון אין אָנהייב צענטן יאָרהונדערט איז געווען צו מייגסט רייך אין יידישע נאַטור־פאָרשער, דאָקטוירים און נאַטור־וויסנשאַפטלעכע ווערק, וואָס זיינען אַרויס פון אונטער דער פעדער פון יידישע פאָרשער. די נעמען: פון סאַהאַל־אַל־תּאַבּאַרי, וואָס האָט דער ערשטער צוגעצויגן דעם אויפמערק פון די פאָרשער צו דער דערשיינונג פון שטראַלן־ברעכונג; פון זיין זון אַבו־סאַהאַל־עלי, אַ גרויסן מעדיצינישן אויטאָריטעט; פון יצחק־אַל־ישראלי, וואָס האָט איבערגעלאָזן אַ וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג וועגן קדחת, און פון אַנדערע, — זיי אַלע געהערן צו דעם פעריאָד פון פאַר רב סעדיה גאון71).

פריער אָדער שפּעטער האָבן די דאָזיקע וועלטלעכע שטודיען, וואָס זיינען אַזוי פרעמד דעם גייסט פון רבניזם, געמוזט אונטערגראָבן די עצם־יסודות זיינע און שטעלן אין סכנה דעם קיום פון דער יהדות. אַ סך פון די באַרימטע דאָקטוירים און פריידענקערישע מענטשן האָבן בכלל פאַרלאָזן יידישקייט, ווי, למשל, דער שוין־דערמאָנטער אַבו־סאַהאַל־עלי, דער מחבר פונעם ווערק: „דער גן־עדן פון דער פילאָסאָפיע״, אָדער אַבו־אַרראַוועגדי, וואָס איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ וויכוח אַנטקעגן דער יידישער רעליגיע.

אָבער אויך אין דער סביבה פון יידישן פאָלק גופא האָבן זיך אויפגעהויבן שטימען פון אומברחמנותדיקער קריטיק, וואָס איז געווען געווענדט קעגן אַלע יסודות פון דער טראַדיציע: מיר האָבן דאָ אין זינען חוי הבלכי און סקאָוויאַה (סאַקאַוויאַ). חיוויס ביבל־קריטיק האָט געשטרעבט צו דערווייזן, אַז קיין ניסים זיינען ניטאָ, אַז עס קאָנען ניט זיין קיין ניסים, און אַז אַלע ניסים פון תנ״ך דאַרפן דערקלערט ווערן מיט נאַטירלעכע פיזיש־מעכאַנישע סיבות. און מיינונגען פון אַזאַ מין זיינען געווען זייער פאַרשפּרייט צווישן דער יידישער אינטעליגענציע פון יענער צייט. אַ בן־דור, אַ קאַראַאימער, קלאָגט זיך, אַז זיינע שטאַם־ברידער „זוכן מיט דאָרשטיקייט די שריפטן פון די פּי־

לאָסאָפן, באַזונדערס די אפּיקורסישע שריפטן פון דעם יידישן רענעגאַט אבן־ארראוועדי, וואָס זיינען אַ האַנטבוך פאַר כפירה און לייקענען די נביאים״ (גרעץ).

כדי גובר צו זיין די דאָזיקע אפּיקורסיש־פילאָסאָפישע ריכטונג, כדי צו ראַטעווען די רבניסטישע געזעצגעבונג און דעם, מיט איר פאַרבונדענעם גלויבן אין ניסים און משיחן, איז נייטיק געווען נאָך אַמאָל פּרואוון שלום מאַכן צווישן דער פילאָסאָפיע און דער יהדות, אָבער שוין ניט אויפן באָדן פון אָפּלייקענען דעם תלמוד, ווי עס האָבן געוואָלט די קראים, נאָר אויף לגמרי אַנדערע יסודות.

פונקט ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט דער רעליגיעזער פילאָסאָפיע פון דער קראות, אַזוי האָט מען אויך איצטער באַדאַרפט אָוועקלייגן די פריי־דענקערישע טעאָלאָגיע פונעם מותעזיליזם אינעם יסוד אויך פון דער יידישער רעליגיע, צו מאַכן אַ נייעם פירוש אויף די כתבי־הקודש און ברענגען זיי אויף אַזאַ אופן אין אַ הסכם מיט די נייע מותעזיליטישע פּרינציפּן. מען האָט באַדאַרפט קריטיש איבער־אַ־נייעס איבערקוקן אַלע פילאָסאָפישע סיסטעמען, אַריבערנעמען פון זיי נאָר יענע טעאָריעס, וואָס קאָנען אַזוי צי אַנדערש זיך איינלעבן מיטן גלויבן אין ניסים און מיטן תלמודישן בוי פונעם לעבן. אויס־צופירן די דאָזיקע היסטאָרישע נויטווענדיקייט איז אויסגעפאַלן אויפן גורל פון רב סעדיה גאון (892־942), וואָס האָט מיט זיין ספר „אמונות ודעות״ גע־עפענט דעם ערשטן פּעריאָד פון דער רבניסטישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע.

אין זיין „אמונות ודעות״ (גלייבונגען און מיינונגען) פּאָלעמיזירט רב סעדיה גאון הן קעגן דעם גראָבן און עם־הארצישן המון, וואָס אַנטלויפט פון ליכט פון וויסן, הן קעגן דער אָרטאָדאָקסיע, דער פאַרשטיינערטער אין איר טראַדיציע, וואָס וויל גאָרנישט ניט וויסן פון דער פילאָסאָפיע. פונ־דעסטוועגן זיינען די „אמונות ודעות״ גיכער אַ פּאַמפלעט, געווענדט קעגן די פילאָסאָפן, איידער אַ חקירה, וואָס וויל דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ דעם נאָ־איוון גלויבן און דעם דאָגמאַטיזם. וועגן דעם זאָגט עדות סיי די איינטיילונג פון דעם מאַטעריאַל, סיי די טעמעס, וואָס רב סעדיה רירט אָן, סיי די מיי־נונגען, וואָס ער באַקעמפט. די מיינונגען, וואָס האָבן אַרויסגערופן זיין שאַרף־פּאָלעמישן ענטפער, זיינען כמעט אויסשליסלעך פילאָסאָפישע מיינונגען, און זיינע טענות קעגן די פאַרבלענדענישן פון דער צייט זיינען געווענדט אַנטקעגן די אפּיקורסים.

דער הויפּט־צוועק פון רב סעדיהס שריפט באַשטייט אין דעם, צו דער־ווייזן, אַז די אינעווייניקסטע סתירות, וואָס עס האָבן געפונען אין תנ״ך סקאָוויאה און חיווי הבלכי, זיינען כלומרשטע סתירות, אַז די יידישע טראַדיציע

און די פרייע חקירה פירן צו איין און דעם זעלביקן רעזולטאַט (רב סעדיה פּרואוווט אפילו פאַרבינדן די עשרת־הדיברות מיט אַריסטאָטעלס צען לאָגישע קאַטעגאָריעס), אַז דער אמת ליגט דאָך ניט אַלעמאָל אויף דער זייט פון דער פילאָסאָפיע, אַז אַ סך פילאָסאָפישע סיסטעמען זיינען איינע די אַנדערע סותר און — די קרוין פון אַלץ — אַז דער גלויבן אין ניסים און אין משיחן קאָן גאַנץ שיין און בשלום זיך איינלעבן מיט דער הנחה, אַז אַלץ אין דער נאַטור גייט צו לויט פעסטע געזעצן.

קיין חידוש ניט, וואָס מיט אַזוינע בליקן האָט רב סעדיה געקאָנט באַזינגען די תרי״ג מצוות און באַשעפטיקן זיך מיט מיסטישע אויסרעכענונגען פון דעם קץ, ווען משיח מוז קומען72).

דער ספר „אמונות ודעות" האָט געהאַט אַן אומגעהייערע השפּעה אויפן יידישן גייסטיקן לעבן און אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע. אין דער יהדות גופא האָט זיך באַוויזן אַ פריינטלעכע שטימונג צו דעם פילאָסאָפישן געדאַנק. אפילו רב שרירא גאון און רב האי גאון, וואָס האָבן פאַרנומען שפּעטער רב סעדיה גאונס אָרט, האָבן גענוזט מאַכן די אָדער יענע הנחות דער פילאָסאָפירנדיקער טעאָלאָגיע. אָבער ביז צום פולן אויפבלי און צייטיקייט זיינען די אידייען פון רב סעדיה גאון דערגאַנגען ניט אויפן באָדן פון דער מזרחדיקער אַראַבישער מלוכה, נייערט אין שפּאַניע. דאָ, — וואו די אויפגעקלערטע יידישע פריידענקעריי האָט אין אָנהייב זיך געצויגן מער צו ליטעראַריש־פילאָסאָפישע שטודיען, איידער צו נאַטור־וויסנשאַפטן, וואו זי האָט זיך אינטערעסירט מער מיט דער שיינער ליטעראַטור און עסטעטיק, איידער געמאַטערט זיך אויף די אייביקע פּראָבלעמען פון זיין, — האָט רב סעדיה געפונען אָנהענגער און ווייטער־בויער פון זיין שיטה, וואָס האָבן היפּש פאַרטיפט די פּראָבלעם פון מאַכן שלום צווישן יהדות און דער גריכיש־אַראַבישער פילאָסאָפיע פון דעם פאַר־אַריסטאָטעלישן פעריאָד און געפונען פאַר איר אַ פולן סיסטעמאַטיש פונדאַמענט.

די פּרינציפּיעלע באַדייטונג פון זייערע פילאָסאָפישע ווערק באַשטייט, פון שטאַנדפּונקט פון דער פילאָסאָפיע, דערין, וואָס זיי האָבן זיך באַפרייט פון רב סעדיהס עקלעקטיציזם, פון זיין שטרעבן צו נעמען פון אַלע פילאָסאָפישע שיטות אַלץ, וואָס האָט נאָר געטויגט פאַר זיין ציל. די יידישע דענקער פון דער אַראַבישער שפּאַניע האָבן אַלץ מער און מער פאַרביטן דעם דאָזיקן עקלעקטיציזם אויף אַ האַרמאָניש־געבויטן און איינהייטלעכן רעליגיעז־פילאָסאָפישן וועלט־באַנעם. פון די כלערליי שיטות און ריכטונגען, וואָס פון זיי האָט רב סעדיה געשעפּט מאַטעריאַל אויף צו דערוויַזן די שכלדיקייט און

די פילאָסאָפישע ריכטיקייט פון די יידישע טראַדיציאָנעלע מיינונגען, האָבן זיי אויסגעקליבן בלויז איין שיטה. בלויז איר האָבן זיי אָפּגעגעבן די בכורה פון שטאַנדפּונקט פון שכל און אַ „הכשר" פון שטאַנדפּונקט פון רעליגיע. די דאָזיקע שיטה איז געווען — דער נעאָ־פּלאַטאָניזם אין יענער פאָרם, וואָס עס האָט אים צוגעגעבן יאַמבליך און זיין תלמיד פּראָקלאָס וועמעס אידייען עס זיינען אַריינגעדרונגען אין אַראַביע, דער עיקר, אין דער באַאַרבעטונג פון פּאָרפיריוס.

קיין חידוש ניט, וואָס דווקא די דאָזיקע ריכטונג פון נעאָ־פּלאַטאָניזם האָט געפונען אַ מיטפילנדיקן אָפּקלאַנג אין די הערצער און מוחות פון די יידישע דענקער. די נעאָ־פּלאַטאָנישע פילאָסאָפיע, אין דער אויסטייטשונג פון יאַמבליך און פּראָקלאָס, איז פון איר זייט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַ פּרוואוו צו מאַכן שלום צווישן דער פילאָסאָפיע און דער רעליגיע, אָמת, „געצנדינערישער" רעליגיע פונעם אַלטן גריכנלאַנד. זי האָט אַריינגעאַרבעט אין זיך אַ נעאָ־פּיטאַגאָריזם, מיט זיין מיסטישן שפּיל אין צאָלן, וואָס איז שוין אין יענער צייט געווען ברייט באַקאַנט און טיף געאַכט. און — וואָס עס איז וויכטיקער פון אַלץ! — די רעליגיעזע פילאָסאָפיע פון יאַמבליך־פּראָקלאָס האָט געגעבן אַ שכלדיקע דערקלערונג פאַר דער מעגלעכקייט פון ניסים, וואָס האָט געקאָנט באַפרידיקן די דעמאָלטיקע מוחות, וועלכע זיינען נאָך לגמרי ניט באַרירט געוואָרן דורך די פּרינציפּן פון דער אַריסטאָטעלי־שער נאַטור־וויסנשאַפט.

אַ דאַנק דער דאָזיקער פאַראייניקונג פון מיסטישן נעאָ־פּלאַטאָניזם מיט דער יהדות, האָט די רבניסטישע געזעצגעבונג געקאָנט אָן שטרויכלונגען זיך ווייטער אַנטוויקלען. זי האָט געשעפּט אירע כוחות פון דעם גלויבן אין משיחן און אין ניסים, וואָס אים האָט שוין אין פלוג קיין זאַך ניט געשראָקן מצד דעם שכל. דער שטודיום פון תלמוד האָט געפונען פאַר זיך נייע פייער־דיקע אָנהענגער אין ר' יצחק אלפסי און זיינע תלמידים; דענקער האָבן כמעט באַזונגען די שוין אַזוי באַזונגענע תרי"ג מצוות; דער קאָנסעקווענט־סטער נעאָ־פּלאַטאָניקער, אבן־גבירול, וואָס טייטשט אויס דעם נעאָ־פּלאַטאָ־ניזם אויף אַן אייגענעם אָריגינעלן אופן, — שטעלט צונויף אַ האָראָסקאָפּ, בכדי ביי די שטערן אַרויסצורייסן דעם סוד פון ביאת הגואל, דעם סוד פון קץ הפלאות, דעם סוף פון די יידישע ליידן73), און ר' יוסף אבן־צדיק, — דער לעצטער ערנסטער און, אויב מ'קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אין זיין גלויבן פריידיקער אָנהענגער פון דער דאָזיקער ריכטונג, — איז אין דער זעלביקער צייט געווען אַ רב און אַ גרויסער תלמודישער אויטאָריטעט.

דאָס תלמודישע יידנטום האָט זיך אײַנגאַנצן באַרואיקט, און האָט גע־קאָנט אין פלוג אָן אינעוויניקסטע אויפרודערונגען און שטורעמס הייס גלייבן און געדולדיק וואַרטן אין זיין גלוטיקער בענקשאַפט.

3.

צוויי ריכטונגען אין דער קאָנסערוואַטיווער רעליגיעזער פילאָסאָפיע. — די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען דעם אויפקום פון יידישן אַריסטאָטעליזם, און די נאַטור־וויסנשאַפטן אין דער אַראַבישער ציוויליזאַציע. — אַסטראָלאָגיע, געשיכטס־פילאָ־סאָפיע און רעליגיע. — פריידענקעריי און דער פרואוו פון אַן „אוניווערסאַלער רעליגיע" אין דער אַראַבישער ציוויליזאַציע. — דער נאַטורוויסנשאַפטלעכער אַריס־טאָטעליזם און זיין צעשטערערישע השפעה אויפן יידנטום. — דער קאַמף אַנטקעגן אריסטאָטעליזם.

אויבן האָבן מיר געזאָגט, אַז אין דער רעליגיעזער פילאָסאָפיע פון מיטלאַלטער איז ניט שווער צו אונטערשיידן דריי טענדענצן, כאָטש זיי גייען אָפט איבער איינע אין דער אַנדערער, אָדער גיסן זיך אפילו צונויף ביי איינעם און דעם זעלביקן דענקער, אָבער אונטערשיידן זיך פאָרט שטאַרק איינע פון דער אַנדערער און ווייזן אַרויס אויפן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק יענע השפעה, וואָס ליגט אין דער טבע פון זייער מהות. דאָס איז, ערשטנס: די שטרעבונג פון דער פילאָסאָפיע צו באַרעכטיקן די רעליגיע; צווייטנס: די אומגעקערטע שטרעבונג — צווינגען די רעליגיע זי זאָל סאַנקציאָנירן די פילאָסאָפישע הנחות, און אויף אַזאַ אופן אויסקעמפן אַ שטיק אָרט פאַר דער פילאָסאָפיע אין די גרענעצן פונעם רעליגיעזן וועלט־באַנעם; צום סוף, דריטנס: די שטרעבונג צו באַנוצן די פילאָסאָפיע, ווי אַ מיטל אין דעם קאַמף מיט דער פילאָסאָפיע גופא, אין נאָמען פון דער אָרטאָדאָקסאַלער רעליגיע.

פאַר אַ ביישפיל פון דער ערשטער טענדענץ קאָן דינען די נעאָ־פלאַ־טאָנישע ריכטונג אין דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע; פאַר אַ ביישפיל פון דער צווייטער — די ריכטונג פון די מותעזיליטן און פון די „לויטערע ברידער" אין דער אַראַבישער טעאָלאָגיע; אַ בולטער פאָרשטייער פון דער דריטער טענדענץ איז, אין דער זעלביקער אַראַבישער פילאָסאָפיע, דער ברוגזער און גאַליקער אַל־גאַזאַלי, וואָס האָט געפאָדערט פון שכל פולע און אומבאַדינגטע אונטערטעניקייט אונטער דעם גלויבן פון די אבות.

די יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע פון אַראַבישן פעריאָד האָט בדרך כלל

ניט געוואוסט פון קיין פאָרשטייער פון יענער טענדענץ, וואָס האָט אַנטשיידן געקעמפט אַנטקעגן דער רעליגיע אין נאָמען פון דער פילאָסאָפיע. דערפאַר האָט די דריטע טענדענץ, — דער קאַמף אַנטקעגן דער פילאָסאָפיע אין נאָמען פון דער רעליגיע, — געהאַט ביי די אַראַ־ביש־שפּאַנישע יידן צוויי מעכטיקע פאָרשטייער: יהודה הלוי און חסדאי קרשקש. דער ערשטער שטייט אין סוף פון דער נעאָ־פּלאַטאָנישער ריכ־טונג, פּנים־אל־פּנים מיט דער סכנה פונעם אַראַבישן אַריסטאָטעליזם, וואָס האָלט ערשט אין אָנקומען; דער צווייטער — אין סוף פון דער אַריסטאָ־טעלישער ריכטונג, וואָס האָט שוין געהאַט נצחונות אין דעם יידישן געדאַנק און וואָס איר סכנה איז געוואָרן באַשיינפּערלעך פאַר אַלעמען.

דאָס פילאָסאָפישע ווערק פון יהודה הלוי שטעלט מיט זיך פאָר אַן אַלאַר־מירנדיקע התראה, ניט אונטערצוגעבן זיך דעם כישוף פון דער פילאָסאָפיע, פון אריסטוס פילאָסאָפיע, ניט אַרויפצוטרעטן אויף דעם דאָזיקן גליטשיקן וועג וואָס פירט דאָס יידנטום צום אונטערגאַנג. קרשקש שטייט אין סוף פון דעם דאָזיקן וועג און קאָנסטאַטירט פעסימיסטיש, אַז אָט דער וועג האָט דערפירט דעם יידישן רעליגיעזן געדאַנק ביז צום ראַנד פון אָפּגרונט און אַז מ'דאַרף זיך אומקערן צוריק...

יענע רעליגיעז־פילאָסאָפישע שיטה, וואָס איז אויסן די אינטערעסן פון דער רעליגיע, אָבער איז אין דער זעלביקער צייט בשום אופן ניט פיינטלעך דער פילאָסאָפיע, איז, לויט איר עצם מהות, נעענטער צו דער שיטה, וואָס דערקלערט דער פילאָסאָפיע אַן אַנטשיידנדיקע מלחמה, איידער צו יענער שיטה, וואָס איז גרייט אַוועקצושטעלן די גאַנצע רעליגיעזע טראַדיציע אונטער דעם העכערן קאָנטראָל פון דעם פילאָסאָפישן שכל.

די ערשטע צוויי שיטות האָבן איין אַלגעמיינע אייגנשאַפט, וואָס פאַר זיי ליגט דער שווערפּונקט אין דער רעליגיע. זיי גייען זיך אָבער פונאַנדער אָט אין וואָס. בעת פאַר אַל־גאַזאַלי, הלוי און קרשקש איז די פילאָסאָפיע — אַ שונא, וואָס מוז פאַרטיליקט ווערן פאַר יעדן פּרייז, ווייל זיין קראַפט שטעלט תמיד אין סכנה דעם קיום פון דעם רעליגיעזן גלויבן, — איז אָבער דער וויניקער קאָנסעקווענטער און אין דעם פּונקט אַביסל נאַאיווער געדאַנק פון די אבן־דאודס און מיימוניס נוטה צו זען אין דער פילאָסאָפיע, אמת, אויך אַ שונא, אָבער אַזעלכן, וואָס מען קאָן אים גרינג בייקומען, וואָס קאַ־פּיטולירט אָן אַ באַזונדער עקשנות פאַר דער רעליגיע און אָנדערקענט מיט פרייד איר אויבערהערשאַפט. עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז יענע טעמים, וואָס האָבן באַוואויגן רבי יהודה הלוי אויפצוהייבן אַ זייער איידעלן לויט דער פאָרם, אָבער אין עצם אַ שאַרף פאַרביטערטן, קאַמף אויף לעבן

און טויט אַנטקעגן דעם אַריסטאָטעליזם, זיינען אין דער זעלביקער צייט געווען די טעמים, וואָס האָבן געבראַכט אבן־דאודן און דעם רמב״ם צו דער אויפ־גאַבע — שלום צו מאַכן צווישן אַריסטאָטעליזם און יהדות און איינשפּאַנען דעם אַריסטאָטעליזם אין דעם טריאומפאַלן רייטוואָגן פון דעם רבניסטישן רעליגיעזן געדאַנק. די דאָזיקע טעמים זיינען געלעגן אין דעם אויפבלי פונעם אַריסטאָטעליזם און פון די נאַטור־וויסנשאַפטן אין אַראַביע, — דעם אויפבלי פון אַריסטאָטעליזם, וואָס האָט דערוויזן די דענקער פון יענער צייט די גאַנצע אומזיכערקייט און שוואַכקייט פון די נעאָ־פּלאַטאָנישע בנינים און אויף אַזאַ אופן אונטערגעגראָבן זיך אונטער דעם באַזיס פון דער יידישער רעלי־גיעזער פילאָסאָפיע, וואָס האָט זיך אַזוי באַרויקט און זיך געפילט אַזוי זיכער אין די אָרעמס פון דעם נעאָ־פּלאַטאָניזם.

פאַרן יידישן געדאַנק איז אויסגעוואָקסן אַ נייער שונא — די אַראַבישע נאַטור־וויסנשאַפט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אונטער דער פאָן פון אַריסטו. דער יידישער געדאַנק האָט פאַר אַט דעם דאָזיקן נייעם שונא געמוזט ווידעראַמאָל פאַרענטפערן זיין גלויבן אין משיחן און אין ניסים; ער האָט געמוזט טרייבן אַט דעם שונא צו סאַנקציאָנירן דעם דאָזיקן גלויבן. דערין ליגט דער גאַנ־צער באַטייט פונעם יידישן אַריסטאָטעליזם. דאָס איז די צענטראַלע אַקס, וואָס אַרום איר דרייט זיך די גאַנצע אַטמאָספערע פון געדאַנק מיט אַלע זיינע געהויבענע פילאָסאָפישע פּראָבלעמען, וואָס ווייזן אויס אויפן ערשטן בליק אַזוי ווייט און פרעמד דעם יידישן לעבן מיט זיינע פריידן, ליידן און האָפענונגען.

מיר מוזן זיך דעריבער אָביסל לענגער אָפּשטעלן אויף דער אַראַבישער נאַטור־וויסנשאַפט, ווי אויף דעם פרייזין אין דער אַראַבישער ציוויליזאַציע בכלל.

וועגן דער ראָליע פון די אַראַבער אין דער אַנטוויקלונג פון די נאַטור־וויסנשאַפטן גייען זיך די מיינונגען פון די געלערנטע שטאַרק פונאַנדער. צוגלייך מיט דער פאַנעגירישער אָפּשאַצונג פון דער דאָזיקער ראָליע, וואָס דרעפּער האָט געגעבן, געפינען מיר די מיינונג פון אועוועל, דעם באַוואוסטן היסטאָריקער פון די אינדוקטיווע וויסנשאַפטן, וואָס איז נוטה לגמרי מבטל צו זיין די ראָליע פון די אַראַבער אין דער אַנטוויקלונג פון די נאַטור־וויסנ־שאַפטן74).

אמת, אפילו אועוועל מוז מסכים זיין, אַז די אַראַבער זיינען געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, מאַדימס אויפן געביט פון עמפּירישער טעכניק; אַז זיי האָבן גוט אַריינגענומען אין זיך אַ באַדייטנדיקן טייל ידיעות, וואָס זיינען אָנגע־קליבן געוואָרן ביז זיי; אַז געוויסע אָבסערוואַציעס האָבן זיי געמאַכט זעלבסט־

שטענדיק, און אַז אָט די אָבסערוואַציעס האָבן געהאַט אַ גרויסן פּראַקטישן באַטייט. אָבער די אַראַבער האָבן, לויט זיין מיינונג, ניט פאַרמאָגט קיין אמתן גייסט פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. מחמת דעם האָבן זיי ניט געקאָנט אויפהייבן זיך ביז צו יענע פאַראַלגעמיינערונגען און הויפּט־פּרינציפּן, וואָס ליגן אין יסוד פון די באַזונדערע נאַטור־וויסנשאַפטן און האָבן אַליין ניט גוט פאַרשטאַנען דעם מהות פון דעם, וואָס זיי האָבן געטאָן. אין דער וויסנשאַפט זיינען זיי געבליבן מפרשים פון אַריסטאָטעלעס. לא די וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט אַריבערוואַקסן די פילאָסאָפישע מיינונגען פון זייער לערער, זיינען זיי אפילו געבליבן וויט הינטער אים, ווייל זיי זיינען ניט געווען בכוח פולקום אָפּצושאַצן און אָנצואווענדן זיין אינדוקטיווע מעטאָדע.

אָט דער שטרענגער פּסק־דין אועוועלס מוז אָבער איצטער היפּש ווייכער געמאַכט ווערן מחמת כמה טעמים:

ערשטנס: יענע פאָדערונגען, וואָס ער שטעלט דער מיטלאַלטערלעכער אַראַבישער נאַטור־וויסנשאַפט, זיינען בלי ספק צו שטרענג. די אָבסערוואַציעס און עקספּערימענטן פון די אַראַבישע נאַטור־פאָרשער האָבן געדאַרפט צוערשט אויספילן יענע ברייטע גרענעצן פון טעאָרעטישן געדאַנק, וואָס אַריסטאָטעלעס האָט אָנגעמערקט פאַר די וויסנשאַפטן וועגן דער נאַטור. דאָס האָט געדאַרפט געשען פריער, איידער דער מענטשלעכער געדאַנק האָט געקאָנט אַריבערשפּרייזן די דאָזיקע גרענעצן.

צווייטנס: אועוועלס ידיעות וועגן דעם מצב פון די נאַטור־וויסנשאַפטן ביי די אַראַבער געהערן צו דער תקופה, ווען די אַראַבישע ליטעראַטור איז נאָך געווען לפי־ערך ווייניק באַקאַנט אין אייראָפּע. אועוועלס בוך איז אַרויס אין יאָר 1837, ווען עס זיינען נאָך ניט אויסגעפאָרשט געוואָרן די אַראַבישע מקורים, וואָס פאַרנעמען זיך מיט שטודירן די נאַטור. לאָמיר ניט פאַרגעסן, אַז די אַרבעטן פון אל־קינדי, אבן־סינא און פון די „לויטערע ברידער" האָבן לפי־ערך ערשט ניט לאַנג געפונען זייער אָפּשאַצונג; אַז טייל אַראַבישע ווערק זיינען ניט געווען איבערגעזעצט אויף לאַטיין און אַז אייניקע פון זיי זיינען אינגאַנצן פאַרלאָרן געגאַנגען גראָד דערפאַר, ווייל די מיטלאַלטערלעכע אייראָפּע האָט ניט באַזונדערס הויך געשעצט דעם נאַטור־וויסנשאַפטלעכן אינוועטאַר פון די אַראַבער, און ס'איז אַ ספק, צי זי איז בכלל געווען בכוח פולקום אים אויסצונוצן. פון דער השפעה, וועלכע די אַראַבער האָבן געהאַט אויף דער סכאָלאַסטישער אייראָפּע טאָר מען ניט מאַכן קיין אויספירן וועגן דעם צושטאַנד פון די נאַטור־וויסנשאַפטן ביי די אַראַבער, ווי דאָס טוט אועוועל.

די שפּעטערדיקע מיינונגען פון די געלערנטע וועגן דער נאַטור־וויסנ־שאַפטלעכער ראָליע פון די אַראַבער פאַלן כמעט אַלע אַריין אין אַ פּאַנעגי־רישן טאָן. כאָטש דאָס רוב פון די דאָזיקע געלערנטע זיינען — ספּעציאַליסטן־פילאָלאָגן, און ניט נאַטור־וויסנשאַפטלער, און בכן איז שווערלעך, זיי זאָלן זיין מומחים אין פראַגן פון נאַטור־וויסנשאַפט, — פונדעסטוועגן, אפילו ווען מען זאָל זיין מער אָפּגעהיט בנוגע צו זייערע מיינונגען, טראָגן זיי פּאָרט אַריין שטאַרקע אויסבעסערונגען אין אוועלס שטרענגן פּסק־דין.

„דער פאַרדינסט פון דער אַראַבישער וויסנשאַפט באַשטייט דערין", — שרייבט, צ"ב, א. קרעמער, — „וואָס זי האָט די ערשטע איינגעפירט די עקספּערימענטאַלע מעטאָדע אין דעם שטודיום פון דער נאַטור"75) (גאָר אַ קלייניקייט!).

דער היסטאָריקער ברענגט די מיינונג פון סעדיליאָ וועגן דער באַגדאַ־דער שולע אין אַסטראָנאָמיע, אַז די דאָזיקע שולע האָט פון סאַמע אָנהייב אָן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ ריין וויסנשאַפטלעכן גייסט און מיט אַ פאַרשטאַנד פאַר די וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען: „אַרויפגיין פון באַקאַנטן צו אומבאַ־קאַנטן, אָפּגעבן זיך אַ קלאָרן דין וחשבון וועגן די הימלישע דערשיינונגען; ניט אָנדערקענען פאַר אמת קיין זאַך, וואָס איז ניט דערוויזן דורך דעם עקס־פּערימענט אָדער אָבסערווירונג, — אָט דאָס זיינען די גרונט־הנחות, וואָס עס האָבן דעמאָלט געלערנט די לערער פון דער וויסנשאַפט"76).

ביי דעם שיין פון אַזעלכע מיינונגען ווייזן זיך די פּאָזיטיווע רעזול־טאַטן פון דער אַראַבישער נאַטור־וויסנשאַפט שוין ניט אויס פאַר אַזוינע נישטיקע, ווי עס שטעלט זיי אַרויס אוועל. די אַראַבישע נאַטור־פאָרשער זיינען געווען ווייט פון צו זיין בלויז מפרשים און נאָכטאָנצערס פון אַריס־טאָטעלן. מינעראַלאָגיע און באָטאַניק זיינען לגמרי ניטאָ אין אַריסטאָטעלס ווערק; די דאָזיקע צוויי וויסנשאַפטן זיינען דאָך אָבער דורכגעאַרבעט גע־וואָרן דורך די אַראַבער77).

„ניט געקוקט אויף די אַלע חסרונות און איינזייטיקייטן, זיינען די אויפ־טוען פון די אַראַבער אויפן געביט פון באָטאַניק בכל אופן גרויס אין פאַר־גלייך מיט די אויפטוען פון די רוימער און גריכן; די אַראַבער האָבן זעלבסט־שטענדיק געפירט די וויטערדיקע פאָרשונגען, אָבסערווירט די נאַטור און געזאַמלט מאַטעריאַל מיט התמדה". אין דער מאַטעמאַטיק און אָפּטיק האָבן די אַראַבער דערגרייכט באַדייטנדיקע, לגמרי זעלבסטשטענדיקע רעזולטאַטן78), און אין דער מעכאַניק האָבן זיי, — אויב מען זאָל גלייבן דיעטריצין, — שוין פאָרגעפילט דעם געזעץ פון שווערקראַפט79).

ווי דאָס זאָל ניט זיין, פאַר אונדזער ציל איז וויכטיק און איבער יעדן ספק, אַז די נאַטור־וויסנשאַפטן האָבן אין דעם פעריאָד צייט פונעם צענטן ביז נאָכן צוועלפטן יאָרהונדערט זיך אויסגעקעמפט אַן אויסגעצייכנטע לאַגע אין אַראַבישן גייסטיקן לעבן. די אַראַבישע פאָרשער האָבן זיך ניט באַגרע־נעצט מיט אַ פשוטן פאַררעגיסטרירן די עמפּיריש דערקענטע פאַקטן, נאָר האָבן אַרויסגעדרונגען פון זיי פילאָסאָפישע מסקנות אין גייסט פון דעם אַריסטאָטעליזם און אויף אַזאַ אופן ראַדיקאַל איבערגעריסן מיטן טראַדיציאָ־נעלן נאַאיוו־רעליגיעזן וועלט־באַנעם.

דער אַראַבישער אַריסטאָטעליזם איז געווען די ערשטע אַנטשיידנדיקע שלאַכט, וואָס דער צייטיקער, געשטעלטער שכל האָט געגעבן דער רעליגיע־זער, אין די הימלישע הייכן שוועבנדיקער, פאַנטאַזיע. „ווען די אַראַבער האָבן זיך באַקענט מיט דער גריכישער פילאָסאָפיע און זיך געווענדט צום שטודיום פון די נאַטור־וויסנשאַפטן, איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ נייער יוירונגס־עלעמענט אין דער גייסטיקער באַוועגונג", שרייבט קרעמער: — „די לאָגיק האָט געשלייפט דעם כלי־זיין פאַר דער פּאָלעמיק און דער געזונ־טער מענטשלעכער פאַרשטאַנד איז אויפגעשטאַנען קעגן דעם בלינדן גלויבן. די מאַטעמאַטישע באַווייזן האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער די ראיות, גע־שעפט פון קאָראַן, און דער שטודיום פון דער נאַטור האָט פון זיין זייט דערלאַנגט קלעפּ דעם קאַפּריזן אומזין פון די טעאָלאָגן"(80).

די מעכטיקע השפעה פון נאַטור־וויסנשאַפטלעכן דענקען אויף די אַראַ־בישע גייסטער איז באַשטאַנען, דער עיקר, דערין, וואָס דאָס דענקען האָט געשטרעבט אינגאַנצן אַרויסצוטרייבן פון דער ספערע פון געדאַנק דעם אי־בערנאַטירלעכן, פאַנטאַסטישן וועלט־באַנעם, וואָס האָט געלעבט און געאָטעמט מיט וואונדער, מיט האָפענונגען אויף דער אַריינמישונג פון אויסערוועלטלעכע כוחות אין די מענטשלעכע עסקים און עסקימלעך, — אַן אַריינמישונג, וואָס דער מענטש אַליין קאָן אַרויסרופן מיט די אָדער יענע תחבולות פון דער רעליגיעזער קולטור. און דערגרייכט איז געוואָרן די דאָזיקע מעכטיקע, די ערשטע צייט ריין נעגאַטיווע, ווירקונג פון דעם נאַטור־וויסנשאַפטלעכן אַריס־טאָטעליזם ניט אַזוי דורך דעם פּאָזיטיוון דערקענען די נויטווענדיקע קעגנ־זייטיקע שייכותן אין די נאַטור־דערשיינונגען, ניט אַזוי מיטן עקספּערימענטאַל־עמפּירישן באַווייז, אַז אַ סך באַהויפּטונגען פון דעם איסלאַם זיינען פאַלש און אומגעלומפּערט, ווי דורך אַ באַשטימטן דיסציפּלינירן דעם מענטשלעכן שכל, דורך אויסאַרבעטן אַ באַזונדער הרגל פון דענקען: — ניט אָנצונעמען קיין שום הנחות אויפן וואָרט, צו רעכענען זיך בלויז דערמיט, וואָס עס איז געדרונגען נויטווענדיק פון די בלי־ספקדיקע פילאָסאָפישע גרונט־הנחות

אָדער פון די עמפּירישע אָבסערוואַציעס; דערביי האָבן די מסקנות פון די פילאָסאָפישע טעזיסן אָדער פון דער פּאַקטישער דערקענטעניש געמוזט גע־מאַכט ווערן מיט דער הילף פון דעם סאַמע געניסטן פאָרמאַל־לאָגישן אַנאַליז.

ס'איז קיין ספק ניט, אַז אויך דער דאָזיקער דרך האָט ניט געקאָנט גאַ־ראַנטירן דעם אַראַבישן גערדאַנק אַ ריכטיקע מעטאָדע, וויסנשאַפטלעך־פּילאָ־סאָפיש צו קאָנסטרואירן דיווירקלעכקייט, צו געבן אַ גאַנץ האַרמאָניש בילד פון דעם וועלט־אַל, אַ בילד, וואָס באַפרידיקט אַלע פאָדערונגען פון אמת, שיינקייט און גערעכטיקייט. אַ פאַלשע דערקענטעניש־טעאָריע, אַ ניט־גענויע טעאָריע פון דערפאַרונג, דאָס כמעט פולשטענדיקע איבערשאַצונג דעם ווערט פון דער פאָרמאַלער לאָגיק, — דאָס אַלץ האָט פאַר די דענקער פון יענער צייט געמאַכט אוממעגלעך, גלייך צו שטעלן זיך אויפן ריכטיקן פילאָסאָפישן וועג. אויב זיי האָבן זיך באַפרייט פון די רעליגיעזע און ריטועלע פּענטעס, זיינען זיי אָבער דערפאַר פאַרקראָכן אין מעטאַפיזישע גערדיכטענישן. אָבער נאָך אַלעמען האָט דער מענטשלעכער שכל פונדעסטוועגן פאַרט ביסלעכווייז אָפּגעוואוינט זיך צוצורעכענען צו דעם פאַקטישן וועלט־געשען גאַנצע קעניג־רייכן פון מעגלעכקייטן און אפשרקייטן. די דאָזיקע קעניגרייכן זיינען ביס־לעכווייז און אַלץ מער און מער געוואָרן שמעלער, און וואָס ווייטער האָבן די מענטשן אַלץ מער און מער זיך צוגעוואוינט צו דער פאָרשטעלונג וועגן נאַטור־געזעצן, וואָס קאָנען ניט געענדערט ווערן.

אָט די געוואונענע נאַטור־וויסנשאַפטלעכע, לאָגישע און מאַטעמאַטישע געוואוינהייטן פון דענקען האָבן געמוזט ווירקן צעשטעריש אויף דער גאַנצער דעמאָלטיקער רעליגיעזער טראַדיציע. פון אַל־גאַזאַליס פּאָלעמיק אַנטקעגן די דענקער פון זיין צייט דערוויסן מיר זיך, אַז די אַריסטאָטעליקער געהערן צו יענע חכמים, וואָס פאַר זיי זיינען קיין שום רעליגיעזע געזעצן ניט גילטיק81) און וואָס לייקענען אָפּ אויפן אַנטשיידנסטן אופן דעם גן־עדן, דעם גיהנום, די ניסים און דעם תחית־המתים82).

און ניט נאָר די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע אמתן, נייערט אויך די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע פאַרבלאָנדזשענישן פון יענער צייט האָבן שטאַרק מיטגע־ווירקט צו צעשטערן די יסודות פון אַלטן וועלט־באַנעם. מיר האָבן דאָ אין זינען די אַסטראָלאָגיע.

דער פאַרגאַנגענער ניינצנטער יאָרהונדערט, דער יאָרהונדערט, וואָס האָט ניט איין פאַרשוועכטן כבוד ווידער אויפגעשטעלט, האָט אומגעקערט דעם כבוד אויך דער דאָזיקער לייכטזיניקער מוטער פון דער פּינקטלעכ־סטער פון אַלע נאַטור־וויסנשאַפטן, די אַסטראָנאָמיע. לויט מענטסינגאָ וואָס האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע „צוריק אויפצוריכטן דעם כבוד" פון

דער אַסטראָלאָגיע, האָט זי זיך אויסגעצייכנט מיט אַ סך געניאַלע אויפבליצן פון וויסנשאַפטלעכקייט, וואָס האָבן, ווערדליך די טענדענצן, וואָס האָבן גע־הערשט אין דער „וויסנשאַפטלעכער האָראָסקאָפּיע", געמאַכט זי פאַר אַ חשובער פאָרגייערין פון דער אַסטראָנאָמיע83).

מיר וואָלטן געזאָגט, אַז די אַסטראָלאָגיע האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דער געשיכטס־פילאָסאָפיע אין יענער צייט. לכל הפחות, האָט מען איר געשטעלט יענע פאָדערונגען, וואָס ווערן איצטער, אפשר מיטן זעלביקן רעכט, געשטעלט דער געשיכטס־פילאָסאָפיע: וויסנשאַפטלעך פאָראויסצוזאָגן דעם היסטאָרישן גורל. אָגיוסט קאָנטס פאָרמולע: „וואואַר פור פרעוואואַר" (זען, בכדי פאָראויסצוזען), וואָס ליגט אין יסוד אויך פון דער היינט־צייטי־קער מאַרקסיסטישער געשיכטס־פילאָסאָפיע, האָט אין ערגעץ, אין פלוג, ניט געפונען אַזאַ גלענצנדיקע באַרעכטיקונג, ווי גראָד אין דער אַסטראָלאָגיע.

און וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ „מאַניסטישע" וויסנשאַפט! אַלע היס־טאָרישע געשעענישן, און אויך אַלץ, וואָס עס טוט זיך „אונטער דער זון", זיינען אַרויסגעדרונגען געוואָרן פון איין־איינציקן פרינציפּ: — דעם גאַנג פון די שטערן און מזלות. און אויב מ'זאָל פון דער געשיכטס־פילאָסאָפיע פאָדערן ניט קיין וויסנשאַפטלעכע באַוויזן, נאָר „מאָניסטישע" אויסטייטשונ־גען, דעמאָלט מוזן מיר מודה זיין, אַז דער אַסטראָלאָגישער פרינציפּ פאַרמאָגט אַ סך וויכטיקערע מעלות, וואָס שטעלן אים העכער פון אַ סך היינט באַליבטע היסטאָריש־פילאָסאָפישע טעאָריעס.

ערשטנס, האָט דער „נאַטירלעכער גאַנג" פון דעם „גרונט־פאַקטאָר" — דער גאַנג פון די כוכבים ומזלות — געקאָנט ווערן אויסגעשטודירט אַ סך גרינגער, פּינקטלעכער און אָביעקטיווער, איידער, למשל, די „אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כוחות". צווייטנס, איז דאָ דערגרייכט געוואָרן די זעל־טענע מעלה, וואָס אַלע מענטשלעכע מעשים זיינען געוואָרן דערקלערט דורך אַ פאַקטאָר, וואָס ליגט אַבסאָלוט אויסער דעם מענטשן, אפילו אויסער דעם כדור־הארץ. אַ דאַנק דעם האָט מען זיך ניט געדאַרפט רעכענען מיט די קעגנזייטיקע ווירקונגען צווישן דעם „באַזיס" און די „איבערגעבויען", — די קעגנזייטיקע ווירקונגען וואָס זיינען אַזוי פאַרפּלאָנטערט און קאָמפּליצירט, אַז איבער זיי איז, למשל, די היינט־צייטיקע געשיכטס־פילאָסאָפיע פון מאַרק־סיזם, ווי ווייט זי וויל פאָראויסזאָגן וואָס עס וועט זיין, וויסנשאַפטלעך פאַר־משפּט צו זיין לחלוטין אומפּרוכפּערלעך. הכלל, אויב מיר זעען אפילו ביי היינטיקן טאָג, אַז ריין מעטאַפיזישע קאָנסטרוקציעס ציען צו מיט זייער גאַנצ־קייט און געשלאָסנקייט אַ סך גייסטער, וואָס זיינען ניט דיסציפּלינירט דורך דערקענטעניש־טעאָריע, מוזן מיר אויפהערן צו וואונדערן זיך אויף דעם

כורעים־פאַלן, וואָס די אַסטראָלאָגיע האָט אַרויסגערופן צו זיך אין באַגינען פונעם וויסנשאַפטלעכן געדאַנק.

די אַראַבישע אַריסטאָקראַטיקער האָבן אויסגענוצט די דאָזיקע „וויסנ־שאַפט" צוליבן קאַמף מיט די פאַראורטיילן, וואָס האָבן געהערשט אין זייער צייט. אַזוי, למשל, האָט אבן־ראַשד „פון שטאַנדפּונקט פון פיזיק און מיט דער הילף פון אַ „שטערן־פּראָגנאָז" דערוויזן די ניט ריכטיקייט פון דעם גלויבן, וואָס איז צווישן די אַראַבער געווען פאַרשפּרייט אין זיין צייט, אַז דער גאַנצער מין מענטש מוז אומקומען פון אַן אוראַגאַן. דערפאַר האָט ער באַקומען דאָס צונעמעניש „אַפריקאַנער" און „כופר"84).

אַ דאַנק דער אַסטראָלאָגיע, זיינען אַ סך דענקער געקומען צו דער מסקנא, אַז די רעליגיע דאַרף ווערן באַטראַכט נאָר ווי אַ פּראָדוקט פון היס־טאָרישן לעבן. די גרויסע היסטאָרישע ענדערונגען אין דער געשיכטע פון די פאַרשיידענע רעליגיעס זיינען געבראַכט געוואָרן אין פאַרבינדונג מיט די אַזוי גערופענע „גרויסע קאָנסטעלאַציעס" פון די הימלישע מאורות, וואָס קו־מען פאָר אַן ערך יעדע טויזנט יאָר85). אָט פאַרוואָס עס זיינען אין אייראָפּע נאָך אין דרייצנטן יאָרהונדערט די ווערטער „מעדיצין", „אַראַביזם", „אווע־ראָאיזם" און „אַסטראָלאָגיע" געווען סינאָנימען, וואָס האָט באַטייט דאָס זעל־ביקע, וואָס „כפירה"86).

די רדיפות אויף דער פילאָסאָפיע און אויף די נאַטור־וויסנשאַפטן מצד געוויסע אַראַבישע הערשער, ווי, למשל, די רדיפות פון אַלמאַנזאָר אין עלפטן יאָרהונדערט, האָבן דעמאָלט ניט געקאָנט האָבן די פעולה, וואָס די טעאָלאָגן האָבן געוואָלט, און וואָס די אַלמאָהאַדן האָבן אין סוף פון צוועלפטן יאָרהונ־דערט טאַקע אויסגעפירט: פרייע דענקער און סקעפּטיקער האָבן זיך גענומען מערן מיט יעדן יאָר.

דער באַוואוסטער היסטאָריקער פון דער אַראַבישער הערשאַפט אין שפּאַניע, דאָזי, שילדערט אונדז אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער גייסטיקער אַטמאָספערע אין יענער צייט:

„אַ באַזונדער סעקטע, וואָס איז באַשטאַנען פון נאַטור־פאָרשער, האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די פילאָסאָפישע ווערק פון גריכנלאַנד. דער שטו־דיום פון מאַטעמאַטיק האָט זיי געבראַכט צו דער אַסטראָנאָמיע. כדי צו גלייבן אין דער רעליגיע, האָבן זיי פאַרלאַנגט מאַטעמאַטישע באַווייזן, און היות אַזוינע באַווייזן זיינען ניט געווען, האָבן זיי דערקלערט, אַז די רעליגיע איז אַן אַבסורד. זיי האָבן מבטל געווען אַלע אירע מצוות: די תפילות, די תעניתים, צדקה, — דאָס אַלץ איז געווען ביי זיי אין די אויגן גאָר נאַריש־קייט... אַנדערע סעקטעס, וואָס האָבן אַריינגענומען אין זיך אויך יידן און

קריסטן, האָבן פּראָפּאַגאַנדירט אינדיפערענטיזם אונטערן נאָמען פון אַן „אוניווערסאַלער רעליגיע״ (אַל מיללאַ אַל־כולליאַ)... אייניקע פון זיי זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן גענומען זיין מסופק אין מציאות הבורא. אַנדערע האָבן געלערנט, אַז אייגציק נויטווענדיק איז נאָר אַן אוניווערסאַלע רעליגיע, און האָבן אונטער דעם דאָזיקן נאָמען פאַרשטאַנען די מאָראַלישע געבאָטן, וואָס איטלעכע רעליגיע לערנט זיי און וואָס ווערן אָנדערקענט פונעם שכל״87).

שוין פון דעם פאַקט, וואָס יידן האָבן זיך באַטייליקט אין די סעקטעס, וואָס האָבן געלערנט אַן אוניווערסאַלע רעליגיע, זעט מען, אַז אויך די פּראָגרעסיווסטע מוחות פון אונדזער פאָלק זיינען געווען פאַרכאַפּט פון דעם דאָזיקן נייעם פרייען און עזותדיקן געדאַנקען־שטראָם, וואָס איז אויפגעקומען אַ דאַנק דעם שטודיום פון אַריסטאָטעלן און פון די נאַטור־וויסנשאַפטן. אָט די נאַטור־וויסנשאפטן זיינען עס, לויט דרעפּערס ריכטיקער באַמערקונג, געווען די נייטראַלע טעריטאָריע, וואָס אויף איר האָבן די פאָרשטייער פון די דריי רעליגיעס געקאָנט אָן מחלוקתן און רייסערייען בשלום פאַרמעסטן זיך מיט זייערע כוחות אויף די פעלדער פון וויסנשאַפטלעכע און פילאָסאָפישע פאָרשונגען.

אין אָנהייב, אמת, זיינען די יידישע נאַטור־פאָרשער אין דער אַראַבישער שפּאַניע געווען אויסערגעוויינלעך פאָרזיכטיק און ניט זייער עזותדיק אין זייערע פילאָסאָפישע קאָנסטרוקציעס און מסקנות. אבול־וואַליד אבן־ג׳נאח (דזשאַנאַח), — דער באַוואוסטער בעל־דיקדוק, דאָקטאָר און מחבר פון מעדיצינישע ווערק, וואָס האָט געשריבן אויך וועגן לאָגיק, — האָט ניט געוואָלט ליידן קיין מעטאַפיזישע חקירות, ווייל ער האָט געהאַלטן, „אַז זיי פירן ניט צום אמת און רייסן אונטער דעם גלויבן״88). אַנדערע יידן נאַטור־פאָרשער פון צענטן און עלפטן יאָרהונדערט האָבן זיך געקליגט צו פאַרהיטן זייערע רעליגיעזע אָנשויאונגען פון דער צעשטערערישער השפעה פון די נאַטור־וויסנשאפטן, ווי, למשל, דונש בן־תמים (900־960) און ר׳ יצחק אלבליא (1035־1098), וואָס זיין שטודיום איז געווען איינגעטיילט „צווישן אַסטראָלאָגיע, מאַטעמאַטיק, פילאָסאָפיע און תלמוד״ (גרעץ). דאָס האָט, לויט אונדזער מיינונג, זיך גענומען פון דעם, וואָס אין יענער צייט זיינען ליטעראַריש־פילאָלאָגישע פראַגן ביי יידן געשטאַנען אויפן ערשטן פּלאַן און האָבן מיט זיך פאַרשטעלט די פּראָבלעמען פון נאַטור־וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע. חוץ דעם, דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז דער שלום צווישן רעליגיע און פילאָסאָפיע, וואָס רב סעדיה גאון האָט געמאַכט, און די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער שלום־ריכטונג אינעם נעאָ־פּלאַטאָניזם האָבן געגעבן די מעג־

לעכקייט דעם רבניסטישן געדאַנק לפּי־ערך לאַנג אויסצוהאַלטן דעם אָנפּראַל פון אַריסטאָטעלישע אידייען.

אָבער שוין צום סוף עלפטן יאָרהונדערט, באַזונדערס צו דער צייט, ווען די נאַטור־וויסנשאַפטן האָבן נאָך די איבערגעלעבטע רדיפות מצד אַל־מאַנזאָרן זיך פּרעכטיק צעבליט89), זעען מיר, ווי דאָס בילד פון פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון דער יידישער טראַדיציע מיט דער נאַטור־וויסנשאַפט הייבט זיך אָן צו בייטן. די זעלביקע אַלאַרמירנדיקע סימפּטאָמען, וואָס מיר האָבן זיך מיט זיי באַקאַנט, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן דעם צעפאַל פון דעם פאַר־סעדיהנישן נאַאיוון וועלט־באַנעם, האָבן געגומען באַווייזן זיך אויך איצט, ווי אַ סימן, אַז עס איז נאָענט דער באַנקראָט און דער צעפאַל פונעם יידישן נעאָ־פּלאַטאָניזם. די ראָליע פון חיווי הבלכי האָט אַביסל פּריצייטיק איצט געשפּילט דער מדקדק און דאָקטאָר פון טאָלעדאָ, אבן יהושע יצחקי, הגם ווייט ניט מיט אַזאַ טאַלאַנט און ווירקונג, ווי זיין פּראָטאָטיפּ אין דער מזרח־אַראַבישער וועלט. פון מיטן ביז נאָכן סוף צוועלפטן יאָרהונדערט באַגעגענען מיר זיך שוין אין דער רעליגיעז־פילאָסאָפישער ליטעראַטור מיט טענות אַנטקעגן דער פאַרשפּרייטונג פון סקעפּטיציזם און אינדיפערענטיזם.

עס באַווייזן זיך געבילדעטע רענעגאַטן מיט אַ גרויסער פילאָסאָפישער און נאַטור־וויסנשאַפטלעכער ערודיציע, וואָס וואַרפן אַוועק יידישקייט, בכדי אַריבערצוגיין צום קריסטנטום אָדער צום איסלאַם. יאָהאַן אַוועדעאָט פון טאָלעדאָ, וואָס האָט געהאָלפן דאָמיניק הונדיסאַלווין איבערזעצן אויף לאַטיין דעם „מקור חיים” פון אבן־גבירול, האָט אָנגענומען דעם קריסטנטום, אבּול בערעקאַן כיבעטאַלאַ, דער „יחיד בדורו”, ווי מ'האָט אים אָנגערופן פאַר זיינע באַרימטע מעדיצינישע אויפטועז90); שמואל אבן עבאַס, אַ גרינטלעכער קענער פון מאַטעמאַטיק און פילאָסאָפיע, און אַ זון פון באַוואוסטן יידישן דענקער אברהם אבן־עזרא, — דריי גרויסע מענטשן, — גייען אַריבער צום איסלאַם.

די דאָזיקע אַלע צייכנס פון דער צייט מאַכן פול דאָס בילד פון דער סכנה, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער יהדות מצד די אַריסטאָטעלישע נאַטור־וויסנשאַפטן.

מ'דאַרף אָפּגעבן כבוד דעם שאַרפן נביאישן בליק פונעם יידישן רע־ליגיעזן געדאַנק: ער האָט באַצייטנס די דאָזיקע סכנה באַמערקט. נאָך אין סוף פון צענטן און אין אָנהייב עלפטן יאָרהונדערט איז דער באַוואוסטער תלמודישער אויטאָריטעט, רב האי גאון (969־1038), — אַ בן־דור פון וויכ־טיקסטן פאַרשטייער פון אַראַבישן אַריסטאָטעליזם, אבן־סינא, — וואָס איז אָן ספק באַקאַנט געווען מיט דער נייער פילאָסאָפישער שטרעמונג פון אַראַבישן

געדאַנק91), זיך גאַנץ אָפנהאַרציק מודה, אַז ניט אים, ניט זיין פאָטער, דעם באַוואוסטן רב שרירא גאון, האָט זיך ניט איינגעגעבן צו באַזייטיקן דעם אַנטאַגאַניזם, וואָס מוז אומפאַרמיידלעך אויפקומען צווישן אויפריכטיקער גע־טריישאַפט דער טראַדיציע און — דאָס זיינען זיינע אייגענע ווערטער — „דער שטרעבונג אַלץ צו דערקלערן מיט נאַטירלעכע סיבות". עס פאַר־שטייט זיך פון זיך אַליין, אַז אין דער פראַגע, ווער איז בילכער, צי די פילאָסאָפיע אָדער די טראַדיציע, האָט ער אויפן שאַרפסטן און אַנטשיידנסטן אופן זיך אַרויסגעזאָגט לטובת דער לעצטער. ער האָט כסדר געפאָדערט, מען זאָל לחלוטין אָפזונדערן די רעליגיע פון דער פילאָסאָפיע און האָט געוואָרנט פאַר די „נעצן פון דער לאָגיק"92).

און דעם רב האי גאון דאַרף מען גאָרניט צורעכענען צו די אָנהענגער פון אָבסקוראַנטיזם. געוויסע היסטאָריקער פונעם יידישן פאָלק, ווי, למשל, גרעץ, רעכענען אים צו מיט פולן רעכט צו דער צאָל פון יענע תלמודישע אויטאָריטעטן, וואָס מאַכן דער פילאָסאָפיע גרויסע הנחות. די צווייזייטיקע שטע־לונג פון רב האי גאון צו דער פילאָסאָפיע דערקלערט זיך, לויט אונדזער מיינונג, דערמיט, וואָס די רעליגיעזע פילאָסאָפיע פון רב סעדיה גאון האָט אין זיין צייט שוין געלאָזן געגוג טיפע וואָרצלען און איז שוין ביז אַ געוויסער מדרגה געווען „קאַנאָניזירט". קעגן דער דאָזיקער פילאָסאָפיע, וואָס איז סוף־כל־סוף געווען בלויז אַ מער ראַציאָנאַלע טעאָלאָגיע, האָט רב האי גאון גאָרניט געהאַט: פאַר אים האָט זי שוין אויפגעהערט צו זיין פילאָסאָפיע, נאָכדעם ווי זי איז געוואָרן אַ טייל פון דער טראַדיציע. דערפאַר האָט ער מיט נאָך אַ גרעסערן אימפעט אַרויפגעוואָרפן זיך אויף דער פילאָסאָפיע פון זיין צייט, אויפן אַריסטאָטעליזם און אויף די נאַטור־וויסנשאַפטן.

אָט וואָס ער האָט, למשל, געשריבן צו איינעם אַ יידישן דענקער אין אינדיע, וואָס האָט געשטרעבט צו ברענגען אין אַ האַרמאָניע די ידיעות פון די כתבי־הקודש מיט די ידיעות פון די נאַטור־וויסנשאַפטן: „פאַרוואָס פירט איר אַריין אין טעות דאָס פאָלק און פאַרבלענדט די אויגן פון די אָרעמע אין וויסן מיט אייערע ווערטער און פיינע רייד, גענומען פון אַריסטו און פון זיינע חברים?... איר האַלט די דעה פון אונדזער באַשעפער, וואָס איז ממש דאָס וויסן פון דער תורה, פאַר גלייך חשוב מיט די מיינונגען פון דעם נישטיקן, הבלדיקן און ווערעמדיקן תוהו־ובוהו, וואָס האָט קיין שום ממשות ניט"93).

די זעלביקע צווייזייטיקע שטעלונג צו דער פילאָסאָפיע, — אַ פריינט־לעכע צו דער נעאָ־פּלאַטאָניזירנדיקער יהדות און אַ פיינטלעכע צום אַריס־טאָטעליזם, — באַמערקן מיר אין אַ גאַנצן יאָרהונדערט אַרום שוין אין צפון־

שפּאַניע ביי ר׳ יהודה בן־ברזילי. „דער דאָזיקער רב פון באַרצעלאָנע״, — שרייבט גרעץ, — „באַציט זיך שוין מיט אומצוטרוי צו דער פרייער פילאָ־סאָפישער חקירה, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט פאַרמאָגט פילאָסאָפישע בילדונג און האָט אָנגעשריבן אַ פירוש אויפן „ספר יצירה״. ער האָט גע־האַלטן, אַז מ׳טאָר ניט איבערנעמען קיין פילאָסאָפישע הנחות פון יעדן ערשטן בעסטן. ס׳איז נויטווענדיק אָנצוגעטרויען זיך בלויז אַזעלכע דענקער, וואָס האָבן זיך צוגלייך פאַררעקאָמענדירט פאַר פרומע רבניסטן, ווי רב סעדיה גאון, ר׳ שמואל בן חפני, ר׳ דוד אַלמקמץ. „אַניט — פאַלסטו אַריין אין אַ סכנה צו ווערן אַ ניט־גלייביקער״94).

## 4.

הלוי און זיין „כוזרי״. — הלוי און קאַנט. — דער שכל און די נביאישע זעאונג ווי קוואַלן פון דערקענטעניש. — די נביאישע חזיונות און דער עמפּיריזים. — דער שורש פון דעם טעות פון דער העלענישער פילאָסאָפיע און פון אַריסטאָטעלס, לויט הלוי. — די תורה און די נאַטורוויסנשאַפטן. — אברהם אבן עזרא. — דער צעפּאַל פון יידישן נעאָ־פּלאַטאָניזם און די דערשיינונג פון ר׳ אברהם אבן דאָוד.

די צופעליקע התראות פון ברזילי און אפילו די שאַרפע אָנפאַלן פון רב האי גאון האָבן ניט געקאָנט אָפּווענדן די סכנה, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויף דער יהדות מצד אַריסטאָטעלעס און די נאַטור־וויסנשאַפטן. אַן ערנ־סטערע און טיף דורכגעטראַכטע אַטאַקע אויף אַריסטו האָט געקאָנט אונ־טערנעמען נאָר רבי יהודה הלוי, וואָס איז אַליין געווען אַ מעדיקער, און בכן, לויט יענער צייט — אַ נאַטור־פאָרשער. מיט זיין וואַכער נשמה פון אַ דיכ־טער האָט דער דאָזיקער ציון־זינגער געקאָנט תופס זיין דעם טיפן אויפרודער, וואָס האָט געהערשט אין דער נשמה פון בעסטן טייל פון די דעמאָלטיקע יידן.

„ווער פון אונדז״, שרייבט ער אין זיין „כוזרי״, — „פאַרמאָגט אַזאַ גע־דולדיקע נשמה, וואָס זאָל זיך ניט אונטערגעבן דעם כישוף פון די מיינונגען פון די נאַטור־פאָרשער, אַסטראָלאָגן, קמיעות־מאַכערס, בעלי־מופתים, פון די וואָס גלייבן אין דער אייביקייט פון דער וועלט (אַז זי איז ניט באַשאַפן געוואָרן — ח. זש.), פילאָסאָפן, אאַז״וו, — פון די מיינונגען, וואָס האָבן אויף אונדז אַ השפעה? ווער פון אונדז איז דערגאַנגען צום גלויבן, ניט דורכמאַכנדיק קיין חשבונות מיט אַ סך אפיקורסישע מיינונגען (עד שיעבור

על דעות רבות מהאפיקורסים)? פאַראַן בלויז איינציקע מענטשן, וואָס ביי זיי פליסט דער גלויבן דירעקט אַרויס פון דער נאַטור, וואָס זיינען ווייט פון יענע טעותדיקע מיינונגען און וואָס די נשמה זייערע אונטערשיידט תיכף אַ טעותדיקן פונקט"95).

לויט דעם עדות־זאָגן פון הלוי, האָבן צום מיינסט פאַרכאַפּט זיינע בני־דור מיט זייער כישוף די תורות פון די אַריסטאָטעלישע נאַטור־פאָרשער. „מחמת דעם, — שרייבט ער, — וואָס זיי ברענגען ראַיות פאַר זייערע מאַ־טעמאַטישע און לאָגישע הנחות, גלייבן די דאָזיקע נשמות אין אַלץ, וואָס זיי זאָגן וועגן פיזיק און מעטאַפיזיק, און מיינען, אַז אַלץ, וואָס זיי זאָגן, איז אַ באַוויזענער פאַקט"96).

אָט פאַרוואָס הלוי שטעלט זיך פאַר זיין ציל — אונטערצוּוואָרפן אַ טיפן קריטישן אַנאַליז, וואָס רירט אָן די עצם וואָרצלען פון דער פראַגע, גראָד די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע און מעטאַפיזישע הנחות פון די אַראַבישע אַריסטאָטעליקער.

פונקט ווי שפּעטער דער גרויסער עמנואל קאַנט, האָט הלוי שוין אין יענער צייט געלערנט, אַז דער מעטאַפיזישער פּראָבלעם וועגן בריאת־העולם איז אַן אַנטינאָמישער לויט זיין עצם מהות: אַלע ראַיות פאַר און קעגן זיינען גלייך איבערצייגעריש און האַלטן די שאָלן פון דער וואָג אין אַבסאָלוטער גלייכגעוויכט. אָבער אויב קאַנט האָט פון יענעם פאַקט אַרויסגעדרונגען, אַז די דאָזיקע פראַגע קאָן ניט פאַרענטפערט ווערן דורך עמפּירישן וויסן און דורך די מיטלען פון טעאָרעטישן שכל, — רוקט הלוי אַרויס פון רעזערוו פון זיינע „פינטקלעך־ריכטיקע" „פּאַקטישע דערקענטענישן" די ראַיה, וואָס פאַרענטפערט די פראַגע אויפן בעסטן אופן. ער לייגט אויף איינער פון די וואָגשאָלן, וואָס געפינען זיך אין גלייכגעוויכט, די עדות פון די טראַדיציעס, וואָס קאָן ניט ווערן אָפּגעלייקנט, אָנגעהויבן פון אדם הראשונען, וואָס איז דאָך כמעט ווי געווען דערביי, ווי די וועלט איז געשאַפן געוואָרן און האָט זיך געפונען אין דירעקטע פערזענלעכע באַציאונגען מיטן בורא אַליין. די וואָג האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט אַראָפּבייגן זיך אויף דער זייט פון דער באַשאַפנקייט97).

די אַריסטאָטעלישע לערע וועגן דער אונטערלבנהדיקער וועלט, פונקט ווי די גאַנצע סיסטעם פון היפּאָטעזעס און סברות וועגן די „סיבות פון צוויי־טער מדרגה", וועגן די כוחות פון וואַקסן און לעבן, כאַראַקטעריזירט הלוי דורכאויס ריכטיק ווי שאַרפזיניקע אויסטראַכטענישן און פיינע המצאות, און איז מוסיף, אַז „דער וואָס גיט זיך צו זיי איבער, איז בכל אופן — אַן אפיקורס"98).

צום מיינסט אינטערעסאַנט איז ער אין זיין מייסטערהאַפטער קריטיק פון דער לערע וועגן די פיר יסודות; די היפּאָטעזע וועגן דעם, אַז די גאַנצע מאַטעריעלע וועלט באַשטייט אין עצם פון פייער, לופט, וואַסער און ערד, איז לויט הלוי, ניט מער ווי אַ השערה, וואָס קאָן ניט באַשטעטיקט ווערן דורך קיין שום עמפּירישע אָבסערווירונגען און גייט לגמרי להיפוך צו די פאָדערונגען פון פילאָסאָפישן שכל99).

פון דער אַנדערער זייט, באַמיט זיך יהודה הלוי צו דערווייזן, אַז די ייִדישע טראַדיציע איז ניט אין סתירה מיט די ריכטיק פאַרשטאַנענע נאַטור־וויסנשאַפטן און אַז זי איז ניט אויפגעקומען ווי אַ פּועל־יוצא דערפון, וואָס אירע באַשעפער זיינען ניט געווען באַקאַנט מיט די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע דערשיינונגען. קענען די נאַטור־וויסנשאַפטן איז פאַר דער ייִדישער געזעצ־געבונג געווען אַ מוז, און די חכמי־התלמוד האָבן פאַרמאָגט אַזאַ באַגאַזש נאַטור־וויסנשאַפטלעכע ידיעות, וואָס שטייגט אין אַ סך פּרטים אַריבער די ידיעות פון אריסטו, — „די רעשטן פון אָט די ידיעות זייערע ברענגען נאָך עד־היום אַריין אין התפּעלות״100).

הלוי לייקנט בשום אופן ניט, אַז אין דער ייִדישער רעליגיע זיינען פאַראַן אַ סך הנחות, וואָס זיינען לגמרי סותר דעם שכל. פונדעסטוועגן איז ער אי־בערצייגט, אַז דער דאָזיקער פאַקט רעדט בשום אופן ניט קעגן דער אַבסאָ־לוטער ריכטיקייט פון די עצם הנחות. די מעשה איז, וואָס, לויט הלויס מיינונג, איז דער שכל ניט דער איינציקער קוואַל און ניט דער הויפּט־קוואַל פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש. העכער פון אים שטייט די נביאישע זעאונג, וואָס אירע רעזולטאַטן קאָנען ניט געשטעלט ווערן אונטער קיין שום ספק דערפאַר, ווייל זיי זיינען אונדז געגעבן ווי דירעקטע, עמפּירישע דרויסנ־דיקע הרגשות, ווי רעאַלע פאַקטן, און דער מענטשלעכער שכל מוז זיך בייגן פאַר דער רעאַליטעט פון פאַקט. זאָל אפילו דער דאָזיקער פאַקט זיך ניט אַריינפּאַסן אין די ראַמען, וואָס זיינען אויסגעבויט דורך דעם שכל, מוז ער, דער שכל, זיך פאַרט רעכענען מיט די שטרענג־רעווידירטע הגם אויסער־געוויינלעך זעלטענע און אומגעוויינלעכע דערשיינונגען פון דערווירקלעכקייט.

די הנחות פון דער ייִדישער רעליגיע, וואָס זיינען סותר דעם שכל, האָבן זייער, אַזוי צו זאָגן, דערקענטעניש־טעאָרעטישע באַרעכטיקונג אין דער נביאישער וויזיע, וואָס האָט זיי סאַנקציאָנירט.

דער וואָס איז, לאָז זיין, נאָר טיילווייז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע, וועט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ וויכטיקער געדאַנק עס שטעקט אין אָט דער דאָזיקער חקירה הלויס. מ׳קאָן זאָגן, אַז דאָס רוב טיפסטע און אָריגינעלסטע בנינים אין דער פילאָסאָפיע — סיי פון דער אַלטער, סיי

פון דער נייער צייט, סיי פונעם קאָנסערוואַטיוון, סיי פונעם פּראָגרעסיוון לאַגער, — איז געצוואונגען אָנצואווייזן באַשטימטע גרענעצן דעם מענטשלעכן שכל און אַוועקצושטעלן אין איין שורה מיט אים אָדער אפילו העכער פון אים — אַ וואָסער עס איז אַנדער מקור פון דערקענטעניש, וואָס דער שכל דאַרף פאַרשטיין, אַז ער איז נויטוועדיק, און אַז מען מוז זיך מיט אים רע־כענען.

מיר ווילן ניט ברענגען קיין ביישפּילן פון די אַלטע, פון דער סצענע אַראָפּגעגאַנגענע פילאָסאָפישע סיסטעמעס. לאָמיר זיך אַרומקוקן אַרום אונדז. וואָס איז אַזוינס די דיאַלעקטישע מעטאָדע פון דענקען, וואָס עס פּראָפּאַגאַנ־דירן מאַרקס און ענגעלס, אויב ניט די באַגרענעצונג פון די רעכט און פון דער ווירקונגס־ספערע פון מענטשלעכן שכל ? „איינע־און־די־זעלביקע זאַך אין איין־און־דער־זעלביקער צייט — אי זי עקזיסטירט, איז זי עקזיסטירט ניט", — אַזוי קלינגט די גרונט־הנחה פון דער דיאַלעקטיק, וואָס אויף איר איז געבויט דער גאַנצער פילאָסאָפישער בנין פונעם מאַרקסיזם. אומזיסט שטעלט זיך אויף „דער געזונטער שכל הישר" אַנטקעגן דעם דאָזיקן צע־שטערן די עצם יסודות פון לאָגישן געדאַנק. מאַרקס צייכנט אָן זיינע גרענעצן, דערוויזנדיק די באַדינגלעכקייט פון זיינע געזעצן און פאָדערט פון אים, ער זאָל זיך בייגן פאַר די העכערע פאָרמען פון דעם „דיאַלעקטישן" דענקען. פּונקט אַזוי האָפּערדיק און פריי פאַרהאַלטן זיך צו די אַבסטראַקטע בנינים פונעם שכל סיי דער מאָדערנער עמפּיריאָ־קריטיציזם, סיי די מאָדערנע אימאַנענטע פילאָסאָפיע. מיר ווילן דערמאָנען לאָז זיין נאָר די קריטיק, וואָס ערנסט מאַך האָט אָנגעווענדט אַנטקעגן דער גרונט־הנחה פון מענטשלעכן שכל, וואָס איז איינגעגלייבט, אַז פון „גאָרנישט קאָן גאָרנישט אַרויסקומען". מיר ווילן דערמאָנען דעם קריגס־מאַרש פון דעם עמפּיריאָ־קריטיציזם אַנטקעגן דעם קאַוזאַלן דענקען בכלל. לאָמיר אויך דערמאָנען די פילאָסאָפישע גרונט־הנחות פון דעם פּריצייטיק אומגעקומענעם געניאַלן אויטאָר פון דער „אימאַ־נענטער פילאָסאָפיע", פאָן־קאָופּמאַן, וואָס לויט אים „איז די וועלט אַ קאָ־לירטע, אין זיך אַליין זיך דרייענדיקע פלאַכקייט מיט צוויי אויסמעסטונגען" און אין אונדזער „איינשטייניאַנישער" צייט ווערן מיר אַלץ מער און מער געוואוינט איינצוזען, אַז דאָס, וואָס „עס לייגט זיך ניט אויפן שכל", קאָן זיין, ליגט אין דעם יסוד פון דעם גאַנצן וועלט־געשען.

דאָס אַלץ רעדן מיר מיטן מיין צו דערווייזן, אַז רבי יהודה הלוי, וואָס באַגרענעצט די קאָמפּעטענץ פון מענטשלעכן שכל און שטעלט אַרויס אַנט־קעגן אים די קאָמפּעטענץ פון אַן אַנדער מקור פון דערקענטעניש, פאַלט נאָך דערמיט גופא ניט אַראָפּ פון דעם הימל פון פילאָסאָפיע אין זומפּ פון דער

טראַדיציע. און דאָס עמפּירישע שטריכעלע, וואָס ער גיט צו דער נביאישער וויזיע, דורך דעם וואָס ער זעט אין איר קריטעריום ניט אין אויטאָריטעט, נאָר אין דער עמפּיריש־באַגלייבטער ריכטיקייט פון אירע רעזולטאַטן, ברענגט, אָן ספק, הלויס גערדאַנקען־בוי נעענטער צו דעם געדאַנקען־בוי פון דער מאָדערנער פילאָסאָפיע, הגם די רעזולטאַטן פון זיין דענקען זיינען, פאַר־שטייט זיך, אויף אַזוי פיל ווייט פון מאָדערנעם וועלט־באַנעם, אויף וויפל דער צוועלפטער יאָרהונדערט אין אַראַביע שטייט אָפּ פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אין אייראָפּע.

וואָס מער מיר טראַכטן זיך אַריין אין דער טיפער און קלוגער פילאָ־סאָפיע פון דעם מעדיקער הלוי, אַלץ מער פילן מיר, אַז מיר האָבן רעכט צו כאַראַקטעריזירן די גרונט־טענדענץ פון זיין פילאָסאָפישן ווערק אין דעם זין, אַז דער מחבר האָט געפּרואווט געבן אין איר אַ נאַטור־וויסנשאַפטלעכע עמפּירישע באַגרינדונג פון דער יידישער טראַדיציע, און מען דאַרף מודה זיין, אַז, פון שטאַנדפּונקט פון דער נאַטור־וויסנשאַפט פון יענער צייט, דאַרף דער דאָזיקער פּרואוו אָנגערופן ווערן אַן אויסגעצייכנטער.

אין דער דאָזיקער קורצער שילדערונג אונדזערער קאָנען מיר זיך ניט שטעלן די אויפגאַבע צו רעפערירן בפּרטיות הלויס קוק אויף דער נבואה און איר ראָליע אין דעם ענין: מענטשלעכע דערקענטעניש. מיר מוזן זיך אויך אָפּזאָגן פון דער אויפגאַבע צו באַשטימען, וואָסער באַטייט האָט זיין פילאָ־סאָפיע געהאַט פאַר איר צייט, באַזונדערס ווען מען זאָל זי פאַרגלייכן מיט די נוגעדיקע מיינונגען פון די אַריסטאָטעליקער אבן־סינא און פון דעם אַר־טאָדאָקס אַל־גאַזאַלי.

אונדז איז דערווייל וויכטיק צו באַמערקן, אַז נאָכדעם ווי הלוי האָט זיך באַפעסטיקט אויף זיין טעאָרעטישער פּאָזיציע, האָט ער געקאָנט, לא די וואָס פאַרטיידיקן די יידישע טראַדיציע, לא די וואָס אָנפאַלן אויפן אַריסטאָטעליזם, נאָר ער איז אויך געווען ביכולת פאַרשטענדלעך צו מאַכן זיינע לעזער, די בני־דור, פאַרוואָס די פילאָסאָפן פון גריכנלאַנד האָבן, אָן זייער אייגענער שולד, זיך טועה געווען און געמוזט זיך טועה זיין.

די גריכישע פילאָסאָפן האָבן מבטל געווען יענע זאַכן וואָס מען קאָן זיי ניט משיג זיין מיטן שכל, ווייל דאָס באַטראַכטן מיטן שכל וואַרפט אָפּ אַלץ, וואָס דער שכל געפינט ניט דערצו קיין אַנאַלאָגיע אין דער ווירקלעכ־קייט. אָבער די נביאים האָבן באַשטעטיקט די דאָזיקע זאַכן, ווייל זיי האָבן ניט געקאָנט אָפּלייקענען דאָס, וואָס זיי האָבן געזען מיט זייערע „גייסטיקע אויגן"... „אויב די גריכישע פילאָסאָפן, — זאָגט ער אין דעם זעלביקן פּאַ־ראַגראַף, — וואָלטן געזען די נביאים מיט זייערע נבואות און מופתים, וואָלטן

זיי געגלייבט אין זיי און וואָלטן אויף דעם אָדער אויף אַן אַנדער דרך פון שכלדיקן באַטראַכטן געגומען זוכן צו פאַרענטפערן די פראַגע ווי אַזוי קאָן אַ מענטש דערגרייכן צו אַזאַ מדרגה״101). אָט פאַרוואָס מיר דאַרפן ניט באַשולדיקן די גריכישע פילאָסאָפן, אויב מיר זעען, אַז אין אַ סך פראַגן גייען זיי זיך פונאַנדער מיט דער יידישער טראַדיציע; צו זייערע טעאָלאָגישע מיינונגען האָבן זיי דאָך געקאָנט דערגיין נאָר מיט איין וועג — מיטן וועג פון פילאָסאָפישער באַטראַכטונג102).

אָבער באַזונדערס נעמט הלוי אונטער זיין שוץ דעם הויפט־קעגנער זיינעם — אַריסטאָטעלן. „אריסטו״, — זאָגט ער, — „האָט שווער באַמיט זיין שכל און זיין געדאַנק, ווייל ער האָט ניט פאַרמאָגט בקבלה קיין שום ענטפער פון קיינעם, וועמען ער וואָלט געקאָנט גלייבן. ער האָט געטראַכט און געקלערט וועגן דעם אָנהייב און דעם סוף פון דער וועלט, און דעם דענקן זיינעם איז פונקט אַזוי שווער געווען זיך פאַרצושטעלן דעם אָנהייב, ווי עס איז אים ניט ווייניקער שווער געווען זיך פאַרצושטעלן די קדמות (די אייביקייט) פון דער וועלט; אין זיין אַבסטראַקטן דענקען האָבן גובר געווען די שכלדיקע ראיות לטובת דער קדמות העולם... אָבער אויב דער דאָזיקער פילאָסאָף וואָלט געלעבט צווישן דעם פאָלק, וואָס האָט באַקומען בירושה די דורך אַלעמען אָנדערקענטע טראַדיציעס, וואָס עס איז אוממעגלעך זיי אָפּצולייקענען, וואָלט ער מיט זיינע אַרגומענטן און באַווייזן זיך באַמיט אונטערצוהאַלטן די טעאָריע פון בריאת־העולם מיט אַלע אירע שוועריקייטן, ווי ער האָט אונטערגעהאַלטן די טעאָריע, אַז די וועלט איז אַ קדמון, וואָס זי איז דאָך נאָך שווערער״103).

אַזאַ פאַרטיידיקונג פון אַריסטאָטעלן און פון זיין פילאָסאָפיע האָט צוגעגעבן נאָך מער קראַפט דער פאָלעמישער קריטיק פון אירע גרונט־הנחות. אַ פאַלשע מיינונג ווערט טאָפּלט באַזיגט, ווען מ׳אַנטפּלעקט די אומשטענדן, פון איר אומאָפּהענגיקע, וואָס אַ דאַנק זיי האָט זי אומפאַרמיידלעך געמוזט באַווייזן זיך אויף דער וועלט.

הלוי האָט פאַרווענדט אַ שלל גייסטיקע ענערגיע אויף דער קריטיק פון דעם אַריסטאָטעליזם; איז אַרויסגעטראָטן קעגן אים אַמאָל מיט טיף ריכטיקע באַמערקונגען, וואָס האָבן ניט אָנגעוואָרן זייער פילאָסאָפישן באַטייט אויף עד־היום, אַמאָל מיט ראיות, וואָס פּאַסן נאָר אין מויל פון אַ דענקער פון צוועלפטן יאָרהונדערט, און אַמאָל אפילו מיט איבערגעשפּיצטע סאָפיזמען, וואָס פּאַסן ניט פאַר אַ דענקער, און פונדעסטוועגן מוז מען זיך חידושן, ווי קנאַפּ עס זיינען די פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, וואָס צו זיי קומט ער און וואָס

אין זייער נאָמען פירט ער דעם גערא̈נגל. דער עיקרדיקסטער פון די רע־זולטאַטן קאָן איבערגעגעבן ווערן מיט די ווערטער פון הלוי גופא:

„און דיר וועט גאָרניט נייטיק זיין צו מאַטערן זיך איבער די חקירות, ווי אַזוי ס'האָבן זיך געבילדעט די קערפּערס און ווי ס'האָבן זיך מיט זיי צונויפגעבונדן די נשמות, און דו וועסט ניט נעמען אָפּקערן זיך פון מודה צו זיין אין דער ווירקלעכער עקזיסטענץ פון הימל און פון וואַסער איבערן הימל, און פון די שדים, וואָס ווערן דערמאָנט ביי אונדזערע רבנים, און וועסט ניט אָפּטרעטן פון אַלע סיפּורים, וואָס דערציילן וועגן אונדזערע האָ־פענונגען אויף משיחס צייטן און עולם־הבא”104).

ביי דעם אַלעמען מוז הלוי מודה זיין, אַז די תמימותדיקע געטריישאַפט דער טראַדיציע, וואָס ער לערנט און וואָס ער וואָלט געוואָלט, זי זאָל גע־וועלטיקן אין יידישן לעבן, איז אָן אויסערגעוויינלעך־זעלטענע זאַך צווישן די דענקענדיקע יידן פון יענער צייט און האָט וויניק שאַנסן איינצושטילן דעם אומרואיקן פאָרשנדיקן געדאַנק. דעריבער מיינט ער, אַז יעדערער, וואָס וואָלט זיך אָפּגעקערט פון דער דאָזיקער העכערער מדרגה און וואָלט זיך געבויגן צו דער חקירה, וואָלט גלייכער געטאָן, ווען ער וואָלט פון איר אַרויסגעצויגן אַלע מסקנות פון דער חכמה, איידער ווען ער וואָלט זיי אי־בערגעלאָזן אין רשות פון שעדלעכע השערות און ספקות, וואָס פירן צום אומקום105). מיט אַנדערע ווערטער: אויב שוין יאָ פילאָסאָפירן, איז בלויז מיטן איינציקן צוועק — שלום צו מאַכן צווישן די באַוויזן פון די נאַטור־וויסנשאַפטן מיט די לערנונגען פון דער תורה. דאָס דאָזיקע שלום־מאַכן אָבער האָט, לויט הלויס מיינונג, קיין שום באַזונדערע טעאָרעטישע שוועריקייטן ניט, אויב מ'זאָל נאָר פון סאַמע אָנהייב אָן ניט איבערגעבן זיך אין דער מאַכט פון צו־מעטאַפיזישע, צופיל פאַרפּלאָנטערטע פילפולים. „ווייל די נאַטור”, — זאָגט ער, — „דערציילט נאָר וועגן דעם נאַטירלעכן גאַנג פון די זאַכן, אָבער די תורה דערציילט וועגן דער אָפּשאַפונג פון דעם דאָזיקן נאַטירלעכן גאַנג פון די זאַכן, און דאָס שלום־מאַכן צווישן זיי באַשטייט דערין, וואָס די אָפּענדערונגען פון די נאַטירלעכע דערשיינונגען ליגן אויך אין דער טבע פון די זאַכן, ווייל זיי זיינען פון פאַראויס באַשלאָסן געוואָרן לפי דעם רצון פון דעם אייביקן, זיי זיינען אַריינגעלייגט אין דעם עצם דערשיינונגען און דער הסכם אויף זיי איז געגעבן געוואָרן אין דער צייט פון די ששת ימי בראשית”106).

דאָס איז אין אַלגעמיינע שטריכן די פילאָסאָפיע פון רבי יהודה הלוי. זי האָט ער אַנטקעגנגעשטעלט קעגן די נאַטור־וויסנשאַפטן, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אונטער דער פאָן פון אַריסטאָטעלעס; מיט דער דאָזיקער פי־

לאָסאָפיע איז ער אויסן געווען צו ברענגען אַ טרייסט דעם פאָלק, „וואָס
געפינט זיך אין דער לאַגע פון אַ חולה, וואָס אַלע דאָקטוירים האָבן אים
אָפּגעזאָגט און וואָס וואַרט אויף אַ ישועה פון אַ נס און אויף דעם עס זאָל
געענדערט ווערן דער נאַטירלעכער גאַנג פון דער וועלט״.

ניט געקוקט אויף דער גאַנצער אָריגינאַליטעט, און ערטערווייז טיפקייט,
פון הלויס פילאָסאָפישע אידייען, זיינען זיי געווען צו־אינדיווידועל, זיי זאָלן
האָבן געקאָנט משפיע זיין אויף די ברייטע שיכטן דענקענדיקע יידן, וואָס
האָבן זיך געשטיקט אונטערן פּרעס פונעם רבניזם. דער וועלט־באַנעם פון
הלוי איז געבאָרן געוואָרן אין אַ מענטשן מיט אַן אויסשליסעך־הויכן גייסט
— אין אַ מענטשן, וואָס האָט געפונען אין זיך דעם מוט לגמרי איבערצורייסן
מיט דער גאַנצער פילאָסאָפישער אַטמאָספערע, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט,
אָוועקצוואַרפן דעם ראַנג פון אַ מעדיקער, אַ נאַטור־פאָרשער („זאָלן אים
אויסקלייבן די שוטים״, — זאָגט ער אין איינעם פון זיינע שירים), צו פאַר־
לאָזן זיין געבוירן־לאַנד און אַוועקפאָרן אין הייליקן לאַנד, כדי דאָרטן אַריינ־
צוטאָן זיך אין רעליגיעזער הסתכלות, אָדער זעצן זיך וואַרטן אויף משיחן.

זיינע בני־דור זיינען ניט געווען ביכולת אים נאָכצוגייען. דערפאַר איז
נאָך ברענענדיקער געוואָרן פאַר זיי די פראַגע וועגן דער שייכות פון דער
יהדות צו די אַריסטאָטעלישע נאַטור־וויסנשאַפטן, די פראַגע, וואָס הלוי האָט
געפּרוווט פאַרענטפערן אויף אַזאַ אומגעוויינלעכן דרך. רבי יהודה הלויס
בני־דור האָבן געמוזט פילן, אַז ער האָט איבערגעשאַצט די קראַפט פון די־
רעקטן רעליגיעז־נאַציאָנאַלן געפיל און צו־ווייניק אָפּגעשאַצט די קראַפט און
די טענדענצן פון דער אַריסטאָטעלישער נאַטור־וויסנשאַפט.

נאָך רבי יהודה הלוי איז געקומען ווידער אַ דענקער פון דער סעדיה־
ניש־נעאָ־פּלאַטאָנישער ריכטונג. דאָס איז געווען זיין פריינט אברהם אבן־
עזרא, וואָס מיט אים פלעגט ער אָפט שמועסן וועגן פילאָסאָפישע פראַגן.
אבן־עזרא האָט פאַרקערפּערט דעם גייסט פון צעפאַל פון די אַלטע צייטן,
דעם גייסט פון אומזיכערקייט, סקעפּטיציזם און שטענדיקער קווענקלעניש
אין געדאַנק. אבן־עזרא פלעגט אַרומשפרינגען אַהין און צוריק צווישן דעם
בלינדן גלויבן אין דער טראַדיציע און דער שאַרפסטער קריטיק פון דער
רעליגיעזער אויטאָריטעט, וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ אפילו פאַר דער היילי־
קייט פון דער תורה: אַ מין אומרו, וואָס האָט זיך שטענדיק געוויגט צווישן
אַ יהודה הלוי און אַ חיווי הבלכי. און אַזוי איז אויך געווען דער גייסטיקער
צושטאַנד פון גרעסטן טייל דענקענדיקע יידן אין יענער צייט.

די באַקאַנטשאַפט מיט דער צעשטערערישער השפּעה פון דער אַראַבישער
פילאָסאָפיע; די וואַקסנדיקע ספקות אין די נבואות, וואָס האָבן מבטיח געווען

דעם יידישן פאָלק אַ ליכטיקע צוקונפט אין לאַנד פון זיינע אבות, און אויך אין ניסים און אין משיחן, וואָס מיט זייער הילף האָבן די דאָזיקע נבואות געדאַרפט פאַרווירקלעכט ווערן; דער דרוק פון דער תלמודיש־רבניסטישער געזעצגעבונג, וואָס האָט געמוזט פאַרשטאַרקט ווערן מיט יעדן נייעם דור, כדי זי זאָל ניט אָנווערן איר כאַראַקטער פון אַ באַזונדער אַטמאָספערע, וואָס איזאָלירט דאָס יידישע פאָלק פון אַלע אַרומרינגלענדיקע פעלקער און פאַר־היט פון אַסימילירן זיך מיט זיי; חוץ דעם די רדיפות, וואָס זיינען דעמאָלט געווען נאָך זעלטן, אָבער דאָך פלעגן זיי פון צייט צו צייט אויסברעכן אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרטן; — אָט די אַלע פאַקטאָרן, אינאיינעם גענומען, האָבן גע־מוזט צעטרייסלען די סעדיהניש־נעאָ־פּלאַטאָנישע פילאָסאָפיע, וואָס אין איר האָט דער יידישער געדאַנק געהאַט געפונען אַ פולקומע באַרואיקונג.

ס'האָבן זיך ווידער באַוויזן סקעפּטיציזם, יאוש און אַנטלויפעניש פון יידישקייט. און דאָס מאָל איז דער יורנדיקער הויפט־עלעמענט געווען די אַריסטאָטעלישע נאַטור־וויסנשאַפט, וואָס קעגן איר האָבן אומזיסט געקעמפט הן די תלמודישע אויטאָריטעטן, ווי למשל, רב האי גאון, הן דער ליטע־ראַרישער אויטאָריטעט פון אַ רבי יהודה הלוי. דער העראָאישער סטאָאי־ציזם פון הלויס וועלט־באַנעם האָט ווייניקער פאַר אַלץ געקאָנט האָבן אָנ־הענגער אין יענער צייט, ווען עס האָבן גענומען אויפבליען דאָס שטאָטישע לעבן און די שטאָטישע ציוויליזאַציע מיט אירע פאַרשיידנאַרטיקע גייסטיקע און קערפּערלעכע תענוגים, וואָס פון שטאַנדפּונקט פון דער רעכט־גלייביקער יידישקייט זיינען זיי געווען אַ זינד.

פאַרן יידישן געדאַנק איז, פונקט ווי אין די צייטן פון רב סעדיה גאון, ווידער אָוועקגעשטעלט געוואָרן די דילעמע:

אָדער זאָרגן וועגן איינהיטן די נאַציע און דעמאָלט מיט אַ כיוון אָוועק־שטעלן זיך אַנטקעגן דעם פּראָגרעסיוון באַוואוסטזיין פון דער צייט און איבער געוואָלד זיך אָפּקערן פון די אמתן, וואָס ווערן דיקטירט דורכן שכל און דורכן אָביעקטיוון שטודיום פון דער נאַטור;

אָדער פאַרקערט, אָנדערקענען די גייסטיקע אויבערמאַכט פון אַריסטאָ־טעלעס, אָנשרייבן אויף דער אייגענער פאָן פרייהייט פון געדאַנק, פון פאָר־שונג און פון קריטיק — און דעמאָלט סאַנקציאָנירן דעם צוזויפבראָך פון אַלע זיילן פון דער תלמודישער און רבניסטישער געזעצגעבונג, וואָס זיינען אַזוי נייטיק פאַרן קיום פון יידישן פאָלק אין גלות.

און פונקט ווי אין די צייטן פון רב סעדיה גאון, האָט דער נאַציאָנאַלער געדאַנק אויך איצט געמוזט מאַכן אַ פּרואוו — ניט צו פאַרטיליקן די פיינט־לעכע מאַכט, נייערט זי מאַכן אומשעדלעך; נאָך מער: מאַכן זי פאַר אַ

פאַרבינדעטער אין דעם קאַמף פון יידישן פאָלק פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום. אָט דאָס האָט געשטויסן די יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע אויפן וועג פון אַריסטאָטעלישן דענקען.

דער כבוד פון דער ערשטער, הגם אויך ניט באַזונדערס געראָטענער התחלה — אויסצופירן די דאָזיקע אויפגאַבע, וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון דער צייט — געהערט ר׳ אברהם אבן־דאוד (דער „ראב״ד הראשון״) פון טאָלעדאָ, פון דער זעלביקער טאָלעדאָ, וואו ס׳האָבן געלעבט און געווירקט ר׳ יהודה הלוי און ר׳ אברהם אבן־עזרא.

אבן־דאוד — דער נאָענטסטער אידייאישער פאָרגייער פון רמב״ם — שטייט שוין באַוואוסטזיניק אויף דער שוועל פון דער ריכטונג, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיטן רמב״מס נאָמען. ער איז שוין ניט מסופק אין דער אמת־דיקייט פון דער פילאָסאָפיע, און די פילאָסאָפיע פאַלט פאַר אים אינגאַנצן צונויף מיטן אַריסטאָטעליזם. באַוואוסטזיניק שטעלט ער זיך אַ שווערע אויפ־גאַבע — מאַכן דעם דאָזיקן אַריסטאָטעליזם פאַר דעם יסוד פון דעם יידישן רעליגיעז־פילאָסאָפישן געדאַנק און אויף דעם דאָזיקן יסוד אויפצובויען אַ משונה־פאַנטאַסטישן בנין פון „דערהויבענעם גלויבן״ („אמונה רמה״), ווי ער האָט אָנגערופן זיין פילאָסאָפיש ווערק. דעם ראב״דס ווערק איז געווען נאָר דער ערשטער גראַנדיעזער גייסטיקער פּרואוו. מיט גלאַנץ איז די אויפגאַבע דורכגעפירט געוואָרן פון דעם רמב״ם און דעם רלב״ג.

אָט אַזוי איז אויפגעקומען דער אַריסטאָטעלישער פעריאָד אין דער יידי־שער רעליגיעזער פילאָסאָפיע. אָט דער פעריאָד, אָנגעהויבן מיט אבן־דאוד און פּרינציפּיעל פאַרענדיקט מיט דער „אַלעגאָריסטן־שולע״, געהערט שוין ניט אין די גרענעצן פון אונדזער איצטיקער אַרבעט. דאָ ווילן מיר נאָר אָנמערקן דעם גורל פון דעם גאַנצן פּרואוו — צו בויען דעם יידיש־רעליגיעזן געדאַנק אויף דעם יסוד פון דער אַריסטאָטעלישער פילאָסאָפיע. דער דאָזיקער פּרואוו האָט זיך געענדיקט טרויעריק. מ׳האָט ניט געקאָנט אומבאַשטראָפט געבן דעם שכל אַ פינגער: דער שכל האָט אַריינגעצויגן די גאַנצע האַנט. מיט גרויסע גייסטיקע אָנשטרענגונגען האָט דערנאָך דער יידישער געדאַנק זיך גענומען רייסן פון דעם דאָזיקן, פאַר אים געפערלעכן שטראָם פון אַריסטאָטעליזם, — געפערלעכן אפילו דעמאָלט, ווען אין אים איז דורך די באַמיאונגען פון די יידישע אַריסטאָטעליקער אָפּגעטעמפּט גע־וואָרן זיין פּראָגרעסיווער שפּיץ, וואָס שטויסט פאָראויס דעם פרייען געדאַנק — די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע דענק־מעטאָדע. אין דעם יידישן געדאַנק האָט דער אַריסטאָטעליזם ווי אַ סיסטעם אינגאַנצן אויסגעשפּילט. אַ מער בלייבנדיקע און טיפערע ווירקונג האָט דעם רמב״מס פילאָסאָפיע געהאַט אין דער ניט־

יידישער וועלט. ער איז געוואָרן דער יסוד פון דער קריסטלעכער סכאָלאַס־טיק. אָנשטאָט דעם אַריסטאָקראַטיזם האָט ביי יידן פאַרנומען אַ הערשנדיקע לאַגע — די קבלה, וואָס האָט זיך מער געפּאַסט פאַר אַ מצב פון אַ „חולה", וואָס דאַרשט נאָך איבערנאַטירלעכע ניסים, איידער דער אַריסטאָטעליזם, וואָס איז אויסגערעכנט אויף געזונטע מענטשן, וואָס לעבן אַ געזונט, ערדיש לעבן אין הסכם און אין איינקייט מיט דער נאַטור.

דער אַריסטאָטעלישער פּעריאָד פון דער יידישער רעליגיעזער פילאָסאָ־פיע האָט, פּונקט ווי די ווייטערדיקע פּעריאָדן פון יידישן גייסטיקן לעבן, באַוויזן, אַז דער קאַמף פאַר דעם פאָלקס עקזיסטענץ טאָר ניט זיין פאַרבונדן מיט וועלכע עס איז רעליגיעזע אָדער פילאָסאָפישע מיינונגען, וואָס בייטן זיך מיט דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור. אַלע אַזעלכע אָבליגאַטאָרישע דאָגמעס מוזן, ניט אַנדערש, בינדן דעם יחיד הענט און פיס און רופן אַרויס אַ קאָנ־פליקט צווישן די אינטערעסן פון זיין פרייער אַנטוויקלונג און די אינטערעסן פון דעם „קיום הלאום". אַזאַ קאָנפליקט צווישן „יחיד" און „נאַציע" האָט זיך באַזונדערס שאַרף אָפּגעשפּילט אין דער „אַלעגאַריסטן־שולע". גובר געווען האָט דעמאָלט די „נאַציע" אויף דעם חשבון פון דעם יידישן פרייען געדאַנק.

# דער לעבנס־בליק פון דער יידישער רעליגיע

.1

ס׳איז מיר שוין אַ פּאָר מאָל אויסגעקומען צו רעדן וועגן דעם זייער כאַראַקטעריסטישן שטריך אין דעם גייסטיקן לעבן פון אונדזער צייט, וואָס דריקט זיך אויס אין דעם פאַרשאַרפטן אינטערעס צו די „נשמה״־פּראָבלעמען בכלל און צו די פּראָבלעמען פון דעם רעליגיעזן גלויבן בפרט. געוועזענע פריידענקער, אַטעאיסטן און מאַטעריאַליסטן, — צווישן זיי אויך אַ גרויסער און חשובער טייל פון דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענציע און דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־יוגנט, — פאַרטראַכטן זיך ווידער וועגן די אייביקע שאלות פון דעם מענטשלעכן שכל און די אייביקע בעקנשאַפטן פון דעם מענטשנס האַרצן: וועגן גאָט, וועגן דעם געטלעכן פּיר אין דער וועלט, וועגן די פאָדערונגען, וואָס אַ וועלט־גאָט וואָלט באַדאַרפט שטעלן דעם מענטשן, — אויב ס׳איז דאָ אַ גאָט און אויב ער פאַרלאַנגט, אַז אַ מענטש זאָל דורכפירן אין לעבן זיין, דעם אויבערשטנס, געטלעכן ווילן.

עס וואָלט אונדז אַוועקגעפירט צו ווייט, ווען מיר וואָלטן געוואָלט אויפדעקן אַלע יענע אורזאַכן, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט אָט דעם אומדערוואַרט שאַרפן קער אין אונדזער איצטיקן גייסטיקן לעבן. דאָ זאָל נאָר אָנגעוויזן ווערן אויף דער ראַליע, וואָס האָבן דערביי געשפּילט דער וועלט־קריג, די רעוואָלוציעס נאָך אים, און די פונדאַמענטאַלע איבערקערענישן אין די מאָדערנע נאַטור־וויסנשאַפטן, — דער עיקר אין יענע, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער „סאַמע״ מאַטעריע. ביי די מאָדערנע פאָרשער אין מעכאַניקע און פיזיקע איז, — אַ דאַנק, דער עיקר, איינשטיינען און פּאַן־פּלאַנקען, — די גאַנצע וועלט־מאַטעריע ווי פאַרשוואונדן געוואָרן פון אונטער די הענט און דער פאָרשנדיקער מענטשלעכער גייסט איז פּלוצלונג אַוועקגעשטעלט געוואָרן פּנים־אל־פּנים מיט דעם פּראָבלעם פון ניט־מאַטעריעלע, ניט־מעכאַנישע פּראָצעסן און פאַרקומענישן, פון וועלכע עס קוואַלן אַרויס אַלע דערשיינונגען פון דער מאַטעריעלער וועלט.

ס׳איז אויך ניט אונדזער איצטיקער ציל, צו באַשרייבן און דערקלערן, ווי אַזוי דער וועלט־קריג, די רעוואָלוציעס און דער נייער גייסט אין די נאַטור־וויסנשאַפטן האָבן געפירט דערצו, אַז דער מאָדערנער געדאַנק זאָל זיך ווידער ערנסט אַ נעם טאָן פאַר דער רעליגיע און איבערקוקן זיינע חשבונות מיט איר. איצטער איז פאַר אונדז גענוג צו וויסן, אַז אָט די „רעוויזיע״ איז איינע פון די ערנסטסטע, וואָס דער מענטשלעכער געדאַנק האָט ווען עס איז דורכגעלעבט. ס׳איז אַן אָפּרעכענונג מיט רעליגיע בכלל און אַ פּרואוו אָוועקצושטעלן דעם רעליגיעזן גלויבן אויף גאַנץ נייע יסודות; און ס׳איז אַ שאַרפע אָפּרעכענונג מיט די עקזיסטירנדיקע אמונות בפרט און אַ פּרואוו אַריבערצוראַטעווען פון זיי אַלץ, וואָס קאָן נאָך האָבן אַ ווערט פאַר אַ מאָדערנעם פרייעדענקענדיקן מענטשן.

פון אָט דעם לעצטן שטאַנדפּונקט איז באַזונדערס אינטערעסאַנט דער פאַקט, וואָס דער אַלט־גערמאַנישער גלויבן, מיט זיין שטאַרקן מיליטערישן און אַריסטאָקראַטישן גייסט, האָט צוגעצויגן צו זיך די נשמות פון די דייטשע שאָוויניסטישע ראַסיסטן, אַ לאַ לודענדאָרף, בעת די פּראָגרעסיווערע אינטעליגענציע און די סאָציאַליסטישע בראש האָט אַ ציִ געטאָן צו יענע וועלט־רעליגיעס, וואָס אין זיי טרעטן בולט אַרויס די שטריכן פון גייסטיקייט, פּאַסיפיזם, אוניווערסאַליזם און אַלגעמיינע מענטשנליבע: די רעליגיעס פונעם קריסטנטום און פונעם בודיזם.

נו — און אונדזער יידישער רעליגיעזער גלויבן? איז אויך ער ווי עס איז אויפגענומען געוואָרן אויף דעם פאַרשער־טיש? שענקט מען אויך אים אַ וועלכן עס איז אויפמערק? וויל מען אויך מיט אים דערפירן אַ גרינטלעכן חשבון?

ליידער מוז מען זאָגן, אַז אונדזער יידנטום שפּילט כמעט גאָר קיין ראָליע ניט, — אָדער זייער און זייער אַ קנאַפּע, — אין דעם איצטיקן גייסטיקן אויפרודער. און דאָס איז אַ גרויסער שאָד. אַ שאָד ניט נאָר פאַר דעם יידנטום, וואָס וועט דאָך ווידעראַמאָל מוזן צונויפגעשטימט ווערן מיט די פאָדערונגען פון דעם פרייען דענקען און פאָרשן, ווי דאָס האָט שוין אַמאָל פּאַסירט אין די צייטן פון אַ סעדיה גאון און אַ רמב״ם אין זייער צייט און אַן אברהם גייגער אין זיין צייט. ס׳איז אַ שאָד אויך פאַר דער איצטיקער רעליגיעזער אומרו, ווייל אין דעם יידישן גלויבן זיינען פאַראַן אַ סך און אַ סך ענינים, וואָס פאַרדינען, אַ מאָדערנער מענטש זאָל זיך ערנסט פאַרטראַכטן וועגן זיי.

פאַרוואָס די איצטיקע רעליגיעזע אומרו ווייזט ניט אַרויס קיין ברעקל ערנסטן אינטערעס צו דער יידישער אמונה, איז, אייגנטלעך, ניט שווער צו דערקלערן.

ראשית, זיינען די אַלגעמיין־מענטשלעכע, אוניווערסאַליסטישע און מאָראַלישע עלעמענטן פון דעם יידנטום — אין זיין איצטיקן מעמד — אַרומגעוואַקסן מיט אַזאַ האַרטער און דיקער שאָלעכץ פון שולחן־ערוכדיקייט, אַז אפילו אַ גלייביקער ייד קאָן ניט אַזוי גרינג זיך דורכעגבערן ביז צו זיי. ווער רעדט שוין פון אַ ניט־יידישן פאָרשער! פאַר דעם ניט־יידן ווייזט דער יידישער גלויבן אויס, ווי אַן ענגער, שאָוויניסטישער, סעקטאַנטישער אָבערגלויבן, וואָס איז אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין ניט אינטערעסאַנטע און וועלט־פרעמדע חיצוניות.

והשנית, איז די ניט־יידישע געבילדעטע וועלט פעסט איינגעגלייבט, אַז אַלץ, וואָס דאָס יידנטום האָט געהאַט צו זאָגן דעם מענטשן, ניט נאָר דעם יידן, איז שוין אַריינגענומען און אַריינגעאַרבעט געוואָרן אין דעם קריסטנטום. אַזוי שרייבט, צ"ב, אַלבערט שווייצער אין זיין אַרבעט: „דאָס קריסטנטום און די וועלט־רעליגיאָנען" (בערן, 1924, ז. 21): „מיט דער איזראַעליטישער רעליגיע האָט דאָס קריסטנטום ניט וואָס פונאַנדערצוקלייבן זיך, ווייל די לעבעדיקסטע געדאַנקען אירע האָט עס איבערגענומען און ווייטער אויסגעבויט".

מען דאַרף זיך אויך ניט וואונדערן, וואָס אפילו דאָס אויסגעפוצטע, אייראָפּיאיש־אַרומגעגאָלטע יידנטום פון אונדזערע רעפאָרמער ווערט לגמרי איגנאָרירט אין דעם איצטיקן גייסטיקן אויפרודער, הגם עס וואָלט דאָך געהאָט אַ רעכט צו פאַרלאַנגען, דאָס קריסטנטום זאָל איבערקוקן זיינע חשבונות מיט אים אין דעם טעאָלאָגיש אַזוי וויכטיקן פרט פון „אחדות הבורא", פון „ריינעם מאָנאָטעאיזם".

די מעשה איז, וואָס דאָס רעפאָרמירטע יידנטום האָט גאָרנישט ניט ביי דער נשמה פאַר דעם נשמה־לעבן און וואָס די גרויסע רעליגיעזע קאָנפליקטן פון אַמאָל, מיט זייערע שאַרפזיניקע פילפולים וועגן דעם מהות פון דער גאָטהייט, און, דער עיקר, די פראַגע „דריי צי איינס", — האָבן לגמרי פאַרלוירן זייער פריערדיקן ווערט און באַטייט. דער רעפאָרמירטער „ראַבאַי" מעג זיך טרייסטן! דער „איינהייטס־געדאַנק" ווערט אין דער מאָדערנער רעליגיעזער דיסקוסיע, אמת, פון קיינעם ניט באַשיצט, אָבער אויך פון קיינעם ניט אָפּגעפרעגט.

מען מעג, רעכן איך, אָננעמען, אַז די „וועלט־מיסיע" פון דעם רעפאָרם־יידנטום איז בכלל שוין געוואָרן פאַרפּולט. אין דער פראַגע, „דריי צי איינס",

האָט די „איינס״ איצטער אַ סך מער שאַנסן, איידער די „דריי״. ווער קאָן דען אין אונדזער שווערער צייט זיך אין דער אמתן פאַרגינען דעם לוקסוס פון אַ „דריי־גאָט״, אַז קוים־קוים וואָס מען קאָן טעאָרעטיש אויסהאַלטן אַן „איין־גאָט״? די צרה איז נאָר, וואָס אָט די גאַנצע פראַגע האָט בכלל פאַרלוירן יעדן ערנסטן אינטערעס; איך מיין, אין דער מאָדערנער גאָט־זוכעניש און רעליגיעזער בענקעניש. גאַנץ אַנדערע ענינים פון דעם רעליגיעזן דענקען און פילן ווערן אַרויסגערוקט אין דעם פאָדערגרונט פון דעם אינטערעס, און אין זייער ליכט פאַרשווינדן אינגאַנצן די אַמאָליקע סכסוכים און רעליגיעזע „תהומען״.

קודם טראַכט איצט קיינער ניט וועגן די גרויסע אונטערשיידן אין די „מצוות שבין אדם למקום״, — אָט די אַלע פאַרשיידענע מנהגים, צערעמאָניעס, דינים, הייליקע חפצים און הייליקע טעג, אָט די אַלע חיצוניותן, וואָס אין זיי האָט זיך היסטאָריש איינגעקליידט און באַקומען אַ דרויסנדיקע פאָרם דער טיפער ליגנדיקער רעליגיעזער אידעאַל. פאַר דעם מאָדערנעם רעליגיעזן מענטשן איז קושן אַ מזוזה אָדער קושן אַ צלם, הייליק האַלטן שבת אָדער הייליק האַלטן זונטיק — דער חיצוניותדיקער אויסדרוק פון איין־און־דעם־זעלביקן רעליגיעזן געפיל, וואָס האָט איין־און־דעם־זעלביקן רעליגיעזן ווערט.

אַ סך העכער פון אָט די חיצוניותן שטייען אין אונדזער ווערט־אָפּשאַצונג די דאָגמען, די באַשטימטע „אני־מאמינס״, וואָס שיידן אָפּ איין רעליגיע פון דער אַנדערער. ס'איז געוויס ניט אַלץ איינס, צי איינער איז זיכער, אַז דער משיח (דער „קריסטאָס״) איז שוין געקומען און האָט שוין אויסגעפירט זיין שליחות אין דער וועלט, אָדער מיר דאַרפן נאָך וואַרטן אויף זיין קומען. אָבער אויך אָט דער גרויסער חילוק האָט אַ באַטייט נאָר פאַר יענע, וואָס נעמען אָן, אַז די איבערנאַטירלעכע וועלט מישט זיך דירעקט אַריין אין דעם גאַנג פון די געשיכטלעכע פאַסירונגען. פאַר זיי זיינען דאָס דאָס רוב ריין היסטאָרישע פראַגן, צי געוויסע פאַסירונגען זיינען באמת פאָרגעקומען אין דעם לעבן און וואָס איז געווען זייער פאַרבאָרגענער באַטייט. פאַר דעם מאָדערנעם מענטשן, וואָס שטייט אויף דעם באָדן פון דער וויסנשאַפטלעך־קריטישער היסטאָרישער פאָרשונג, האָבן אַזעלכע סכסוכים שוין לאַנג פאַרלוירן זייער רעליגיעזן ווערט.

אפילו די פילאָסאָפישע עלעמענטן פון אַ רעליגיעזן גלויבן, — די פראַגן וועגן דעם געטלעכן מהות; וועגן דעם, ווי אַזוי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, וועגן דעם גרויסן פּראָבלעם פון דעם פרייען ווילן און דער נויטווענדיקייט וכדומה, — אינטערעסירן איצטער ניט אַזוי שטאַרק דעם עולם,

מחמת דעם פשוטן טעם, וואָס וועגן זיי איז שוין גענוג גערעדט געוואָרן אין דער רעליגיעזער און טעאָלאָגישער ליטעראַטור.

אפילו די מאָראַלישע לערן, וואָס פעלן ניט אין קיין העכער אַנטוויקלטער רעליגיע, האָבן אויפגעהערט צו שפּילן די הויפּט־ראָליע אין דעם ענין פון פאַרגלייכן די פאַרשיידענע רעליגיעס און אָפּשאַצן זייער ווערט: סוף־כל־סוף זיינען די וואָרצלען און הויפּט־פאָדערונגען פון דער מענטשלעכער מאָראַל איין־און־די־זעלביקע ביי דער גאַנצער מענטשהייט. דאָ קאָן מען אויסגעפינען נאָר געוויסע שאַטירונגען, געוויסע אונטערשיידן אין דעם גראַד פון אַ וועל־כער עס איז מאָראַלישער פאָדערונג, אָבער ניט אין דעם עצם מהות אירן.

אַ גאַנץ אַנדער ענין פון דעם רעליגיעזן גלויבן האָט איצטער גענומען ציען צו זיך דעם גרעסטן אויפמערק, און ערשט איצטער הייבט מען אָן ערנסט אויסצופאָרשן אים. דאָס איז דער לעבנס־בליק, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער אָדער יענער אמונה.

לעבנס־בליק הייסט אַן אָפּשאַץ אין געפיל פון די וויכטיקסטע יסודות, וואָס אויף זיי רוט דעם מענטשנס זיין אויף דער וועלט. יעדע רעליגיע האָט אירע פונדאַמענטאַלע ווערט־אָפּשאַצונגען אין געפיל, וואָס בילדן אַ גייסטיקע וועלט פאַר זיך. אָט די וועלט ליגט ניט אַזוי אויבן־אויף, ווי די דאָגמאַטישע, צערעמאָניעלע, טעאָלאָגישע, פילאָסאָפישע און מאָראַלישע עלעמענטן פון דער רעליגיע. זי שוועבט ווי אַ גייסט איבער אָט די פיר־ערליי מינים „וואַ־סערן". אָדער ריכטיקער: זי דרינגט זיי אַלע דורך און גיט זיי אַלעמען אַ באַשטימטן קאָליר און אַ באַשטימטן טעם.

מיט דעם יידנטום אינטערעסירט מען זיך איצטער זייער ווייניק, ווייל גראָד אויף דעם וויכטיקסטן עלעמענט, דעם לעבנס־בליק זיינעם, האָט מען זיך ביז אַהער זייער ווייניק אָפּגעשטעלט. אָבער ערשט ווען מען פאַרגלייכט אים מיט דעם לעבנס־בליק פון דעם קריסטנטום און פון דעם בודיזם, קאָן מען אַרויסברענגען די אמתע אָריגינאַליטעט און דעם אמתן מענטשלעכן ווערט פון דעם יידישן רעליגיעזן גלויבן.

### 2.

מיר האָבן געזען, אַז אין אַ הויך־אַנטוויקלטן רעליגיעזן סיסטעם ווירקט אַ טיפער ליגנדיקער עלעמענט — דער לעבנס־בליק, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם באַשטימטן רעליגיעזן גלויבן. דאָס איז דער סכום פון יענע פונ־דאַמענטאַלע ווערט־אָפּשאַצונגען אין געפיל, וואָס באַשטימען, וועלכע זאַכן

און דערשיינונגען אין דעם לעבן זיינען ווערט, זיי זאָלן עקזיסטירן אייביק, ווייל אין זיי דריקט זיך אויס דער „געטלעכער ווילן״, דער הייליקער רצון פון דעם אַבסאָלוטן „אמת וצדק״, און ממילא וואָס פאַרדינען אויך, זיי זאָלן דערהייבן ווערן צו דער מדרגה פון אַ רעליגיעזער הייליקייט.

מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז אַט די פונדאַמענטאַלע ווערט־אָפּשאַצונגען זיינען אַ שפּעטערדיקער פּראָדוקט, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט פון דעם שכלדיקן, טעאָרעטישן וועלט־באַנעם און פון די קלאָרע מאָראַלישע אידעאַלן. אַ טיפערער אַנאַליז פירט אָבער צו דעם רעזולטאַט, אַז זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַ גייסטיקע וועלט פאַר זיך, אַן אַנגעזאָפּטע אַ סך מער מיט וואָרצל־האַפטע אינסטינקטן, מיט האַלב־אומבאַוואוסטזיניקע בענקשאַפטן און וועלטישן, מיט טונקעלע וועלט־שפּירונגען, איידער מיט קלאָרע געדאַנקען און בר־דעתדיקע תכליתים: אין זיי טרעט קודם־כל אַרויס דער טיפער איינדרוק, וועלכן נאַטור און מענטשלעכער לעבן מאַכן אויף דעם מענטשלעכן געמיט.

די גייסטיקע וועלט פון דעם לעבנס־בליק איז ערגעץ־ניט פאָרמולירט געוואָרן סיסטעמאַטיש. די ענטפערס, וואָס זי גיט אין אירע פונדאַמענטאַלסטע ווערט־אָפּשאַצונגען, זיינען ערגעץ־ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רעליגיעזע באַפעלן, וואָס זאָלן אויסדריקן דעם „געטלעכן״ ווילן. אָבער ס׳איז ניט שווער אַרויסצולייענען פון אַ רעליגיעזן סיסטעם די ענטפערס פון זיין לעבנס־בליק און פאָרמולירן זיי ווי הייליקייטס־געבאָטן פאַר זיינע אָנהענגער.

און די ערשטע פראַגע, אויף וועלכער דער לעבנס־בליק פון אַ רעליגיעזן גיט זיין ענטפער, איז די אייביקע פראַגע פון „זיין אָדער ניט זיין?״ — אַט די פראַגע שטעלט דער מענטשלעכער גייסט ניט נאָר וועגן אַ מענטשלעך לעבן און ניט נאָר וועגן דעם ענין „לעבן״ אין אַלגעמיין, נאָר וועגן דעם זיין פון דער גאַנצער וועלט בכלל.

לויט די יידישע לעגענדעס אין מדרש, האָט דער אויבערשטער כביכול זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל באַשאַפן די וועלט, אָדער ניט, און האָט זיך מיישב געווען וועגן דעם ענין מיט די מלאכים. דאָס באַווייזט, אַז אויך די חכמי המדרש האָבן זיך פאַרטראַכט אויף דער שאלה, וואָס דער אויפגעוועקטער קריטישער שכל, דער מענטשלעכער, מוז אָוועקשטעלן, די גרונט־שאלה פון יעדן טיפערן לעבנס־באַנעם? איז אַט די גאַנצע וועלט, וואָס רינגלט אונדז אַרום, ווערט זי זאָל עקזיסטירן?

ווי באַקאַנט, האָט די דענקענדיקע מענטשהייט אַרויסגעבראַכט אויף אַט דער שאלה פאַרשיידענע ענטפערס, וואָס צוויי פון זיי זיינען דיאַמעטראַל אַנטקעגנגעזעצט איינער צום אַנדערן: דער אָפּטימיסטישער און דער פּעסימיסטישער.

וואָלט דער איבערשטער, אָנשטאָט מיישב צו זיין זיך מיט די מלאכים, געפרעגט אַן עצה ביי די פילאָסאָפן, צי ער זאָל באַשאַפן די וועלט אָדער ניט, וואָלט דער אָנהעענגער פון דעם אָפּטימיזם געענטפערט מיט אַ קלאָרן און שאַרפן „יאָ", בעת דער פּעסימיסטישער דענקער וואָלט אַרויס מיט פּונקט אַזאַ שאַרפן און קלאָרן „ניין".

די שאלה, צי מען זאָל „יאָ"־זאָגן אָדער „ניין"־זאָגן צו דער גאַנצער וועלטלעכער עקזיסטענץ, — אָט דאָס איז דער פונדאַמענטאַלסטער פּראָבלעם פון אַ מענטשלעכן לעבנס־בליק.

באַטראַכט מען די וועלט־רעליגיעס אין דעם ליכט פון אָט דעם פּראָבלעם, זעען מיר, אַז זייערע לעבנס־בליקן גייען זיך פונאַנדער אין פאַרשיידענע ריכטונגען.

מיר האָבן אַ וועלט־רעליגיע, וואָס ציילט אירע אָנהענגער אין הונדערטער מיליאָנען, און וואָס איר לעבנס־בליק איז אַ דורך־און־דורך פּעסימיסטישער, אַ דורך־און־דורך „ניין"־זאָגערישער. דאָס איז דער בודיזם.

דער בודיזם לייקנט בכלל, אַז די וועלט, אין וועלכער מיר לעבן, איז אַ רעאַלע וועלט, און אַז זי עקזיסטירט טאַקע באמת. דער בודיזם לערנט, אַז די וועלט איז אַ חלום, אַ דמיון, וואָס האָט ניט קיין ברעקל ממשות. שוין אָט דער ריין פילאָסאָפישער געדאַנק פון דעם בודיזם אַנטפּלעקט פאַר אונדז יענעם פונדאַמענטאַלן ווערט־אָפּשאַץ אין געפיל, וועלכן „די וועלט" רופט אין אים אַרויס. ער לייקנט טעאָרעטיש די רעאַלע עקזיסטענץ פון דער וועלט, ווייל ער שפּירט אין געפיל אַ ווידערווילן צו איר, ווייל זיין נשמה איז „ניין"־זאָגעריש, לעבנס־מיד און לעבנס־איבערדריסיק.

דאָס ווערט אונדז נאָך קלאָרער, ווען מיר ווערן אַביסל נעענטער באַקאַנט מיט דעם בודיסטישן וועלט־באַנעם. די וועלט איז פאַר אים ניט נאָר אַ חלום, נאָר נאָך אַ בייזער חלום דערצו. די איינטיילונג פון דער וועלט אין איינצלנע דערשיינונגען, וואָס עקזיסטירן כלומרשט איינע מחוץ פון דער אַנדערער און פירן אַ קאַמף איינע מיט דער אַנדערער, איז אַ בייזער, שווערער קאָשמאַר, פול מיט אומרו און אומענדלעכע ליידן און פּלאָגן. אין דער אמתן איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי איינצלנע דערשיינונגען, איינע מחוץ פון דער אַנדערער. אפילו די איינצלנע מענטשן זיינען אַ דמיון. „טאַט סוואַם אַסי", „איך בין דו". אַלץ איז איינס אין יענעם אייביקן, רואיקן, ליכטיקן אור־גרונט, אין דער „נירוואַנאַ", וואָס איז די אַבסאָלוטע פאַרניינונג פון יעדן וועלטלעכן זיין.

וואָס איז דער רעליגיעזער אידעאַל, וואָס פליסט אַרויס פון אַזאַ לעבנס־בליק? דאָס איז די הייסע בענקשאַפט נאָך אַ דערלייזונג, נאָך אַ גואל

ומושיע, וואָס זאָל אַלץ און אַלעמען באַפרייען פון זייער וועלטלעכער עקזיס־טענץ, וואָס זאָל דורכפירן דעם ראַדיקאַלסטן „ביטול היש" אין דעם ליכטיקן ניט־זיין פון דער נירוואַנאַ.

ס'איז דאָ אַן אייביקער, רואיקער, „ליכטיקער" „ניט־זיין", אַ ניט־גע־טיילטער אין זיך: אין אים דאַרף צעגאַנגען ווערן דער בייזער חלום פון אַלע וועלטלעכע, אינדיווידועלע ישן, פון דעם גאַנצן וועלטלעכן האַרמידער. אָט דאָס איז דער תוך פון דעם בודיסטישן וועלט־ און לעבנס־באַנעם.

פונקט דעם ראַדיקאַלסטן היפוך פון דעם בודיזם שטעלט מיט זיך פאָר אין דעם פּרט דער לעבנס־בליק פון דעם יידנטום, ווען מיר נעמען דעם יידישן גלויבן אין זיין ריינסטער געשטאַלט, ווי זי איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין די לערן פון די נביאים און אויך אין דער תורה.

גלייך דאָס ערשטע קאַפּיטל אין דעם ערשטן ספר פון דער יידישער תורה לייענט זיך אַזוי, אַקוראַט ווי ער וואָלט געווען אַ באַוואוסטזיניקע, שאַר־פע פּאָלעמיק אַנטקעגן דעם בודיזם.

דער בודיזם איז אַטעאיסטיש, ווי ער איז בכלל קעגן יעדער אינדיווי־דועלער עקזיסטענץ, קעגן יעדן יחיד. די יידישע תורה הייבט גלייך אָן מיט אַ יחיד המיוחד, מיט אַ פּערזענלעכן גאָט. דער בודיזם איז קוויעטיסטיש. זיין אידעאַל איז אומפּאַרענדערלעכע רו. די יידישע תורה הייבט זיך אָן מיט אַ באַשאַפונגס־פּראָצעס. „באַשאַפערישקייט!" — דאָס איז דער ערשטער אויסגעשריי, מיט וועלכן דאָס פּאָרמולירטע יידנטום קומט אויף דער וועלט. פאַר דעם בודיזם איז דער אור־גרונט אַן אייביקע ליכטיקייט, אַ ניט־פונאַנ־דערגעגאַנגענע אין איינצלנע טיילן. איר היפוך איז דער פינצטערער קאָס־מאָר פון אַ וועלטלעכן זיין. פאַר דעם יידנטום איז דער ניט דיפערענצירטער אור־גרונט אַ תהום פון תוהו־ובוהו, אויף וועלכן עס רוט אַן אייביקער חושך (תוהו־ובוהו וחושך על פני תהום). ליכטיקייט אָבער איז דער ערשטער שריט, דער ערשטער פאָרבאַדינג פאַר אַ וועלטלעכער עקזיסטענץ. דער „יהי אור!" פון דער תורה איז איר, דער תורהס, ערשטער פּלאַמענדיקסטער פּראָטעסט אַנטקעגן דעם בודיזם. נאָך אים גייען איינס נאָך איינס די אַנדערע פּראָ־טעסטן. עס ווערן אויסגערעכנט אַלע פאַרשיידענע יסודות, וואָס שטעלן מיט זיך צונויף דאָס וועלטלעכע זיין. און זיי אַלע, פאַרזיכערט די תורה, זיינען ניט קיין דמיונות — ווייל גאָט, דער אַלמעכטיקער גאָט, באַשאַפט זיי, פאַר־פעסטיקט זייער רעאַליטעט אויף אייביק, נאָכדעם ווי ער האָט, לויט דער לעגענדע פון דעם מדרש, אויסגעפּרואווט זיי, איבערמאַכנדיק די וועלט פילע און פילע מאָל (הקב"ה בורא עולמות ומחריבן). ווי אַ לעצטער רעזולטאַט פון זיין ישוב־הדעת קומען זיי אַרויס, די רעאַלע אייביקע יסודות פון אונדזער וועלט:

דער הימל מיט דער זון, לבנה און שטערן. די ערד און די ימען, וואָס לאָזן אויף אַ געטלעכן באַפעל פון זיך אַרויס די פלאַנצן־וועלט און די אַנימאַלישע וועלט. און לסוף — דער מענטש, די העכסטע שטופע פון דעם וועלטלעכן זיין, דאָס אינדיווידועלע פּאַר־פּאָלק, וואָס ווערט דירעקט באַשאַפן פון גאָט, לויט זיין אייגענער געטלעכער געשטאַלט.

אונדזער וועלט איז דעריבער ניט קיין חלום, ניט קיין דמיון. זי באַשטייט פון דיפערענצירטע ווירקלעכקייטן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן דורך אַ באַשאַפּערישן אַקט, ווי אַ יש מאַין.

ניט די רו — פּאַרווירקלעכטע אַקטיוויטעט, — אָט דאָס איז די וועלט.

און אויב פאַר דעם בודיסט איז די וועלט אַ בייזער חלום, איז זי פאַר דעם יידנטום אַ גוטע, גאָט־געבענטשטע ווירקלעכקייט. ביי יעדן באַשאַפע־רישן אַקט זעט גאָט איין, אַז ס׳איז גוט (כי טוב).

ס׳איז דאָ ערגעץ־וואו אין מדרש אַ מיינונג, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אויס רחמנות אויף איר. אין אַן אַנדער אָרט ווערט געזאָגט: אויס ליבע צו איר. אין אָט די רייד טרעט נאָך בולטער אַרויס דער גרונט־שטריך פון דעם יידישן לעבנס־בליק. ער גלייבט, אַז זיין איז גוט; ניט־זיין — שלעכט. ס׳איז פונקט ווי גאָט וואָלט רחמנות געהאַט אויף דער בודיסטישער, ניט־זייענדיקער דמיון־וועלט; רחמנות געהאַט אויף איר ניט־זיין און האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ ממשותדיקן, רעאַלן יש. און ווי־נאָר זי איז געוואָרן אַ יש, איז פאַרשוואונדן די שלעכטקייט, איז זי געוואָרן גוט. ווייל יעדער זיין, ווי ער זאָל ניט זיין, איז שוין גוט. און ווען גאָט באַנייט שטענדיק די וועלט, צוגעבנדיק („בערגסאָניאַניש״) אַלץ נייע און נייע ישן צו איר זיך אַלץ פאַרמערנדיקן אוצר, טוט ער דאָס אויס גוטסקייט, אויס ליבע, ווייל „זיין״ איז אַ מתנה פון זיין ליבן נאָמען („המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית״). און „זיין״, עקזיסטירן, מיינט זיין אויף דער וועלט, אויף אונדזער וועלט. די תורה ווייסט ניט פון אַ יענער וועלט. עס ווילן פון איר ניט וויסן אויך די גרעסערע נביאים אונדזערע, וואָס האָבן אַוועקגעלייגט דעם פונדאַ־מענט פון דעם יידנטום. מער פאַר אַלץ איז זיי געווען פאַרהאַסט די עגיפּטישע רעליגיע און דער טויטן־קולט בכלל, מיט זיינע „זבחי מתים״ און מיט זיין זאָרג פאַר אַ לעבן נאָכן טויט.

3.

זיין, עקזיסטירן אויף דער וועלט איז אַ מתנה פון זיין ליבן נאָמען, אַ געטלעך געשאַנק. אָבער די אמתע גליק און פרייד זייִנען פאַרבונדן ניט מיט דעם זיין בכלל, נאָר מיט דעם לעבעדיקן זיין. קיין רעליגיע אין דער וועלט איז ניט אַזוי פאַרליבט, ניט אַזוי שיכור פאַרליבט אין לעבן, ווי די יידישע.

דאָס איז שוין באַמערקט געוואָרן פון דאָס רוב פאַרשער. אין דעם פּרט פאַרגלייכט מען דאָס יידנטום מיט דעם זוניק־פריידיקן לעבנס־באַנעם, וואָס האָט געהערשט אין דעם גריכיש־רוימישן רעליגיעזן דענקען. אויך די אַנ־טיקע וועלט, וואָס איר פאַרדאַנקען מיר די וויכטיקסטע יסודות פון דער גייסטיקער קולטור, — וויסנשאַפט, קונסט און פילאָסאָפיע, — אויך זי איז געווען פונקט אַזוי דורכגעדרונגען מיט אַ „יאָ“־זאָגערישער שטעלונג צו אַ לעבן אויף דער וועלט, ווי די יידישע רעליגיע.

פונקט אַזוי? מיר דוכט, אַז אין דעם פּרט דאַרף מען דעם יידנטום אָוועקשטעלן נאָך אויף אַ העכערן פלאַן, איידער די גריכיש־רוימישע רע־ליגיעזע וועלט. אַ מענטשלעך לעבן איז, אמת, געשעצט געווען דאָרטן גאָר אויף אַ געהויבענעם שטייגער, אָבער ניט יעדער מענטשלעך לעבן. ווי ביי אַלע הויך־געבילדעטע קריגערישע פעלקער, האָט אויך אין דער אַנטיקע געהערשט דער כלל, אַז ניט יעדעס מענטשלעך לעבן איז ווערט געלעבט צו ווערן. לעבן האָט געדאַרפט זיין אָנגעפילט מיט אַ געוויסן העכערן אינהאַלט, כדי צו פאַרדינען זיין ווערט געלעבט צו ווערן.

פאַר דעם יידיש־רעליגיעזן לעבנס־בליק איז דער ווערט פון אַ מענטש־לעך לעבן ניט קיין רעלאַטיווער, נאָר אַן אַבסאָלוטער. דער העכסטער לעבנס־אינהאַלט — אַ רעליגיעזער לעבן אין ליבע צו גאָט און אין פאָלגן זייִנע געבאָטן — ווערט באַגרינדעט, און אָפּגעשאַצט מיט דער אַבסאָלוטער ווערט־מאָס פון דעם יידנטום: דאָס לעבן. „העידותי בכם“, — „איך ברענג אייך עדות היינט דעם הימל און די ערד. לעבן און טויט האָב איך אויסגעשפּרייט פאַר דיר, די ברכה און די קללה. זאָלסט אויסקלייבן דאָס לעבן (ובחרת בחיים), כדי דו זאָלסט לעבן, דו און דייִנע קינדער, און דו זאָלסט ליב האָבן גאָט דיין גאָט, פאָלגן זיין שטים און באַהעפטן זיך צו אים, וואָרן ער איז דיין לעבן און דייִנע לאַנגע יאָר, אאז״וו“ (דברים, ל׳, 19־20).

ובחרת בחיים! וחי בהם! אריכת ימים! אַ פריידיק גליקלעך לעבן אויף דער וועלט! — אָט דאָס איז דער גרונט־מאָטיוו, די אָפּשאַצונג און פאַר־ענטפערונג פון די געטלעכע געבאָטן. און ווי קאָן דאָס אַנדערש זיין? האָט דאָך גאָט באַשאַפן די וועלט אויס ליבע צו דער וועלט, אַ מענטשלעך לעבן

— אויס ליבע צו דעם מענטשן און צו זיין לעבן. פאַר זיך דאַרף דאָך גאָט גאָרנישט ניט.

מען וואָלט געקאָנט אָנפילן בויגנס נאָך בויגנס מיט פסוקים פון תנ"ך און מימראס פון דער תלמודישער ליטעראַטור, וואָס באַווייזן, אויף וואָס פאַר אַ הויכער מדרגה דער יידיש־רעליגיעזער לעבנס־בליק שטעלט אַוועק דעם ענין פון לעבן בכלל און פון אַ מענטשלעך לעבן בפרט.

אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע ציטאַטן, וואָס ווירקן אויף דעם ערשטן בליק, ווי אַ שמיץ מיט אַ בייטש, וועלן פאַר אונדז זיין גענוג.

דאָס פּעסימיסטישסטע בוך פון אונדזערע הייליקע שריפטן, דער קהלת מיט זיין שאַרפער קריטיק פון דעם מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט, דערגרעכט זיך אויף ביז צו דער משונהדיק קלינגענדיקער מסקנא, אַז „טוב לו לכלב החי מהארי המת", — בעסער אַ לעבעדיקער הונט איידער אַ טויטער לייב... אַ הינטיש לעבן, אַבי לעבן! (מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו אָט דער מימרא, וואָס קלינגט ווי אַ משונהדיקער פּאַטש אין פּנים יעדער מענטש־לעכער חשיבות).

און אין דער גמרא סנהדרין, וואַרפט זיך אונדז אין די אויגן אַ מימרא, וואָס דערהייבט צו דער מדרגה פון כמעט רעליגיעזן געבאָט דעם שאַרפסטן, דעם אַבסאָלוטסטן עגאָאיזם. דאָרטן, דף ל"ז זאָגט די גמרא: „צריך אדם לומר, כל העולם לא נברא אלא בשבילי". „אַ מענטש דאַרף טראַכטן, די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר צוליב מיר אַליין" (אויך צו אָט דער גמרא וועלן מיר זיך נאָך אומקערן).

די צוויי ציטאַטן רעכן איך זיינען גענוג כדי איינצוזען, אַז אויף דעם טיפסטן גרונט פון דעם יידיש־רעליגיעזן לעבנס־בליק, ווערט אַוועקגעלייגט, ווי זיין פונדאַמענט, די אַבסאָלוטע הויכשאַצונג און הייליק־האַלטונג פון לעבן בכלל („צער בעלי חיים") און פון אַ מענטשלעך לעבן בפרט.

איך זאָג מיט אַ כיוון: „ווי זיין פונדאַמענט". דאָס איז ניט דער גאַנצער בנין. אויף דעם דאָזיקן פונדאַמענט ווערט, ווי מיר וועלן זען, אויפגעבויט אַ גאַנץ נאָך אַ גאַנץ, אַ בנין פון אַ גאַנץ אַנדער פּראַכט. עס בעט זיך דאָ צו דערמאָנען, אַז מיט דער אַבסאָלוטער הויכשאַצונג פון לעבן און זיין בכלל זיינען אויך דורכגעזאַפּט יענע צוויי גרויסע יידיש־פילאָסאָפישע סיסטעמען, וואָס זיינען אויסגעבויט געוואָרן מחוץ פון דער אָפיציעלער יידישער רעלי־גיע: די פּאַנטעאיסטישע פילאָסאָפיעס פון ספּינאָזאַ און בערגסאָן.

„זיין איז געטלעך", — אַזוי קאָן מען פאָרמולירן דעם גרונט־טאָן פון ספּינאָזאַס סיסטעם. יעדע זאַך אין דער וועלט איז דורכגעדרונגען, לערנט ער, מיט אַ טריב זיך צו דערהאַלטן, און די דאָזיקע זעלבסט־ליבע, איז אַ ניצוץ

פון יענער ליבע, „מיט וועלכער גאָט ליבט זיך אַליין". גאָט, הייסט עס, איז דער אַבסאָלוטער עגאָאיסט! זעלבסטליבע איז געטלעך! ווי קלינגט דאָס —פרעמד און קאַלט אין אַן עטישן סיסטעם, וואָס איר לעצט וואָרט איז דער „אַמאָר דעאי אינטעלעקטואַליס", „די שכלדיקע ליבע צו גאָט", ווי דאָס העכסטע גוט, צו וועלכער אַ מענטש זאָל שטרעבן!

אָבער שטעלט אַוועק ספּינאָזאָס פּאַנטעאיסטישן סיסטעם, פּאַר וועלכן גאָט און וועלט זיינען איין־און־די־זעלביקע זאַך, אין דעם ליכט פון דעם יידיש־רעליגיעזן לעבנס־בליק, און דער ענין באַקומט זיין ריכטיקן אויסזען. גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אויס ליבע צו איר, לערנט יענער לעבנס־בליק. גאָט ליבט די וועלט. די וועלט איז גאָט, זאָגט ספּינאָזאַ. און ממילא מוז ער שוין זאָגן: „גאָט ליבט זיך אַליין".

פאַר בערגסאָנען איז גאָטס ליבע צו דער וועלט — די ליבע פון דעם קינסטלער צו די פּראָדוקטן פון זיין שאַפן, וועלכע ער ברענגט אַרויס פון זיך אַליין. און גאָט און וועלט, דער קינסטלער און זיין שאַפן, און די פּראָדוקטן פון דעם שאַפן, זיינען אַלע אינאיינעם ניט קיין אַנדער זאַך ווי גאָר דאָס לעבן, וואָס איז דער לעצטער יסוד און דער אינעווייניקסטער תוך פון יעדן זיין. און לויט בערגסאָנס וואונדערלעכן רעיון וועגן דעם ענין „צייט", קומט אויס, אַז יעדע זאַך, וואָס איז איינמאָל אַריינגעטראָטן אין דער וועלט, קאָן שוין פון איר קיינמאָל ניט פאַרשווינדן, ווייל עס איז גאָר ניטאָ אַזאַ מין זאַך, ווי ניט־זיין אָדער פאַרשווינדן. אַלץ, וואָס איז ווען עס איז פאַרגעקומען אין דער וועלט, פאַרבלייבט אין איר אויף אייביק, און יעדער נייער „צייט"־מאָמענט באַרייכערט מיט עקזיסטענץ דעם שוין אַרויסגעבראַכטן אוצר.

יאָ, אייביקער זיין, אייביקער לעבן, — אָט דאָס איז דער תוך פון בערגסאָנס פילאָסאָפיע, און שוין אין אָט דעם אַליין איז זי אַזוי יידיש, אַזוי גאַנץ איינס מיט דעם פונדאַמענטאַלן ווערט־אָפּשאַץ פון דעם יידיש־רעליגיעזן לעבנס־בליק.

אין דעם ליכט פון אָט דעם פונדאַמענטאַלן ווערט־אָפּשאַץ דאַרף מען באַטראַכטן אויך דעם יידישן גלויבן אין תחית המתים, — אַ גלויבן, וואָס שיידט אָפּ דאָס יידנטום (און אויך דאָס ערשטע קריסטנטום, ווי אויך נאָך אייניקע איצטיקע קריסטלעכע סעקטעס) פון אַלע אַנדערע גלויבנס.

תחית המתים, — דער ווידעראויפלעב פון די געשטאָרבענע, — איז געוויס פאַרבונדן מיט דער לערע פון „השארת הנפש", פון אַן אייביקן לעבן נאָכן טויט, וואָס אויך אַנדערע רעליגיעס — און אפילו זייער פּרימיטיווע — האָבן אינאיינעם מיט דעם יידנטום. תחית המתים איז אָבער מער איידער השארת הנפש, מער איידער אַן אייביק נשמה־לעבן אויף יענער וועלט. דאָס

איז דער גלויבן אין אַן אייביקן גופיקן לעבן דאָ, אויף דער וועלט, דאָס איז דער העכסטער נס, וואָס די יידישע רעליגיע דערוואַרט פון דעם ליבעפולן וועלט־באַשאַפער, פון דעם אַלמעכטיקן גאָט, „המחזיר נשמות לפגרים מתים", וואָס קערט ווידער אום די נשמות צו די טויטע פגרים. דאָס איז דער העכסטער אַרויסשטראַל פון דעם יידישן לעבנס־בליק, וואָס שאַצט אָפּ אין זיין גאַנצן אַ לעבן אויף דער וועלט, ווי די העכסטע זאַך אין דער וועלט.

ס'איז מערקווירדיק, וואָס אַזאַ, ווי עס קאָן זיך דוכטן, גראָבער, מגושמדיקער גלויבן האָט געקאָנט אָנצינדן מיט התלהבות אַזאַ מאָדערנעם, פיין פילנדיקן ראַדיקאַלן ניט־יידישן דענקער ווי פרידריך ניעטצשע. ווען ניעטצשע איז אין זיין פילאָסאָפישן חשבון געקומען צו דעם רעזולטאַט, אַז יעדע איינצל־דערשיינונג פון דער וועלט, — יעדע איינצל־פּאַסירונג, יעדער איינצל־מענטש, — איז שוין אומצאָליקע מאָל פריער געווען אין דער וועלט און וועט אומצאָליקע מאָל ווידער קומען אויף דער וועלט, איז ער בפועל ממש אַנגעצונדן געוואָרן מיט אַ פריידיקן ענטוזיאַזם און האָט גענומען זינגען באַגייסטערטע הימנען פאַר דעם „אייביקן ווידערקום".

עס וואָלט זיך זיכער געלוינט פונאַנדערצוקלייבן זיך אין יענע פאַרשיידנקייטן, וואָס הערשן צווישן דעם בערגסאָנישן אייביקן לעבן, דעם ניעטצשעאַנישן „אייביקן ווידערקום", דעם זעלביקן „ווידערקום" ביי די גריכישע פילאָסאָפן העראַקליט און די סטאָאיקער פון איין זייט, און דעם יידישן „תחית המתים"־גלויבן פון דער אַנדערער זייט. דאָס וואָלט אַרויסגעבראַכט אַ היפּש ביסל אינטערעסאַנטע פאַקטן פאַר די פּראָבלעמען פון דער וועלט־אַנשויאונג און פון דעם לעבנס־באַנעם. לײדער מוזן מיר זיך דאָ אָפּזאָגן פון אָט דער אַזוי פיל פאַרשפּרעכנדיקער אויפגאַבע.

פאַר אונדז איז דאָ וויכטיק אַרויסצוברענגען, אַז אָט די אַלע „תחית המתים"־גלויבנס זיינען פּראָדוקטן פון אַ גאָר הויך אַנטוויקלטן געדאַנקענגאַנג; אַז אין זיי אין אַלעמען האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער אָפּטימיסטישער לעבנס־בליק, די „יאָ"־זאָגערישקייט צו „זיין" און „לעבן" אויף דער וועלט.

דער יידישער אָפּטימיזם, דאָס יידישע לעכצן נאָך לעבן מיט זיין העכערשטעלן אַ לעבעדיקן הונט איידער אַ טויטן לייב; מיט דעם עגאָאיזם און דער זעלבסט־ליבע, ווי שיר ניט אַ רעליגיעזער געבאָט (אין דער גמרא), ווי אַ זיכער געטלעכע דערשיינונג ביי ספּינאָזאַן, — מיט דעם להוטן גלוסטן נאָך אַן אייביק לעבן אויף דער וועלט. — דאָס אַלץ זיינען די גרויסע פעלדזנשטיינער פון אַ פונדאַמענט, וואָס אויף אים ווערט אויפגעבויט דער אייגנטלעכער בנין פון דעם יידיש־רעליגיעזן לעבנס־בליק.

## 4.

אײדער מיר גײען װײטער אין דער שילדערונג פֿון דעם ײדיש־רעליגיעזן לעבנס־בליק, מוזן מיר דאָ דערמאָנען, אַז אַ לעבנס־בליק איז ניט קײן „שולחן־ערוך". די געבאָטן, װאָס קאָנען אַרױסגעבראַכט װערן פֿון אים, זײנען ניט קײן דינים אויף װעלכע אַ ײד טאָר ניט עובר זײן. דאָס זײנען „בליקן", געדאַנק־לעכע אױסדרוקן פֿאַר אַ פֿונדאַמענטאַלן לעבנס־אָפּשאַץ אין געפֿיל. פֿאַרשײ־דענע רעליגיעז־פֿילנדיקע ײדן קאָנען האָבן פֿאַרשײדענע בליקן אױף דעם מהות און װערט פֿון לעבן, װאָס שטימען ניט אײן מיט דעם בליק, און די ײדישע רעליגיעזע ליטעראַטור שפּיגלט אָפּ אויך זײ. אָבער „דער" בליק איז דער גרונט־טאָן אין דעם ײדיש־רעליגיעזן שאַפֿן. און ער לײגט אַרויף זײן שאַרפֿן שטעמפּל אויף אַלע אַנדערע עלעמענטן פֿון דעם ײדישן גלױבן, אויך אויף די „מצוות" און „עבירות".

אַ בײשפּיל. אין תלמוד װערט דערצײלט װעגן אַ פֿילאָסאָפֿישער דיסקו־סיע, װאָס איז פֿאַר יאָרן און יאָרן אָנגעגאַנגען צװישן די בית־שמאי און די בית־הלל. די בית־הלל האָבן פֿאַרטײדיקט דעם אָפּטימיסטישן טעזיס, אַז „עס לוינט זיך געבאָרן צו װערן אויף דער װעלט", („נוח לו לאדם שנברא משלא נברא"). די בית־שמאי זײנען געשטאַנען שטאַל און אײזן פֿאַר דעם פּעסי־מיסטישן בליק: „בעסער נישט געבאָרן װערן". לסוף האָט מען אין סנהדרין אױסגעצײלט די שטימען; די מאַיאָריטעט האָט באַשלאָסן, װי די בית־שמאי: ס'לוינט זיך ניט.

דערפֿון זעען מיר, אַז דער לעבנס־בליק געהערט צו די זאַכן „המסורים אל הלב", װאָס זײנען איבערגעענטפֿערט צו דעם האַרצן", װי אײנער שאַצט אָפּ דעם ענין בײ זיך אין געפֿיל און געדאַנק. אָבער די איבערװאָג פֿון דעם אָפּטימיסטישן לעבנס־בליק געפֿיל טרעט בולט אַרויס אין דעם גרונט־טאָן פֿון דעם ײדישן גלױבן, — דער עיקר אין תוך, װאו ער איז פֿריש, אָריגינעל און דאָס רוב רײן ײדיש. ער טרעט אויך בולט אַרויס אין די געבאָטן און פֿאַרבאָטן.

אין דער אמתן. אויב די ײדישע רעליגיע װאָלט געװוען דורכגעדרונגען מיט דעם שמאַיאיטיש־פּעסימיסטישן לעבנס־בליק, װי װאָלט זי זיך געדאַרפֿט שטעלן צו דעם ענין פֿון זעלבסטמאָרד?

אויב ס'איז בעסער ניט געבאָרן צו װערן אויף דער װעלט, איז דאָך אויך ניט אַזוי שלעכט אָװעקצוגײן פֿון איר; מעג מען דאָך האַלטן מיט דעם מדרש, װאָס זאָגט, אַז „טוב זה החיים; טוב מאוד זה המות" („גוט" דאָס איז דאָס לעבן; „זײער גוט", — דאָס איז דער טויט). געװיס טאָר מען דעם

אַנדערנס לעבן ניט אַוועקנעמען מיט געוואַלט. אָבער אַז איינער וויל אַליין, מיט זיין אייגענעם ווילן, מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן, אויסקלייבן די „בעסערע" זאַך, — פאַרוואָס מוז מען אים רייבן אונטערן נאָז דעם „ובחרת בחיים"? פאַרוואָס זאָל די רעליגיע זיין אַנטקעגן זיין באַשלוס?

די אַלטע גריכיש־רוימישע וועלט, אַ דורכגעדרונגענע מיט דעם בליק, אַז ניט יעדער לעבן איז ווערט געלעבט צו ווערן, האָט ניט געזען קיין ברעקל פּסול אין דעם זעלבסטמאָרד. ער איז טאַקע פריי געפּריידיקט געוואָרן פילאָ־סאָפיש און איז אויך פּראַקטיצירט געוואָרן אין לעבן, ניט נאָר ווי אַן אויסלייז פון שרעקלעכע ניט אויסצודערהאַלטנדיקע צרות און יסורים, נאָר אויך ווי אַ שיינער, העלדיש־קלוגער, פרייוויליקער אָפּשלוס פון אַ רייכערן לעבן אין וואוילטאָג און כבוד. נאָר די יידישע רעליגיע (ווי אויך דאָס קריסטנטום) פּראָטעסטירט מיט איר גאַנצער קראַפט אַנטקעגן דעם „מאבד עצמו לדעת" און שטראָפט אים אויף איר אופן.

און וואָס וואָלט געדאַרפט זיין די פאַרהערשנדיקע שטעלונג פון דער יידישער רעליגיע צו דעם ענין פון קריג און פרידן, אויב איר גרונט־טאָן אין געפיל וואָלט געווען דער פון די בית־שמאי? אויב „בעסער ניט געבאָרן ווערן", איז — וואָס קאָן זיין אַ שענערער טויט, איידער אויף דעם שלאַכט־פעלד, איידער דער טויט פון אַ העלדישן לייב אין דעם קאַמף פאַר אַ הייליקער זאַך? רבי אליעזר הגדול, — דער לעצטער פון די בית־שמאי („שמותי היה"), איז טאַקע געווען דורכגעדרונגען מיט אָט דער קריגעריש־באַפּאַרבטער פסיכאָלאָגיע. ער, וואָס איז, ווי די בית־שמאי, כמעט תמיד געווען אַ „מחמיר", אַ „פאַרשאַרפער" פון דעם געזעץ, האָט געהאַלטן, אַז אַ יידישער סאָלדאָט מעג טראָגן זיינע כלי־זין אום שבת, ווייל זיי זיינען פאַר אים אַ צירונג. די חכמים אָבער האָבן דאָס געאסרט. און ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל... עס שטייט געשריבן, אַז לעתיד לבוא וועלן די פעלקער „איבערשמידן זייערע שפּיזן צו שניט־מעסערס" (מיכה). דאָס הייסט: די כלי־זיין ווערן אין דער משנה פאַרמיאוסט אויס דעם יידיש־רעליגיעזן לעבנס־בליק, אויס דעם פּאַ־ציפיסטישן פּראָטעסט אַנטקעגן דער גאַנצער אידעאָלאָגיע פון דעם העלדנ־האַפטן שטאַרבן „ווי אַ לייב".

און דאָ קומען מיר ווידער אַרויף אויף די צוויי שאַרף־כאַראַקטעריס־טישע שטעלן, וואָס מיר האָבן געבראַכט אין דעם פאַריקן קאַפּיטל: דעם שפּרוך פון קהלת, וואָס שעצט אָפּ אַ לעבעדיקן הונט העכער פון אַ טויטן לייב, און דעם מאמר אין דער גמרא, אַז אַ מענטש דאַרף טראַכטן, די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר צוליב אים.

מיר האָבן זיי אָנגערופן : אַ שמיץ מיט אַ בייטש די העכערע מענטש־לעכע אידעאַלן אין פּנים אַריין. דאָס זיינען זיי טאַקע, ווען מען נעמט זיי אות באות און אַרויסגעצויגן, ווי אַ פּאָר איינצל־פעדעם פון דעם גאַנצן יידיש־רעליגיעזן געוועב. מען ווערט געבייגט צו באַטראַכטן זיי, ווי אַ פּאַראַדאָקס, אַ „ראַדיקאַלעכץ", אַן אויסדרוק פון יענער נטיה, וואָס טרעט אַזוי אָפט אַרויס אין דעם יידישן דענקען, צו דערטרייבן אַן ענין ביז צו זיין לאָגיש־מעגלעכער גרענעץ, פאַרגעסנדיק דערביי, אַז די לאָגיש־מעגלעכע גרענעץ ליגט אַ סך, אַ סך ווייטער, איידער דער ווירקלעכער מענטשלעכער לעבן מיט זיינע וואַרצלהאַפטע אינעווייניקסטע אמתן.

אין דעם יידישן לעבנס־בליק זיינען יענע צוויי שפּרוכן קיינמאָל ניט גענומען געוואָרן ערנסט, אות באות. בעסער אַ לעבעדיקער הונט איידער אַ טויטער לייב ; און פונדעסטוועגן ווערט פון דעם יידן געפאָדערט, ער זאָל זיך מוסר נפש זיין, זיך לאָזן הרגענען, ווען ער ווערט געצוואונגען צו עבודה זרה, זנות און רציחה. די מסירת־נפש פאַר „קידוש־השם" ווערט באַטראַכט פאַר דער העכסטער מידה. „מסירת־נפש" און „קידוש־השם" זיינען אָבער אויסנאַמפאַלן. אין דעם געוויינלעכן לעבן איז אַ מענטש מחויב אָפּצוהיטן זיין לעבן, און אַ לעבעדיקער הונט איז קיינמאָל ניט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף איין מדרגה מיט אַ לעבעדיקן לייב. „היה רץ כצבי וגבור כארי !" זיי פלינק ווי אַ הירש און שטאַרק ווי אַ לייב אין דיין שטרעבן צו אַ חשובן לעבן, פאָדערט דער יידישער גלויבן.

„צריך כל אדם לומר", — יעדער מענטש דאַרף זאָגן : „די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר צוליב מיר". אָבער אויב יעדער מענטש דאַרף דאָס טראַכטן, קאָן דאָך קיין מענטש אין דעם ניט גלייבן ; קאָן דאָך קיין מענטש ניט זיין אַזוי פאַרנאַרט ווי א. לוצקיס „פליגעלע אין פעלד", יענע „פליגעלע קליין", וואָס טראָגט זיך „איין אַליין אין בלויער וואו" ; יענע „צאַפּלדיקע געשטאַלטעלע", יענע „חיותל קוים, וואָס ראַשט אין רוים : וועלט מיין, וועלט מיין".

דער מאמר פון דער גמרא, וואָס דערפירט ביז צו דער לאָגיש־מעגלעכער גרענעץ פון דעם געדאַנק, האָט אין זיך נאָר די אומגעהייערע חשיבות און ווערטפולקייט פון יעדן איינצלנעם מענטשנס לעבן, ניט נאָר פאַר דעם אַנ־דערנס, נאָר אויך פון דעם אייגענעם. ס'איז אין תוך אַ שאַרפער אָפּגרענעצן זיך פון דעם בודיסטישן „טאַט סוואַם אַסי" : „איך בין דו". ניין : איך בין ניט דו. „איך האָב אַ רעכט אויף מיין אייגענעם לעבן, אַזוי ווי די גאַנצע וועלט וואָלט באַשאַפן געוואָרן נאָר צוליב מיר". און דאָס זעלביקע רעכט אויף אַן אייגענעם לעבן האָט אויך דער אַנדערער, ווייל יעדער מענטש דאַרף

טראַכטן אַזוי ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געשאַפן געוואָרן נאָר צוליב אים. אַט דאָס, האָבן מיר געזאָגט, איז דער פונדאַמענט, „די גרויע פעלדזנשטיינער" זיינע, וואָס אויף אים ווערט געבויט דער בנין פון דעם יידישן לעבנס־בליק.

און וואָס זאָגן אונדז יענע „גרויע פעלדזנשטיינער" ? זיי זאָגן אונדז, אַז די קליינינקע, נידעריקע נשמהלעך, וואָס קאָנען זיך ניט אויפהייבן העכער פאַר דעם פונדאַמענט, יענע „צאַפּלדיקע געשטאַלטעלעך" וועלן טאַקע אונטער דעם דרוק פון דער נאַטורס „צריך לומר" פלאַטערן פאַר זייער פּיצעלע חיות. זיי וועלן מסכים זיין אויך אויף הינטיש לעבן, אַבי לעבן. פאַר זיי וועט סכנות־נפשות זיין — „סכנות־נפשות", און „חיות ניט זיכער !" אָבער די נשמות, וואָס שטרעבן צו הויך און העכער, זיי דערמאָנט דער „פונדאַמענט", אַז אויך יענע „צאַפּלדיקע, פלאַטערדיקע געשטאַלטעלעך" האָבן אַ רעכט אויף זייער אייגענעם לעבן, און אַז דער פלי צו הויך און העכער טאָר ניט באַצאָלט ווערן מיט די לעבנס פון יענע „פלאַטערדיקע געשטאַלטעלעך", ווייל יעדע פון זיי איז שקול כנגד אַ גאַנצער וועלט, ווייל „המקיים נפש אחת מישראל כאלו קיים עולם מלא" („ווער עס האַלט אויף איין נפש, אַ יידישן, איז ווי ער האַלט אויף אַ גאַנצע וועלט").

דער „פונדאַמענט" זאָגט, אַז מענטשלעך לעבן איז הייליק ; אַז אויך אין דעם פלי צו הויך און העכער טאָר מען דאָס ניט אַרויסלאָזן פון אויג. ווייל אויב אַ מענטשלעך לעבן איז ניט קיין מתנה פון זיין ליבן נאָמען, אויב עס האָט ניט קיין ווערט אין זיך גופא ; אויב בעסער גאָר ניט געבוירן צו ווערן ; אויב די וועלט איז אַ יאָמער־טאָל, — היינט — וואָס האָבן מיר דאָ אין דער אמתן אַזוי אויפצוציטערן, ווען אין אַ וועלט־קריג אָדער אין אַ רעוואָלוציע ווערן אַ פּאָר מיליאָן צרהדיקע עקזיסטענצן באַפרייט פון דעם צרהדיקן יאָמער־טאָל ?

נאָר ווען מען שטעלט אַוועק ווי אַן אַבסאָלוטן יסוד די הייליקייט פון יעדן מענטשנס לעבן, אויך פון „מיין אייגענעם", נאָר דעמאָלט האָט אַ זין אויך די ליבע צו דעם אַנדערן, די זאָרג פאַר דעם אַנדערנס לעבן, פאַר דעם אַנ־דערנס נשמה און איר שטרעבן צו הויך און העכער. און נאָר ווען יעדער איינצלנער „נפש", ווערט שקול כנגד אַ גאַנצער וועלט, ווערט איינעמס מסירת־נפש דערהויבן צו דער העכסטער הייך. דער ריינער „אַלטרואיזם", וואָס וויל מבטל זיין דעם „זעלבסט", איז מיט דעם גופא מבטל דעם ווערט פון דער זעלבסט־אויפאָפּפערונג. נאָר דער „עגאָאיסטישער" „בשבילי" באַשאַפט דעם הויכן ווערט פון אַ קרבן „בשביל אחרים".

ווי אַזוי אָט דער „עגאָאיסטישער" „בשבילי" ווערט אויסגעטייטשט פון אַ נשמה, וואָס שטרעבט צו הויך און העכער, — דאָס באַווייזט אונדז דער פירוש, וועלכן דער מוהר"ן האָט געמאַכט אויף דעם מאמר. אין זיינע „ליקוטים" שרייבט ער: „צריך כל אדם לומר כל העולם לא נברא אלא בשבילי (סנהדרין דף ל"ז). נמצא כשהעולם נברא בשבילי צריך אני לראות ולעיין בכל עת בתיקון העולם, ולמלאות חסרון העולם". („הייסט עס, אַז וויבאַלד די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן צוליב מיר, דאַרף איך זען און אַכ־טונג געבן אין יעדער צייט אויף דער פאַרבעסערונג פון דער וועלט, פאַר־ריכטן, וואָס עס פעלט אין איר". ליקוטי מוהר"ן, תרפ"ד. ז. 10).

אַ געניאַלער פלי־אַרויף פון דעם נידעריקסטן „עגאָאיסטישן" פונדאַמענט צו די העכסטע הייכן פון אַ „וועלט־פאַרבעסערער". פונקט אַזאַ געניאַלער פלי־אַרויף ווי ספּינאָזאַס, וואָס מאַכט אויך דעם אָנהייב מיט אַן אַבסאָלוטן עגאָאיזם און דערהייבט זיך ביז צו דעם „אַמאָר דעי אינטעלעקטואַליס", דער שכלדיקער ליבע צו גאָט. דער לעבנס־בליק פון דער יידישער רעליגיע מאַכט אָבער ניט אַזאַ ראַשן פלי פון דעם „איך" ביז צו „גאָט". ער האָט וויכטיקע עטאַפּן אויפן וועג. צווישן „איך" און „גאָט" ליגן פאַר אים גאַנצע דריי שטופן: „פאָלק", „מענטשהייט" און „וועלט".

## 5.

ווען דאָס קריסטנטום האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעריסן פון זיין יידישן וואָרצל און איז אונטערגעפאַלן אונטער דער שליטה פון דעם בודיסטישן גייסט, האָט ער, אין זיין לעבנס־באַנעם אַרויסגעבראַכט אַ מין פשרה צווישן דעם בודיס־טישן מבטל זיין דעם אייגענעם יש (דעם „טאַט סוואַם אַסי", — „איך בין דו") און דעם יידישן אַבסאָלוטן יאָ־זאָגן צו יעדן איינעמס עקזיסטענץ, וואָס דריקט זיך אָמשאַרפסטן אויס אין דער פאָדערונג, אַז יעדערער זאָל טראַכטן, די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן צוליב אים.

די פשרה באַשטייט אין דעם, וואָס עס ווערט ניט געלייקנט דער ווערט פון דעם יחידס זיין אויף דער וועלט; אָבער זיין לעבן ווערט באַטראַכט נאָר ווי אַ מיסיע, נאָר ווי אַ שליחות, ריכטיקער: ווי אַ נסיון. אַ מענטש לעבט אויף דער וועלט כדי אויסצולייטערן זיין נשמה און כדי דורך דעם גלויבן אין ישו, דעם גואל ומושיע, פאַרדינען אַן אייביק לעבן אויף יענער וועלט. דער קריסטלעכער מענטש דאַרף לעבן ניט צוליב זיך און ניט צוליב דער וועלט, נאָר צוליב גאָט. דער הייליקער אוגוסטין שרייבט אין זיין

„ווידוי״: „די אויגן ליבן שיינע און פאַרשיידענע פאָרמען, העלע און מילדע פאַרבן. אָבער ניט זיי דאַרפן וואוינען אין מיין נשמה. זאָל בעסער אין איר וואוינען גאָט, וואָס האָט באַשאַפן אָט די אַלע זאַכן, באמת זייער וואויל; נאָר ער איז מיין גאָט, ניט זיי״. דאָס איז דער זעלביקער רעליגיעזער לעבנס־בליק, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם פרומען חסידס לידל: „איך וויל ניט קיין עולם הזה, און דאַרף ניט קיין עולם הבא, נאָר דיך אַליין, נאָר דיך אַליין״.

אויף אַזאַ אופן האָט דאָס קריסטנטום נאָר צוויי זיילן, וואָס אויף זיי רוט זיין לעבנס־בליק: די אייגענע נשמה און דער געטלעכער ווילן. די קריסטלעכע ליבע צו די מענטשן און די מסירת־נפש פאַר זיי, וואָס ווערט געפאָדערט פון דעם פרומען קריסט, איז ניט צוליב די מענטשן. דאָס איז דער פייער, אין וועלכן די נשמה לייטערט זיך אויס, כדי אַריינצוטרעטן אַ ריינע אין דעם „מלכות שמים״, — די קעניגרייך פון די הימלען, — אויף יענער וועלט.

גאַנץ אַנדערש — אין דעם לעבנס־בליק פון דער יידישער רעליגיע. אויך דאָ געפינען מיר די צוויי זיילן: דעם יחידס זעלבסטשטענדיק לעבן און גאָטס ווילן. אָבער זיי זיינען ניט די איינציקע. זיי זיינען ווי דער אָנהייב און דער אויסלאָז פון אַ לעבנס־וועג, — פון אַ „דרך החיים״, וואָס אויף אים געפינען זיך פאַרשיידענע טעפּן פון אַלץ העכערע מדרגות, און יעדער טעפּ האָט אַ ווערט אין זיך גופא.

לויט דעם יידישן לעבנס־באַנעם דאַרף אַ מענטש לעבן קודם־כל צוליב זיין אייגענעם לעבן, ווייל אַ מענטשלעך לעבן איז הייליק. אָבער אַ מענטשלעך לעבן דאַרף דאָך מיט וואָס עס איז זיין אַנגעפילט. דער חשובער אינהאַלט פון אַ מענטשלעך לעבן דאַרף באַשטיין אין דער ליבע און דער הייליקהאַלטונג פון יענע „טעפּן״. דער ערשטער טעפּ איז דער „דו״, דער מיט־מענטש. זיין אייגן לעבן דאַרף דער מענטש לעבן אַזוי, אַז אין אים זאָל זיך אויך אויסדריקן די אַקטיווע מענטשלעכע ליבע צו די אַנדערע מענטשן, ווייל אויך זייערע לעבנס דאַרפן אים זיין הייליק („ואהבת לרעיך כמוך״).

און לעבנדיק אי פאַר זיך אַליין, אי פאַר די אַנדערע, געדענקט דער יידישער לעבנס־בליק, אַז סיי מיין „איך״, סיי יענעמס „איך״ זיינען אין תוך אַריין נאָר טיילן פון אַ גרעסערער און העכערער זאַך, וואָס רופט זיך: „פאָלק״. אָט די שטעלונג אין געפיל צו דעם ענין פאָלק איז אפשר דער כאַראַקטעריסטישסטער שטריך אין דעם גאַנצן יידישן לעבנס־בליק, וואָס שיידט אים שאַרף און בולט אָפּ פון דעם קריסטלעכן. דער הייליקער פאול, וואָס איז דער אייגנטלעכער באַגרינדער פון דעם ניט־יידישן קריסטנטום, וואָס איז

אָבער נאָך מיט איין פוס געשטאַנען אין דער ייִדישקייט, האָט, ווי אַלע ייִדן, נאָך געגלייבט, אַז די „מלכות שמים", גאָטס קעניגרייך, דאַרף פאַרווירקלעכט ווערן אויף דער וועלט, ניט אויף יענער וועלט. אָבער אין אָט דער משיח־צייט פאַר דער מענטשהייט האָט ער איינגאַנצן מבטל געווען דעם ענין „פאָלק". „אין דער מלכות שמים", האָט ער געלערנט, „זיינען ניט פאַראַן קיין ייִדן און קיין גריכן". און דאָס איז טאַקע געווען די שאַרפסטע מרידה אַנטקעגן דעם לעבנס־בליק פון דעם ייִדישן גלויבן, אַ מרידה, וואָס האָט אויסגעגראָבן דעם טיפסטן תהום צווישן דיביידע וועלט־רעליגיעס.

ווייל די וויכטיקסטע נפקא מינה צווישן דעם רעליגיעז־קריסטלעכן לעבנס־באַנעם און דעם ייִדישן, איז די נפקא מינה צווישן דעם קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס לייקנט לגמרי די חשיבות פון עקזיסטירן ווי אַ פאָלק אויף דער וועלט, און דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס דערקענט דעם אומגעהייערן ווערט און ווערדע פון אַ פאָלקס־לעבן און שטעלט זיך פאַר די צוקונפטיקע מלכות שמים, ווי אַ פאַרברידערונג פון אַלע פעלקער.

אַז די ווערט און די חשיבות פון דעם אייגענעם פאָלק ווערן אַוועקגעשטעלט אויף זייער אַ הויכער מדרגה אין דער ייִדישער רעליגיע, איז יעדן איינעם באַקאַנט. „דאָס פאָלק ישראל" איז אַ רעליגיעזע הייליקייט, — אַן אייביקע דערשיינונג אין דעם וועלטלעכן באַשאַף, וואָס קאָן ניט פאַרשווינדן, ווי עס קאָנען ניט פאַרשווינדן די זון און די שטערן און די נאַטור־געזעצן — (ירמיהו ל"ה, 34־35). אין דער שפּעטערער ליטעראַטור ווערט „דאָס פאָלק ישראל" דערהייבן שיר ניט צו אַ ריין געטלעכער מדרגה: „ישראל ואוריתא וקודשא בריך הוא חד נינהו". דאָס ייִדישע פאָלק און די תורה און גאָט אַליין זיינען איינס.

אין אונדזער רעליגיעזער ליטעראַטור שווימלט עס מיט שטעלן, וואו די ייִדישע חשיבות ווערט אויסגעטייטשט אין אַ ריין שאָוויניסטישן זין, וואָס איז מבטל אַלע פעלקער כקליפּת השום לגבי דעם ייִדישן פאָלק: אַ שאָוויניזם, פון וועלכן קיין פאָלק אין דער וועלט איז קיינמאָל ניט געווען פריי. די אייגנאַרטיקייט פון דעם ייִדישן לעבנס־בליק, — אויף וויפל ער דריקט זיך אויס אין דער רעליגיע, — דאַרף אָבער ניט געזוכט ווערן אין יענע פּרטים, וואָס ער האָט בשותפות מיט אַלע אַנדערע פעלקער נאָר אין יענע, וואו ער שיידט זיך אָפּ פון די אַנדערע. די שטעלונג אין געפיל צו דעם ענין „פאָלק" איז גראָד אַזאַ פּרט. ניט נאָר אַן איינצל־מענטש האָט אַ רעכט צו לעבן אויף דער וועלט און צו קעמפן פאַר זיין קיום, נאָר אויך אַ פאָלק, — איטלעך פאָלק: אַזוי קאָן מען פאָרמולירן דעם ייִדישן לעבנס־בליק.

„איר, בני־ישראל, זענט דאָך ביי מיר, ווי די נעגער־קינדער, זאָגט גאָט. האָב איך ישראל ניט אַרויסגעבראַכט פונעם לאַנד מצרים און די פלשתים פון כפתור און ארם פון קיר?״ — אַזוי פאָרמולירט צום ערשטן מאָל דער גרויסער נביא עמוס, דעם יידישן אינטערנאַציאָנאַליזם. און ווען ירמיהו שטראָפט די פעלקער מואב און עמון און זאָגט נביאות, אַז זיי וועלן פאַרטריבן ווערן פון זייערע לענדער, פונקט ווי די יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן, טרייסט ער זיי, אַז אין דער צוקונפט, אין דעם „אחרית הימים״ וועלן אויך זיי זיך אומקערן צוריק אַהיים. — „ושבתי שבות מואב באחרית הימים״ (ירמיהו מ״ח, 47). „ואחרי כן אשיב את שבות בני־עמון״. (מ״ט, 7).

לויט דעם מחבר פון דעם ספר דברים האָט גאָט באַשטימט די זון, די לבנה און די שטערן, זיי זאָלן זיין די געטער פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט, און נאָר דאָס יידישע פאָלק האָט ער געלאָזן פאַר זיך אַליין („אשר חלק ד׳ אלהיך אותם לכל העמים תחת כל השמים״, דברים ד׳, 19). און נאָך עד־היום הערשט דער גלויבן אין דער יידישער רעליגיע, אַז יעדעס פאָלק האָט אַ שר אין הימל, וואָס פאַרטרעט זיינע אינטערעסן ביי דער פמליא של מעלה. „פאָלק״ ווערט אַזוי אַרום באַטראַכט ווי אַן אייביקע דערשיינונג אין דער וועלט. אויך אין דעם „אחרית הימים״, ווען די „מלכות שמים״ הערשט אויף דער וועלט, פאַרשווינדן ניט די פעלקער. זיי דערקענען גאָטס אויבער־הערשאַפט, הערן־אויף צו פירן קריג איינס אַנטקעגן דעם אַנדערן און ווערן אויסגעגליכן אין זייער חשיבות מיט דעם יידישן פאָלק.

דער „אתה־בחרתנו״־געדאַנק, וואָס דרינגט דורך די נביאות פון אונד־זערע בעסטע נביאים, האָט אויך אין זיך דער עיקר די ראָליע פון דעם יידישן פאָלק אין דער גאַנצער מענטשהייט, דאָס הייסט, אין דער משפחה פון די פעלקער, וואָס שטאַמען אַלע אָפּ פון אדם הראשון. דאָס יידישע פאָלק איז אויסגעקליבן געוואָרן פון גאָט, ער זאָל זיין אַ „נס לגוים״, אַ „נר לגוים״, אַ פאָן און אַ ליכט פאַר די פעלקער, און דערפאַר איז דער אויבערשטער מער מקפיד אויף זיינע זינד איידער אויף זייערע. די מיסיע וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט, ווי אַ „נר לגוים״, איז דורכצופירן די געבאָטן פון דער „מלכות שמים״ אין דעם לעבן. מענטשן דאַרפן לעבן ווי ברידער אין די גרענעצן פון איין פאָלק, און פעלקער דאַרפן לעבן ווי ברידער אין די גרענעצן פון איין מענטשהייט.

וואָס די נביאים האָבן געגלייבט, אַז אָט די מיסיע איז אַרויפגעלייגט געוואָרן נאָר אויף דעם יידישן פאָלק און ניט אויף קיין אַנדערן, איז געוויס אַן איבערבלייבונג פון דעם פרימיטיוון שאָוויניזם, וואָס וויל דורכאויס, אַז דאָס אייגענע פאָלק זאָל שטיין אויף אַ העכערער מדרגה איידער אַלע אַנדערע.

אָבער פאַר אונדזער ענין דאָ איז וויכטיק צו געדענקען, אַז ניט מיט דער דאַזיקער מיסיע ווערט פאַרענטפערט די עקזיסטענץ פון דעם יידישן פאָלק און פון פעלקער בכלל. ישראל איז אייביק. ער ווערט ניט פאַרשוואונדן אין דער מענטשהייט אפילו דעמאָלט, ווען זיין מיסיע ווערט דורכגעפירט און פון אַלע פעלקער ווערט איין פאַרבאַנד („יעשו כולם אגודה אחת"). ממילא פאַרשווינדן אויך ניט די אַנדערע פעלקער וואָס גייען אַריין אין דעם פאַר־ברידערטן פעלקער־פאַרבאַנד. הייסט עס, אַז די עקזיסטענץ פון פעלקער איז אַן אַבסאָלוטער ווערט, יאָ „מיסיע" אָדער ניט „מיסיע"; פונקט אַזאַ אַב־סאָלוטער ווערט ווי די אייביקע עקזיסטענץ פון יעדן איינצל־מענטשן (תחית המתים!).

דאָס געבאָט פון יידיש־רעליגיעזער הייליקייט, וואָס וואַקסט אַרויס פון אַזאַ לעבנס־בליק, קאָן מען דעריבער פאָרמולירן אַזוי: „לעב דיין אייגן לעבן! דיין לעבן, באַרעכנט אויף אייביקייט, איז אַ זעלבסט־צוועק. אָבער געדענק, אַז דו ביסט נאָר אַ טייל פון אַ העכערן גאַנצן וואָס רופט זיך „פאָלק". איז — „לעב דיין אייגן לעבן אין דעם ליכט פון די לעבנס־אינטערעסן פון דעם גאַנצן פאָלק צו וועלכן דו געהערסט. און ווען דו באַשטימסט די דאַזיקע אינטערעסן פאַר דיין פאָלק, פאַרגעס ניט, אַז אויך „פאָלק" איז ניט מער ווי אַ טייל פון אַ העכערן קאָלעקטיוו, דער מענטשהייט. די לעבנס־אינטערעסן פון דיין פאָלק מוזסטו, יחיד, דעריבער באַשטימען אין דעם ליכט־שיין פון די לעבנס־אינטערעסן פון דער גאַנצער מענטשהייט".

וואָס זיינען דאָס פאַר אינטערעסן פון דער מענטשהייט, וועלכע יעדער מענטש, איטלעך פאָלק, דאַרף האָבן אין זינען? האָט אויך די מענטשהייט אַ געוויסע מיסיע דורכצופירן, ווי אַ צוגאָב צו איר אייביקער עקזיסטענץ, ווי אַ זעלבסט־צוועק?

## .6

אין אייניקע הויך־אַנטוויקלטע רעליגיעס פון דער אַלטער וועלט געפינען זיך שפורן פון נאָך עלטערע לעגענדעס און מיטאָסן, וואָס האָבן געשילדערט דעם קאַמף פון די געטער אַנטקעגן דעם מענטשן. אין דער אַלט־גריכישער רעליגיע קלינגט קלאָר אַרויס אָט דער אינטערעסאַנטער מאָטיוו אין דעם מי־טאָס וועגן פּראָמעטעאוס, דעם „האַלב־גאָט", וואָס האָט אָוועקגעגנבעט ביי די געטער דאָס פייער. ער האָט עס געבראַכט דעם מענטשן און האָט אים אויסגעלערנט, ווי צו ווערן אומאָפּהענגיק פון די געטלעכע קרעפטן, וואָס באַ־

הערשן די וועלט. פּראָמעטעאוס האָט דערפאַר באַקומען פון די געטער אַ זייער האַרטע שטראָף.

וואָס אַזעלכע מיטאָסן זיינען געבוירן געוואָרן אין דעם רעליגיעזן געדאַנק, איז קיין חידוש ניט פאַר אַ צייט, ווען דער מענטש האָט די נאַטור־קרעפטן באַטראַכט פאַר געטלעכע וועזנס און האָט זיך ניט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון וועגן דעם אַלגעמיינעם איינהייטלעכן מקור פון מענטש, וועלט, געטער, אין וועלכע ער האָט געגלייבט. ער האָט געשפּירט דעם אַנטאַגאָניזם צווישן מענטש און נאַטור־קרעפטן, וואָס ער האָט זיי גענומען באַהערשן מיט דער אַנטוויקלונג פון זיין מענטשלעכער קולטור; ער האָט געליטן פון דער עקשנות, מיט וועלכער די נאַטור־קרעפטן האָבן זיך ניט געלאָזט בייגן אונטער זיין ווילן, און אָט דעם אַנטאַגאָניזם האָט ער זיך אויסגעמאָלט אין דעם קאַמף פון די געטער אַנטקעגן אים, און זייער מורא, ער זאָל ניט ווערן פונקט אַזוי קלוג און מעכטיק ווי זיי אַליין.

מער חידוש איז, וואָס דער זעלביקער מאָטיוו פון דער געטלעכער מורא פאַר דער קאָנקורענץ מצד דעם מענטשן איז אויפגענומען געוואָרן אויך אין אַן אַלטן יידיש־רעליגיעזן דאָקומענט. איך מיין דאָ יענעם טייל פון „בראשית", וואו עס ווערט געגעבן אַ צווייטער באַריכט וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט און וואו עס ווערט געשילדערט דער חטא פון אדם הראשון. דער גאַנצער דאָקומענט אָטעמט מיט פיינטשאַפט צו דער מענטשלעכער קולטור און דעם מענטשלעכן אויפטו. אויב ער שטאַמט פון אַ שפּעטערער, שוין הויך־ציוויליזירטער צייט, איז זיין מחבר געוויס געווען דורכגעדרונגען מיט יענעם גייסט פון „צוריק צו דער נאַטור!" וואָס האָט אין אונדזערע צייטן באַזעלט אַ רוסאָ און אַ טאָלסטאָי: אַלץ, וואָס קומט דירעקט פון דער נאַטור איז גוט, אַלץ, וואָס קומט פון דעם מענטשנס האַנט איז שלעכט.

פאַר דעם יידישן מחבר, — די ביבל־וויסנשאַפט רופט אים „דער יאַהוויסט", — איז אַ גן־עדן צושטאַנד, — דער צושטאַנד פון פולער אומוויסנהייט און קינדישן אַבסאָלוטן צוטרוי צו גאָט און זיינע געבאָטן. קריטיקירן די נאַטור און וועלן זי איבערמאַכן לויט דעם מאָסשטאַב פון „גוט" און „שלעכט" איז אַ חטא. וויסן, וואָס שלעכט איז און וואָס גוט, — דאָס דאַרף איבערגעלאָזן ווערן נאָר צו דער גאָטהייט אַליין. אדם איז באַשאַפן געוואָרן, כדי צו באַאַרבעטן און צו היטן גאָטס גן־עדן. אים איז פאַרווערט געוואָרן צו עסן פון דעם עץ־הדעת. האָט אָבער אדם — דורך זיין ווייב חוה — זיך געלאָזט פאַרפירן פון דעם פּראָמעטעאישן נחש. ער האָט געגעסן פון דער פאַרווערטער פרוכט און האָט דערמיט אַרויסגערופן ביי דעם רבונו של עולם די מורא פאַר דער מענטשלעכער קאָנקורענץ. „און גאָט דער האַר האָט

געזאָגט: אַט איז דער אדם געוואָרן ווי איינער פון אונדז צו וויסן גוט און שלעכט. און איצטער — טאָמער שטרעקט ער אויס זיין האַנט און נעמט אויך פון דעם עץ־החיים און עסט, וועט ער לעבן אייביק!״ (בראשית, ג׳22).

דער שפּעטערער לעבנס־בליק פון דער יידישער רעליגיע איז אָבער אינגאַנצן פריי געוואָרן פון אַט דעם קולטור־פיינטלעכן, אָריענטאַליש־בודיס־טישן שטריך און דער פאַרהייליקונג פון קינדישער אומוויסנקייט.

אין דעם ערשטן ביבלישן באַריכט וועגן דער „בריאת העולם״, — אַ שפּעטערן, מיט וועלכן עס הייבט זיך אָן דער חומש, — געפינט זיך דער מענטש אין דער פולסטער האַרמאָניע מיט גאָט. ער ווערט לכתחילה באַ־שאַפן אין גאָטס געשטאַלט (בצלמו בצלם אלהים). און ניט צוליב דעם ווערט ער באַשאַפן, כדי ער זאָל באַאַרבעטן און היטן דעם גן־עדן. תיכף ווי ער ווערט באַשאַפן, בענטש אים גאָט ער זאָל אָנפילן די ערד און זי איינגעמען און געוועלטיקן איבער אַלץ וואָס אויף איר. אגב, וויל אַט דער באַריכט גאָר־נישט ניט וויסן פון אַ חוה, וואָס איז אַרויסגעשניטן געוואָרן פון אדמס ריפּ.ביידע ווערן באַשאַפן מיטאַמאָל (זכר ונקבה), און גאָט רופט זיי ביידן אָן מיט דעם נאָמען אדם (ויקרא את שמם אדם ביום הבראם. צו פאַרגלייכן בראשית א׳, 26־28 און ה׳ 1־2).

אַזוי אַרום איז דער מענטש אַ מין גאָטס ממלא מקום אויף דער ערד. ער איז איר באַלעבאָס און אויפפּאַסער. מיט דעם זעלביקן בליק אויף דער וועלט־מיסיע פון דעם מענטשן איז דורכגעדרונגען דער קאַפּיטל ח׳ פון תהילים, וואו עס ווערט געזאָגט: „ווען איך זע דיינע הימלען, דעם אויפטו פון דיינע פינגער, לבנה און שטערן, וואָס דו האָסט אויפגעבויט, — וואָס איז דער מענטש, דו זאָלסט אים געדענקען, און דער בן־אדם זאָלסט אים האָבן אין זינען? האָסטו אים אָבער געלאָזט ווייניק פעלן פון צו זיין אַ גאָט (ותחסרהו מעט מאלהים) און מיט כבוד און פראַכט האָסטו אים באַקרוינט. מאַכסט אים געוועלטיקן איבער דעם אויפטו פון דיינע הענט. אַלץ האָסטו אים אונטערגעטאָן אונטער זיינע פיס״.

דער מענטש איז שיר־ניט קיין גאָט. אין וואָס דען אַנדערש קאָן זיך אויסדריקן זיין געטלעכער מהות אויב ניט אין וויסן „גוט״ און „שלעכט״ צוליב באַשעפערישקייט, אין בויען און איבערבויען, אין דעם, וואָס מיר רופן קולטור, אין פאַרריכטן די וועלט, לויט דעם קריטישן מאָסשטאָב פון „גוט״ און „שלעכט״? דער צדיק, — לערנט דער מדרש, — איז אַ שותף דעם רבונו של עולם אין מעשה בראשית.

מענטש — און ממילא מענטשהייט האָט דעריבער אַ קאָסמישע מיסיע. ער דאַרף איבערבויען די גאַנצע וועלט. אַט די וועלט, ווי זי איז, ווי דער

מענטש געפינט זי צו יעדער צייט פון זיין עקזיסטענץ, קאָן אים ניט באַ־פרידיקן.

ער טראַכט וועגן אַ בעסערער וועלט. אין דעם „אחרית הימים״, וואָס וועט פאַראויסגעזען פון די נביאים, ווען מענטשן וועלן לעבן ווי ברידער אין די גרענעצן פון איין פאָלק, ווען פעלקער וועלן לעבן ווי ברידער אין איין מענטשהייט, ווען גאָטס גייסט וועט זיין אויסגעגאָסן אויף יעדן איינעם, וועט אויך באַשאַפן ווערן אַ נייער הימל און אַ נייע ערד. פלייש־פרעסערישע חיות וועלן אָנהייבן עסן גראָז; שלאַנגען וועלן פאַרלירן זייער גיפט, און אַלדאָס בייז אין דער נאַטור וועט פאַרשווינדן.

אַזאַ גן־עדן צושטאַנד ווערט אין דעם יידישן גלויבן אָנגערופן די „מלכות שמים״, אָדער די „מלכות שדי״: די איבערהערשאַפט פון דעם הימלישן אָדער געטלעכן פרינציפּ אין דער וועלט. און די מיסיע פון דער מענטשהייט — דורכצופירן אָט די וועלט־באַנייאונג, ווערט אויסגעדריקט אין דער פאַר־מולע: „לתקן עולם במלכות שדי״, — אַ מיסיע, וועלכע דער גרויסער חסידי־שער רבי, דער מוהר״ן, ברענגט אַרויס פון יענער מימרא אין דער גמרא, וואָס פאַרלאַנגט יעדער מענטש זאָל טראַכטן, אַז די וועלט איז באַשאַפן גע־וואָרן נאָר צוליב אים אַליין. גראָד ווייל די וועלט איז „זיינע״, דעם מענטשנס, ווייל ער איז דער באַלעבאָס אויף איר, טראָגט ער די אחריות פאַר אַלץ, וואָס אין איר קומט פאָר, דאַרף ער תמיד טראַכטן וועגן איר און פאַרריכטן אַלץ, וואָס איז פעלערהאַפט אין איר („ולמלאות חסרונם״).

דער מוהר״ן, ווי די חסידות, ווייסט נאָר איין וועג, ווי אַזוי מתקן צו זיין די וועלט. דאָס איז דער וועג פון תפילה, וואָס האָט אַ מיסטישע קראַפט. „ולהתפלל בעדם״, דערקלערט דער מוהר״ן זיין געדאַנק. אָבער דער יידיש־רעליגיעזער לעבנס־בליק, וואָס האָט דערקענט אָט די קאָסמישע מיסיע פון דער מענטשהייט, איז ניט מחויב צו בלייבן שטעקן אין די ד׳ אמות פון אַן אָפּגעלעבטער מיסטישער פילאָסאָפיע. אַרויס פון יענע ענגע גרענעצן אויף דעם ליכט־שיין פון דער מאָדערנער פרייער נאַטור־פאַרשונג, וואָלט אָט דער לעבנס־בליק פאַרלאַנגט, אַז דער מענטש זאָל איבערבויען די וועלט מיט די מיטלען, וועלכע זיין וויסנשאַפט גיט אים אין די הענט.

וועגן דער קאָסמישער מיסיע פון דער מענטשהייט, וואָס הייבט זיך אָן אַרויסצווייזן אין איר קולטור, האָבן ניט נאָר יידישע מוחות געטראַכט. פון די נייערע געדאַנקען־גאַנגען אויף אָט דעם פעלד איז מער פאַר אַלעמען באַ־קאַנט דער ראָמאַן „אַנדייאינג פייר״ („דאָס אייביקע פייער״) פון דעם ענג־לישן ראָמאַניסט און טעאָרעטיקער וועלס. אין אים ווערט קלאָר פאָרמולירט אָט די קאָסמישע מיסיע פון דער מענטשלעכער קולטור, אויסצוראָטן אַלדאָס

בייז אין דער וועלט און אויפצוהייבן דעם גאַנצן באַשאַף אויף דער העכסטער מדרגה פון מאָראַלישער פולקומענהייט. און עס איז געוויס כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גאַנצן ענין, וואָס וועלס הייבט אָן זיין ראָמאַן מיט אַ פּראָלאָג אין הימל, וואו גאָט שפּילט אַ פּאַרטיע שאַך מיט דעם טייוול, — אַ פּראָלאָג נאָכגעמאַכט יענעם פּראָלאָג אין הימל מיט וועלכן עס הייבט זיך אָן דער ספר „איוב". וועלס האָט געשפּירט, אַז אין תוך אַריין האָט ער דאָ פאַר זיך אַ ביבלישע טעמע, אַ פּראָבלעם פון דעם יידיש־רעליגיעזן לעבנס־בליק.

געוויס פאָדערט דער יידישער גלויבן, מען זאָל ניט בלייבן שטיין ביי דעם ענין „וועלט", ווי פאַר דעם לעצטן עטאַפּ פון רעליגיעזע הייליקייטן און אייביקייטן.

דער איינצל־מענטש איז אַ טייל פון זיין פאָלק און האָט זיין מיסיע אין דעם פאָלקס־לעבן; דאָס פאָלק איז נאָר אַ טייל פון דער מענטשהייט און האָט זיין מיסיע אין איר לעבן; די מענטשהייט איז אַ טייל פון דער וועלט און דאַרף דורכפירן איר שליחות פאַר דעם גאַנצן באַשאַף. איינצל־מענטש, פאָלק און מענטשהייט, זיינען צוועקן אין זיך גופא, אַ חוץ דעם, וואָס זיי האָבן אַ שליחות פאַר דעם העכערן גאַנצן, צו וועלכן זיי געהערן.

דאָס אייגענע איז אָבער אויך מיט דער גאַנצער וועלט. אויך זי, וואָס איז ניט קיין דמיון, ניט קיין בייזער בודיסטישער חלום, נאָר אַ פון גאָט באַשאַפענע, פון אים געבענטשטע רעאַליטעט, האָט איר צוועק אין זיך גופא, אין דער אייגענער עקזיסטענץ. אָבער אַ חוץ דעם צוועק אין זיך גופא האָט זי אויך א שליחות אין דעם ליכט פון דעם נאָך־העכערן גאַנצן, צו וועלכן זי געהערט.

לויט דער קבלה איז די וועלט נאָר אַ קליינער „צמצום", אַ צונויפשרומפּונג פון דעם „אומענדלעכן ליכט", דעם „אור אין סוף", וואָס דאָס איז גאָט. אין איר, אין דער וועלט, דאַרף זיין אויסגעדריקט אויך זיין אייביקער געטלעכער מהות.

דער איבערבוי פון דער וועלט, וועלכן די מענטשהייט דאַרף דורכפירן אין איר קולטור, מוז דעריבער געטראָגן און דיריגירט ווערן דורך דער קענטשאַפט פון גאָט, דער קלאָרער פאַרשטעלונג פון דעם, וואָס אַזוינס איז גאָט און אין וואָס עס באַשטייט זיין פאַרלאַנג. די באַנייאונג פון דער וועלט דורך דער „מלכות שמים" ווערט דעריבער אין דער יידישער רעליגיע פאַרבונדן מיט דער צייט, „ווען די גאַנצע ערד וועט פול ווערן מיט דער קענטשאַפט פון גאָט, ווי די וואַסערן, וואָס באַדעקן דעם ים" („ומלאה הארץ דעה את ד׳ כמים לים מכסים").

גאָט־וועלט־מענטשהייט־פאָלק־איינצלמענטש, — אָט דאָס זיינען די פינף קרייזן פון דעם יידיש־רעליגיעזן לעבנס־בליק, און זיין שטעלונג צו זיי, זיין „יאָ“־זאָגן צו זייער אַלעמענס עקזיסטענץ, זיין אָפּשאַצן זיי ווי פונדאַ־מענטאַלע הייליקטימער פאַרדינט דעם גרעסטן אינטערעס אויך מצד אונדזער רעליגיעז־אויפגערודערטער צייט.

## פּראָפעסאָר איינשטיין און די יידישע אמונה

אַז פּראָפעסאָר איינשטיין איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער ייד, דאָס ווייסט די וועלט שוין פון לאַנג אָן. אַז ער האָט אָבער באַקומען אויך אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער יידישער רעליגיע, — ער האָט זי פריער זיכער ניט געהאַט, — דאָס דערוויסן מיר זיך ערשט אין דער לעצטער צייט.

ס'איז מיר ליידער ניט באַקאַנט, צי ער האָט זיך וואו באריכות אַרויס־געזאָגט וועגן דעם. אָבער אַ פּאָר קורצע אַפּאָריזמען זיינע וועגן דעם ענין, זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ „הסכמה“, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן צו אַ בוך, וואָס איז ניט לאַנג אַרויס אין דער יידישער שפּראַך.

דאָס בוך רופט זיך: „די ספּעציעלע רעלאַטיוויטעט־טעאָריע. איינ־שטיינס שיטה און מינקאָווסקיס „וועלט“ (בערלין, אייגענער פאַרלאַג, 1927) און זיין מחבר איז הער טוביה שאַליט, — אויב איך האָב ניט קיין טעות, אַ חשובער יידישער כלל־טוער אין בערלין.

די אַרבעט שטעלט מיט זיך פאָר אַ ריין מאַטעמאַטישן אַריינפיר אין איינשטיינס טעאָריע און פאַרדינט דעם העכסטן אויפמערק פון דער יידישער קריטיק. זי האָט אָבער קיין ברעקל שייכות ניט צו דעם יידישן גלויבן. פונדעסטוועגן האָט איינשטיין געפונען פאַר נייטיק, אַוועקגעבן די פּאָר זייער אינהאַלטרייכע שורות פון זיין „הסכמה“ דער טעמע: „פרייער געדאַנק און יידיש־רעליגיעזער לעבן“.

אין זיין קלאָרער, קאַרגער, פּינקטלעכער משנה־שפּראַך, שרייבט דער גרויסער יידישער תנא פון אונדזער צייט:

„פריער האָט אונדזער יידיש פאָלק געהאַט אַ פעסטן צונויפבונד דורך די שטרענגע טראַדיציעס. פאַר דער ברכה פון אָט דעם צונויפהאַלט, האָט ער געמוזט באַצאָלן מיט אַ קולטורעלער איינליניעקייט („אָבשנירונג“), וואָס האָט געפירט צו אַ גרויסער איינזייטיקייט אין דער גייסטיקער אַרבעט און אין דעם וועלט־באַנעם. קאָן אָט דער חסרון באַזייטיקט ווערן, אָן אַ שום

סכנה פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן קיום? איך רעכן, אַז דאָס איז מעגלעך: דאָס לעבן פון יחידים און קהילות — לויט די טראַדיציעס; דאָס דענקען אָן קיין אַנדער אָפּהאַלט, אַ חוץ די גרענעצן פון דעם מענטשלעכן גייסט. אין אַט דעם זין, פריי איך זיך מיט אַט דעם יידיש געשריבענעם ספר וועגן דער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע".

איינשטיינס ווערטער דאַרף מען אַלעמאָל גוט דורכקייען און ניט אַלעמאָל קאָן זיי אַ פּשוטער בשר ודם ריכטיק פאַרשטיין. אָבער דאָס מאָל ליגט ניט אין זיי קיין סתרי תורה. וואָס ער וויל זאָגן איז דורכאויס קלאָר. די יידישע רעליגיע האָלט אונדז צונויף אינאיינעם, ווי אַ פאָלק, און פאַרזיכערט אונדזער נאַציאָנאַלן קיום. טאָרן מיר זיך פון איר ניט אָפּזאָגן. זי איז אָבער אַ שטער פאַר דעם אַבסאָלוט פרייען דענקען. איז — לאָמיר לעבן לויט די רעליגיעזע טראַדיציעס. אין אונדזער דענקען אָבער און גייסטיקן שאַפן טאָר זי אונדז ניט שטיין אין וועג. עס איז אַ קלאָרער שטאַנדפּונקט, ווען אפילו ניט קיין נייער און ניט גאָר קיין ריכטיקער.

דער חידוש איז נאָר: — וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צו אַ שריפט אין יידיש וועגן איינשטיינס און מינקאָווסקיס פיזיק? און אין וועלכן, „אַט אין דעם" זין פרייט ער זיך מיט אַ וויסנשאַפטלעך ווערק אין דער יידישער שפּראַך? דאָס איז, ליידער, געבליבן פאַר אונדז אַ רעטעניש. נאָר — וואָס מאַכט דאָס אויס? דער דורכאויס קלאָרער טייל פון זיין הסכמה איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער צייט, פאַר די שטימונגען, וואָס הערשן אין די העכסטע הייכן פון אונדזער אינטעליגענציע, אַז מיר מוזן אים אַרומרעדן באריכות.

ווי געזאָגט, איז איינשטיינס געדאַנק ניט קיין נייער. אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט געפינען זיך אַ סך פּרוּוון אויסצואיינען דאָס רעליגיעזע לעבן און דאָס פרייע דענקען אַזוי, אַז דער געדאַנק זאָל ניט דאַרפן אַנדער־קענען קיין שום אויטאָריטעט, וואָס ליגט מחוץ דעם מענטשלעכן שכל, און אַז פון דער אַנדערער זייט, זאָל דאָס רעליגיעזע לעבן ניט דאַרפן אָפּזאָגן זיך פון קיין איין־איינציקער טראַדיציע אירער צוליב די אויספירן פון דעם פרייען דענקען.

דער עלטסטער וועג, וואָס פירט צו אַזאַ האַרמאָנישן „שלום־בית" צווישן שכל און גלויבן, איז געלעגן אין דער שיטה פון דעם אַזוי אָנגערופענעם „טאָפּלטן אמת". ניט איין אמת האָבן מיר, נאָר צוויי: אַ רעליגיעזן און אַ פילאָסאָפישן. אין פילע פּרטים שליסן זיי איינער דעם אַנדערן אויס, אָבער פאַר דעם מענטשן דאַרפן זיי ביידע זיין גלייך טייער. איז — זאָל מען פונאַנ־דערשפּאַלטן די נשמה אויף צווייען: מיט איין העלפט פילאָסאָפירט מען,

און דעמאָלט לאָזט מען די רעליגיע ניט אַרויף אויפן שוועל: מען שליסט זי איין אין ארון קודש. מיט דער אַנדערער העלפט דינט מען גאָט, און דע־מאָלט פאַרקאַרקט מען די פילאָסאָפיע אין אַ כעמישער פּראָביר־גלעזל, זי זאָל זיך ניט ווייזן פאַר די אויגן.

ליידער קאָן זיך ניט אַלעמען איינגעבן, אויף אַזאַ אופן איינצושטילן דעם „ויתרוצצו" צווישן גלויבן און וויסן, און ס'איז קיינעם ניט מקנא צו זיין מיט אַזאַ אינעווייניקסטער צעשפּאָלטנקייט פון דער מענטשלעכער נשמה. אין דער געשיכטע פון דעם יידישן געדאַנק, וואָס איז אַזוי להוט נאָך „אחדות" און „תמימות" („איינהייטלעכקייט און גאַנצקייט"), האָט די שיטה פון דעם „טאָפּלטן אמת" געשפּילט נאָך אַ קלענערע ראָליע, איידער ביי דעם ניט־יידישן. אונדזערע גרעסטע רעליגיעזע פילאָסאָפן — די סעדיהס און די רמב"מס, — פלעגן אַזוי לאַנג קנעלן מיט דעם פילאָסאָפישן געדאַנק, אַזוי לאַנג דרייען אים אַ ספּאָדיק, ביז ער פלעגט, אַ פאַרמאַטערטער, זיך אונטער־געבן אונטער דער רעליגיעזער טראַדיציע און אונטערשרייבן אַלץ, וואָס דאָס פרומע שטריימל פלעגט אים אונטערטראָגן. אונדזערע פרייע דענקער צוריק פלעגן לכתחילה אַראָפּוואַרפן דאָס שטריימל פון קאָפּ און דענקען און אומ־גיין — אין אַלע פּרטים פונעם לעבן, — לגמרי „אָן אַ היטל", פאַרוואָס זיי פלעגן, כראוי, אַריינגעוואָרפן ווערן אין חרם.

ערשט משה מענדעלסאָן האָט צוגעטראַכט אַ נייעם אויסוועג אין דעם זעלביקן פּראָבלעם. לויט זיין אויסטייטשן די יידישע רעליגיע, פאָדערט זי בכלל פון קיינעם ניט, מען זאָל דענקען און גלייבן דווקא ווי זי וויל. זי פאַרלאַנגט נאָר מעשים, מען זאָל טאָן, וואָס זי הייסט צו טאָן, און ניט טאָן וואָס זי פאַרווערט. גלייבן אָבער און דענקען, און גייסטיק שאַפן מעג יעדער איינער אויף זיין אייגענעם שטייגער. ס'איז, גאַנץ זיכער, זייער אַ געקינצל־טער פירוש אויף דעם יידישן גלויבן, אָבער גאָר גרויסע מענטשן, מיט גאָר געהויבענע מוחות, זיינען איינגעגאַנגען אויף אים. אַזוי איז דער גרויסער טעאָרעטיקער און פאָרשער, איגנאַץ גאָלדציהער, דער מחבר פון דער עפּאָכע־מאַכנדיקער שריפט: „דער מיטאָס ביי דען העברעערן", וואו די גאַנצע תורה ווערט דערקלערט ווי אַ פּראָדוקט פון פרייען פאָעטישן שאַפן, וואו די אבות ווערן אַרויסגעשטעלט, ווי שיריים פון אַ פאַרשוואונדענער אַלטער מיטאָ־לאָגיע, — אָט דער איגנאַץ גאָלדציהער איז זיין גאַנץ לעבן לאַנג געווען אַן אָרטאָדאָקס־פרומער ייד און האָט אָפּגעהיט, ווי מען האָט מיר דערציילט, אַלע וויכטיקע יידישע דינים און מנהגים.

פאַר די אינטערעסן פון דעם פרייען דענקען און שאַפן איז דער מענדעל־סאָנשער קאָמפּראָמיס אַ סך אַ בעסערער, איידער די טעאָריע פון דעם צווייען־

דיקן אמת. דער פרייער געדאַנק האָט דאָ ניט קיין אינעווייניקסטן קאָנקורענט, וואָס וואָרט מיט אומגעדולד, ווען עס וועט קומען זיין באַגרענעצטע צייט איבערצונעמען די ממשלה. דער מענדעלסאָנשער אויסוועג לאָזט צו די אַבסאָלוטע געדאַנקען־פרייהייט. עס בלייבט נאָר די סתירה צווישן די געדאַנקען און מעשים. אָבער פאַר אַ פריידענקער איז אַזאַ סתירה ניט קיין אינעווייניקסטע, ניט קיין פרינציפּיעלע.

דאָס איז זייער אַ וויכטיקער פונקט. פאַר אַ פרום־גלייביקן וואָלט אַזאַ סתירה געווען אַ פרינציפּיעלע, און די אינעווייניקסטע ערלעכקייט צו זיך אַליין וואָלט געמוזט פּראָטעסטירן אַנטקעגן איר. ווען מיין אמת זאָגט מיר, אַז איך טאָר ניט רייכערן אום שבת, טאָר ניט עסן קיין חזיר, און איך רייכער, און איך עס, גיי איך אַנטקעגן מיין אייגענעם געוויסן. אָבער ווען אַ פריידענקער ווייסט, אַז דאָס אַלץ מעג מען, און ער טוט דאָס ניט, באַגייט ער דאָך ניט קיין עבירה. אַ פריידענקער לייקנט דאָך דעם גאַנצן ענין פון רעליגיעזע מצוות און עבירות. מעגן — מעג ער דאָך אַלץ. איז — פאַרוואָס זאָל ער ניט טאָרן אויך פאַסטן אום יום־כיפור אָדער דאַוונען אַלע טאָג אין טלית און תפילין?

געוויס דאַרף מען דערצו האָבן אַ חשובן מענטשלעכן גרונט. האָבן טאָקע די אָרטאָדאָקסישע משכילים פון מענדעלסאָנס חדר געפונען דעם דאָזיקן חשובן גרונט אין דער היפּאָטעזע, וואָס זאָגט, אַז יעדע יידישע טראַדיציע, יעדער יידישער דין האָט אַ וועלכן עס איז אינעווייניקסטן אידעלן מאָראַלישן מיין, ווי דאָס האָבן די יידישע רעליגיע־פילאָסאָפן, — דער עיקר דער רמב״ם, — שוין לאַנג זיך געקליגט צו באַווייזן.

די דאָזיקע היפּאָטעזע האָט אָבער שוין אין יענע צייטן ניט געהאַט קיין איבעריק גרויסע ווירקונגס־קראַפט. די ראַדיקאַלע תלמידים פון דעם רמב״ם, — די אַזוי אָנגערופענע „אַלעגאָריסטן״, — האָבן גראָד אויף דעם סמך פון אָט דער סברא אַרויסגעבראַכט דעם שלוס, אַז געבילדעטע מענטשן נייטיקן זיך ניט פאַר זייערע מאָראַלישע פּרינציפּן אין דעם לבוש פון רעליגיעזע דינים און מנהגים און ממילא זיינען זיי פּטור פון אַלע מצוות מעשיות. און וואָלט דעמאָלט ניט געקומען די קבלה, וואָס האָט אַריינגעבלאָזן אין די מצוות מעשיות גאָר אַ נייעם מעטאַפיזיש־מיסטישן אינהאַלט, וואָלט שוין דעמאָלט געהאַלטן שמאָל מיט דער גאַנצער רבנישער יידישקייט.

אין דער נייער צייט קאָן אָט דער מאָראַליסטישער אויסטייטש פון דעם אַלט־יידישן רעליגיעזן קאָדעקס שוין אוודאי ניט האָבן קיין ברעקל שליטה אויף דעם פרייען געדאַנק. עס קאָן פאַר אים גאָר קיין ברעקל ספק ניט זיין, אַז דאָס רוב יידישע מנהגים און דינים שטאַמען ניט פון אַ וועלכן עס איז

ראַציאָנאַלן גרונט, נאָר גאָר פון אַ ריין רעליגיעזן מקור: פון אַ גלויבן אין איבערנאַטירלעכע געטלעכע קרעפטן און אָפּט אויך פון זייער פּרימיטיווע פאַרשטעלונגען וועגן זייער מהות און זייער פאַרלאַנג פון דעם מענטשן.

הערט מען אָבער אויף צו גלייבן אין אָט די פּרימיטיווע פאַרשטעלונגען, און ווערט מען אויך באַפרייט פון דער קאַבאַליסטיש־חסידישער מיסטיק, אַזוי פאַרלירן די מצוות מעשיות בכלל יעדן שכלדיקן זין. מיט וואָס קאָן דען אַ פריידענקער באַרעכטיקן זייער אָפּהיט? טאָקע מיט גאָרנישט ניט! און דער היסטאָרישער פּועל־יוצא דערפון איז געווען, וואָס דער מענדעל־סאָנשער פרייער געדאַנק האָט — אין זיין קאָנסעקווענטער דורכגעטראַכט־קייט — געמוזט פירן צו דעם רעפאָרם־יידנטום, אין וועלכן די מצוות מעשיות און די „אני־מאמינס" זיינען געבראַכט געוואָרן אין האַרמאָניע מיט די פּאָדע־רונגען פון דעם פרייען שכל און מיט די קאָסמאָפּאָליטיש־אַסימילאַטאָרישע טענדענצן פון יענער צייט.

איצטער, ווען די קאָסמאָפּאָליטישע און אַסימילאַטאָרישע טעאָריעס האָבן געבאַנקראָטירט, קומט איינשטיין — און די וואָס דענקען ווי ער — און גיט אונדז אַן אַנדער ענטפער אויף דער שאלה, אויף דעם סמך פון וועלכן חשובן, ריין מענטשלעכן גרונט אַ יידישער פריידענקער זאָל אָפּהיטן די אַלט־רעליגיעזע טראַדיציעס. דאָס זאָל געשען, דערקלערט ער, כדי ניט צו פאַרלירן די ברכה פון יענעם צונויפהעפט, וואָס דערהאַלט אונדזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ.

אַ תירוץ איז דאָס, אָבער ליידער ניט קיין תירוץ מספּיק, וואָס זאָל קאָנען באַפרידיקן יעדן פריידענקער.

קודם גלייבן אַ סך פון אונדז, אַז מיר האָבן איצטער אין לעבן אַן אַנדער נאַציאָנאַלע באַהעפטונגס־קראַפט, אַ ריין וועלטלעכע: די יידישע שפּראַך און קולטור, וואָס קאָן בלייבן לגמרי פריי פון אַ וועלכער עס איז רעליגיעזער טראַדיציע. איינשטיינען, דעם וועסט־אייראָפּייער, קומט דאָס ניט אַרויף אויפן זין, ווייל אין דעם יידישן לעבן, מיט וועלכן ער איז באַקאַנט, זעט ער ערגעץ ניט קיין סימנים פון אַזאַ קראַפט. די יידישע פריידענקער פון מזרח־אייראָפּע קענען אָבער יענע וועלטלעך־נאַציאָנאַלע באַהעפטונגס־קראַפט און זעען איצ־טער בחוש, ווי געבענטשט איר אַרבעט איז, ווען זי ווערט ריכטיק אויסגענוצט. צו וואָס זאָלן זיי ווידער נעמען אויף זיך דעם עול פון דער שולחן־ערוך־יידישקייט?

והשנית, ווערט אין דעם איינשטיינשן געדאַנק דער רעליגיעזער מאָמענט אינגאַנצן דערטרונקען אין דעם נאַציאָנאַלן. און אויך מיט דעם קאָן ניט יעדער פריידענקער מסכים זיין. מיר האָבן נאַציאָנאַל־פילנדיקע פרייע גייס־

טער, וואָס ביי זיי האָט זיך דערוועקט די באַדערפעניש אין אַן אמתן רעלי־גיעזן לעבן. זיי בענקען נאָך נייע פאָרמען, אין וועלכע זיי וואָלטן געקאָנט אויסלעבן זייערע רעליגיעזע געפילן, זייער דאָרשט נאָך הייליקייט אין לעבן. פאַר זיי איז „פאָלק" געוויס אַ הייליקטום, אָבער נאָר איין הייליקטום, וואָס קאָן ניט און טאָר ניט איינשלינגען אין זיך אַלע אַנדערע. זיי מוז אָפּשטויסן דער געדאַנק, צו פאַרוואַנדלען די גאַנצע רעליגיע אין אַ „קרדום" פאַר דער נאַציאָנאַלער רעאַל־פּאָליטיק.

פאַר אַזעלכע פריידענקער דאַרפן די רעליגיעזע צערעמאָניעס און מנהגים זיין אַן אויסדרוק און אַ סימבאָל פון זייער בענקשאַפט נאָך אַ רעליגיעזן לעבן און שטיין אין דעם פולסטן הסכם מיט זייער פרייען געדאַנק. ווייל די ערשטע פאָדערונג פון אַן אמתער רעליגיע איז — מען „זאָל דורכלעבן אירע געבאָטן „באמת" „ובלבב שלם", מיטן גאַנצן האַרצן און אין האַרמאָניע מיט די אייגענע אמתן, און ניט נאָר דערפאַר, וואָס דאָס פאָלק האַלט זיי פאַר הייליק, מחמת די אָדער יענע פאַרשטעלונגען פון די אור־אַלטע צייטן.

יענע פרייע גייסטער אונדזערע, וואָס פילן נאַציאָנאַל־יידיש, האָבן אויך דעם טיפסטן דרך־ארץ פאַר אונדזער אַלטער רעליגיע, שעצן די הויכע אַל־געמיין־מענטשלעכע ווערטן, וואָס ליגן נאָך איר איר, זיינען איר אַזוי דאַנק־באַר פאַר די אומגעהייער גרויסע פאַרדינסטן אירע אין אונדזער לעבן ביז אַהער. אָבער זיי קאָנען שוין מער ניט אויסלעבן זייער רעליגיעזע בענקעניש אין אירע פאַרעלטערטע פאָרמען. זיי קאָן דער איינשטיינישער אויסוועג בשום אופן ניט באַפרידיקן. זיי ווילן דאַרפן זוכן אַן אַנדער אויסוועג. אַ נייע רע־פאָרם? ווער ווייס, וואָס די צוקונפט וועט אונדז ברענגען!

על־כל־פנים איז דער „פּאָל־איינשטיין" — פאַר אונדזער צייט כאַראַק־טעריסטיש ביז גאָר! פּראָפעסאָר איינשטיין אין אַ טלית מיט אַ לולב און אתרוג אין די הענט איז אין אונדזער צייט געוואָרן אַ מעגלעכע געשטאַלט...

# אָנמערקונגען

1) באריכות וועגן אונדזער טעאָריע פון נאַציאָנאַליטעט בכלל און דעם נאַציאָנאַלן רעלאַטיוויזם בפרט ווערט גערעדט אין דעם ווערק: „דער סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע" און אין אונדזער פאָרוואָרט צו דער רוסישער איבערזעצונג פון אָטאָ באוערס בוך: „די נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע". זע אויך די פאָרלעזונגען וועגן „ייד און מענטש".

2) באריכות וועגן די קריגערישע און פרידלעכע עלעמענטן אין דעם אַלט־יידישן פאָלק און וועגן זייער ווירקונג אויף דער אויסאַרבעטונג פון דעם נביאימשער וועלט־אָנשויאונג, האָב איך גערעדט אין דער אַרטיקל־סעריע: „יעקב און עשיו".

3) והייתם קדושים כי קדוש אני. ויקרא, יא, 44 און אין אַנדערע פלעצער.

4) הן לד' אלהיך השמים ושמי השמים; כל הארץ וכל אשר בה. רק באבותיך חשק ד' לאהבה אותם ויבחר בזרעם אחריהם בכם מכל העמים כיום הזה. דברים ד' 14־15.

5) ועתה אם שמוע תשמעו בקולי ושמרתם את בריתי והייתם לי סגולה מכל העמים כי לי כל הארץ. שמות, יט, 5.

6) אומרים לעץ אבי אתה ולאבן את ילדתני. ירמיה ג', 27.

7) די סיבילינען, פראעמיום, 59־99.

8) חכמת שלמה, 13, 1־7. קאָוטצש, באַנד איינס, זייטן 497־498.

9) פאַרגלייך מיין פאָרלעזונג וועגן איוב אין די געזאַמלטע שריפטן, באַנד איינס, זייטן 231 און ווייטער.

10) זע „חכמת שלמה", קאַפּיטל 13 ביז 16. (אין קאָוטשעס דייטשער אויסגאַבע פון די אַפּאָקריפן און פסעוודאָ עפּיגראַפן, באַנד 1, ז. 497־501.

11) „פערטער בוך חשמונאים", 11, 5, 8. (קאָוטש, באַנד 2, ז. 166).

12) די סיבילינען 3, 218 און ווייטער; קאָוטש 2, ז. 189.

13) ד. ג. 3, 594־600.

14) ד. ג. 624־631.

15) 3, 367־380 (קאָוטש, ז. 192).

16) 3, 744־760 (ז. 159).

17) 3, 767־784 (ז. 200).

18) איגנאַץ פאָן דעללינגער, „היידנטום און יודנטום, פאַרהאללע צור געשיכטע דעם קריסטענטומס", 1857.

19) שרעקלעכע איינצלהייטן וועגן דער לאַגע פון דעם שקלאַף אין דער גריכיש־רוימישער וועלט ברענגט דער אויבן־דערמאָנטער בוך דעללינגערס.

20) א. ה. וויס, דור דור ודורשיו, צווייטער באַנד, ז. 27 און ווייטער. דאָס גאַנצע ווערק איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַן אויסגעצייכנטער יידישער איבערזעצונג אין דעם

פאַרלאַג „יידיש״, ניו־יאָרק. — וועגן דער תלמודישער גזעצגעבונג בנוגע יידישע און ניט־יידישע שקלאַפן זע אויך די שפּעטערע, צווינפיפירנדיקע אַרבעטן אין דער ענגלישער און רוסישער ענציקלאָפּעדיעס, — דער עיקר ש. בערנפעלדס אַרטיקל אין דער רוסישער ענציקלאָפּעדיע: „ראַבסטוואָ״. דאָרטן איז אָנגעגעבן די באַקאַנטסטע ליטעראַטור וועגן דעם ענין.

21) אין פּ. דיקשטיינס אַרטיקל אין דער רוסיש־יידישער ענציקלאָפּעדיע: „נאַיאָם ליטשני״ (לוין־דינסט) האָבן מיר אָט דעם וויכטיקן פּונקט פון סטרייק־רעכט ניט געפונען. מיר געפינען אָבער דאָרטן אַ כאַראַקטעריסטישע שטעל, וואָס איז ניט איבעריק צו ציטירן דאָ: „אויב דער לוין־אַרבעטער זאָגט זיך זעלבסטוויליק אָפּ פון דעם אָפּמאַך ביז צו דעם טערמין, איז זיין לאַגע אין דעם פּרט פון אומקערן שאָדן אַ באַדייטנדיק בעסערע (איידער די לאַגע פון דעם באַלעבאָס אין אַזאַ פאַל. זש.) דערין באַשטייט דער ראַדיקאַלער חילוק צווישן די תלמודישן רעכט און דעם רוימישן, וואָס האַלט זיך דאָ, ווי אומעטום אין דעם אָבליגאַציאָנעם רעכט, פאַר דעם פּרינציפּ פון גלייכבאַרעכטיקונג פאַרביידע צדדים. דער שטאַנדפּונקט פון דעם תלמוד דערקלערט זיך דורך דעם פאַרשטענדלעכן פאַרלאַנג אָפּ־צוהיטן דעם עקאָנאָמיש־שוואַכערן אַרבעטער פון דער מעגלעכקייט פאַרפּענטעט צו ווערן פון אַ קוואַזי־שקלאַפישן צושטאַנד, ווייל וויפיל מען זאָל ניט רעדן וועגן דער פרייקייט פון דעם אָפּמאַך, ווערט זיין יורידישע פרייהייט פאַרוואַנדלט אין פאַקטישער שקלאַפעריי, כל־זמן ער קאָן זיין געצוואונגען צו אַרבעט דורך מורא, אַז אויב ער וועט זיך אָפּזאָגן פון דער אַרבעט, שטייט אים פאָר רואינירט צו ווערן, ווייל ער וועט אפשר דאַרפן באַצאָלן אַ גרויסן שאָדן״ (און די מורא פאַרהונגערט צו ווערן, איידער ער פאַרדינגט זיך, ווירקט ניט אין דעם זעלביקן פאַרשקלאַפּערישן זין? זש.) „פאַר די רוימער האָט דאָס ניט אויסגעמאַכט. להיפּוך צו דעם כלל, אַז געוויינלעך געפינט זיך יעדערער, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון דעם אָפּמאַך, אין אַן ערגערער לאַגע, — כל החוזר בו ידו על התחתונה, — וועט דעם אַרבעטער אין אַזאַ פאַל, אָפּגעהיט זיין פאָרטיילהאַפטערע לאַגע ביי דער אָפּ־רעכענונג: „יד פועל על העליונה״. אין פאַל פון אַ געלט־סיכסוך צווישן אַ באַלעבאָס און אַן אַרבעטער, וואו דער אָדער יענער צד דאַרף נעמען אַ שבועה, כדי צו געווינען דער פּראָצעס, רעקאָמענדירט די גזעצגעבונג דעם באַלעבאָס, ער זאָל זיך בעסער אָפּזאָגן פון זיין געלט.

22) ק. קאַוטסקי, קריסטנטום, ז. 31־32.

23) בן סירא ל׳, 33־40. איך ציטיר נאָך קאַוטשעס „אַפּאָקריפן״, ז. 398־400. דער טעקסט איז אין דעם אָרט אַ פאַרדאָרבענער, און די סתירה צווישן דעם ערשטן און דעם צווייטן טייל פון דעם געדיכט האָט דער דייטשער איבערזעצער, פּראָפעסאָר ריסעל, אויס־געגליכן מיט דער השערה, אַז אין דעם צווייטן טייל רעדט זיך נאָר וועגן דעם פאַל מיט אַן איין־איינציקן שקלאַף. מיר דוכט אָבער, אַז נאָך בעסער וואָלט געווען צו דערקלערן די סתירה, ווען מען נעמט אָן, אַז אין דעם ערשטן פאַל האָט מען צו טאָן מיט אַן „עבד כנעני״ און אין צווייטן פאַל מיט אַ יידישן שקלאַף.

24) קאַוטסקי, קריסטנטום, ז. 35־36.

25) ד. ג. ז. 41.

26) בבא בתרא 10 ב. ציטירט אין „דור דור ודורשיו״.

26א) א. אָרשאנסקי, יעווריעאי וו׳ ראָססיאי, אין דעם ארטיקל: „מיסלי א כאסידיזמע״ („געדאנקען וועגן דעם חסידיזם״).

26ב) איסידאָר לעב, געדאַנקען וועגן די יידן. (פראנצויזיש).

26ג) זע וועגן דאָס קלאַסישע ווערק פון שטאַבע, „די יודן אין דייטשלאנד ווערענד דעם מיטלאַלטערס", ז. 1.

27) גרעץ, געשיכטע דער יודען, באַנד פיר, צווייטע אויפלאַגע, ז. 393.

28) ד. ג. ז. 383.

29) אין 490 האָט אַזאַ מחנה מיט זייער רב בראש עמיגרירט קיין אינדיע, וואו איר האָט זיך איינגעגעבן איינצואָרדענען זיך ערגעץ־וואו אויף דעם מאַלאבאר־ברעג אויף ריין אויטאָנאָמע יסודות, ז. ד. ג. ז. 496.

30) שיר השירים רבה, ציטירט ביי גרעץ, ד. ג. ז. 386.

31) שיר השירים רבה, ציטירט ביי גרעץ, ד. ג. ז. 396.

32) מ. יאָסט, געשיכטע דעס יודענטום אונדז זיינער סעקטען, באַנד צוויי, ז. 254.

33) ד. ג. ז. 256.

34) ד. ג. ז. 267.

35) אָפּגעדרוקט אין „מקלט", דעצעמבער 1919, ז. 383.

36) ד. ג. ז. 384.

37) גרעץ, באַנד פינף, ז. 251.

38) א. ה. ווייס, סעדיה גאון, אין „האסיף" פאַר דעם יאָר 1885, ז. 277.

39) יאָסט, ד. ג. ז. 284.

40) דאָרטן גופא.

41) לעאָנטאָוויטש, „היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען" (רוסיש), אין די „קיעווסקיאַ אוני־ווערסיטעטסקיאַ איזוועסטיאַ", מערץ 1864.

42) גייגער, ד. ג. ז. 156.

43) ד. ג. ז. 170.

44) יאָסט, באַנד צוויי, ז. 386.

45) יאָסט, ד. ג. ז. 359.

46) א. גייגער, ד. ג. ז. 86.

47) גרעץ, ד. ג. ז. 312.

48) גרעץ, באַנד זיבן, ז. 327.

49) זע די גאַנצע לאַנגע רשימה ביי שטאַבבע, די יידן אין דייטשלאַנד בשעתן מיטלאַל־טער.

50) יאָסט, באַנד צוויי, ז. 130.

51) יאָסט, באַנד צוויי, 100.

52) גרעץ, באַנד זיבן, ז. 127.

53) ס. צינבערג, „אליהו גאון", אין דער רוסיש־יידישער ענציקלאָפּעדיע, אַכטער באַנד, ז. 107.

54) מאָסקווע, 1887.

55) „געדאַנקען וועגן היסטאָרישן גורל" (רוסיש), זייט 110.

56) ערנסט רענאַן : „אַווערראָעס און דער אַווערראָאיזם" (פראַנצויזיש), ז. 120.

57) ד"ר א. שמיעדל : „שטודיען איבער יידישע, אינסבעזאנדערע יודיש־אַראַבישע רע־ליגיאָנס־פילאָסאָפיע", וויען, 1869.

58) דאָרטן, ז. 230.

59) דאָרטן, ז. 264.

60) ספר הכוזרי, אַרויסגעגעבן פון קאסעל, לייפּציג 1869, VI, 16.

61) כּאַלאַם (דאָס איז דער טייטש „רייד״) — אַראַבישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע. אירע פאָרשטייער ווערן אָנגערופן „מותאַכּאַלימון״ און ביי יידן „מדברים״ — די ריידער.

62) אַשאריאיזם — אַן אָרטאָדאָקסאַלע ריכטונג אין דער אַראַבישער רעליגיעזער פילאָסאָפיע.

63) אשר השתדלו לחלוק דעות הפילוסופים ובטול מאמריהם. דער רמב״ם איז ניט אינגאַנצן געניי געווען אינפאָרמירט וועגן די שיטות פון די ראַדיקאַלע פאָרשטייער פון דעם „מותעזיליזם״ ; די ידיעות וועגן אים האָט ער, משמעות געשעפּט פון די ווערק פון די קאַראַאימער.

64) הקדמות אשר ייסדום ויישבום השרשיים ר״ל המדברים לקיום חדוש העולם יש בהם מהיפוך העולם ושנוי סדרי בראשית.

65) ואגיע אל התכלית אשר השתדל עליה כל מדבר מבלתי שאבטל טבע המציאות ולא אחלוק על אריסטו בדבר ממה שהביא עליו מופת... ולא אצטרך להתגבר על המורגשות.

66) ואל תשאלני בזה המאמר לאמת הקדמות ההם הפילוסופיות, אשר אומר לך בקצרה, שזה הוא רוב חכמת הטבע והאלוהות.

67) ס׳איז געווים נויטווענדיק צו פאַרצייכענען, אַז אויך אין די ריין טעאָלאָגישע פראַגן, און באַזונדערס אין דער טעאָריע וועגן די אַטריבוטן פון דער גאָטהייט, זיינען די יידישע אַריסטאָטעליקער זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעגאַנגען מיטן מותעזיליזם, אויף וויפיל זיי זיינען מיט אים באַקאַנט געווען. אָבער דער דאָזיגער אָפּנויג פון מותעזיליזם האָט ניט געקאַנט פון פאָראויס באַשטימען די נטיה צו אריסטון. מ׳האָט געקאָנט, פּונקט ווי אבן־צדיק, שאַרף קעמפן מיטן מותעזיליזם און אין דער זעלביקער צייט בלייבן אַ רעכטגלייביקער נעאָ־פּלאַטאָניקער. וועגן אבן־צדיק און זיין באַציאונג צום מותעזיליזם און נעאָ־פּלאַטאָניזם, זע : ד. קאופמאַן : „געשיכטע דער אַטטריבוטענלערע״ (דייטש). דעם קאַפּיטל וועגן דעם דאָזיקן דענקער.

68) מיסלי אָב איסטאָריטשעסקיך סודבאַך יעווּרעיסטוואַ, 71־72.

69) אין אנחנו כמעלת המת, אך אנחנו כמעלת החולה הנשחף שנתייאשו מרפואתו כל הרופאים והוא מקווה רפואה מצד המופת ושנוי המנהג. — הכוזרי 2, 34.

70) פּרטים וועגן דעם אויפקום און דער ראָליע פון דער תלמודישער געזעצגעבונג אין דעם ענין קיום פון דעם יידישן פאָלק, און אויך אין דער פאַרהעלטעניש פון רבנים צום גלויבן אין ניסים, צו די משיחישע באַוועגונגען און צום פילאָסאָפישן געדאַנק, זע די שוין ציטירטע „מיסלי אָב איסטאָריטשעסקיך סודבאַך עווּרעיסטוואַ״, די קאַפּיטלעך : „ראַבבי־ניזם אי פילאָסאָפסקאַיאַ מיסל״ און „ראַבבינים אי מעססיאַנסקיאַ דוויזשעניאַ״.

71) וועגן זיי זע די שוין ציטירטע געשיכטע פון די אַראַבישע דאָקטוירים, פון ווּסטענפעלד, וואו עס ווערט אויך געבראַכט אַ רשימה פון זייערע נאַטור־ווּיסנשאַפטלעכע און פילאָ־סאָפישע אַרבעטן. — יצחק־ישראלי האָט איבערגעלאָזן אַ פּירוש צום ערשטן קאַפּיטל פון „בראשית״, „גיכער מיטן צוועק איבערצוגעבן אין לאַנגע חקירות פילאָסאָפישע און נאַטור־וויסנשאַפטלעכע מיינונגען, איידער מיטן צוועק צו דערגיין דעם פשט פון דער שריפט״, — איז משער גרעץ. (גרעץ, געשיכטע, באַנד 5, ז. 253). וועגן דער באַשרייבונג פון די אַראַבער פאַר דער נאַטור־וויסנשאַפט וועט אונדז נאָך אויסקומען צו רעדן ווייטער, אונטן.

72) לויט זיין חשבון האָט משיח באַדאַרפט קומען אין יאָר 1123. זע: „מיסלי״, אאַז״וו, ז. 57־58.

73) אבן־עזרא אין זיין פירוש אויף דניאל י״א, ל׳, שרייבט: „ר׳ שלמה גבירול רצה לכשור הקץ במחברת הגדולה על שני כוכבים העליונים״.

74) זע: אועוועל, „געשיכטע דער אינדיקטיווען וויסענשאַפטן״, באַנד איינס בוך פיר, קאַפּ. 5 (דייטשע איבערזעצונג פון י. י. פאָן ליטראָוו, 1840).

75) א. וו. קרעמער. קולטורגעשיכטע דעס אָריענטס. באַנד 2, ז. 453.

76) דאָרט גופא, ז. 443.

77) פר. דיעטריצי, די נאַטוראַנשאוונג און נאַטורפילאָסאָפיע דער אַראַבער אין צענטן יאָרהונדערט, פּ. 84.

78) קרעמער, דאָרט גופא, ז. 457.

79) דיעטריצי, נאַטוראַנשאוונג, ז. 145.

80) קרעמער, דאָרט, ז. 462.

81) זע דאָס ציטירטע בוך, דיעטריצי, ז. 134.

82) דאָרט גופא, ז. 274.

83) י. פּ. מענסינגא. איבער אַלטע און נייע אַסטראָלאָגיע. ווירכאָו־האָלגענדארפשע אָפּהאַנדלונגען. בערלין, 1871, העפט 140. זע באַזונדערס ז״ז 10, 23 און 34. פּאַרגל. אויך „מיסלי אָב איסטאָריטשעסקיך סודבאַך יעווריעיסטוויאַ״, ז״ז 86־88.

84) רענאן: „אַווערראָעס ע לאַווערראָאיזם״, ז. 17.

85) א. פּ. קרעמר, 2,449.

86) רענאַן, אין ציטירטן ווערק, ז. 259.

87) דאָזי, „געשיכטע דער מאַורען אין שפּאַניען״ 2. זז. 162־163.

88) גרעץ, געשיכטע. ב. 6. ז. 25.

89) וועגן דער דאָזיקער צייט זע דעם באַריכט פון סעיד, וואָס איז געבראַכט ביי רענאנען אין אויבן־ציטירטן ווערק, ז. 5.

90) זע וועגן אים און זיינע ווערק — אין ציטירטן ווערק פון וויסטענפעלד, ז. 98.

91) אין איינעם פון זיינע ווערק ברענגט ער אויף אלפאראבין. זע ווייס: „דור דור ודורשיו״ (די געשיכטע פון דער יידישער טראַדיציע). באַנד 4, ז. 179.

92) זע: ל. גייגער, „געשיכטע דעס יודענטומס״, באַנד 4, ז. 114. מיר ברענגען דאָ אַ כאַראַקטעריסטישע ציטאַטע פון זיינעם אַ בריוו צו ר׳ שמואל אבן נגדילה, דעם באַוואוסטן מלוכה־מאַן און דענקער: „תיקון הגוף ומישור הנהגת האדם הוא העסק במשנה ותלמוד ואשר טוב לישראל כי למד התורה יועיל לעצמו ולחכמים שכמהו... ואשר יסיר לבו מזה ויתעסק בדברים ההם יסיר מעליו תורה ויראת שמים ויפסיד עצמו באותם לגמרי. מזאת ההסרה יארע לאדם שישבש דעתו עד שלא יחוש לעזיבת התפילה... ואם תראה שאותם בני אדם המתעסקים באותם הדברים ודרכי הפילוסופי׳ יאמרו לך, שהיא דרך סלולה ושבזה ישיג לידיעת הבורא, לא תשמע להם ולא תאבה להם ודע כי יכזבו לך באמת ולא תמצא יראת חטא וענוה קדושה אלא בעותם המסעסקים במשנה ובגמרא״. — ציטירט ביי וויסן דאָרטן, ז. 180. אין דער איבערזעצונג אויף אידיש קלינגט די דאָזיקע ציטאַטע אַזוי: „דער תיקון פון גוף און די ריכטיקע אויפפירונג פון מענטשן איז — צו לערנען משנה און תלמוד און דאָס, וואָס איז גוט פאַר אַ יידן, ווייל דער לימוד התורה וועט זיין נוצלעך פאַר אים אַליין און פאַר די חכמים זיין גלייכן... און דער וואָס וועט

אָפּקערן זיין האַרץ פון דעם און וועט זיך פאַרנעמען מיט יענע זאַכן, וועט אָפּטאָן דערמיט די תורה און גאָטספּאָרכטיקייט און וועט זיך אליין שאַדן ברענגען מיט זיי. פון דעם דאַ־זיקן אָפּטאָן מוז טרעפן, דער מענטש זאָל פאַרגרייזן זיין מיינונג אויף אַזוי ווייט, ביז ער וועט שוין לייכט דורכלאָזן דאָס דאַוונען. און אויב דו וועסט זען, אַז יענע מענטשן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט יענע ענינים און מיט די וועגן פון דער פילאָסאָפיע, וועלן דיר זאָגן אַז זי איז אַ גלייכער וועג און אַז דורך איר קאָן ער דערגרייכן די דערקענטעניש פון דעם באַשעפער — זאָלסטו זיי ניט הערן און ניט פאָלגן זיי, און זיי וויסן, אַז זיי זאָגן דיר, אָן שום ספק, ליגן: קיין מורא פאר זינד און קיין הייליקע עניוות וועסטו אין ערגעץ ניט געפינען, נייערט ביי די מענטשן, וואָס זיינען זיך עוסק אין משנה און גמרא".

93) א. ה. וויס, אין זעלביקן ווערק, ב. 5, ז. 180: בכתבו לאחד מחכמי הודו, אשר רצה לבאר התורה לפי דרכי הטבעיים, כתב לו הגאון: „מה לכם תדאכו עני, ופני עניים בתורה תטחנו בשמעם את דבריכם ונבי לשונכם בדברי אריסטו וחבריו... ואתם עושים במשקל דעת יוצרנו ית' שהוא דעת התורה ממש לדעת הבל וריק רמה ותולעת תוהו ובוהו אשר אין בו ממש".

94) גרעץ, געשיכטע, באַנד 6, ז. 114.

95) כוזרי, 5, 2.

96) כוזרי, 5, 14: למה שנתברר להם המופת בחכמות ההרגליות וההגיון בטחו הנפשות על כל מה שאמרו בטבע ובמה שאחר הטבע וחשבו שכל מה שאמרו — מופת.

97) כוזרי, 1, 67: וראיות שתי הטענות גם כן שוות עד שתכריע החידוש הקבלה מאדם ועד נח.

98) וזה כלו דקדוק וקנה חדוד לא אמת והנפתה לו על כל פנים אפיקורס.

99) כוזרי, 5, 14.

100) כוזרי, 5, 64: ובמעט אשר נשאר בידינו מן החכמה הזאת מה שהדעות תמהות עליו.

101) כוזרי, 4, 3: ואלה הענינים אשר לא יושגו בדרך ההקשה בטלום פילוסופי יון מפני שההקשה מרחקת מה שלא נראה כמהו. וקיימו אותם הנביאים מפני שלא יוכלו להכחיש מה שראוהו בעין הרוחנית... ואילו היו רואים פולסופי יון הנביאים בענין נבואתם מופתיהם היו להם והיו מבקשים פנים מאפני ההקשה איך יגיע האדם למדרגה הזאת.

102) זע 101).

103) כוזרי, 1, 65: (אריסטו) היטריח את שכלו ומחשבותיו בעבור שלא היתה בידו קבלה ממי שיאמין בהגדתו וחשב בתחילת העולם וסופו והיה קשה על מחשבתו לצייר התחלה, כאשר היה קשה גם כן הקדמות, אך הכריעו הקשותיו הנוטים על הקדמות במחשבתו המפשטת... ואלו היה הפילוסוף באומה שינחל מקובלות ומפורסמות שאינו יכול לדחות אותם היה מתעסק בהקשותיו ומופתיו להחזיק החדוש אם קשה כאשר החזיק הקדמות אשר הוא יותר קשה לקבל.

104) כוזרי, 5, 14: לא תצטער בחקירה איך התהוו הגשמיים ואיך נקשרו בהם הנשמות ולא תתרחק נפשך מגבול הרקיע והמים אשר מעל לשמים והשדים אשר יזכירום רבותינו והספורים המקווים מן ימות המשיח והעולם הבא.

105) כוזרי, 2, 26.

106) כוזרי, 3, 73: להפיק בין התורה והטבע. הטבע אומר במנהג והתורה אומרת בשינוי המנהג וההפסקה ביניהם כי המנהגים שנשתנו הם בטבע ומפני שהיו בחפץ הקדמון מותנה בהם ומוסכם עליהם מששת ימי בראשית.